STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09014

DER DIKHTER FUN TOLEDO

Saul Saphire

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער דיכטער פון טאלעדא

אָריגינעלער היסטאָרישער ראָמאַן פון דער צייט פון די
ערשטע אידישע נאַציאָנאַלע דיכטער פון שפּאַניען
רבי יהודה הלוי און אברהם אבן עזרא

— פון —

שאול ספיר

פארפאסער פון: קאליף פון קארדאווא, צווישן רוים און
ירושלים, דוד המלך, שלמה המלך, אברהם'ס אייניקלעך,
פרינץ פון מצרים, טאָכטער פון מדבר, פערציג יאָהר אין
מדבר, משה רבנו'ס נאָכפאָלגער, דבורה, רות, יפתר און
זיין טאָכטער, שמשון הגבור, קלאמבוס דער איד, רמב"ם,
אסתר המלכה א. אַ. וו.

THE POET OF TOLEDO

Historical Novel

by

SAUL SAPHIRE

UNITED PUBLISHING CO.

225 Centre Street New York, N. Y.

To

DR. ABRAHAM NEMSER

Copyright by
Saul Saphire 1938

All rights reserved.

Author of: Caliph of Cordova, Between Rome and Jerusalem, King David, King Solomon, Abraham's Grandchildren, Prince of Egypt, Daughter of the Desert, 40 Years in the Desert, Joshua, Deborah, Ruth, Jeptah and His Daughter, Rambau.

קאפיטעל איינס

געדיכטע וועלדער ציהען זיך איבער דער לענג פון קאסטיליען ביז אראגאן, שפאניען, וואס ווערען אונטערבראכען דורך הויכע בערג אדער דורך ברייטע טייכען מיט קלארען פליסיגען וואסער.

דער וועג פון טאלעדא, אין נייעם קאסטיליען, שניידט דורך א געדיכטען וואלד, ביז וואנען ער דערגרייכט דעם טייך. פון דארטען צעצווייגט זיך דער וועג אין עטליכע ריכטונגען: נאך דרום, צפון און מזרח שפאניען.

עס איז געווען א פריהלינגס טאג אין 1120. ביים ברעג טייך אונטער'ן שאטען פון די בוימער זיינען געזעסן א גרופע טעמפעל-ריטער, אדער ווי זיי זיינען באוואוסט געווען מיט'ן נאמען קרייץ-טרעגער. נעבען זיי האבען זיך געפאשעט אויפ'ן גראז זייערע שעהנע שווארצע פערד.

די טעמפעל-ריטער זיינען געווען געקליידט אין ווייסע מאנטלען און רויטע צלמים און האבען געטראגען לאנגע שווערדען אלס א באווייז, אז זיי זיינען ניט קיין איינפאכע קרייץ-טרעגער, נאר זיי זיינען וויכטיגע שלוחים פון דעם הייליגען טעמפעל ארדען.

ניט ווייט פון דעם פלאץ, וואו זיי זיינען געזעסן, האט זיך אויפ'ן פייער געבראטען א יונגער הירשעל, וואס זיי האבען אויפ'ן וועג געפאנגען.

די טעמפעל-ריטער האבען צווישען זיך געשמועסט און זייערע רייד האבען אפגעהילכט אין דער שטילקייט פון וואלד.

איינער פון די טעמפעל ריטער האט זיך אפגערופען:

— עס איז שוין אריבער צוויי צעהנדליג יאהר זינט דער הייליגער פאפסט אורבאן האט אונז, קריסטען, געהייסען פיהרען מלחמה געגען די אומגלויביגע מאכמעדאנער און אוועקנעהמען פון זיי די הייליגע שטאדט ירושלים... דאן האט זיך געגרינדעט די ערשטע קרייץ-טרעגער און מיט קריסטוס' הילף האבען מיר נאך פיעל בלוט פארגיסונג, פארטריבען דעם שונא פון ירושלים און די הייליגע שטאדט געפינט זיך יעצט אין אונזער רשות. אבער מיר טארען ניט פארגעסען, מיינע ברידער, אז דער שונא איז נאך גענוג שטארק און אויב מיר וועלען זיך ניט באפעסטיגען, אויב מיר וועלען ניט צוקריגען מעהר לענדער, וועט דאס בלוט, וואס אונזערע ברידער האבען פארגאסען אין דער צייט פונ'ם קרייץ-צוג, זיין אומזיסט.

— צוליב דעם צוועק זיינען מיר דאך געשיקט געווארען קיין שפאניען! — האט זיך אפגערופען א יונגער טעמפעל ריטער מיט'ן נאמען רודאלף, — און לאמיר האפען, אז מ'ר וועלען זיין ערפאלגרייך.

— און איך צווייפעל אויב אונזער רייזע וועט געקרוינט ווערען מיט

ערפאָלג, — האָט נאָך איינער אַ זאָג געטהאָן. — ווי איך האָב געהערט, איז דער קעניג פון שפּאַניען, אַלפאָנס דער אַכטער, ניט זעהר געטריי דעם הייליגען טעמפּעל-אָרדען.

— פון וואַנען דרינגסטו דאָס?

— דער פאַקט אַליין, אַז ער איז זעהר פריינדליך צו די אידען, באַ-ווייזט, אַז ער איז גאַנץ ווייט פון אונז. ווער ווייסט ניט, אַז אין דער צייט פון די קרייץ-ציגען האָט ער ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל די אידען פון זיין לאַנד שלעכטס טהאָן? יע, ער האָט זיי געגעבען פולע שוץ.

— און דאָס איז נאָך ווינציג! — האָט רודאָלף צוגעגעבען, — דער הויפּט מיניסטער און ראַטה-געבער פון דעם קעניג אַלפאָנס איז אַ איד.

אַ איד?! — האָבען די איבעריגע מיטאַמאָל אויסגערופען. — אַ איד אַ מיניסטער ביי אַ קריסטליכען קעניג?!

— אויב מיר וועלען באַגליקען מיט אונזער שליחות און דער קעניג וועט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון אונזער פיהרער מיכאל, דער גרויסער מייסטער פון דעם טעמפּעל-אָרדען, דאַן וועט שוין ניט שווער אָנקומען צו ווירקען אויף איהם ער זאָל דערוויטערען אַלע אידען פון זיין פּאַלאַץ.

— און פיעלייכט וועט ער זיך ארומזעהען, אַז די אידישע געלט וואָלט זעהר שטאַרק צונוץ געקומען צו דערגרייכען אונזער הייליגען צוועק, און ערלויבען די קרייץ-טרעגער צו טהאָן וואָס זיי ווילען מיט די אידען און זייער פאַרמעגען?

— ווען איך טראַכט פון דעם, שוידער איך אויף, מיין בלוט זידט אין מיר! — האָט זיך אַן אַנדער ריטער אָפּגערופען. — מיר וואַנדערען אין ווייטע לענדער צו קעמפען געגען די שונאים פון קריסטענטום, מיר פאַר-גיסען אונזער הייליג בלוט אויסצוראָטען די אומגלויביגע אין ווייטע געגענ-דען, אין דער צייט ווען די גרעסטע שונאים פון קריסטענטום געפינען זיך צווישען אונז. וואָס פאַר אַ נוצען וועלען מיר האָבען, ווען מיר וועלען פאַר-ניכטען די אומגלויביגע מאַכמעדאַנער פון דעם הייליגען לאַנד, אין דער צייט ווען די פאַרפלוכטע אידען, די אמת'ע גאָטלעסטערער, ווערען באַשיצט פון קריסטליכע קעניגען, וועלכע ערלויבען זיי זיך אָנצוזויגען מיט אונזער קריסטליך בלוט. מיר דאַרפען צוזעהען ווי זיי לאָכען אָפּ פון אונזער היי-ליגקייט און מיר קענען זיך מיט זיי ניט אָפּרעכענען. גוט איז געוועזען אונ-זערע ברידער, די קרייץ-טרעגער. אין אַנדערע לענדער, אין פראַנקרייך און איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, האָבען אונזערע ברידער געהאַט אַ פרייע האַנד צו טהאָן מיט די אידען, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט און דורך דעם פאַרגאָסענעם אומריינעם בלוט פון די פאַרפלוכטע אידען זיינען די קרייץ-טרעגער געריינינגט און געלייטערט געוואָרען און דעריבער זיינען זיי געוועזען ערפאָלגרייך און צוגענומען די הייליגע שטאָדט ירושלים פון די אומ-גלויביגע מאַכמעדאַנער. יע, אונזער הויפּט-צוועק דאַרף זיין צו פאַרניכטען די אידען, די וועלכע האָבען געפייניגט און געקרייציגט קריסטוס'ן.

— דאָס וועט ניט זיין שווער דורכצופיהרען, ווען דער קעניג אַלפאָנס דער אַכטער וועט נאָכגעבען די פאָדערונג פון אונזער אָרדען און איבערגע-

בען אין אונזער הערשאַפט דאָ גרויסע לאַנד אראָגאָניען. דאַן וואָלט אונזער איינפלוס דערגרייכט צו אַלע קריסטליכע לענדער פון שפּאַניען און דאָס וואָלט דערנעהענטערט דעם סוף פון די אידען. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האַלט עס נאָך דערווייל גאַנץ ווייט פון דעם. בפרט ווען דער הויפּט ראַטה-געבער און מיניסטער פון דעם קעניג איז אַ איד.

— און ווער איז ער, אַט דער פאַרפלוכטער איד, וועלכער איז דער-הויבען געוואָרען צו אַזאַ הויכען אַמט ביי אַ קריסטליכען קעניג? — האָט איינער פון דער גרופּע אַ פרעג געטאָן.

— זיין נאָמען איז יהודה הלוי, — האָט רודאָלף געענטפערט, — ווי איך האָב געהערט, איז ער איינער פון די גרעסטע געלערנטע פון שפּאַניען.

— איך האָב אויך געהערט פון דיזען נאָמען! — האָט אַ צווייטער טעמפּעל ריטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — מען דערצעהלט, אַז ער איז אַ גרויסער דיכטער און דאָקטאָר פון מעדיצין.

— דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער איבט אויס אַזאַ שטאַר-קען איינפלוס איבער דעם קעניג! און איך זאָג אייך, מיינע ברידער, אַז אונזער צווייטער הויפּט־ציעל דאַרף זיין צו זעהן צו ווירקען אויף דעם קע-ניג ער זאָל דערווייטערען יהודה הלוי'ן פון זיין פּאַלאַץ — האָט רודאָלף געזאָגט — ווייל ערשט דאַן וועלען אונזער טעמפּעל ריטער קענען טהאָן צו די אידען פון שפּאַניען ווי זיי האָבען געטהאָן צו די אידען פון דייטש-לאַנד און אַנדערע לענדער.

— ווען גאַנץ שפּאַניען וואָלט געווען אין קריסטליכע הענט, וואָלטען מיר קיין שוועריגקייטען ניט געהאַט. יעצט אָבער, אַז דרום שפּאַניען איז אין די הענט פון די אַראַבער, וועלכע זיינען דאָרט זעהר שטאַרק באַפעס-טיגט, וועלען די אידען וועלכע וואָהנען אין אַראַבישע שפּאַניען קומען צו הילף זייערע ברידער און דאָס וועט פאַר אונז שווערער מאַכען.

דאָס הירשען־פלייש וואָס האָט זיך געבראָטען אויפ'ן פייער איז שוין געווען פאַרטיג.

רודאָלף, דער הויפּט פון דער גרופּע, האָט אַרויסגעצויגען זיין שווערד פון דער שייד און האָט גענומען צושניידען דאָס פלייש אויף שטיקער.

אַ צווייטער האָט גענומען אַ כלי און איז געגאַנגען אָנשעפּען וואַסער פון דעם טייך.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ פולער כלי וואַסער האָט ער באַמערקט, אַז ניט ווייט פון דעם פּלאַץ וואו די טעמפּעל ריטער זיינען געזעסען ליגט אימיצער אונטער אַ בוים.

— ברידער! — איז ער שנעל צוגעלאָפען צו זיי — אַט דאָרטען גע-פינט זיך אַ פרעמדער מאַן, און מעגליך אַז ער האָט צוגעהערט צו אונזער געשפּרעך..

די טעמפּעל ריטער האָבען זיך שנעל אַ הויב געטהאָן פון זייערע פּלע-צער און זיי זיינען צוגעלאָפען צו יענעם פּלאַץ. זיי האָבען דערזעהן אַ יונגען מאַן אין צעריסענע אַלטע קליידער ליגט אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז

אונטער דעם בוים, זיין פנים איז געווען באַוואַקסען מיט אַ שוואַרצע בערדיל וואָס איז געווען עטוואָס ווייסליך פון דעם שטויב.. נעבען זיין צוקאָפּענס איז געווען אַ טאָרבע. דער יונגערמאַן האָט שטאַרק געכראָפּעט, אַזוי אַז די טעמפּעל ריטער האָבען זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט.

זיי האָבען אים גוט באַטראַכט.

— ער איז אַן אָרימע רבעטלער! — האָט איינער אַ זאָג געטהאָן און איהם אַ לייכטען בריק געטהאָן מיט'ן פוס.

— זאָל ער כראָפּען! — האָט אַ צווייטער געלאַכט. — ווי עס ווייזט אויס, איז ער זעהר מיעד פון בעטלען און ער איז געקומען אַהער זיך אויסרוהען.

— מעגליך אַז ער האָט געהערט ווי מיר האָבען גערעדט! — האָט זיך רודאָלף אָפּגערופען.

— ניין, זעהסטו דען ניט ווי געשמאַק ער כראָפּעט! ער מוז שוין גע-ווים אַזוי ליגען פאַרזונקען אין זיין זיסען שלאָף עטליכע שטונדען.

— אָבער מערקווירדיג! — האָט רודאָלף געצויגען מיט זיינע אַקסלען.

— ער איז די גאַנצע צייט געווען זעהר נאָהענט צו אונז, און ער כראָפּעט אַזוי שטאַרק און מיר האָבען גאָר ניט געהערט . . .

— מעגליך אַז צוליעב דעם גערויש פון ווינד האָבען מיר זיין כראָפּען ניט געהערט — האָט נאָך איינער געזאָגט — אָבער לאָמיר איהם אויפוועקען און איהם מכבד זיין מיט אַ שטיק געבראָטען הירשען-פלייש.

איינער פון זיי האָט זיך אַריבערגעבויגען און איהם געגעבען אַ צופּ מיט זיין האַנט. יענער אָבער האָט נאָך אַלץ געכראָפּעט..

— ער איז אַזוי ווילד באַוואַקסען און באַשטויבט, אַז מען קען ניט דערקענען אויב ער איז אַ מענש אָדער אַ חיה! — האָט זיך יענער פאַנאַנ-דערגעלאַכט.

— אפשר איז ער גאָר אַ איד! — האָט רודאָלף אויסגערופען.

— אַ איד! — האָבען זיך אַלע מיט אַמאָל איבערגעוואָרפען מיט בליקען — דאָס ווֶעלען מיר באַלד זעהן!

איינער האָט איהם געגעבען אַ שטאַרקען בריק און דער שלאָפענדער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט.

— איהר וועט באַלד זעהן! — האָט אַ ריטער אויסגערופען — ער וועט זיך שוין אויפכאַפּען!

ער איז געגאַנגען און געבראַכט אַ כלי מיט קאַלטע וואַסער און זי אויפ-געהויבען און געוואָלט אַרויפגיסען אויף דעם כראָפּענדען.

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָט רודאָלף איהם אָנגענומען ביי דער האַנט.

— פיעלייכט איז ער אַ קריסט און עס וועט זיין אַ זינד אַזוי צו באַהאַנדלען אַן אָרימען קריסטליכען בעטלער!

יענער האָט אַוועקגעשטעלט די כלי מיט וואַסער אויף דער ערד, און די איבעריגע האָבען איהם גענומען וועקען מיט מעהר איינזעהעניש.

דער שלאָפענדער האָט גענומען רייבען זיינע אויגען, ער האָט זיך גע-

נומען אַרומקוקען. ער האָט אויסגעקוקט צו זיין עטוואָס דערשראָקען און צוטומעלט.

— ווער ביזטו! — האָט איהם רודאָלף געפרעגט.

דער פרעמדער האָט אויף איהם געקוקט מיט צעשראָקענע אויגען און געשוויגען.

פאַרוואָס זאָגסטו אונז ניט ווער דו ביזט! — האָט איהם רודאָלף אַ טרייסעל געטהאָן. — מיר ווילען דיר איינלאַדען צו אונזער מאָלצייט, אָבער פריהער מוזען מיר וויסען ווער דו ביזט!

— איך בין אַן אָרימער בעטלער! — האָט ער קוים אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכער שטימע.

— דאָס זעהען מיר דאָך אַליין. אָבער איך פרעג דיר, ווער דו ביזט: צו ביזטו אַ קריסט אָדער . . .

יענער האָט ווייטער געשוויגען.

— איז דען דאָס אַליין ניט קיין צייכען, אַז ער איז אַ פאַרפלוכטער איד! — האָט אַ ריטער אויסגערופען. — ווען ער וואָלט געווען אַ קריסט, וואָלט ער אונז שוין געזאָגט. אָט וועל איך איהם באַלד טאַקע מאַכען רייי-דענדיג.

איידער מיר צייגען זיך איבער, אַז ער איז ניט קיין קריסט, דאַרפען מיר ניט זיין צו איילִיג מיט אונזער טהאַט. וואָצו זאָלען מיר נאָכהער חרטה האָבען! — האָט רודאָלף, זייער הויפּט, געזאָגט.

— לאָמיר צוטראָגען אַ צלם צו זיין מויל און איהם הייסען עס אַ קוש טהאָן. אויב ער וועט אונז פאָלגען איז אַ סימן אַז ער איז אַ קריסט, און אויב ניט, וועלען מיר זיך איבערצייגען, אַז ער איז אַ איד!

— דאָס איז אַ גוטע עצה! — האָט רודאָלף געזאָגט — און אַרונטער-נעהמענדיג זיין גרויסען צלם פון זיין האַרצען, האָט ער עס צוגעטראָגען צו דעם מויל פון דעם בעטלער.

דער בעטלער האָט אָפּגעקעהרט זיין קאָפּ.

— ער איז אַ איד! ער איז אַ איד! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויס-געשריען.

— מיר וועלען איהם באַלד ווייזען ווי אַזוי צו לעסטערען אונזער גאָט!

די ריטער האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם בעטלער, און איהם מכבד געווען מיט זיינע פויסטען.

ער האָט זיך גענומען בעטען ביי זיי מיט טרערען אין די אויגען, זיי זאָלען איהם אָפּלאָזען.

— אָדער דו וועסט קושען דעם צלם, אָדער דו וועסט זיך שוין פון אונזערע הענט קיין לעבעדיגער ניט אַרויסדרעהען!

— דו ביזט דער ערשטער איד וועמען גאָט האָט אונז צוגעשיקט זינט אונזערע פיס האָבען אַרויפגעטראָטען אויף דער שפּאַנישער ערד. און יעצט גיבען מיר דיר די בְּרֵירָה, אָדער דו זאָלסט זיך טויפען און בלייבען לעבען,

און אויב ניט, וועסטו זיך באַלד בראָטען אויף דעם זעלביגען פייער וואו דער יונגער הירש בראָט זיך!

— קוש דעם צלם! — האָט רודאָלף אַ געשריי געטהאָן און איהם דער־לאַנגט אַ זעץ מיט זיין פויסט אין פּנים, אַזוי אַז ער האָט איהם צעבלוטיגט.

ווען דער בעטלער האָט ניט געפאָלגט, האָבען איהם די איבעריגע טעמ־פּעל ריטער באַשאָטען מיט קלעפּ.

— לאָמיר איהם שלעפּען צום פייער — האָט איינער אויסגערופען — מיר וועלען איהם פאַרברענען און קיינער וועט ניט וויסען וואו זיינע טריפה'־נע ביינער זיינען אַהינגעקומען!

— דאָס וועט זיין דער אָנפאַנג, מיר וועלען פאַרדינען די ערשטע מצוה צו פאַרברענען דעם ערשטען פאַרפלוכטען אידען אין שפּאַניען. דורך דעם וועלען מיר באַגליקען אונזער הייליגער אונטערנעהמונג!

— פאַרברענט זאָל ווערען דער שמוציגער איד! — האָבען די איבע־ריגע ריטער נאָכגעשריען — דער קרייציגער פון יעזוס קריסטוס זאָל דאָ אויף דעם פּלאַץ שטאַרבען!

רודאָלף איז צוגעגאַנגען דער ערשטער און איהם אַ נעהם געטהאָן ביי די הענט. ווי איבעראַשט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דערפיהלט, אַז דער יונגער אידישער בעטלער ציינט אַרויס זעהר אַ שטאַרקען ווידער־שטאַנד. ער לאָזט זיך ניט נעהמען.

די איבעריגע ריטער זיינען צוגעקומען און געוואָלט העלפען זייער פיהרער.

— איך וועל זיך מיט איהם אַליין ספּראַווען! — האָט רודאָלף גע־זאָגט — ביז יעצט האָב איך אַלע מיינע שונאים באַזיעגט!

די ריטער האָבען צוריקגעטרעטען אויף עטליכע טריט און רודאָלף האָט זיך ווידער גענומען צו איהם.

— איך וועל דיר באַלד ציינען, דו שמוציגער איד, ווי אַזוי זיך גע־גענצושטעלען געגען מיר, דעם הויפּט טעמפּעל ריטער! — האָט ער אַ גע־שריי געטאָן און אויפגעהויבען זיין האַנט און געוואָלט איהם אַרונטערלאָזען אַ צווייטען פּאַטש. ווי איבעראַשט זיינען אָבער אַלע געוואָרען ווען זיי האָבען דערזעהען ווי דער בעטלער הויבט אויף זיין האַנט און לאָזט אַרונטער אַ מעכטיגען זעץ רודאָלף'ן אין פּנים, אַזוי אַז ער איז אומגעפאַלען אַ צע־בלוטיגטער אויף דער ערד.

די ריטער האָבע זאיהם שנעל אויפגעהויבען און ערשט יעצט זיינען זיי אַלע אַרויפגעפאַלען אויף דעם הילפלאָזען, האָבען איהם גענומען שלאָגען און שלעפּען צום פייער.

דער בעטלער האָט זיך געראַנגעלט מיט אַלע זיינע קרעפטען. די גע־שרייען און געוואַלדען האָבען זיך צעטראָגען דורך דער שטילקייט פון וואַלד.

רודאָלף איז צו זיך געקומען און ער האָט אַ געשריי געטהאָן:

— בינדט איהם און וואַרפט איהם אין פייער!

איינגיגע ריטער האָבען אַרונטערגענומען זייערע גאַרטלען, איינגיגע האָ־

בען געגומען פּאַרלייגען זיינע הענט אויף הינטען, און די אַנדערע האָבען איהם געגומען בינדען די הענט.

דער בעטלער האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגעלט און ווען זיינע הענט זיינען שוין געווען געבונדען אויף הינטען, האָט ער זיך באַנוצט מיט זיינע לעצטע כוחות און ער האָט איינינע פון די ריטער אומגעוואָרפען. באַלד אָבער האָבען זיי איהם בייגעקומען. זיי האָבען אויך זיינע פיס געבונדען און געפיהרט צו דעם פייער וואו דער הירשעל האָט זיך געבראָטען.

— וואָס קומט דאָ פאָר! — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שטימע, און ווען די טעמפּעל ריטער האָבען זיך אומגעקוקט, האָבען זיי דערזעהען פאַר זיך אַן עלטערען גלח רייטענדיג אויף אַ פערד און אויף אַ צווייטען פערד איז געזעסען אַ רייכגעקליידעטער יונגערמאַן. פון זיינע קליידער און אויסזעהן האָט מען געקענט זעהן אַז ער שטאַמט פון אַ פירשטליכע קריסט-ליכע משפחה. אויף'ן הארצען האָט ער געטראָגען אַ גאָלדענעם צלם.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט דער גלח ווידערהאָלט זיין פראַגע.

די ריטער האָבען אַרונטערגעלאָזט דעם געבונדענעם בעטלער און זיי זיינען געבליבען שטעהן אין אַ פאַרלעגענהייט.

— דער שמוציגער איד האָט געלעסטערט דעם הייליגען נאָמען פון אונזער גאָט! — האָט זיך רודאָלף אָפּגערופען — און דעריבער ווילען מיר איהם באַשטראָפען.

— ווי איך זעה, זייט איהר טעמפּעל-ריטער פון הייליגען אָרדען! גאָט וועט דאַרפען אייער טהאָט באַוויליגען. אָבער גלויבט איהר, אַז איהר האַנ-דעלט ריכטיג — האָט זיך דער גלח אָפּגערופען צו זיי, וואַרפענדיג זיינע בליקען אויף דעם געבונדענעם בעטלער, וועלכער איז געלעגען אַ צעבלוטיג-טער אויף דער ערד..

— די איינציגע זאַך צו טהאָן מיט אַ שמוציגען אידען, אַ גאָט לעס-טערער, איז איהם צו פאַרברענען! — האָט רודאָלף געזאָגט — און דאָס ווילען מיר יעצט טהאָן מיט איהם.

— האָט איהר איהם געגעבען אַ געלעגענהייט תשובה צו טהאָן? — האָט דער יונגער מאַן זיך אַריינגעמישט. — האָסטו מיך דען ניט געלערענט, הייליגער פאָטער, אַז איידער מען באַשטראָפט אַן אומגלויביגען, דאַרף מען איהם געבען אַלע געלעגענהייטען תשובה צו טהאָן.

— דו ביזט גערעכט, יאָהאַן! — האָט דער גלח צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ווענדענדיג זיך צו רודאָלף'ן האָט ער געזאָגט:

— האָסטו דעם אומגלויביגען געגעבען אַ געלעגענהייט חרטה צו האָבען אויף זיינע זינד און תשובה צו טהאָן?

— איך האָב איהם געהייסען קושען דעם צלם און ער האָט זיך ענט-זאָגט — האָט רודאָלף געענטפערט.

— דו מיינסט, אַז דו האָסט איהם געוואָלט צווינגען צו קושען דעם צלם?

— ניין, מיין זוהן, דאָס איז ניט דער וועג צו מאַכען אַ זינדיגען פרום! אפילו ווער ער וואָלט עס געטהאָן געצוואונגענערהייט, וואָלט עס ניט גע-

הייסען, אַז ער איז אַ בעל תשובה געוואָרען. מען דאַרף מיט אַזעלכע ריידען גוטע, צאַרטע רייד, ביז וואַנען ער וועט זיך איבערצייגען אין דער הייליג־קייט פון אונזער גלויבען, און ער וועט מיט זיין גוטען ווילען ווערען אַ גוטער קריסט. יע, דאָס דאַרף זיין אונזער הויפּט צוועק. און ווי איך זעה קען די־זער בעטלער ווערען איינער פון אונזערע הייליגסטע קריסטען, ווייל ביי איהם איז רעכט צו שטאַרבען פאַר זיין רעליגיע. ער באַזיצט אַ פעסטען כאַראַקטער, און ווען מען וועט איהם מיט גוטען באַווייזען, אַז דער הייליגער יעזוס איז דער משיח, דאַן וועט ער זיך איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון אונזער אמונה. אָבער דאָס איז ניט דער וועג ווי צו באַהאַנדלען אַן אומגלויביגען. גאָט פאַרלאַנגט עס ניט.

די טעמפּעל־ריטער זיינען געשטאַנען עטוואָס פאַרשעהמט און האָבען געוואָרפען זייטיגע בליקען אויף דעם בעטלער, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד אַ געבונדענער און צעבלוטיגטער.

— בויג זיך איין, יאָהאַן, און בינד איהם אָפּ! — האָט דער גלח זיך אָפּגערופען צו דעם יונגען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם.

יאָהאַן האָט זיך געקניהט און ער האָט גענומען אָפּבינדען דעם צע־קיילטען בעטלער, וועלכער האָט זיך געזעצט און מיט דאַנקבאַרע אויגען גע־קוקט אויף זיין רעטער.

— פיהר איהם צו צום טייך, יאָהאַן, — האָט דער עלטערער גלח ווייטער געזאָגט. — דאָס וועט דיר גאָט פאַררעכענען פאַר אַ גרויסע מצוה, און ער וועט פון דיינעטוועגען שיקען זיין ברכה צו דיינע עלטערען..

יאָהאַן האָט דעם בעטלער געהאָלפען און איהם צוגעפיהרט צום טייך, דאָרטען האָט ער אָרומגעוואַשען זיינע וואונדען און דערפרישט מיט אַ קאַל־טען טרונק.

— דו וועסט מיטגעהן מיט מיר! — האָט דער יונגער יאָהאַן איהם אריינגערוימט אין אויער — דו האָסט מעהר ניט וואָס מורא צו האָבען. קיין שלעכטעס וועט דיר ניט געשעהן!

דער בעטלער האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. טרעהרען האָבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען.

— איך דערקען אין דיר, אַז דו ביזט ניט דאָס, וואָס דו שיינסט צו זיין, לויט דיינע קליידער! — האָט יאָהאַן ווייטער געזאָגט — דו האָסט באַוויזען, אַז דו באַזיצסט זעהר פיעל מוטה און העלדישקייט. געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט אונז אין צייט געשיקט דיר צו רעטען פון טויט.

דער גלח איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געמיטליך גערעדט מיט די טעמ־פּעל־ריטער און זיי פאַרגעוואָרפען פאַר ניט האַנדלען קריסטליך צו זייער שונא.

די טעמפּעל־ריטער האָבען געשוויגען. זיי זיינען שטאַרק ענטטוישט געוואָרען וואָס זיי זיינען געשטערט געוואָרען אין זייער „הייליגער" אַרבייט, און ניט געקאָנט אויסלאָזען זייער צאָרן און נקמה אויף דעם אידען.

— איך וועל אייך ווייזען, אַז דער זעלבער איינגע'עקשנ'טער איד וועט

גאָר אין אַ קורצע צייט ווערען אַ פרומער, עהרליכער קריסט — האָט דער גלח געזוכט זיי צו בארוהיגען. איך וועל איהם מיטנעהמען מיט זיך.

— און ווער ביזטו, היליגער פאָטער? — האָט רודאָלף איהם גע-פרעגט.

— איך בין דער גלח ביי דעם פירשט פון וואַלענסיע. איך בין דער גייסטיגער ערציהער פון זיין איין איינציגען זוהן יאָהאַן, און איך פאָהר אַרוים רייטענדיג מיט יאָהאַנ'ען, יעדען טאָג, אָבער זעלטען קומען מיר אין דיזען געגענט. יעצט זעה איך, אַז גאָט האָט מיר אהער געשיקט אייך צו פאַרמיידען פון צו פאַרגיסען בלוט . . .

— אָבער צו פאַרגיסען דאָס אומריינע בלוט פון אַ פאַרפלוכטען אידען איז דאָך קיין זינד ניט! — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען. — האָט דען דער הייליגער פּאַפּסט, אורבאַן, ניט דערקלערט, אַז מיר די קריסטען מוזען שטענ-דיג קעמפּפען געגען די אומגלויביגע?

— ניט מיט'ן שווערד, נאָר מיט ווערטער! מיר מוזען זיי איבער-צייגען, אַז זיי בלאָנדזשען. אָבער מען קען מענשען ניט איבערצייגען אין אַ זאַך, ווען מען שטעהט מיט'ן שווערד איבער'ן האַלז. בלויז צערטליכע גע-לאַסענע ווערטער דרינגען אריין אין יענעמ'ס הארץ. מיט'ן שווערד דאַרף מען זיך באַנוצען בלויז דאַן, ווען דער שונא דראָהט אייער לעבען.

רודאָלף און די איבעריגע טעמפּעל-ריטער זיינען ניט געווען צופרידען מיט דעם גלח'ס רייד. די איינגעוואָרצעלטע שנאה און דער לוסט נאָך אי-דיש בלוט האָט זיי ניט געשטילט און בארוהיגט. און ווען זיי האָבען גע-זעהן ווי דער אַלטער גלח מיט יאָהאַנ'ען נעמען מיט זיך דעם אָרימען אידי-שען בעטלער, האָבען זיי געקריצט מיט די צייהן אַרויסמורמלענדיג קללות פאַר אַלע אידען . . .

צווייטער קאַפּיטעל

דער גלח האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און יאָהאַן מיט דעם אידען זיינען געגאַנגען צו-פוס. יאָהאַן האָט זיין פערד געפיהרט פאַר'ן צוים. ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט אַ נאָהענטקייט צו דעם אָרימען בעט-לער, וועלכער באַזיצט אַזעלכע וואונדערבאַרע קלוגע אויגען און אַן איידע-לען געזיכט, כאָטש ער איז געווען באַוואַקסען און באַשטויבט.

— קום מיט מיר, דו פרעמדער, צו מיין פאָטער'ס הויז. דאָרטען וועסטו געפינען שוץ און רוה! — האָט יאָהאַן זיך אָפּגערופען צו איהם.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין האַר, אָבער איך קען מיט דיר ניט מיט-געהן. מיין אויפגאַבע איז צו וואַנדערען איבער'ן לאַנד.

— דו וועסט זיך קענען צוריקקעהרען, ווען דו וועסט וועלען. בלויז אויף אייניגע טעג וועסטו זיך אויפהאַלטען אין מיין פאָטער'ס הויז ביז וואַנען דו וועסט קומען צו זיך, פון די שרעק און פון די וואונדען וואָס יענע גרויזאַמע מענשען האָבען דיר פאַראורזאַכט. יעצט זעהסטו דאָך אַליין ווי געפעהרליך עס איז פאַר דיר צו וואַנדערען אָהן שוץ.

— מיר, אידען, זיינען שוין לאַנג שוצלאָז, אָבער אונזער פאָטער אין הימעל פאַרלאָזט אונז ניט, ער איז אונזער באַשיצער.

— ווען דו וועסט קומען מיט מיר, וועט מיין פאָטער דיר מיטגעבען א בריעף, און ווען עס וועט מיט דיר פאַסירען אַן עהנליכער פאַל, דורך דיין וואַנדערונג, וועסטו זיי צייגען דעם בריעף און דאַן וועט מען דיר קיין שלעכטס ניט טהאָן.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב געפונען גנאַדע אין דיינע אוי־גען! — האָט דער אָרימער בעטלער זיך אָנגערופען. — איך האָב עס זיכער ניט פאַרדינט . . . אָבער דאָך קען איך דיין איינלאַדונג ניט אָנגעמען אין דער יעצטיגער צייט, ווייל איך אייל זיך נאָך טאָלעדאָ. איך האָב אַ וויכ־טיגע שליחות דורכצופיהרען.

— פון דיין רייד‏ען קען איך דערקענען, אַז דו ביזט ניט קיין איינפאַ־כער מענש! — האָט יאָהאַן זיך צו איהם אָפגערופען. זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער ביזטו?

— מיין נאָמען איז אברהם, — האָט ער געענטפערט, — און איך בין אַ איד.

— אַז דו ביזט אַ איד, ווייס איך — האָט יאָהאַן אַ שמייכעל געטאָן — אָבער זאָג מיר . . . ניין, איך וועל דיר אין פאַרלעגענהייט ניט שטע־לען. אויב דו ווילסט האַלטען דיין פערזענליכקייט פאַרבאָרגען, וועל איך דיך וועגען דעם קיין פראַגעס ניט שטעלען. דו מוזט מיר אָבער פאַרשפּרע־כען, אַז ביי דיין ערשטער געלעגענהייט וועסטו מיר קומען באַזוכען. איך בין זעהר נייגעריג מיט דיר צו ריידען, אברהם. איך ווייס, אַז דאָס וואָס איך האָב דיר צו דערצעהלען וועט דיר שטאַרק פאַראינטערעסירען.

מיט גרויס באַוואונדערונג האָט איהם אברהם באַטראַכט. ער האָט גע־וואָרפען זיינע בליקען אויף דעם גאָלדענעם צלם וואָס איז געהאַנגען איבער זיין האַרצען. פון זיין פּנים האָט ער גלייך דערקענט, אַז אַ טיעפע געהיימ־ניס רינגעלט אַרום דיזען יונגען איידעלען מאַן . . . זיינע געזיכטס־ציגע זיינען ניט קיין קריסטליכע . . . ווער ווייסט, פיליכט וועט ער עפּעס אויסגעפינען . . . זיין גוטהערציגקייט און צערטליכקייט האָט איהם באַ־צויבערט . . . ווער איז ער, אָט דער נאָבעלער קינד פון דעם פירשט פון וואַלענסיע?

— מיר וועלען בלייבען אַ ווייל‏ע אין וועג אַליין, און דאַן וועלען מיר קענען ריידען אומגעשטערט — האָט יאָהאַן זיך אָפּגערופען, און צוגעהענ־דיג צום גלח האָט ער צו איהם געזאָגט:

— דו, הייליגער פאָטער, רייט אַוועק אַהיים און זאָג מיין פאָטער, אַז איך וועל אָנקומען שפּעטער. איך וועל אַ ווייל‏ע פאַרברייגנען מיט דעם פרעמדען און נאָכהער וועל איך צוריקרייטען אַהיים.

— זאָל גאָט זיין מיט דיר, מיין קינד! — אָבער דו זאָלסט זיך לאַנג ניט פאַרזאמען — האָט דער גלח איהם געענטפערט און איז אַוועקגעריטען..

ווען דער גלח האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט, האָט זיך יאָהאַן

אָפּגעשטעלט. ער האָט אַרויסגענומען עטוואָס שפּייז, וואָס ער פלעגט שטענדיג מיטנעהמען אויף זיין שפּאַציר און געגעבען צו אברהמ׳ען.

— דו ביזט געוויס אויסגעהונגערט, און ביז וואַנען דו וועסט דערגרייכען אַ שטאָדט, וועט נאָך לאַנג געדויערען. נעהם עטוואָס שפּייז און דערקוויק דיין האַרץ.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר! — האָט אברהם געזאָגט — אָבער דו ווייסט דאָך געוויס, אַז מיר אידען זיינען ניט ערלויבט צו עסען שפּייז וואָס איז צוגעגרייט ביי ניט-אידען. איך האָב מיין אייגענע שפּייז.

אברהם האָט אַרונטערגעלאָזען די טאָרבע און פון דאָרטען האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיקעל ברויט און אַ לאָגעל וואַסער.

זיי האָבען זיך ביידע געזעצט אויף דעם גראָז און געגעסען.

אברהמ׳ס טאָרבע איז געווען אָפען, און יאָהאַן האָט דאָרט באַמערקט אַ תפילין-זעקעל.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער איהם געפרעגט אָנצייגענדיג איהם אויף דעם.

אברהם האָט אַרויסגענומען די תפילין און איהם געצייגט.

— דאמיט זיינען מיר מתפלל צו אונזער גאָט! — האָט ער איהם ערקלערט.

מיט גרויס נייגעריגקייט האָט יאָהאַן באַטראַכט די תפילין אין אברהמ׳ס האַנט.

— איך דערמאָהן זיך, אַז איך האָב עס אַמאָל געזעהן... ווי דורך אַ חלום... איך בין נאָך דאַן אַ קליין קינד געווען. אָבער אפשר מאַך איך אַ מעות — האָט זיך יאָהאַן פאַרכאַפּט, דערשרעקענדיג זיך פאַר זיינע אייגענע רייד.

אברהם האָט גוט באַטראַכט יאָהאַנ׳ען מיט זיינע בליקען... זיינע מילדע אויגען, זיינע געזיכטס-ציגע... וואָס מעהר ער האָט באַטראַכט איהם, אַלץ מעהר איז ער איבערצייגט, אַז דער נאָבעלער, גוט-הערציגער יונג, איז פון אידישער אָפּשטאַמונג... אָבער דאָס איז דאָך אוממעגליך... ער האָט דאָך געהערט פון גלח׳ס מויל, אַז ער איז דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַלענסיע. קיינער וועט דאָך ניט צווייפלען, אַז דער פירשט האָט קיינמאָל ניט געהאַט צו טהאָן מיט אידען.

יאָהאַן האָט געפיהלט זיינע דורכדרינגענדע בליקען. ער האָט פאַרשטאַנען זייער באַדייטונג. ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט צו דעם אָרימען אידען געצויגען, ער זאָל פאַר איהם קענען ריידען אָפענהערציג.

— איך זעה, אַז דו קוקסט אויף מיר און וואונדערסט זיך — האָט יאָהאַן זיך אָפּגערופען, — אויב דו וועסט מיר פאַרשפּרעכען צו געהן מיט מיר צו מיין פאָטער׳ס הויז, וועל איך דיר ענטדעקען אַ געהיימניס, וואָס וועט דיך נאָך מעהר איבערראַשען.

אברהמ׳ס נייגעריגקייט איז גרעסער געוואָרען, און ער האָט געענטפערט:

— איך וועל קענען פאַרבלייבען מיט דיר בלויז איין טאָג, ווייל איך איל זיך צוריק.

— איך וויל דיר פריהער פאַרזיכערען, אַז ניט איך און ניט דער היי־ליגער פאָטער האָבען אין זינען געהאַט דיך צו באַקעהרען צו קריסטוס׳ען. דאָס האָבען מיר אַזוי געזאָגט צו די טעמפּעל־ריטער כּדי דיך צו רעטען פון זייערע הענט . . . דעריבער האָסטו ניט וואָס צו פּירכטען.. איך זעה, אַז דו ביזט קלוג און געלערענט און איך זוך דיין פריינדשאַפט . . . איך וועל דיר אַנפאַרטרויען מיין סוד, אויב דו וועסט מיט מיר מיטגעהן, און בלייבען אין מיין פאָטער׳ס הויז אפילו אויף איין טאָג.

זיי זיינען ביידע ווייטער געגאַנגען. אַ קליינע ווילע האָבען זיי גע־שוויגען. ווען זיי האָבען זיך גענומען דערנעהענטערען צום וועג וואָס פיהרט נאָך וואַלענסיע, האָט זיך יאָהאַן אָפּגערופען:

— דו ווייסט, אַז דער פירשט איז ניט מיין ריכטיגער פאָטער? איך בין אָבער ערצויגען געוואָרען אַלס זיין זוהן.

אברהם האָט איהם אַנגעקוקט מיט ערשטוינענדע בליקען און יאָהאַן האָט פאָרטגעזעצט:

— איך קען קוים געדענקען ווי אַזוי איך בין צו איהם געקומען. איך געדענק בלויז, אַז איך בין דאַן אַ גאַנץ קליין קינד געווען און איך האָב איי־ניגע טעג נאָכאַנאַנד געוויינט און געבעטען מען זאָל מיך צוריקפיהרען צו מיין פאָטער און מוטער . . .. דערנאָך האָב איך זיך צוגעוואָהנט צו מיין נייע אומגעבונג. מיינע נייע עלטערען זיינען צו מיר געווען זעהר גוט. זיי האָבען מיך ליעב געהאַט אַזוי ווי איך וואָלט געווען זייער קינד. קיין איי־גענע קינדער האָבען זיי ניט געהאַט. זיי האָבען מיך געצערטעלט און מיר געגעבען אַלעס, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט. דער אַלטער גלח איז געווען מיין לעהרער פון מיין קינדהייט אָן.. ווען איך בין עלטער געוואָרען, און ווינסענ־דיג אַז איך בין ניט זייער אייגענער זוהן, האָב איך גענומען צושטעהן ער זאָל מיר זאָגען ווער איך בין. אָבער אַלעס וואָס מען האָט מיר געזאָגט איז געווען: אַז רויבער האָבען מיך אוועקגע׳גנב׳עט פון מיין פאָטער׳ס הויז און ער, דער פירשט פון וואַלענסיע האָט עס מיך אויסגעלייזט פון זייערע הענט.

— און דו געדענקסט ניט ווי אַזוי דיין פאָטער האָט אויסגעזעהן? — האָט איהם אברהם געפרעגט..

— איך געדענק, אַז ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע באָרד און ער פלעגט טראָגען דאָס, וואָס דו האָסט מיר פריהער געוויזען.

— די תפילין! — האָט אברהם זיך אָפּגערופען. — דאַן שטאַמסטו דאָך פון אידען!

יע, דאָס ווייס איך! אָבער איך בין ערצויגען געוואָרען אַלס קאַטאָליק און איך בין זעהר איבערגעגעבען צו מיין נייעם גלויבען, כאָטש גאַנץ אָפט גיט מיר דאָס הארץ אַ ציה צו דער רעליגיע פון מיין געבורט. איך האָב אָבער זעהר פיעל מאָל געהאָלפען מיינע ברידער אין דער צייט פון זייער נויט. און איך בין זיכער, אַז איך וועל קענען זיי ברייננגען מעהר נוצען,

ווען איך וועל פאַרבלייבן ביי דער אמונה מיט וואָס מען האָט מיך ערצויגען.

— דו האָסט מיין לעבן געראַטעוועט — האָט אברהם זיך אָפּגערופען — און דו האָסט מיין דאַנקבאַרקייט. איך זעה אַליין אז דו וועסט קענען אויפטהאָן מעהר פאַר דיינע ברידער זייענדיג א קריסט. זאָל גאָט זיין מיט דיר און דיר באַגליקען. איך ווייס אַז די אידען פון אַלע לענדער נויטיגען זיך גאַנץ אָפט אין שוץ, און כאָטש מיינע ברידער אין שפּאַניען האָבען ביז יעצט געלעבט אין רוהיגקייט, זעה איך אָבער אַז אזוי ווי רויב פויגלען קומען זיי אָן די שוואַרצע שלוחים... זיי ווילען טהאָן צו די אידען פון שפּאַניען ווי זיי האָבען געטהאָן צו די אידען פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער.

— ווי איך פאַרשטעה, קומען די טעמפּל-ריטער פאַרהאַנדלען מיטן קעניג פון שפּאַניען... מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז דער הייליגער אָרדען פון די טעמפּעל-ריכער האָט עפּעס א תביעה אויף א לאַנד פון שפּאַניען.

— יע, דאָס האָב איך געהערט זיי ריידען! — האָט אברהם געזאָגט — איך האָב זיך געמאַכט שלאָפענדיג, אָבער איך האָב זיך צו זייער גאַנצען געשפּרעך צוגעהערט. זייער ערשטער ציעל איז צו פאַרניכטען די אידען וועלכע געפינען זיך אין שפּאַניען..

אָבער איך קען דיך באַרוהיגען אַז דאָס וועט זיך זיי קיינמאָל ניט איינגעבען. מיין פאָטער, דער פירשט פון וואַלענסיע איז פריינדליך פאַר-בונדען מיט נאָך איניגע פירשטען און איך האָב זיין פאַרשפּרעכען אַז ער וועט ניט דערלאָזען, אַז די קרייץ-טרעגער זאָלען ווידערהאָלען זייערע רויבע-רייען און מערדערייען... אין מזרח שפּאַניען וועט הערשען פרידען.

— אָבער ווער קען פאָראויסזאָגען וואָס עס וועט פּאַסירען אין די אַנדערע געגענדען פון שפּאַניען, אויב דער קעניג אַלפאָנזאָ וועט נאָכגעבען זייער פאָדערונג, און דאָס איז די אורזאַכע, וואָס איך אייל מיך זיך צוריק-צוקעהרען נאָך טאָלעדא.

— וואָס מעהר איך רייד מיט דיר, אַלץ מעהר בין איך איבערצייגט אז דו זוכסט צו פאַרבאָרגען דיין פערזעניכקייט... איך בין צו דיר גלייך צוגעבונדען געוואָרען און געקראָגען דעם גרעסטען צוטרוי. איך האָב דיר גלייך ענטדעקט מיין געהיימניס. איך וויל דיין פריינטשאַפט קריגען. איך ווייס אַז דו ביזט אויך געלערענט, אָבער ווי איך זעה, האָסטו נאָך ניט גענוג צוטרויען צו מיר. דו האָסט מיר נאָך ניט געזאָגט ווער דו ביזט, און צוליעב וואָס פאַר א צוועק דו וואַנדערסט אַרום אין בעטלערישע קליי-דער. איך זעה אַז דיין גאַנצע פערזענלעכקייט איז איינגעהילט אין געהיימניס. און ערשט דאַן וועל איך וויסען אַז איך דאַרף קיין חרטה ניט האָבען וואָס איך האָב דיר ענטדעקט מיין געהיימניס, ווען דו וועסט מיר דערצעהלען פון זיך.

— איך בין אברהם אבן עזרא פון טאָלעדאָ! — האָט ער געענט-פערט — איך צווייפעל אָבער אויב דו וועסט יעצט וויסען ווער איך בין.

— אברהם אבן עזרא! — האָט יאָהאַן געענטפערט — איך האָב דיין נאָמען געהערט.

— ווי אַזוי?

דער קעניג אַלפאָנזאָ האָט געשיקט זיין מיניסטער. רבי יהודה הלוי, צו פאַרהאַנדלען מיט מיין פאָטער וועגן אַ שטיק לאַנד וואָס גרעניצט זיך צווישען קאַסטיליען און וואַלענסיע. און אַלפאַנזאָ'ס מיניסטער האָט פאַרבראַכט מיט מיין פאָטער דעם גאַנצען טאָג. זיי האָבען גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכען. וועגן די געלערנטע און פּאָעטן, און איך געדענק, אַז ער האָט דיין נאָמען דערמאָנט. ער האָט געזאָגט אַז דו ביזט אַ דיכטער און איינער פון די אינגסטע געלערנטע פון שפּאַניען.

— ער האָט זיכער מגזם געוועזן! — האָט אברהם אבן עזרא געשמייכעלט — ער האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן!

— געוויס האָט ער פון דיר געהערט!

— דאַן האָבען די וועלכע האָבען איהם פון מיר דערצעהלט אַ סך איבערגעטריבען.

— ווי אַזוי איז עס מעגליך אַז דו, אַ געבאָרענער פון טאָלעדאָ, זאָלסט ניט האָבען געזעהן דעם גרעסטען דיכטער פון שפּאַניען?

— איך האָב איהם יע געזעהן, אָבער ער האָט מיך קיינמאָל ניט געזעהן... און כאָטש איך פּלעג זיך מיט איהם צונויפשרייבען, האָב איך נאָך מיט איהם קיינמאָל ניט גערעדט.

— איך קען דאָס דיר יעצט אַלעס ניט דערצעהלען — האָט אברהם אבן עזרא זיך אָפּגערופען — אָבער ווען גאָט וועט מיר לאָזען לעבען און איך וועל זיך מיט דיר ווידער אַמאָל זעהן, וועל איך דיר ערקלעהרען.

— און פאַרוואָס ביזטו געקליידעט אין בעטלערישע קליידער?

— יע איך האָב געמיינט אַז דאָמיט וועל איך פאַרמיידען פיעלע צרות, — האָט אברהם געשמייכעלט — אָבער ווי עס ווייזט אויס האָבען מיר די בעטלערישע קליידער גאַנץ ווינציג געהאָלפען. ווי נאָר זיי האָבען דערקענט אַז איך בין אַ איד, האָבען זיי מיך שוין געוואָלט פאַרברענען... פון מיינע פריהערדיגע ערפאַרונגען האָב איך אויסגעפונען אַז מען באַלעסטיגט אַ בעטלער זעהר זעלטען.

— אָבער וואָס איז דיין צוועק פון אַרומוואַנדערען און איינשטעלען דיין לעבען אין געפאַהר?

— יע, דיר מיין פריינד קען איך עס פאַרטרויען! — האָט אברהם זיך אָפּגערופען — זעהר אַ טרויעריגע צייט איז געקומען אויף מיינע ברידער. די געפאַהרען לויערען פון אומעטום, און בלויז ווען מען איז אין וועג קען מען אויסגעפינען פון וואַנען דער געפאַהר קומט, און אויף וועמען אונזערע שונאים שאַרפען די צייהן. ווען איך האָב פון ווייטען די טעמפּעל ריטער באַמערקט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז זיי קומען אַהער מיט פּלענער שלעכטס צו טהאָן די אידען פון שפּאַניען. איך האָב, דעריבער

אומבאַמערקטערהייט, זיך דערנעהנטערט צו זיי, זיך צוגעלעגט אונטער א בוים און זיך געמאַכט שלאָפענדיג. איך האָב אַלעס געהערט... זיי האָבען גערעדט וועגען אַלפאַנזאָ׳ס אידישען מיניסטער, און ווי איך האָב אויסגעפונען פּלאַנעווען זיי שלעכטעס צו טהאָן אַלע אידען פון שפּאַניען, אַזוי שנעל ווי דער קעניג וועט נאָכגעבען די פאָדערונג פון דעם טעמפּעל אָרדען. און יעצט, אַז גאָט האָט דיך צוגעשיקט און דו האָסט מיר גערע־טעט פון זייערע הענט, איז מיין פליכט זיך צו אײַלען אין טאָלעדאָ און אָנזאָגען רבי יהודה הלוי׳ן וועגען דער געפאַהר, כדי ער זאָל וויסען ווי צו האַנדלען, ווען די טעמפּעל ריטער וועלען פאַרגעבראַכט ווערען פאַר דעם קעניג. ווייל אויב איך זאָל פאַרשפּעטיגען און דער קעניג וועט זיי נאָכגעבען דאַן וועט עס ברײַנגען אַ גרויסען אומגליק אויף אַלע אידען וועלכע געפינען זיך אין קריסטליכער שפּאַניען...

— דו האָסט רעכט, דו דאַרפסט זעהן וואָס שנעלער אָנצוקומען אַהין און דאַריבער וועל איך דיר ניט פאַרהאַלטען. מיר זיינען שוין ניט ווייט פון מיין פאָטער׳ס פּאַלאַץ. קום צו מיט מיר, איך וועל דיר געבען מיין פערד און דו וועסט גלייך אַוועקרייטען נאָך טאָלעדאָ.

— ווי אַזוי קען איך נעהמען פון דיר דעם פערד — האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט — איך ווייס ניט ווען איך וועל האָבען די מעגליכקייט איהם צוריקקערען.

— וועגען דעם זאָרג ניט! — האָט יאָהאַן געזאָגט — איך וועל דיר דיזען פערד אַוועקשענקען און איך האָף אַז דו וועסט מיך קומען זעהן גאָר אין גיכען. און אויב איך וועל האָבען די מעגליכקייט עפּעס צו טהאָן פאַר דיינע ברידער, וועל איך זיך שעצען גליקליך.

— איך דאַנק דיר זעהר, נאָבעלער האַר פאַר דיין גוטהאַרציגקייט, אָבער דאָך קען איך דיין מתנה ניט אָננעהמען. איך האָב אין מיין לעבען קיין מתנה ניט גענומען!

— וועסטו מיר דעם פערד צוריקקערען. און דאָס וועט זיין אַ צייכען אַז איך וועל דיך אין גיכען ווידער זעהן. אָבער וואַרט, דו טאָרסט ניט געהן אין די זעלבע קליידער, ווייל טאָמער וועסטו באַגעגענען די זעלבע ריטער אויפ׳ן וועג. קום אַריין מיט אין הויז און איך וועל דיר געבען אַנדערע קליידער און איך וועל פאַרלאַנגען פון מיין פאָטער אַז ער זאָל דיר געבען אַ בריעף וואָס זאָל דיר באַשיצען פון ווייטערע אַזעלכע איבערפאַלען.

יאָהאַן און אברהם זיינען צוגעקומען צו דעם פּאַלאַץ פון פירשט פון וואַלענסיע. יאָהאַן האָט זיין פאָטער דערצעהלט וועגען זיין געפונענעם פריינד און אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

— דער הייליגער פאָטער האָט מיר דערצעהלט וועגען דער שווידער־ליכער פּאַסירונג! — האָט דער פירשט זיך אָפּגערופען — געלויבט איז יעזוס וואָס ער האָט אייך אין צייט געשיקט צו ראַטעווען אַ מענשען.

— און ווייסטו פאָטער, ווער ער איז! — האָט דער יונגער יאָהאַן מיט פרייד אויסגערופען — ער איז דאָך דער יונגער דיכטער וועגען וועמען דו

און יהודה הלוי האָבען ניט לאַנג צוריק גערעדט. ער איז דאָך אברהם אבן עזרא!

אברהם אבן עזרא! — האָט דער פירשט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איהם — דו ביזט ווילקאָמען אין מיין הויז! — איך האָב זעהר פיעל גוטעס געהערט פון דיר. מיין הויז איז שטענדיג אָפען פאַר דיר. איך האָב זעהר ליעב צו פאַרברייגגען מיט קלוגע און געלערענטע מענשען, אפילו ווען זיי זיינען פון אַן אנדער גלויבען. פאַרבלייב דאָ מיט אונז אזוי לאַנג ווי דו ווילסט וועלען.

— יעצט, איילט ער זיך מיט זעהר א וויכטיגע שליחות צו יהודה הלוי! — האָט יאָהאַן געזאָגט — אָבער אין גיכען וועט ער אונז ווידער אָפּשטאַטען א באַזוך. און יעצט בעט איך דיר פאָטער אַז דו זאָלסט איהם מיטגעבען א שוץ בריעף וואָס עס וועט איהם באַשיצען פון ווייטערע אַזעלכע איבערפאַלען.

יאָהאַן האָט אריינגעפירט אברהם׳ן אין א צימער וואו ער האָט זיך ארומגעוואַשען. נאָכהער האָט ער איהם געגעבען נייע, עלעגאַנטע בגדים און אברהם האָט זיך איבערגעטהאָן; א דינער האָט איהם עטוואָס ארומ־געשאָרען און יאָהאַן האָט פול מיט באַגייסטערונג זיך אָפּגערופען:

— דו קוקסט אויס יעצט אזוי אַנדערש אַז קיינער וועט דיך ניט דערקענען. די טעמפעל ריטער וועלען יעצט ניט וואַגען דיך אפילו אָפּצור־שטעלען און בפרט ווען דו וועסט ביי זיך האָבען מיין פאָטער׳ס בריעף.

דער פירשט האָט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף, און אברהם האָט זיך מיט זיי געזעגענט און איז אוועקגעריטען אויף דעם פערד נאָך טאָלעדאָ.

ק א פ י ט ע ל ד ר י י

דאָס פּראַכטפולע גרויסע הויז פון רבי יהודה הלוי איז געשטאַנען אויף א קליינעם באַרג, ניט ווייט פון קעניגליכען פּאַלאַץ. דאָרטען פלעגען זיך פאַרזאַמלען די גרעסטע און חשוב׳סטע לייט פון שפּאַניען. פּאָעטען, פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסמענשען. אידען, קריסטען און מאַכמעדאַנער. גאַנץ אָפט פלעגט מען פאַרברייגגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין דיס־קוסיעס וועגען רעליגיאָן און אַנדערע פילאָזאָפישע ויכוחים.

רבי יהודה הלוי איז ביי אַלעמען באַליעבט און געאַכטעט געוואָרען און מען פלעגט זיך צוהערען צו זיינע רייד מיט גרוים נייגעריגקייט. זיינע שירים פלעגען געלעזען ווערען ביי אַלעמען, ווייל ניט נאָר איז רבי יהודה הלוי געוועזען דער גרעסטער אידישער דיכטער, נאָר אַזאַ געלערענטער און דיכטער האָט זיך ביז דאַן ניט געפונען ניט צווישען קריסטען און ניט צווישען די מאַכמעדאַנער.

רבי יהודה הלוי איז געווען א לייכטענדער שטערען אין דעם קלאָהרען לויטערען שפּאַנישען הימעל. ער האָט אין זיך פאַראייניגט נאָבעלקייט און גרויסקייט. יעדעס וואָרט, וואָס פלעגט ארויסקומען פון זיין מויל, איז

געווען אַן אונשאַצבאַרער פּערל, ער האָט באַזעסן אַ פּאָעטישע צערטליכע נשמה מיט אַ פּיהלענדעם האַרץ. ער איז געשטאַנען העכער פון אַלע זיינע פאַרגענגער ניט נאָר אַלס פּאָעט, נאָר אויך אַלס גרויסער פילאָזאָף און נאַטור־פאָרשער. ער איז אויך געווען אַ באַוואוסטער דאָקטאָר און האָט קורירט פיעלע אונהיילבארע קראַנקהייטען.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט אַז דער גוטער שפּאַנישער קעניג, אַלפאָנזאָ דער אַכטער, האָט איהם זעהר באַפריינדעט און וואָס מעהר ער פלעגט מיט איהם פאַרברייגגען, אַלץ מעהר האָט ער זיך איבערציינט, אַז קיין קליגערען און מעהר געלערענטען מאַן פון איהם געפינט זיך ניט אין גאַנץ שפּאַניען. און ניט קוקענדיג אויף די ווארנונגען פון זיינע נאָהענטע און הויכע באַאַמטע ער זאָל אַ אידען ניט דערהויבען צו קיין הויכען אַמט, האָט אַלפאָנזאָ געמאַכט יהודה הלוי פאַר זיין הויפּט ראַטהגעבער און מיניסטער.

די ערשטע צייטען האָבען זיך די קריסטליכע ראַטהגעבער און מיני־סטאָרען פון דעם קעניג געהאַלטען פון דער ווייטענס פון יהודה הלוי. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער אידישער מיניסטער האָט אויך זייערע הערצער געוואונען. זיי זיינען מיט איהם באַפריינדעט געוואָרען און גאַנץ אָפט פלעגען זיי קומען צו איהם אין הויז און פאַרברייגגען מיט איהם.

געוועהנליך זיינען געווען אייניגע, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט געקענט צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז אַ איד זאָל אויסאיבען אַזאַ איינפלוס אויף'ן קעניג. איבערהויפּט איז דער יונגער מיניסטער, ארטהור, וועלכער איז געווען אַ שוואָגער פון דעם קעניג, געווען זעהר שטאַרק אייפערזיכטיג אויף יהודה הלוי'ס גרויסקייט און ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער געזוכט איהם צו פאַר'מיאוס'ען אין די אויגען פון דעם קעניג.

זייענדיג אַ נאָהענטער קרוב פון דעם קעניג, האָט ער ארויסגעוויזען זעהר פיעל חוצפה געגען יהודה הלוי'ן. און גאַנץ אָפט פלעגט ער מאַכען אַ פאַרזוך גרינגצושעצען זיינע עצות.

יהודה הלוי האָט עס אָבער גוטמוטיג גענומען און פלעגט זיך אָפּרו־פען צום קעניג מיט אַ שמייכעל:

— מעגליך, אַז איך מאַך אַ טעות... איך קען פארשטעהן, אַז מיין יונגער פריינד, דער הער אַרטהור, איז לויט זיינע איבערציינגונגען גערעכט...

דאַן אָבער פלעגען די עלטערע מיניסטאָרען צוגעבען, אַז די עצה פון רבי יהודה הלוי איז די ריכטיגע און דאָס פלעגט אַרטהור'ן זעהר ערגערען. און ניט איינמאָל פלעגט ער זיך באַקלאָגען פאַר זיין שוועסטער די קעניגין, אַז זינט יהודה הלוי איז געוואָרען דעם קעניג'ס ראַטהגעבער, פיהלט ער זיך ווי אַן איבעריגער אין פּאַלאַץ.

— דו דאַרפסט אָבער ניט פאַרגעסען, מיין ברודער, — האָט איהם די קעניגין געענטפערט, — אַז אין אונזער גאַנצען לאַנד איז ניט צו געפינען נאָך אַזאַ מאַן ווי יהודה הלוי, וועלכער איז באַגאַבט מיט אַזוי

פיעל מעלות. ווייסטו דען ניט, אז אין גאַנצען שפּאַניען ווערען זיינע לידער געזונגען?

— אָבער איך האַס איהם! מיין לעבען איז מיר נמאס געוואָרען זינט ער איז אין פּאַלאַץ געקומען.

— דו רעדסט פון איהם מיט אזוי פיעל האַס און ביטערקייט, ווייל דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן זיין טאָכטער! — האָט די קעניגין מיט א שמייכעל געזאָגט. — איך בין זיכער, אז ווען דו וועסט דערזעהן זיין טאָכטער, וועסטו זיך אינגאַנצען ענדערען. דו וועסט בייטען דיין מיינונג וועגען איהם און דו אַליין וועסט זוכען זיין פריינדשאַפט.

— א טאָכטער פון א אידען פאַראינטערעסירט מיך ניט, אפילו ווי שעהן זי זאָל ניט זיין! — האָט ארטהור א ברוגז'ער געזאָגט.

— איך האָב זי געזעהן איין מאָל און זי האָט מיך איינפאַך באַצוי־בערט מיט איהר שיינקייט — האָט די קעניגין ווייטער געזאָגט — און איך האָב אין זינען זי איינצולאַדען אין פּאַלאַץ ווען איך וועל פייערען מיין געבורטסטאָג.

— אויב דו ווילסט אז איך זאָל צו דיין געבורטסטאָג פייערונג ניט זיין, דאַן לאַדע איין די טאָכטער פון דעם פארפלוכטען אידען, יהודה הלוי — האָט ארטהור נאָך מיט מעהר פארביטערונג געזאָגט.

די קעניגין האָט געלאַכט:

— אויב דו ביזט אין כעס אויף איהר פאָטער, וואָס האָסטו צו זיין טאָכטער? איך ווייס אז אויך דיין צאָרן אויף יהודה הלוי איז אומבאַ־גרינדעט, ווייל כאָטש אין אָנפאַנג בין איך אויך געווען געגען דעם אז דער איד יהודה הלוי זאָל ווערען דער הויפּט ראַטהגעבער און מיניסטער פון קעניג, האָב איך זיך דאָך ארומגעזעהן אז ער איז דער איינציגער מאַן אין אונזער מלוכה, וועלכער איז אזוי געלערענט און קלוג און מען קען זיך אויף איהם פארלאָזען.

— דער איד איז קלוג און כיטרע און נוצט עס אויס בלויז פאַר זיין אייגענע נוצען! — האָט ארטהור געזאָגט — איך בין זיכער, אז יהודה הלוי וואָלט פארראַטהען די גאַנצע מלוכה פון שפּאַניען אויב דאָס לעבען פון איינעם פון זיינע ברידער וואָלט עס אזוי געפאָדערט. ער איז מעהר איבערגעגעבען צו זיי ווי צו דעם קעניג.

— אזוי לאַנג ווי דאָס איז ניט באַוויזען געוואָרען, קענסטו עס מיט זיכערהייט ניט זאָגען. עס איז ניט ריכטיג פון דיר, מיין ברודער צו האָבען אזאַ פאָראורטהייל געגען א מאַן וועלכער האָט דיר קיין שלעכטעס ניט געטהאָן.

— די אידען האָבען יעזוס'ן געקרייציגט און דעריבער זיינען זיי פארפלוכט און דאַרפען פארהאַסט ווערען פון יעדען גוטען קריסט! — האָט ארטהור געזאָגט — און דאָס וואָס די אידען ווערען באַשיצט אין שפּאַניען איז עס א זינד. מען דאַרף זיי אויסראָטען און זייערע פארמעגענס דאַרף מען אָפּגעבען די פרומע און גוטע קריסטען.

— אַ גוטער און פרומער קריסט דאַרף פאָלגן אַלעס וואָס קריסטוס האָט אָנגעזאָגט — האָט די קעניגין זיך אָפּגערופן — און האָט ער דען ניט געהייסן ליעב האָבן אונזערע שונאים?

ארטהור האָט ניט געענטפערט... ער איז אוועק פון זיין שוועסטער אַן ענטוישטער און ברוגז׳ער. איהם האָט נאָך מעהר פאַרדראָסען, וואָס דער איד יהודה הלוי האָט אויך זיין שוועסטער באַאיינפלוסט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי ער קען איהם פאַר׳מיאוס׳ן אין די אויגען פון דעם קעניג און קעניגין. ווען ער זאָל קענען באַווייזען, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי געטריי דער מלוכה ווי דער קעניג שטעלט זיך פאָר.

ווען ארטהור האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פאַלאַץ האָט ער שוין דאָרטען געטראָפען אַלע מיניסטאָרען וועמען דער קעניג האָט צונויפגערופען פאר אַ באַראַהטונג.

— גוט וואָס דו ביזט געקומען, ארטהור, — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען — איך האָב נאָך דיר געשיקט, ווייל איך ערוואַרט די שלוחים פון דעם הייליגען טעמפּעל אָרדען. און איך וואָלט וועלען, אַז אַלע מיינע מיניסטאָרען זאָלען אנוועזענד זיין ווען איך וועל מיט זיי פאַרהאַנדלען.

ארטהור האָט זיך פאַרנייגט און זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ. ער האָט געוואָרפען אַ קרומען בליק אין דער ריכטונג וואו יהודה הלוי איז געזעסען, און זיין אייפערזיכטיגקייט איז גרעסער געוואָרען, ווען ער האָט געזעהן, אַז דער שטוהל פון דעם אידען איז דער נעהענטסטער צו דעם טראָהן. ער האָט באַמערקט אַז דער קעניג שושקעט זיך מיט איהם גאַנץ אָפט און דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגעבראַכט.

באַלד איז אריינגעקומען אַ באַאַמטער און געמאָלדען, אַז די שלוחים פון דעם הייליגען טעמפּעל אָרדען וואַרטען אין הויף.

— זאָלען זיי אריינקומען! — האָט דער קעניג געזאָגט.

רודאָלף און די איבעריגע טעמפּעל-ריטער זיינען אריין אין פאַלאַץ. זיי האָבען זיך דערנעהענטערט צום קעניג און זיך פאַרנייגט.

אין פאַלאַץ האָט געהערשט אַ שטילקייט. אַלע האָבען באַטראַכט די יונגע טעמפּעל-ריטער, וועלכע זיינען געווען געקליידעט אין ווייסע מאַנטלען און רויטע צלמים. זיי זיינען געווען אָנגעגורטעלט מיט לאַנגע שווערדען.

נאָך אַ קליינע פויזע האָט זיך רודאָלף אָפּגערופען:

— אין נאָמען פון אונזער גרויסמייסטער פון דעם הייליגען טעמפּעל אָרדען מיכאל, גערים איך אייער מאַיעסטעט דעם קעניג פון שפּאַניען.

— איהר זייט ווילקאָמען אין מיין פאַלאַץ! — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען — און איך דאַנק אייך פאַר דער באַגריסונג, און יעצט זאָגט מיר וואָס איז דער צוועק פון אייער שליחות?

— מעכטיגער קעניג, אַלפאָנז דער אַכטער! — האָט רודאָלף אויסגערופען פאַרנייגענדיג זיך — מיר זיינען געשיקט געוואָרען צו דערמאָנען אייער מאַיעסטעט אָן אַ פליכט וואָס איז אויף דעם קעניג ארויפגעלעגט געוואָרען נאָך פון זיין קעניגליכען פאָטער אַלפאָנז דער זיעבעטער.

— איך פאַרשטעה ניט וואָס דו מיינסט מיט דיינע רייד! — האָט דער קעניג אונטערבראָכען — אויף מיר איז פון קיינעם קיין פליכט ניט אַרויפגעלעגט געוואָרען.

— אונזער גרויסמייסטער מיכאל האָט זיך געזעהן מיט אייער פאָטער פאַר זיין טויט. אלפאָנז דער זיבעטער איז געווען זעהר איבערגעגעבען דעם הייליגען אָרדען, וועלכער ברענגט גרויס נוצען דער קריסטליכער וועלט. ער האָט פיעל מיטגעהאָלפען דעם גרויסען ערפאָלג פון די קרייץ טרעגער, וועלכע האָבען מיט זייער בלוט געקעמפט געגען די אומגלויביגע מאכמעדאַנער און פון זייערע אומריינע הענט אָוועקגענומען די הייליגע שטאָדט ירושלים. ער האָט אימער געשטרעבט אז די מאכט פון דעם טעמפעל אָרדער זאָל זיך פאַרשטאַרקען און פאַרגרעסערען, אזוי אז עס זאָל קיין געפאַהר ניט מעגליך זיין זיי צו פאַרניכטען און צו נישט מאכען די גאַנצע הייליגע אַרבייט. צוליעב דעם צוועק האָט דער הייליגער אָרדען געזוכט צו באַפעסטיגען זיך אין פיעלע קריסטליכע לענדער, וואו די הייליגע מיליטער ווערט געהאַלטען גרייט אין פאַל די מאכמעדאַנער וועלען מאכען א צווייטען פאַרזוך אָוועקצונעהמען פון אונזער אָרדען די הייליגע לאַנד. פיעלע קריסטליכע קעניגען האָבען דעם אָרדען אָוועקגעשענקט גרויסע פראָווינצען און שטרעקעס לאַנד וואו זיי הערשען פריי און האָבען אייגענע מיליטער אין פאַל פון נויט זאָלען זיי קענען געשיקט ווערען געגען אונזער שונא. צוליעב דעם צוועק האָט זיך אונזער גרויסמייסטער מיכאל געזעהן מיט זיין מאַיעסטעט דעם קעניג אלפאָנז דער זיבעטער פאַר זיין טויט, און ער האָט איהם פאַרשפּראָכען, אז דאָס גאַנצע לאַנד פון אַרגאַניען וועט ער אָפּגעבען אַלס אייגענטום פון דעם הייליגען אָרדען פון די טעמפעל ריטער. ער האָט עס אויך אַריינגעשריבען אין זיין צוואה אין דער אנוועזענהייט פון דעם גרויסמייסטער. און איינינע יאָהר זיינען פאַראיבער און ווי מיר האָבען אויסגעפונען האָט אייער מאַיעסטעט פאַרשפּרייט אייער הערשאַפט אויך איבער אַראַגאַניען. איר רופט זיך דער קעניג פון אַראַגאַניען. אין דער צייט ווען דיעזעס לאַנד באַלאַנגט צו די טעמפעל ריטער. און יעצט האָט אונז דער גרויסמייסטער מיכאל געשיקט אייך צו דערמאָהנען אָן אייער פליכט צו ערפילען אייער פאָטער'ס וואונש און איבערגעבען די הערשאַפט פון דעם לאַנד אַראַגאַניען צו דעם טעמפעל אָרדען. דאַמיט וועט איהר ניט נאָר ערפילען אייער פליכט צו אייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער אָבער אויך אייער פליכט צו אונזער פאָטער אין הימעל, יעזוס קריסטוס.

— קיינער דאַרף מיר ניט דערמאָנען וועגען מיינע פליכטען — האָט דער קעניג אויסגערופען מיט אַן אויפגערעגטע שטימע — אָבער דאָך מוז איך צוגעבען, אז איך וויים זעהר ווינציג וועגען דעם טעמפעל אָרדען און האָב קיין באַגריף ניט פון זיינע צוועקען און ציעלען.

— עס וואונדערט מיך זעהר צו הערען אַזעלכע רייד פון א קריסטליכען קעניג! — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען — וויים דען ניט אייער

מאַיעסטעט, אַז דער צוועק פון דעם טעמפּעל-אָרדען איז געווען צו קעמפּפען געגען די אומגלויביגע מאַכמעדאַנער און אוועקנעהמען פון זיי דעם היילינגען קבר פון יעזוס׳ן. און מיט נאָטעס הילף האָבען מיר אונזער ציעל ערדייכט, דער קבר איז אין אונזערע הענט, אַ גרויסע טייל פון דעם לאַנד וואו אונזער ערלייזער יעזוס האָט געוואַנדערט געפינט זיך אויך אין אונזער רשות. די גאַנצע קריסטליכע וועלט האָט אנערקענט אונזער בראוור־קייט און העלדישקייט. קעניגע האָבען געקעמפּט געגען די אומגלויביגע פאַר אונזער גלויבען. מיר האָבען זיי פאַרטריבען פון דעם היילינגען לאַנד!

— איך פאַרשטעה — האָט זיך דער קעניג אָפּגערופען, — אַז איהר פיהרט אַ קאַמף געגען די אומגלויביגע צו עראָבערען דאָס היילינגע לאַנד, אָבער דאָס קען איך ניט באַגרייפען וואָס איהר זייט געקומען צו מיר, אַ קריסטליכער קעניג און אַ גלויביגער און איהר ווילט פון מיר אַ שטיק לאַנד אוועקנעהמען. איז אייער צוועק אויך צו קעמפּפען געגען די קריסטען?

— מיר זיינען ניט געקומען קעמפּפען, אָבער מיר זיינען געקומען דערמאָהנען זיין מאַיעסטעט אָן זיין פליכט צום היילינגען אָרדען. אויב מיר ווילען אָנהאַלטען אונזער זיעג אין היילינגען לאַנד דאַן מוז דער אָרדען זיך פאַרשפּרייטען און שטאַרקער ווערען. ער מוז גרויס ווערען כדי ער זאָל קענען אָנווענדען זיין מאַכט צו די אַלע אומגלויביגע וועלכע געפינען זיך אין דער וועלט. מיר מוזען זעהן, אַז דער היילינגער יעזוס זאָל אנער־קענט ווערען אַלס דער איינציגער גאָט וועלכער איז געקומען אויסלייזען די וועלט פון צרות. און מיר פאַרלאַנגען ניט פון אייער מאַיעסטעט קיין נדבה אָדער אַ מתנה, מיר קומען מאָהנען דאָס וואָס באַלאַנגט צו אונז!

— דאָס לאַנד אַראַגאָניען געהערט צו מיר. איך ווער גערופען דער קעניג פון אַראַגאָניען אַזוי גוט ווי דער קעניג פון קאַסטיליען! — האָט אַלפאָנז געענטפערט.

— לויט דער צוואה פון אייער קעניגליכען פאָטער האָט איהר קיין רעכט ניט אָנגערופען צו ווערען קעניג פון אַרגאָניען, ווייל די הערשאַפט פון דעם גאַנצען לאַנד, האָט ער איבערגעגעבען צו דעם היילינגען אָרדען. און יעצט וויל איך אייך פרעגען, מאַיעסטעט, וועט איהר אונז אָפּגעבען אַראַגאָניען אָדער מיר וועלען זיך דאַרפען אומקעהרען מיט ליידיגען צו אונזער גרויסמייסטער?

— מיט ליידיגען און גרונדלאָזע טענות זייט איהר צו מיר געקומען און מיט ליידיגען קענט איהר זיך צוריקקעהרען. איך בין ניט קיין נאַר, איך זאָל אָפּגעבען אַזאַ שעהנע גרויסע לאַנד צו דעם אָרדען. אייער גרויס־מייסטער ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין גרייט צו טהאָן מיין פליכט און העלפען איהם אין נויט, אין פאַל אַ מלחמה וועט אויסברעכען מיט די מאַכמעדאַנער, אָבער אַראַגאָניען וועל איך קיינמאָל ניט אָפּגעבען. און זאָגט דעם, וועלכער האָט אייך צו מיר געשיקט, אַז ווען איהר געהט קעמפּפען געגען די שונאים צו באַשיצען דעם היילינגען קבר, טהוט איהר אַ גערעכטע זאַך, אָבער ווען איהר ווילט קעמפּפען געגען גוטע קריסטען, און

צונעהמען אַ לאַנד וואָס באַלאַנגט ניט צו אייך, דאָס וועט אפילו אונזער גאָט ניט געפעלען זיין!

— איך האָב שוין געזאָגט, מעכטיגער קעניג, אַז דער הייליגער אָרדען פון די טעמפעל־ריטער האָט מעהר רעכט צו אַראַגאָניען ווי אייער מאַיעסטעט — ווילט איהר דען ברעכען דעם וואָרט פון אַ פאַרשטאָרבענעם?

— אויב דער פאַרשטאָרבענער גיט אַוועק אַ זאַך וואָס געהערט דעם לעבעדיגען. ווען ער האָט אונטער דעם איינפלוס פון חניפה'שע רייד, פאַרשפּראָכען אַ זאַך וואָס באַלאַנגט צו דעם ריכטיגען יורש, צי אַ פרעמדען, דאַן איז זיין וואָרט ניט בינדענד! און איך בין פריי צו האַנדלען לויט מיין אייגענעם געוויסען.

— אַ גרויסע אומרעכט ווערט געטהאָן צו דעם אָרדען! — האָט רודאָלף, דער הויפּט פון די טעמפעל־ריטער שלוחים אויסגערופען. — איהר מעגט וויסען זיין אייער מאַיעסטעט, אַז אַזוי ווי אַראַגאָניען איז ערֲאָבערט געוואָרען פאַר אייך דורך'ן שווערד, אַזוי וועט איהר דאָס דורך דעם שווערד פאַרלירען!

— דאָס וועלען מיר זעהן! — איז שוין דער קעניג גוט אין כעס געוואָרען — און יעצט קענט איהר געהן!

— איז דאָס אייער לעצט וואָרט? — האָט רודאָלף געפרעגט.

— יע, דאָס איז מיין לעצט וואָרט! — האָט אַלפאָנס געענטפערט.

— אָה, גנעדיגער קעניג! — האָט זיך אַרטהור אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ — איך ראַטה דיר זיך איבערלעגען וועגען דעם אין ניט ענדגילטיג צוריקווייזען דעם פאַרלאַנג פון דעם הייליגען אָרדען. פיליכט וועט געפונען ווערען אַ וועג פאַר אַ פּשרה!

— איך קען מעהר מיט זיי ניט פאַרהאַנדלען! — איז דער קעניג אומגעדולדיג געוואָרען, און ווענדענדיג זיך צו די טעמפעל־ריטער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך גיב די גאַנצע אַנגעלעגענהייט איבער אין די הענט פון מיין הויפּט־ראַטהגעבער און מיניסטער יהודה הלוי, מיט איהם קענט איהר וועגען דעם פאַרהאַנדלען. ווי איהר וועט מיט איהם דורכקומען, אַזוי וועט זיין, איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצען אויף איהם.

— מיט אייער מיניסטער יהודה הלוי?!! — האָט רודאָלף מיט שטאָלץ זיך אָפּגערופען — מיר דוכט זיך אַז ער איז אַליין אַן אומגלויביגער און מיר, קריסטען, פאַרהאַנדלען ניט מיט אומגלויביגע.

— ביי מיר איז קיין אונטערשייד צו וועלכער רעליגיע אַ מאַן געהערט אַזוי לאַנג ווי ער איז עהרליך, קלוג און געלערענט. און מיין מיניסטער יהודה הלוי באַזיצט אַלע מעלות אין דער גרעסטער מאָס, איך אַכטע און שעץ איהם און וואָס ער וועט מיר ראַטהען אַזוי וועל איך טהאָן.

— מיר, די שלוחים פון דעם הייליגען טעמפּעל אָרדען פאַרהאַנדלען ניט מיט קיין אידען! — האָט רודאָלף אַ דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— דו קענסט טהאָן ווי דו פאַרשטעהסט! — האָט דער קעניג געזאָגט

— אויב דו ענטזאגסט זיך מיט מיין מיניסטער צו פארהאנדלען, דאן איז דיין שליחות געענדיגט. יעצט קענסטו געהן!

— מעכטיגער קעניג! — האָט זיך ארטהור אריינגעמישט — ווען איינפאכע שלוחים פון מלוכות קומען פארהאנדלען, דאן קענסטו זיי איבער-געבען זיי זאָלען פארהאנדלען מיט דיין אידישען ראטהגעבער, אבער זיי זיי-נען דאָך געשיקט געוואָרען פון דעם הייליגען טעמפעל אָרדער. און אלס הייליקע קריסטען, איז דאָך זיי ניט אָנגענעהם צו פארהאנדלען מיט איינעם, וועלכער איז אן אומגלויביגער.

— דאָס איז מיין ענדגילטיגער באשלוס! — האָט דער קעניג געזאָגט

— און זיי קענען טהאָן ווי זיי ווילען.

רודאָלף האָט זיך א נייג געטהאָן און צוזאמען מיט די איבעריגע טעמ-פעל-ריטער האָט ער פארלאָזען דעם פאלאץ.

אין דעם זעלבען אָוונד האָט זיך רודאָלף געזעהן מיט ארטהור'ן.

— איך בין געקומען דיר איבערגעבען מיין הערצליכסטען דאנק אין נאָמען פון דעם הייליגען אָרדען און אלע טעמפעל-ריטער — האָט רודאָלף זיך אָפגערופען צו איהם — איך האָב באמערקט, אז דו ביזט דער איינציגער וועלכער ווייסט ווי געהעריג אָפצושאצען די הייליגקייט און וויכטיגקייט פון דעם טעמפעל אָרדען, וואָס גיט שוץ און שטיצע צו אלע קרייצטרעגער פון פארשיעדענע לענדער. עס פארדריסט מיר זעהר וואָס דער קעניג אלפאָנז דער אכטער, ווייזט ארוים אזוי פיעל גרינגשעצונג צו אונזער הייליגער אונ-טערנעהמונג. ווייסט ער דען ניט ווי גרויס זיין זינד איז צו געהן געגען דעם וואונש פון אונזער גרויסמייסטער, וועלכער האָט געקראָגען די ברכה פון דעם הייליגען פאפסט פון רוים?

— אין דעם איז שולדיג דער פארפלוכטער איד! — האָט ארטהור מיט צאָרן אויסגערופען — ער האָט מיט זיין ביטערער פאלשקייט אין גאנצען באאיינפלוסט דעם קעניג, און אזוי לאנג ווי ער איז זיין הויפט-ראטהגעבער און מיניסטער, איז פאראן זעהר ווינציג האָפענונג, אז דער קעניג זאָל נאָכ-געבען די גערעכטע פאָדערונגען פון דעם טעמפעל אָרדער.

— יעצט בעט איך דיך, גיב מיר אן עצה וואָס צו טהאָן! — האָט רודאָלף זיך אָפגערופען צו ארטהור'ן. — דארפען מיר דען דערלאָזען, אז צוליעב אידען זאָל פון אונזער גאנצער האָפענונג צו ווערען א שטארקערער און גרעסערער טעמפעל אָרדען, זאָל גאָרנישט ווערען? און ווער נאָך ווי דו ווייסט, אז מיר האָבען פולען רעכט צו דער גאנצער טעריטאָריע פון אראגאָניען? דער פריהערדיגער קעניג האָט אונז דאָס גאנצע לאנד איבער-געגעבען. מיר האָבען א רעכט אוועקצונעהמען דאָס לאנד מיט דעם שווערד, און איך מוז דיר זאָגען, אז די מאכט פון די טעמפעל ריטער איז נאָך גענוג שטארק. אלע איבערגעגעבענע טעמפעל-ריטער וואָלטען אין קאמף ארויס-געגאנגען, ווען דער גרויסמייסטער וואָלט זיי באפוילען. אבער מיר ווילען אויסמיידען א מלחמה מיט א קריסטליכען קעניג. מיר מוזען מיט פאראיי-ניגטע כוחות קעמפפען געגען די אומגלויביגע! פיללייכט קענסטו מיר רא-

טהען וואָס צו טהאָן און אויב דיין עצה וועט זיין גוט וועל איך עס איבערגעבען דעם גרויסמייסטער און ער וועט דיר געוויס באַשטימען פאַר דעם הערשער פון אָרגאַניען.

— מיין איינציגע עצה איז! — האָט אַרטהור זיך אָפּגערופען — צו זעהן פאַרהאַנדלען מיט יהודה הלוי'ן.

מיט דעם פאַרפלוכטען אידען! — האָט ער אויסגערופען — ווי אַזוי וועל איך קענען פאַרהאַנדלען מיט איינעם, וועלכער איז פאַרשאָלטען פון גאָט? יע, איך האָב גלייך געוואוסט, אַז מיר וועלען ניט באַגליקען . . . און אין דעם איז אויך שולדיג אַ איד!

— וועלכער איד? — האָט איהם אַרטהור געפרעגט.

— ווען מיר זיינען געוועז אויפ'ן וועג נאָך טאָלעדאָ, איז אין אונזערע הענט אַריינגעפאַלען אַ אידישער בעטלער . . . מיר זיינען שוין געוועז גרייט איהם לעבעדיגערהייט צו פאַרברענען, איז צו אונזער אומגליק אָנגעקומען אַ גלח און אַ יונגער מאַן, אַ זוהן פון אַ פירשט און זיי האָבען דעם פאַרפלוכטען אידען גערעטעט פון אונזערע הענט. און דאַן האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז מיר וועלען ניט באַגליקען אין אונזער אונטערנעהמונג צוליעב אַ אידען! . . . יע, עס איז זעהר שווער פאַר מיר זיך צוריקצוקעהרען מיט לעדיגען צו דעם גרויסמייסטער, און איך בין זיך מודה, אַז ווען איך זאָל וויסען, אַז מיט מיין פאַרהאַנדלען מיט דעם אידען וועל איך עפּעס אויפטהאָן, וואָלט איך שוין ווי עס איז פאַרבויגען מיין שטאָלץ און פאַרהאַנדעלט מיט יהודה הלוי'ן.

— איך בין איבערצייגט, אַז אפילו ווען דו וועסט פאַרהאַנדלען מיט איהם וועסטו גאָרניט אויספיהרען! — האָט אַרטהור איהם געזאָגט — איך וויים, אַז עס איז געגען זיינע אינטערעסען, אַז דער הייליגער אָרדען זאָל זיך באַפעסטיגען אין שפּאַניען. און אויסער דעם, וואָלט ער ניט וועלען, אַז די מלוכה פון זיין גוטען פריינד און אונטערשטיצער, אַלפאָנז דער אַכטער, זאָל קלענער ווערען . . . ער איז דעם קעניג געטריי, ווייל ער שיצט אַלע זיינע ברידער, די אידען פון שפּאַניען!

— אויב אַזוי, האָב איך שוין גאָר ניט וואָס צו טראַכטען וועגען דעם — האָט רודאָלף געזאָגט — איך וועל זיך מוזען צוריקקעהרען מיט לעידיגען.

— דער איינציגער וועג איז דורך צוואַנג — האָט אַרטהור געזאָגט.

— וואָלסטו אונז געראַטהען אָנצופאַנגען אַ מלחמה געגען דעם קריסטליכען קעניג פון שפּאַניען?

— אָה, ניין! ניט דאָס מיין איך — האָט אַרטהור זיך אָפּגערופען — דורך אַ מלחמה וועט מען גאָר ניט אויספיהרען. דער קעניג פון שפּאַניען איז גענוג שטאַרק, און דערצו איז ער באַפריינדעט מיט די פירשטען פון אַרום און זיי וואָלטען איהם געקומען צו הילף. ניין, ניט דאָס ראָטה איך דיר. איך מיין, אַז מען דאַרף אָנווענדען צוואַנגס-מיטלען געגען יהודה הלוי'ן.

— צוואַנגס-מיטלען ? ווי אַזוי קענען מיר דאָס טהאָן ? — האָט רו־דאָלף איהם געפרעגט.

— עס זיינען פאַראַן פאַרשיעדענע וועגען ! — האָט אַרטהור געענט־פערט — אָבער איין זאַך איז זיכער, אַז ווען מען וואָלט געקענט אַנווענדען אויף איהם צוואַנגס-מיטלען וואָלט דער טעמפּעל אָרדען געקראָגען וואָס ער פאַרלאַנגט ! איין וואָרט פון יהודה הלוי'ן און דער קעניג וואָלט אָראַגאָניען איבערגעגעבען אין דעם רשות פון טעמפּעל אָרדען.

— אויב דו וועסט אונז זאָגען, ווי אַזוי דאָס דורכצופיהרען, וועלען מיר דיר זעהר דאַנקבאַר זיין !

— יהודה הלוי האָט איין-איינציגע טאָכטער, אויף וועלכער מען זאָגט, אַז זי איז אַ זעלטענע שעהנהייט און זי איז איהם טייערער פון זיין אייגען לעבען . . . דורך איהר קען מען אַלעס אויספיהרען.

— איך פאַרשטעהע אָבער ניט וואָס דו מיינסט ? — האָט רודאָלף גע־צויגען מיט זיינע אַקסלען — וועט זי דען וועלען באַאיינפלוסען איהר פאָ־טער פון אונזערטוועגען ? ווער ווייסט צי זי וועט וועלען צוהערען זיך צו אונזערע רייד ?

— איך זעה, אַז דו פאַרשטעהסט מיך נאָך אַלץ ניט — האָט אַרטהור אַ שמייכעל געטהאָן. — עס איז פאַראַן איין וועג, און דאָס איז, צו פאַנגען זיין טאָכטער און איהם דראָהען, אַז אויב ער וועט ניט פועל'ן ביים קעניג ער זאָל אָפּגעבען אָראַגאָניען צו די טעמפּעל-ריטער, דאַן וועט ער זיין טאָכ־טער ניט צוריקקריגען קיין לעבעדיגע ! יע, דאָס איז דער איינציגער מיטעל און איך בין זיכער, אַז דאָס וועט העלפען. יהודה הלוי וועט אַנווענדען אַלע זיינע כוחות דער קעניג זאָל ערפילען אייער פאַרלאַנג.

— און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט דערצעהלען דעם קעניג, אַז ער איז עס געצוואונגען צו טהאָן ?

— וועט מען איהם דאַרפען וואָרענען, אַז ער זאָל עס ניט טהאָן ! אויסער דעם וועט ער דאָך אַליין זיין פאַראינטערעסירט, אַז דער קעניג זאָל אָפּגעבען אָראַגאָניען צום אָרדען, כדי צו רעטען זיין טאָכטער. און אַזוי שנעל ווי דער קעניג וועט אונטערשרייבען די פּאַפּירען, וועט מען שוין מעהר ניט דאַרפען מורא האָבען . . . און ער וועט זיכער קיינמאָל דעם קעניג פון דעם ניט דערצעהלען, ווייל ער וועט ניט וועלען איהם אַרויסצייגען, אַז דאָס האָט ער איהם באַאיינפלוסט צוליעב זיין אייגען נוצען.

— דאָס איז זעהר אַ גוטע עצה ! אָבער ווי אַזוי קען מען דאָס דורכ־פיהרען ? — האָט רודאָלף געפרעגט..

— איך גיבען וועט מיין שוועסטער, די קעניגין פון שפּאַניען פייערען איהר געבורטסטאָג. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט איינלאַדען צו דער פייערונג אויך די טאָכטער פון יהודה הלוי. איך וועל דיך דאָרטען מיט איהר באַפריינדען און זיך אָנבאָטען זי צו באַגלייטען אַהיים. אויף דעם וועג צו איהר הויז וועסטו מיט אייניגע פון דיינע טעמפּעל-ריטער אָנקומען אונז ענטקעגען, דו וועסט אונז עפּעס פרעגען און צווישען אונז וועט אַרויסקומען

א קריעג און דאַן זאָלסטו מיט געוואַלט זי אַוועקנעהמען פון מיר . . . דו וועסט זי נעהמען געפאַנגען.

— און טאָמער וועט זי האָבען אַן אַנדער באַגלייטער? — האָט רו־דאָלף איהם געפרעגט.

— זי איז נאָך צו קיינעם ניט פאַר׳קנס׳ט. און אויב איהר קאַמער־מיידעל וועט זי באַגלייטען, וועל איך שוין ארויסגעהן פאַראויס און דיר גע־בען דעם צייכען, דאַן וועסטו זי נעהמען געפאַנגען צוזאַמען מיט איהר קאַ־מער־מיידעל..

— און וואו זאָלען מיר זיי האַלטען?

— הינטער דער שטאָדט געפינט זיך אַ קלויסטער. דאָרטען האָב איך אַ גוטען פריינד, אַ מאָנאַך. איך וועל צו איהם אַוועקגעהן און אַלעס ער־קלעהרען און ער וועט דיר שוין באַהילפיג זיין, דו וועסט זיך שוין אויף איהם קענען פאַרלאָזען . . . ער אַליין איז אויך זעהר פאַראינטערעסירט, אַז דער טעמפעל אָרדען זאָל זיך באַפעסטיגען אין שפאַניען און ער וועט טהאָן אַלעס וואָס ער וועט קענען . . . ער וועט שוין געפינען פאַרטרוי־ענסווערטהע מענשען, וועלכע וועלען פיהרען די פאַרהאַנדלונגען מיט יהודה הלוי׳ן, און ער וועט זעהן, אַז מען זאָל קיינמאָל ניט אויסגעפינען ווער עס האָט זי גענומען געפאַנגען.

— דיין פּלאַן איז זעהר אַ גוטער און איך שווער דיר ביי דעם הייליגען נאָמען פון יעזוס׳ן, אַז ווען מיר וועלען זיין ערפאָלגרייך, וועל איך זיין דער ערשטער דיך צו רעקאָמענדירען, דו זאָלסט באַשטימט ווערען פאַר דעם הערשער פון אָרגאַניען! — האָט רודאָלף געזאָגט.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר — האָט אַרטהור אַ שמייכעל געטהאָן — דורך דעם וועלען מיר דערגרייכען נאָך אַ ציעל, און דאָס איז, אַז שפּעטער, ווען אָראַגאָניען וועט זיין אין די הענט פון דעם טעמפעל אָרדען, וועט מען דעם קעניג קענען אָנדייטען, אַז יהודה הלוי האָט איהם פאַררעטהען צוליעב זיינע אייגענען נוצען און דאַן וועט דער קעניג איהם אין גאַנצען דער־ווייטערען.

— דאָס וואָלט זיין זעהר אַ גרויסער אויפטו. מיר טאָרען ניט דער־לאָזען, אַז אַ איד זאָל זיין דער הויפט בעל יועץ פון אַ קריסטליכען קעניג — האָט רודאָלף געדריקט זיין האַנט. — איך זעה, אַז דו ביזט דער איינ־ציגער געטרייער און איבערגעבענער פריינד פון דעם הייליגען טעמפעל אָרדען . . . אָבער איך האָב מורא, אַז עס וועט זיין זעהר אַ שווערע און ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג. איך וועל עס מוזען האַלטען בסוד אפילו פון מיינע אייגענע טעמפעל־ריטער, און דו וועסט מיר מוזען העלפען זי צו פאַנגען.

— ניין, דאָס וועל איך ניט קענען! — האָט אַרטהור זיך אָפּגערופען — איך וויל ניט, אַז אימיצער זאָל וויסען, אַז איך בין אין דעם פאַרמישט. און וויבאַלד אַז דו וועסט זי נאָכהער דאַרפען באַפרייען וועט זי אַלעמען דערצעהלען, אַז איך בין אין דעם שולדיג, און דאָס וועט מיר זעהר פיעל שאַדען. דעריבער דאַרפסטו האָבען מיט זיך אַ צווייטען, וועלכער זאָל דיר

העלפֿען. אויב איך וועל זי באַגלייטען, וועל איך דאָך דאַרפֿען אַרויסצייגען, אַז איך קעמפֿ פֿאַר איהר. אָבער עס וועט הייסען, אַז איך אַליין האָב גאָר ניט געקענט אויפֿטהאָן געגען צוויי.

קאַפּיטעל פֿיער

ווען אברהם אבן עזרא האָט זיך צוריקגעקעהרט אין טאָלעדאָ, איז שוין דער אָוונד צוגעפֿאַלען. ער איז אַריין אין שטאָדט רייטענדיג אויף דעם טהייערען פֿערד און געווען אָנגעטאָן אין די רייכע קליידער, וואָס יאָהאַן האָט איהם געגעבען. ער איז געווען אָרומגעשאָרען און אָרומגעוואַשען, און ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ זוהן פֿון אַ פּירשט.

אברהם אבן עזרא'ס עלטערען זיינען געשטאָרבען אין גרויס אָרימקייט נאָך מיט אייניגע יאָהר צוריק, און זינט דאַן האָט ער געגומען אָרומוואַנדערען אַזוי, אַז מען זאָל איהם נישט דערקענען, ווייל ווען ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען איז ער שוין באַריהמט געווען אין גאַנץ שפּאַניען פֿאַר זיינע וואונדערבאַרע ליעדער, פֿאַר זיין חכמה און געלערענטקייט, און ווען מען פֿלעגט איהם דערקענען, פֿלעגט מען איהם זעהר פֿיעל כבוד אָפּגעבען, אי־בערהויפּט אין זיין געבורטסשטאָדט טאָלעדאָ. ער האָט געוואָלט זיין פֿריי, ער זאָל ניט דאַרפֿען פֿאַר קיינעם דערצעהלען וואוהין ער געהט און וואָס איז דער צוועק פֿון זיין אָרומוואַנדערען. נאָך איידער רבי יהודה הלוי האָט זיך באַזעצט אין טאָלעדאָ, האָט שוין אברהם אבן עזרא געגומען אָרומוואַנ־דערען, און ווען ער פֿלעגט פֿאַרברייינגען אַ קורצע צייט אין זיין געבורטס־שטאָדט פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלען ביי זיין אַלטען אָרימען פֿעטער, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ זייטיגע געסעל. קיינער פֿלעגט ניט וויסען אויב דאָס איז אברהם, ווייל ער פֿלעגט זעלטען אַרויס אין גאַס בייטאָג, און דערצו נאָך פֿלעגט ער געהן אָנגעטהאָן זעהר אָרים און עס איז קיינעם גאָר ניט איינגעפֿאַלען, אַז אונטער די שמאַטעס געפֿינט זיך אַ נאָבעלער געלערענ־טער מאַן מיט אַ צאַרטער דיכטערישער נשמה . . . זייענדיג אין וועג פֿלעגט ער ציהען זיין חיונה פֿון דעם וואָס ער פֿלעגט פֿאַרקויפֿען מזוזות, וואָס ער פֿלעגט אַליין אָנשרייבען אויף פּאַרמעט. ער האָט זיך באַנוגענט מיט וואָס ער האָט געהאַט.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די ריטער פֿון טעמפּעל אָרדען קומען אַן פֿאַרהאַנדלען מיט דעם קעניג וועגען דעם, אַז די קרייץ־טרעגער זאָלען זיך באַפֿעסטיגען אין שפּאַניען, האָט ער געוואוסט, אַז פֿון דעם וועט קיין גוטעס ניט אַרויסקומען צו די אידען. ער האָט דעריבער באַשלאָסען זיך צו פֿאַרשטעלען פֿאַר אַ בעטלער און געהן אויף דעם זעלבען וועג פֿון וואַנען די טעמפּעל־ריטער דאַרפֿען אָנקומען. און ווען ער האָט פֿון דער ווייטען דערזעהן ווי די טעמפּעל־ריטער האָבען זיך אָפּגעשטעלט, איז ער אַהין צו־געגאַנגען זעהר פֿאָרזיכטיג און זיך געלעגט אונטער אַ בוים, ניט ווייט פֿון

זיי, כדי ער זאָל קענען הערען אַלעס וואָס זיי ריידען. וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט, איז דאָך אונז שוין באַוואוסט. יעצט האָט אברהם אבן עזרא געוואָלט צו וויסען לאָזען יהודה הלוי'ן וועגען דעם געפאַהר וואָס דראָהעט די אידען פון שפּאַניען, אויב דער קעניג וועט נאָכגעבען דעם פּאַרלאַנג פון טעמפּעל אָרדען.

ביז יענער צייט פּלעגט זיך אברהם צונויפשרייבען מיט יהודה הלוי'ן, ער פּלעגט דורך אַ שליח שיקען איהם זיינע לידער און אַנדערע חבורים און יהודה הלוי פּלעגט איהם אויך ענטפערען שריפטליך. ער פּלעגט אויסדריקען זיין מיינונג וועגען דעם, אָבער עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די צוויי גרויסע דיכטער און געלערנטע, רבי יהודה הלוי און דער פּיעל אינגערער אברהם אבן עזרא האָבען זיך קיינמאָל ניט געטראָפען פּערזענליך.

אברהם אבן עזרא האָט צוגעריטען צו זיין פעטער'ס הויז און דאָרטען זיך אָפּגעשטעלט. זיין פעטער האָט איהם ניט דערקענט, און ווען ער האָט דערזעהן אַ רייך גקליידעטען יונגען מאַן קומט צו צו זיין הויז רייטענדיג, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און זיך אַ נייג געטהאָן און מיט אַ ציטערענדע שטימע אויסגערופען:

— מיט וואָס, מיין הער, קען איך אייך דיענען.

— פּעטער, דו דערקענסט מיך ניט? ! — האָט זיך אברהם פּאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָה, דאָס ביזטו, אברהם! — האָט ער אויסגערופען מיט ערשטוינונג — ווי אַזוי קומסטו צו אַ פּערד און אַזעלכע קליידער?

— דאָס וועל איך דיר אַלעס שפּעטער דערקלעהרען! — האָט אברהם געזאָגט. — יעצט האָב איך זעהר וויכטיגער צו טהאָן. איך מוז שרייבען אַ בריעף צו יהודה הלוי'ן און דעם בריעף מוז ער נאָך היינט ביינאַכט באַקומען. קענסטו פאַר מיר קריגען אַ שליח?

— דער יונג, וועלכער אַרבייט ביי מיר! — האָט דער פּעטער געזאָגט.
— ער איז שוין געגאַנגען שלאָפען, אָבער איך וועל איהם אויפוועקען. אָבער זאָג מיר, אברהם, אויב די זאַך איז אַזוי וויכטיג, פאַרוואָס זאָלסטו אַליין ניט אַריבערגעהן צו איהם? דו ווייסט דאָך ווי צופריעדען ער וועט זיין ווען ער וועט דיך דערזעהן, און וועט דיך זעהר פיין אויפנעהמען.

— ניין, פּעטער, איך טאָר אַליין זיך ניט באַווייזען אין זיין הויז. קיינער טאָר מיר דאָרטען ניט באַמערקען. באַלד, ווען איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען, וועסטו עס פאַרשטעהן. דערווייל מוז איך זיך איילען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען פאָלגענדען בריעף צו יהודה הלוי'ן:

„דיזע ציילען שרייבט דיר דיין אומבאַקאַנטער פריינד און תלמיד אברהם אבן עזרא. צופעליג האָב איך אויפ'ן וועג געטראָפען די טעמפּעל-ריטער פון דעם טעמפּעל אָרדען. זיי זיינען שלוחים צום קעניג. זיי פּלאַנעווען זיך צו באַפעסטיגען די קרייצטרעגער אין שפּאַניען אויב דער קעניג וועט נאָכגעבען זייער

פאַרלאַנג. זיי האָפען דורך דעם שלעכטעס צו טהאָן אונזערע ברידער אין שפּאַניען, און אויך דיר, דעם קעניג׳ס מיניסטער זוכען זיי צו טהאָן שאדען. דעריבער שיק איך דיר אָנזאָגען, אַז דו זאָלסט וויסען וואָס צו טהאָן, און וועלכע ריכטונג צו באַ־איינפלוסען דעם קעניג, אַזוי אַז עס זאָל קיין בייזעס ניט אַרויס־קומען פאַר די אידען אין שפּאַניען. די טעמפּעל־ריטער האָבען מיך דערזעהן און זיי האָבען מיך געוואָלט טויטען, איך זאָל זיין זייער ערשטער אידישער קרבן, אָבער דער אַלמעכטיגער גאָט האָט מיך דורך אַ נס גערעטעט. דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַ־לענסיע און זיין אַלטער גלח האָבען מיך פון זייערע הענט גע־רעטעט. און ווי באַלד אַז זיי האָבען מיך געזעהן, איז ראַטהזאַם אַז איך זאָל זיך יעצט ניט באַווייזען אין דיין הויז כדי זיי זאָלען גאָר ניט פאַרדעכטיגען, און דעריבער שיק איך דיר דיעזע צייל׳ען דורך אַ שליח.

אברהם אבן עזרא.״

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן שרייבען, איז שוין דער יונג גע־ווען גרייט. אברהם האָט איהם איבערגעגעבען דעם פאַרמאַכטען בריעף און איהם געהייסען איבערגעבען אין די הענט פון יהודה הלוי׳ן.

— ווען מען וועט דיך פרעגען ווער עס האָט דיר געגעבען דעם בריעף און וואו ער געפינט זיך, זאָלסטו זאָגען, אַז דו ווייסט ניט. דו האָסט עס פון איינעם אין גאַס געקראָגען.

דער יונג האָט איהם פאַרשפּראָכען אַזוי צו טהאָן און נעהמענדיג דעם בריעף פון איהם איז ער שנעל אַוועק צו דער וואָהנונג פון יהודה הלוי. דאָרטען האָט מען איהם געזאָגט, אַז ער איז נאָך ניט געקומען אהיים פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ.

דער יונג האָט געוואַרט אין גאַסט־צימער. באַלד איז אַריין אַהין אַ יונגע בילד־שעהנע מיידעל און זיך אָנגערופען:

— איך בין די טאָכטער פון יהודה הלוי. דו קענסט מיר איבערגעבען דעם בריעף און איך וועל שוין זעהן אַז מיין פאָטער זאָל עס קריגען אַזוי שנעל ווי ער וועט צוריק קומען.

דער יונג איז געבליבען אין אַ פאַרלעגענהייט. ער האָט אַ ווייל׳ע גע־צעגערט. ער איז ביי זיך ניט געווען זיכער אַז דער וועלכער האָט איהם געשיקט מיט׳ן בריעף, וואָלט צוגעשטימט אַז מען זאָל עס איבערגעבען זיין טאָכטער. אָבער ווען דער בליק פון דער וואונדערשעהנער מיידעל איז אויף איהם געפאַלען, האָט ער שוין לאַנג ניט געטראַכט און איהר איבערגעגעבען דעם בריעף.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט האָט ער דערצעהלט אברהם׳ען, אַז יהודה הלוי איז צו הויז ניט געווען און ער האָט איבערגעגעבען דעם בריעף צו זיין טאָכטער.

האָב איך דיר דען ניט אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט קיינעם אויסער יהודה

הלוי׳ן דעם בריעף ניט איבערגעבען — איז שוין אברהם אבן עזרא אין כעס געוואָרען, — ווער ווייסט אין וועמעס הענט עס איז אריינגעפאַלען און דאָס וועט נאָך ברייגגען אַן אומגליק אויף אונז אַלעמען.

— זיין טאָכטער האָט מיר פאַרשפּראָכען אַז זי וועט דעם בריעף איבערגעבען דעם פאָטער אין די הענט.

— פון וואַנען ביזטו זיכער, אַז זי איז געווען זיין טאָכטער?

— זי איז געווען אַזוי שעהן, איידעל און צאַרט, אַז עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען אַז זי איז זיין טאָכטער, בפרט אַז זי אַליין האָט עס מיר געזאָגט.

דאָך איז אברהם אבן עזרא זעהר אומרואיג געוואָרען. ער וועט זיך מוזען איבערצייגען אַז יהודה הלוי האָט דעם בריעף געקראָגען, און טאָמער ניט, וועט ער מוזען זיך אַליין זעהן מיט איהם, כאָטש די געפאַהר אַז מען זאָל זיך דערוויסען דאָס ער האָט באַזוכט יהודה הלוי׳ן איז גרויס, און עס קען נאָך ברייגגען מעהר שאָדען.

ער האָט באַשלאָסען אַוועקצוגעהן צו דעם פּלאַץ וואו יהודה הלוי׳ס הויז איז געשטאַנען און ווי ווייט מעגליך באָאָבאַכטען פון ווייטען ווען יהודה הלוי קומט.

ער האָט זיין פעטער גאָר ניט געזאָגט וועגען דעם. ער איז אַוועק אַהין. עס איז געווען אַ טונקעלע נאַכט. גאַנץ שפּעט. אברהם האָט זיך דערנעהענטערט צו יהודה הלוי׳ס הויז. ער האָט באַמערקט אַז דאָרטען איז ליכטיג. אַ היבשעווײלע איז ער געשטאַנען באַהאַלטען ערגיץ וואו. דאַן האָט ער באַמערקט אַ קאַרעטע דערנעהנטערענדיג זיך. פון דער ליכטיגקייט וואָס האָט אָפּגעשלאָגען פון הויז, האָט ער באַמערקט יהודה הלוי׳ן מיט נאָך איינעם, וועלכער איז געווים געווען דער קוטשער. ער האָט געזעהן ווי יהודה הלוי געהט אריין צו זיך אין הויז, און דער קוטשער פיהרט אריין די קאַרעטע אין שטאַהל.

דורך אַ זייטיגען הויף, איז אברהם צוגעקומען פון דער צווייטער זייט פון הויז. ער האָט ארויפגעקלעטערט אויף איינעם פון די ביימער און אריינגעקוקט אין הויז צו זעהן אויב דאָרט געפינט זיך אימיצער. אָט זעהט ער דעם שרייב צימער פון דעם גרעסטען אידישען דיכטער און פילאָזאָף, דאָרט ברענט אַ לאָמפּ און עס איז גאַנץ ליכטיג. ער באַמערקט ווי יהודה הלוי קומט אריין, זעצט זיך אַוועק ביי זיין שרייב טיש, נעהמט די פעדער אין האַנט. באַלד עפענט זיך די טיהר און אַ יונג מיידעל קומט אריין.

זי איז אַזוי באַצויבערענד שעהן. איהרע אויגען לייכטען ווי די שטערען. ער האָט זעהר פיעל געהערט פון יהודה הלוי׳ס טאָכטער, אַז זי איז אַ זעלטענע שעהנהייט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אַז זי איז אַזוי שעהן. ער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט געקענט אַראָפּנעהמען. ער זעהט ווי זי נעהמט אַרום איהר פאָטער און קושט איהם, דאַן דערלאַנגט זי איהם דעם בריעף. זי רעדט ערנסט מיט איהם. יהודה הלוי עפענט שנעל אויף דעם בריעף. ער לייענט איהם דורך, ער ציגט ארויס סימנים פון אומרוהיגקייט און שטוינונג. ער ציהט מיט די אַקסלען. זיין

טאָכטער קושט איהם ווידער. זי פרעגט איהם עפּעס. ער צייגט איהר דעם בריעף. זי לעזט איהם. אברהם אבן עזרא'ס הארץ האָט שטארק געקלאפּט. יעצט, אז ער איז זיכער אז יהודה הלוי האָט זיין בריעף ערהאַלטען קען ער שוין געהן צוריק. אָבער עס איז איהם שווער געוועזען אוועקצורייסען זיך פון דאָרטען . . . זי האָט איהם באַצויבערט מיט איהר שעהנקייט. ער קען דאָך איצט האָבען אַ גוטען אויסרייד . . . ער קען אריינקומען. קיינער אויסער יהודה הלוי און זיין טאָכטער געפינען זיך ניט דאָרטען . . . אָבער ניין! ער וועט עס ניט טהאָן. ער מוז גלייך פון דאַנען אוועק. ער האָט שוין מעהר קיין אורזאַך ניט צו בלייבען דאָ שטעהן און אריינקוקען אין יענעמ'ס הויז. שנעל איז ער ארונטער פון בוים און מיט גרויס פּאָרזיכ־טיגקייט איז ער ארויס פון הויף און זיך צוריקגעקעהרט צו זיין פעטער'ס הויז.

ווען יהודה הלוי האָט דורכגעלייענט דעם בריעף, איז ער זעהר אומרו־היג געוואָרען. ער האָט ארומגעשפּרייזט אין צימער הין און צוריק.

זיין איינציגע טאָכטער, הדסה, האָט גלייך באַמערקט זיין אומרוהיג־קייט און נערוועזיטעט און זי איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געקושט און געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט.

— דיעזער בריעף קומט פון דעם יונגען דיכטער און געלערנטען אברהם אבן עזרא — האָט ער איהר געזאָגט און געגעבען איהר דעם בריעף.

הדסה האָט איהם דורכגעלעזען און געקוקט אויף איהר פאָטער ווי זי וואָלט וועלען הערען אַן ערקלעהרונג וועגען דעם.

— אברהם אבן עזרא איז איינער פון די גרעסטע מענשען וואָס דאָס שפּאַנישע יודענטהום האָט פּראָדוצירט — האָט ער איהר געזאָגט — ניט נאָר איז ער גרויס אין חכמה און געלערנטקייט, נאָר ער איז אימער גרייט איינצושטעלען זיין לעבען אין סכנה צו רעטען די אידען. ער פאראייניגט אין זיך תורה און חכמה און העלדישקייט. צום באַדויערען האָב איך איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, ווייל ווי איך פאַרשטעהע איז ער אַ גרויסער עניו און איז זעהר באשיידען . . . יעצט געפינט ער זיך אין טאָלעדאָ, אָבער לויט זיין בריעף וועט ער בעסער אויב ער וועט זיך מיט מיר ניט זעהן פּערזענליך.

— אָבער, פאָטער, וואָס מיינט ער, אז די טעמפּעל־ריטער ווילען קו־מען אהער אין שפּאַניען שלעכטעס צו טהאָן די אידען? — האָט הדסה איהם געפרעגט.

— אזוי האָט טאַקי היינט פּאַסירט! — האָט יהודה הלוי געזאָגט. — צום קעניג זיינען היינט געקומען די פאָרשטעהער פון די טעמפּעל־ריטער און האָבען אין נאָמען פון זייער גרויסמייסטער געפאָדערט, אז ער זאָל אָפּ־געבען דאָס גאַנצע לאַנד פון אראַגאָניען צו זיי, כדי זיי זאָלען אריינשטעלען אַ פוס אויך אין שפּאַניען און זיך דאָרטען באַפעסטיגען.

— און וואָס האָט דער קעניג געענטפערט? — האָט הדסה געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

— הם . . . ער האָט זיי ענטזאגט . . . אָבער ווער ווייסט . . . — האָט יהודה הלוי נאָך אַמאָל באַטראַכט דעם בריעף און גענומען אַרומשפּרייזען הין און צוריק איבער'ן צימער.

— וואָס, איז נאָך דען פאַראַן אַ צווייפעל?

— אין פּאַלאַץ געפינט זיך אַ יונגער מיניסטער, זיין נאָמען איז אַר־טהור. און ווי עס ווייזט אויס, איז ער ניט קיין גרויסער ליעבהאָבער פון די אידען, און אויך ניט איבעריגס פריינדליך צו מיר. ער איז דעם קעניג'ס שוואָגער און דורך דעם איז ער דערהויבען געוואָרען צו זיין אַ מיניסטער... און ווי איך פאַרשטעה, איז ער פריינדליך געניגט צו די טעמפּעל־ריטער. ער האָט פּרובירט זיך אַריינמישען פאַר זייער טובה וועגען אָבער דער קעניג האָט די גאַנצע זאַך איבערגעגעבען אין מיינע הענט . . . ער האָט די טעמפּעל־ריטער געזאָגט, אַז זיי וועלען דאַרפען פאַרהאַנדלען מיט מיר, און ווי מיר וועלען דורכקומען וועט ער זיין צופרידען. און פריהער איידער דיזער בריעף איז מיר געקומען האָב איך גערעכענט אויף אַ פּשרה . . . יעצט אָבער, איז די זאַך אינגאַנצען אַנדערש . . . איך זעה זייער כונה . . . און איך וועל זעהן אַז זיי זאָלען זיך מיט לעדיגען אומקעהרען צו זייער גרויס־מייסטער . . . יע, אברהם אבן עזרא'ס בריעף איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט, ער האָט זעהר פיעל אויפגעטהאָן. יעצט פאַרשטעה איך פאַר־וואָס ער וואַנדערט אַרום . . . ער וויל שטענדיג האַלטען זיינע אויערען און אויגען אָפען צו אַלעם וואָס קומט פאָר, כדי צו קענען ברייננגען נוצען אונ־זער פאָלק . . . אָה, ווי נייגעריג איך בין איהם צו זעהן און צו פאַרבריינ־גען מיט איהם. האָסטו דען נישט געפרעגט דעם יונג, וועלכער האָט דיר דעם בריעף איבערגעגעבען, וואו ער געפינט זיך?

— איך האָב באַמאַרקט, אַז ער צעגערט און וויל קיין סך ניט ריידען, האָב איך איהם ניט געוואָלט שטעלען אין פאַרלעגענהייט.

— איך וועל זיך מוזען מיט איהם זעהן! — האָט יהודה הלוי געזאָגט.

— אָבער פריהער מוז איך ערלעדיגען די פאַרהאַנדלונגען מיט די טעמפּעל־ריטער. קיינער טאָר ניט אויסגעפינען, אַז איך האָב זיך מיט אברהם אבן עזרא געזעהן אָדער איך בין באַאיינפלוסט געוואָרען פון איהם . . .. נאָכדעם ווי זיי וועלען פאַרלאָזען שפּאַניען, וועל איך מאַכען אַ פאַרזוך איהם אויפ־צוזוכען און דאַן וועט אונזער פריינדשאַפט פאַרשטאַרקט ווערען. ער וועט קומען צו מיר אין הויז און מיר וועלען פאַרברייננגען . . . ווייל אין גאַנץ שפּאַניען איז ניט צו געפינען אַזאַ יונגען מאַן וועלכער באַזיצט אַזוי פיל חכמה און וויסענשאַפט.

אַ לייכטע רויטקייט האָט באַדעקט הדסה'ס פּנים ווען איהר פאָטער האָט גערעדט פון אבן עזרא'ן. זי האָט אויך זעהר פיעל געהערט פון איהם. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער מוז זיין שעהן, איידעל און בראַוו . . . זי איז געוועזן זעהר גערען איהם צו זעהן און זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט ווע־רען אַן אָפטער אַריינגעהער אין איהר פאָטער'ס הויז.

— פאָטער! — האָט זיך הדסה פּלוצים אָפּגערופן מיט א פרעהליכע שטימע — די קעניגין האָט מיר היינט געשיקט אן איינלאַדונג צו איהר געבורטס-טאָג, וואָס וועט אין איינינע טעג אַרום געפייערט ווערען . . . אָה, איך בין אַזוי נערוועאיש . . . דאָס וועט דאָך זיין דאָס ערשטע מאָל, אַז איך קום אין פּאַלאַץ צו דער קעניגין. איך קען ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס זי האָט מיך איינגעלאַדען, אין דער צייט, ווען זי האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

— די גוטע קעניגין האָט פון דיר פיעלעס געהערט, מיין טאָכטער! — האָט ער זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל — זי האָט מיר שוין איינינע מאָל אַנגעבאָטען איך זאָל דיר מיטנעהמען, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז די לעצטע צייט האָט אַזוי פיעל פּאַסירט און איך בין געווען זעהר פאַרנומען. יעצט בין איך זעהר צופרידען, אַז זי האָט דיך איינגעלאַדען. איך בין זיכער, אַז דו וועסט איהר פריינדשאַפט געווינען. זי איז זעהר גוטהערציג און נאָבעל, פּונקט פאַרקעהרט ווי איהר ברודער אַרטהור. יעצט זאָג מיר מיין טאָכטער, האָסטו שוין א פּרעכטיגע קלייד פאַ דיזער געלעגענהייט.

— די מוטער האָט שוין וועגען דעם געזאָרגט — האָט הדסה געענטפערט. — אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך דערוואוסט פון דער איינלאַדונג, האָט זי געשיקט רופען די שניידערין און זי האָט אָראָפּגענומען א מאָס. זי וועט די קלייד פאַרטיג האָבען מיט א טאָג פריהער.

— געבענשט זאָל זי זיין, דיין מוטער! — האָט יהודה הלוי געזאָגט און א גליקליכער שמייכעל האָט זיך אויף זיינע ליפּען באַוויזען — זי באַזאָרגט שוין אַלעס. מען קען זיך אויף איהר פאַרלאָזען, אַז די קלייד וואָס זי האָט פאַר דיר באַשטעלט, וועט זיין די שעהנסטע פון אַלע אַנדערע קליידער, וואָס די יונגע פרויען וועלען טראָגען ביי דער קעניגינ'ס פאַרוויילונג.

— די מוטער האָט אויך באַשטעלט צו מאַכען א נייע קלייד פאַר קריסטינע'ן, אונזער דיענסטמיידעל, ווייל זי וועט מיך באַגלייטען הין און צוריק — האָט הדסה געזאָגט. זי האָט געקושט איהר פאָטער און איז געגאַנגען צו איהר שלאָף־צימער.

קאַפּיטעל פינף

הינטער דער שטאָדט טאָלעדאָ איז געשטאַנען אן אַלטער קלויסטער, וואו פיעלע מאָנאַכען פלעגען זיך דאָרטען אויפהאַלטען. יענער קלויסטער האָט געדינט אויך פאַר א פּלאַץ צו הויזען וואַנדערענדע גייסטליכע און אַזוי אָרימע קריסטען, וועלכע פלעגען זוכען אן אָפּרוה אין זייער וואַנדערען. די מאָנאַכען פלעגען אָפּליגען אין קלויסטער טאָג און נאַכט שעפּטשענדיג תפילות און זיך צלמ'ען.

דער עלטסטער פון די מאָנאַכען פּעטרוס, פלעגט צונויפקלייבען געלט פון די רייכע און אנגעזעהענע קריסטען פון טאָלעדאָ און פאַר דעם געלט

פלעגט ער צוגרייטען שפייז פאַר די אָרימע וואַנדערער. און אַז עס פלעגט זיך מאַכען, אַז אַהין פלעגט פאַרבלאָנדזשען ניט קיין קריסט, פלעגט פעטרוס איהם אויך געבען אַ פיינע אויפנאַהמע און יענעם איינרײדען צו ווערען אַ קריסט. און ווען דער וואַנדערער האָט צוגעשטימט און זיך געלאָזט טויפען פלעגט ער איהם מיטגעבען אַ סומע געלט.

פיעלע פון די מאַכמעדאַנער וועלכע פלעגען זיך אָפּשטעלען אין יענעם קלויסטער האָבען זיך געטויפט. עס איז איהם ניט שווער אָנגעקומען דאָס צו טהאָן. אָבער ניט ערפאָלגרייך איז ער געווען מיט די אידען. דאָרט פלעגען די אידען ניט קומען, און ווען דורך אַ צופאַל פלעגט אַ איד אַהין פאַרבלאָנדזשען, האָט ער בשום אופן ניט געקענט איהם איבעררײדען ער זאָל זיך טויפען. ער פלעגט דעם אידען, אויסער „עולם הבא” אויך אָנבאָטען „עולם הזה” און אַ גרויסע סומע געלט, אָבער דורך דער גאַנצער צייט, האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט געלונגען צו טויפען קיין איינציגען אידען און דאָס האָט איהם זעהר פאַרדראָסען.

— די אומגלויביגע אידען זיינען זעהר פאַר'עקשנ'ט — פלעגט ער אויסרײדען זיך זיין הארץ פאַר זיינע פריינד, וועלכע פלעגען איהם אונ־טערשטיצען מיט געלט — דאָמיט אַליין זיינען זיי דאָס פאַרשאָלטענסטע פאָלק פון גאָטעס ערד.

איינער פון פעטרוס'עס גוטע אונטערשטיצער איז געווען ארטהור, דער ברודער פון דער קעניגין. ער פלעגט איהם געבען גרויסע סומען געלט און פלעגט איהם גאַנץ אָפט באַזוכען אין קלויסטער.

פעטרוס פלעגט איהם מיט שטאָלץ דערצעהלען וועגען די צאָהל גע־טויפטע מאַכמעדאַנער און צוגעבען:

— ווען אונז וואָלט זיך אַזוי גרינג איינגעגעבן אָפּצוטויפען די אידען, דאַן וואָלט אונזער זינדיגע וועלט געוואָרען אַ סך בעסער און דער הייליגער קריסטוס וואָלט זיין הימעלשע ברכה אויף אונז אַלעמען געשיקט. יע, ווען די צייט וועט קומען און קיין אומגלויביגע וועלען מעהר ניט עקזיס־טירען אויף דער ערד, אַלע וועלען אנערקענען דעם הייליגען ערלייזער, וועט די וועלט האָבען אַ אַנדער אויסזעהן. גליק און צופרידענהייט וועט הערשען אומעטום. דער הייליגער גייסט וועט שוועבען אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד און די מענשען וועלען געבענשט ווערען.

— אויב די איינגעשפאַרטע אידען זיינען בלינד און ווילען ניט זעהן די ליכטיגקייט, אויב זיי זיינען דום און קענען ניט פאַרשטעהן דעם גרויסען גליק, וואָס זיי שטעהט פאַר, ווען זיי וועלען אונזער גלויבען אָננעהמען — האָט זיך ארטהור אָפּגערופען צו פעטרוס'ן, דאַן דאַרף מען זיי עפענען די אויגען... מען דאַרף זיי געבען צו פאַרשטעהן.

— דאָס טוען מיר דאָך! — האָט פעטרוס געענטפערט — אָבער אונזער מיה איז אומזיסט, וויפיעל געלט איך האָב אָנגעבאָטען אַ אידען, און ער קען זיין דער אָרימסטער וואַנדערער, וועט ער זיך ניט אונטערגעבען.

— איך גלויב אַז מען זאָל פּרובירען איניגע טויפען דורך צוואַנג.

און שפּעטער וועלען זיי דיר נאָך דאַנקבאַר זיין. וואָרום אַזוי שנעל ווי זיי וועלען ווערען קריסטען, וועלען זיי זעהענדיג ווערען און וועלען זיך שעצען גליקליך.

יע, הייליגער פּעטרוס צוליעב דעם בין איך טאַקע צו דיר געקומען. זאָג מיר, געפינט זיך אין דעם קלויסטער אַ פּלאַץ פאַר פרויען, וואו זיי זאָלען קענען אויפגעהאַלטען ווערען.

— יע, באַ דער רעכטער זייט פון אריינגאַנג געפינט זיך אַ הויז וואו פרויען געפינען שוץ. אָן עלטערע פרוי גיט אויף זיי אַכטונג — האָט פּעטרוס געענטפערט — אָבער עס איז שוין אריבער אַ לאַנגע צייט און קיין פרוי איז אַהין ניט געקומען.

— ווען אַ יונגע מיידעל זאָל אַהער געבראַכט ווערען, וואָלט זי געקענט דאָ געהאַלטען ווערען אין זיכערקייט? — האָט ארטהור געפרעגט.

— געוויס! — האָט ער איהם געענטפערט — קיינער וואָלט זי דאָ ניט באַלעסטיגט.

— דאָס ווייס איך! אָבער איך מיין אַז זי זאָל קיין געלעגענהייט ניט האָבען פון דאַנען צו אַנטלויפען ביז וואַנען זי וועט זיך טויפען...

— וועגען דעם קענסטו רוהיג זיין. מען וועט אויף איהר גוט אַכטונג געבען — און זי וועט דאָ געהאַלטען ווערען אַזוי לאַנג ווי דו וועסט וועלען...

— קיינער טאָר אָבער דערפון ניט וויסען, איך מיין אויב זי וועט אַהער געבראַכט ווערען זאָל עס פאַרשטאַנען ווערען, אַז איך בין אין דעם ניט פאַרמישט... איך וועל דיר געבען אַ גרויסע סומע געלט... איינער פון די טעמפּעל ריטער וועט זי אַהער ברענגען. אָבער איך ווייס אַז איך קען זיך אויף דיר פאַרלאָזען... איך קען דיר אויסזאָגען ווער די יונגע מיידעל איז און אויב עס וועט דיר געלינגען צו געווינען איהר נשמה פאַר אונזער רעליגיע, וועט עס פאַררעכענט ווערען פאַר אַ גרויסען אויפטהו, ווייל זי איז אַ טאָכטער פון אַ וויכטיגען מאַן פון טאָלעדאָ.

— און ווער איז פאָטער — האָט פּעטרוס געפרעגט.

— איהר פאָטער איז דער אידישער מיניסטער פון קעניג, זיין נאָמען איז יהודה הלוי.

— אָה, ניין! — האָט זיך פּעטרוס אָפּגערופען מיט שרעק — איך האָב זיך מורא אָנצופאַנגען מיט איהם. איך ווייס אַז ער האָט אַ גרויסען איינפלוס איבער דעם קעניג און ער קען אונז נאָך פיעל שאָדען טהאָן.

— וועגען דעם דאַרפסטו ניט זאָרגען! — האָט ארטהור איהם באַ־רוהיגט — דו פאַרשטעהסט: איינער פון די טעמפּעל ריטער וועט זי נעמען געפאַנגען און זי ברענגען אַהער... און דו דאַרפסט דאָך ניט וויסען ווער זי איז. דו וועסט זי גאַנץ פיין באַהאַנדלען.

— אָבער ווער ווייס וואָס דערפון וועט נאָכהער ארויסקומען! — איז פּעטרוס נאָך אַלץ אומרוהיג געווען פאַרוואָס וויל דער טעמפּעל ריטער זי פאַנגען?

— דו האָסט פון דעם נאָך ניט געהערט! — האָט אַרטהור געזאָגט
— און יעצט איז די צייט געקומען איך זאָל דיר אַלץ דערצעהלען און דו וועסט אונז מוזען אַרויסהעלפען אין דער הייליגער אַרבייט, ווייל דאָס וועט ברענגען פיעל נוצען צו אונזער קירכע.

— פאַר דער הייליגער קירכע בין איך אַלעס גרייט צו טהאָן — האָט פעטרוס זיך אָפּגערופען.

— די טעמפּעל ריטער ווילען זיך באַפעסטיגען אין שפּאַניען און אַזוי ווי זיי האָבען אַ תביעה אויף דעם לאַנד פון אַראַגאָניען, ווייל דער פריהערדיגער קעניג האָט אין זיין צוואה איבערגעגעבען אַראַגאָניען צום אָרדען פון די טעמפּעל ריטער, זיינען דאָס איצט די טעמפּעל ריטער געקומען מאָהנען ביי דעם קעניג. אָבער מיין שוואָגער האָט די גאַנצע אַנגעלעגענהייט איבערגעגעבען אין די הענט פון זיין אידישען מיניסטער יהודה הלוי, דאָס מיינט אַז ער וועט קענען האַנדלען ווי ער וועט ווילען. און עס פאַרשטעהט זיך אַז אַלס איד, וועט ער זיין פאַראינטערעסירט אַז די טעמפּעל ריטער זאָלען זיך אין שפּאַניען ניט באַפעסטיגען, דעריבער איז כמעט ווי זיכער אַז ער וועט ניט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון אָרדען. איך, מיט דעם הויפּט פון די טעמפּעל ריטער, רודאָלף, האָבען זיך דורכגערעדט וועגען דעם און מיר האָבען באַשלאָסען אַז ער זאָל נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון אָרדען געצוואונגענערהייט.

— און ווי אַזוי וועט איהר דאָס קענען באַווייזען? — האָט פעטרוס געפרעגט.

— מיט דעם וואָס דער טעמפּעל ריטער וועט פאַנגען זיין טאָכטער. זי איז איינגעלאַדען צו דער פייערונג פון דעם געבורטסטאָג פון דער קעניגין און ווען זי וועט זיך צוריקקעהרען ביינאַכט פון פּאַלאַץ, וועט ער זי פאַנגען און ברענגען. זי וועט דאָ געהאַלטען ווערען אַזוי לאַנג ביז וואַנען אַראַגאָניען וועט געהערען צו דעם אָרדען און ער וועט באַאיינפלוסען דעם קעניג ער זאָל זיי דאָס לאַנד איבערגעבען.

— און וואָס וועט זיין ווען ער וועט איבערגעבען דעם קעניג וועגען דער פּאַסירונג און ער וועט מאַכען אַן אויספאָרשונג.

— דאָס וועט ער קיינמאָל ניט טהאָן! ער וועט מורא האָבען צו זאָגען דעם קעניג אַז דאָס האָט ער איבערגעגעבען דאָס לאַנד אַראַגאָניען צו די טעמפּעל ריטער צוליעב זיין אייגענע נוצען. און איך וועל שוין דאַפיר זאָרגען אַז דו זאָלסט ניט ליידען. נאָך אַלעמען ביזטו דאָך ניט מחויב צו וויסען וועד די מיידעל איז... די וועסט קענען דערצעהלען אַז אימיצער אַן אומבאַקאַנטער האָט זי אַהער געבראַכט, און דו האָסט בלויז געטהאָן דיין פליכט און געזעהן זי צו מאַכען באַקוועם.

פעטרוס האָט צוגעשטימט און אַרטהור האָט זיך ווידער געזעהן מיט רודאָלפ'ן און איהם געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַלעס באַזאָרגט, און די טאָכטער פון יהודה הלוי וועט קענען געבראַכט ווערען אין קלויסטער, ביז וואַנען דער גאַנצער פּלאַן וועט דורכגעפיהרט ווערען.

— יעצט דאַרף מען אויסגעפינען דורך וועלכען וועג זי וועט זיך צוריקקעהרען פון דעם פּאַלאַץ — האָט רודאָלף געזאָגט.

— קום, איך וועל דיר דעם וועג צייגען — האָט אַרטהור געזאָגט און איז מיט איהם אַוועק צו דעם וועג.

פוןביידע זייטען וועג זיינען געווען רייהען פון געדיכטע בוימער. הינטער די בוימער זיינען געווען הויכע גראָזען און קוסטעס.

— אָט דאָ צווישען די בוימער זאָלסטו זי אָפּוואַרטען. — האָט אַרטהור געזאָגט — דיין פערד און דיין באַגלייטער וועלען וואַרטען אונטען. אויב איך וועל יהודה הלוי׳ס טאָכטער אַליין באַגלייטען, וועל איך דיר שוין געבען אַ צייכען... איך וועל ריידען צו איהר מיט אַ הויכע שטימע אַזוי אַז דו זאָלסט דערהערען. אָבער אַפילו ווען זי וועט געהן מיט איהר דינסט, וועסטו וויסען, ווער זי איז. אין אַן אויגענבליק וועסטו קענען ביידען פאַנגען און זיי ברענגען צו פּעטרוס׳ן.

— שאַ, מיר דוכט זיך אַז איך הער אַ גערויש! — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען.

זיי האָבען ביידע אַ קוק געטהאָן צווישען די בוימער און האָבען באַמערקט ווי אַ שטויב קומט אַרויף פון צווישען די קוסטעס.

— געוויס האָט אַ הירש דאָ פאַרבלאָנדזשעט! — האָט אַרטהור געזאָגט — און ווען ער האָט דערפיהלט אַז דאָ געפינען זיך מענשען איז ער אַנטלאָפען געוואָרען איבערלאָזענדיג הינטער זיך דעם שטויב.

אברהם אבן עזרא האָט, זינט דאַן, ווען ער האָט געזעהן יהודה הלוי׳ס טאָכטער דורכ׳ן פענסטער, ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהר. איהר וואונדער שעהנער פּנים האָט איהם פאַר׳כשוף׳ט. ער האָט יענע נאַכט ניט געשלאָפען. איהרע ליכטיגע באַצויבערנדע אויגען האָבען זיין האַרץ געפאַנגען... אָבער ווי אַזוי קען ער גאַר פון איהר טראַכטען יעצט... מעגליך אַז זי איז שוין פאַר׳קנס׳ט צו אימיצן. דאָך האָט איהם זיין האַרץ געצויגען... ער האָט געוואָלט זי זעהן בלויז נאָך איין מאָל... ער האָט באַשלאָסען צו געהן אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו יהודה הלוי׳ס הויז, אָבער דאָס קען ער ניט. פיליכט וועט איהם ווער עס איז באַמערקען. ער האָט דעריבער געריטען אויף זיין פערד אונטען צווישען די קוסטעס און יעדע ווייle זיך אָפּגעשטעלט און געזוכט מיט זיינע אויגען פיליכט וועט ער זי זעהן פאַרבייגעהענדיג. פּלוצלונג האָט ער פון וויטען באַמערקט צוויי מענשען שפּאַצירענדיג.

ער האָט זיך גוט צוגעקוקט פון צווישען די בוימער און ער האָט דערקענט איינעם אַלס דעם הויפּט פון די טעמפּעל ריטער, וועלכער האָט איהם דאַן געוואָלט פאַרברענען. ער זעהט ווי זיי שטעלען זיך אָפּ ניט וויט פון איהם. ער האָט געהערט אַלעס וואָס זיי האָבען צווישען זיך גערעדט וועגען יהודה הלוי׳ס טאָכטער, און ניט וועלענדיג אַז זיי זאָלען אויסגעפינען אַז אימיצער האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, האָט

ער זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און שנעל אוועקגעריטען איבער־לאָזענדיג הינטער זיך די שטויב.

אברהם אבן עזרא איז געוואָרען זעהר אומרוהיג. יעצט זעהט ער אז דער טעמפעל ריטער פלאַנעוועט טאַקע שלעכטעס צו טהאָן יהודה הלוי'ן און די אידען פון שפּאַניען. ער האָט ניט געוואוסט ווער דער צווייטער מאַן איז געווען וועלכער האָט גערעדט מיט'ן טעמפעל ריטער. אָבער ער האָט פארשטאַנען, אז יענער מוז זיין אַ באַאַמטער ביי דעם קעניג וועלכער ווייס אַלע סודות פון דער מלוכה.

ער האָט ניט געקענט באַשליסען, אויב ער זאָל צושיקען אַ בריעף צו יהודה הלוי'ן וואָרענדיג וועגען דעם געפאַהר אָדער ער זאָל אַליין זי רעטען רעטען ווען די צייט וועט קומען.

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען יהודה הלוי ווייס פון זייער פּלאַן פאָראויס דאַן וואָלט ער געווען זעהר פאָרזיכטיג — האָט זיך אבן עזרא געטראַכט... אָבער דאַן קען זיין אז מען וועט איהם פארדעכטיגען אז ער איז עפּעס אויסען.

לאַנג האָט ער וועגען דעם געטראַכט. און דאַן האָט ער באַשלאָסען צו שווייגען... ער וועט שוין אַליין זעהן צו־צושטערען דעם פּלאַן, זאָלען די טעמפּלער וויסען אז זיי וועלען אין שפּאַניען גאָר ניט קענען אויספיהרען.

יענעם אָוונד האָט זיך אברהם אבן עזרא אוועקגעלאָזען צו דעם זעלבען פּלאַץ און מיט אומגעדולד געוואַרט צו זעהן ווי יהודה הלוי'ס טאָכטער וועט אוועק שפּאַצירען צו דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין.

אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין איז געווען זעהר פרעהליך. פיעלע געסט, חשוב'ע נאָבעליוט און אריסטאָקראַטישע דאַמען זיינען זיך צונויפ־געקומען צו פייערען דער קעניגין'ס געבורטסטאָג. די דאַמען זיינען אויפ-גענומען געוואָרען ביי דער קעניגין זעלבסט. זי האָט זיך אין יעדער איינער באַזונדער פאַראינטערעסירט. זי האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר די וויכטיגסטע געסט.

אָבער מעהר ווי מיט אַלעמען, האָט די קעניגין פארבראַכט מיט הדסה'ן, יהודה הלוי'ס טאָכטער, וועלכע איז געווען די שעהנסטע פון אַלע אנדערע יונגע מיידלעך און פרויען. איהרע באַשיידענע קליידער האָבען איהר צוגעגעבען באַזונדערען רייץ און חן. איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט שעהנער ווי די בריליאַנטען, וואָס די אנדערע רייכע פרויען האָבען געטראָגען.

די קעניגין איז געווען אַזוי ענטציקט פון איהר און האָט איהר געשאָנקען אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט אז די איבעריגע פרויען זיינען געווען אייפערזיכטיג.

די קעניגין האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר דעם קעניג און זי האָט צוגעגעבען:

— דאָס איז די טאָכטער פון דיין מיניסטער יהודה הלוי, און אויב

דיין מיניסטער איז אזוי קלוג ווי זיין טאכטער איז שעהן, דאן האסטו דעם קליגסטען מיניסטער אין גאנצען לאנד!

— איך שעץ זיך גליקליך וואס גאט האט מיר א געדאנק אריינגעגעבען איך זאל יהודה הלוי׳ן מאכען פאר אן הויפט מיניסטער — האט דער קעניג מיט א שמייכעל געזאגט — איך וויים אז איך קען זיך אויף איהם פארלאזען מיט אלע אנגעלעגענהייטען פון דער מלוכה, און איך דארף ניט זארגען.

באלד איז צוגעקומען די קעניגין׳ס ברודער ארטהאור, און זי האט איהם פארגעשטעלט פאר הדסה׳ן.

— דאס איז די טאכטער פון דעם מיניסטער יהודה הלוי און דאס איז מיין אינגסטער ברודער ארטהור — האט זי זיך אפגערופען צו הדסה׳ן מיט א שמייכעל — ער איז זעהר אויסקלייבעריש און האט נאך ביז יעצט פאר זיך ניט אויסגעקליבען קיין פרוי.

ארטהור האט זיך העפליך פארנייגט, ער האט אנגענומען איהר האנט און זי צוגעטראגען צו זיינע ליפען — און נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו דער קעניגין און לאכענדיג געזאגט.

— ניט איך בין אויסקלייבעריש, מיין ליעבע שוועסטער, אבער די שעהנע מיידלעך זיינען זעהר אויסקלייבעריש און זיי פארבראקירען מיך!

— פונדעסטוועגען גלויב איך, אז דו ביזט מעהר שולדיג אין דעם!

— האט די קעניגין געזאגט שמייכלענדיג און געהייסען הדסה׳ן זיך זעצען נעבען איהר.

אזוי שנעל ווי ארטהור האט דערזעהן הדסה׳ן איז ער ווי צוגעשמידט געווארען צו זיין פלאץ. זי האט איהם באצויבערט מיט איהר שעהנקייט. ער האט געהערט פון איהר שעהנקייט פריהער און ער האט געהאט ביי זיך באשלאסען זיך אויף איהר ניט אומקוקען און איהר גאר קיין אויפמערקזאמקייט ניט צו שענקען. ער איז אפילו בייז געווען אויף זיין שוועסטער, די קעניגין, פארוואס זי האט באשלאסען איינצולאדען די טאכטער פון דעם אידען ווענען ער האסט אזוי שטארק. יעצט אבער, אז ער האט זי דערזעהן, האט זיין הארץ גענומען ציהען צו איהר... איהם האט שוין פארדראסען וועגען וואס ער האט אפגעמאכט מיט רודאלף׳ן... כאטש ער האט געוואוסט אז קיין שלעכטעס וועט ניט געשעהן מיט איהר. פעטרוס וועט שוין זעהן דערצו. דא איז איהם אבער אריינגעפאלען א געדאנק, אז ער וועט קענען אויסנוצען די געלעגענהייט כדי זי צו געווינען פאר זיך... ווען עס זאל פעטרוס׳ן געלונגען זי איבערצורעדען זיך צו טויפען און ווערען א קריסטין, דאן וואלט ער זי שוין זיכער געקראגען פאר זיך. ער וועט דארפען צופעליג אויסגעפינען וועגען איהר פאטער׳ס אומגליק און איהם נאכדעם קומען צו הילף. ער וועט זי רעטען און דורך דעם וועט ער גרויס ווערען אין איהרע אויגען. זי וועט איהם דאנקבאר זיין און אזוי וועט ער געווינען איהר הארץ.

מיט אזעלכע געדאנקען איז ארטהור געווען פארנומען די גאנצע צייט

וואָס הדסה האָט פאַרבראַכט אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין. ער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט אַרונטערגענומען. ער האָט זי מיט דורכ־דרינגענדע בליקען באַגלייט וואו נאָר זי האָט זיך געפונען. ער איז אָבער געווען גאַנץ פאַרזיכטיג זי זאָל עס ניט באַמערקען... זי טאָר דערוויל קיין זאַך ניט חושד זיין. ער וועט אַפילו רודאָלף'ן ניט געבען דעם צייכען. ער וועט זיך אין גאַנצען ניט וויסענדיג מאַכען...

וואָס מעהר ער האָט אויף איהר געקוקט אַלץ מעהר האָט ער געפיהלט אַז אין זיין האַרץ צופלאַקערט זיך אַ שטאַרקע ליעבע צו אָט דער טאָכטער פון זיין שונא... ער האָט ביי זיך אַ גרויסען קאַמף, ער וויים אַז ער טאָר אַפילו וועגען דעם ניט טראַכטען. זי איז די טאָכטער פון יהודה הלוי וועמען ער האַסט... און ווי אַזוי וועט ער קענען נעהמען אַ אידישע טאָכטער... אָבער באַלד קומט איהם אַ געדאַנק אַז איהם וועט זיך איינגעבען איהר איבערצורייידען זי זאָל בייטען איהר רעליגיע... דאָס איז די איינציגע האָפ־נונג, אויב זי וועט נאָר צושטימען... און פאַרוואָס זאָל זי ניט צושטימען... איז ער דען ניט דער ברודער פון דער קעניגין און אַ מיניסטער ביי דעם קעניג. זי וועט זיך געווים שעצען גליקליך, ווען ער וועט איהר אַזאַ פאָר־שלאַג מאַכען... אויסער דעם קען ער האָפען אַז זיין שוועסטער, די קעניגין, וועט איהם אַרויסהעלפען. ער וועט מיט איהר איבעררייידען און פון איהר פאַרלאַנגען זי זאָל באַאיינפלוסען הדסה'ן... עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט. אַז ווען די קעניגין וועט רייידען מיט איהר וועט עס זיכער ווירקען, בפרט ווען ער וועט אַרויסווייזען אַז ער האָט געהאָלפען זי זאָל באַפרייט ווערען פון געפאַנגנשאַפט...

ווען עס איז שוין געוואָרען שפּעט און די געסט האָבען שוין גענומען צוגעהן, האָט ער באַמערקט ווי הדסה געהט אַרוים פון פּאַלאַץ מיט איהר דיענסט־מיידעל, וועלכע האָט אויף איהר געוואַרט אין קאָרידאָר פון פּאַלאַץ. ער האָט אויך געוואָלט אַרויסגעהן און זיי נאָכגעהן צו זעהן וואָס וועט פּאַסירען. אָבער ער האָט זיך באַהערשט, ער איז איבערגעבליבען אין פּאַלאַץ און איז צוגעגאַנגען צו דער קעניגין.

— איך שעהם זיך צו ווייזען מיין פּנים פאַר דיר, מיין שוועסטער! — האָט אַרטהור געזאָגט און זיין פּנים איז רויט געוואָרען.

— אה, ווי איך זעה האַסטו קיין חרטה ניט אויף דעם וואָס איך האָב איינגעלאַדען יהודה הלוי'ס טאָכטער צו מיין געבורטסטאָג פייערונג — האָט די קעניגין געשמייכעלט.

— איך גיב צו אַז איך בין געווען דאַן עטוואָס אויפגערעגט און איך האָב גערעדט אַזעלכע רייד וואָס איך האָב ניט געדאַרפט.

— און יעצט זאָג מיר, ווי געפעהלט דיר די טאָכטער פון אונזער הויפּט מיניסטער? — האָט זי איהם געפרעגט און איהם אָפּגעמאָסטען מיט איהרע בליקען.

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אַז ער... איך מיין יהודה

הלוי זאָל האָבען אזא וואונדער שעהנע רייצענדע טאָכטער — האָט ארטהור ארויסגעשטאַמעלט.

— אויסער איהר שעהנקייט, איז זי אויך זעהר קלוג און געלערענט... און איז דען א וואונדער?... זי האָט דאָך אזא געלערענטען פאָטער... איך האָב מיט איהר פארבראַכט און איך בין ענטציקט געווען צו הערען פון איהר מויל אזעלכע קלוגע רייד.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, מיין ליעבע שוועסטער, אז ווי נאָר איך האָב זי דערזעהן, האָב איך פון איהר מיינע אויגען ניט ארונטער־גענומען... איך פיהל אז...

— נו, מיין ברודער, דו דארפסט זיך באַהערשען. נאָך אלעמען ווייסטו אז זי איז א אידישע טאָכטער און ניט זי און געוויס ניט איהר פאָטער וועלען צושטימען צו דעם.

— איך קען זי פון מיינע געדאַנקען ניט ארויסשלאָגען... איך פאַנג אָן צו פיהלען אז אָהן איהר איז ניט כדאי צו לעבען... איך פיהל אז איך האָב זי זעהר ליעב און דו מיין שוועסטער וועסט מיר קענען ארויסהעלפען...

— איך! מיט וואָס קען איך דיר העלפען! דו וועסט דאָך ניט פאַר־לאַנגען אז איך זאָל זי צווינגען זי זאָל דיך ליעב האָבען, אָדער אז זי זאָל אויפגעבען איהר גלויבען צוליעב דיר.

— אָבער דו האָסט דאָך א גרויסען איינפלוס איבער איהר, דו וועסט זי ניט דארפען צווינגען. דו וועסט בלויז דארפען מיט איהר ריידען... דו וועסט שוין וויסען ווי אזוי צו האַנדלען. דו וועסט זי נאָך איינינע מאָל צו דיר איינלאַדען... דו וועסט ריידען וועגען מיר, דו וועסט מיך שטאַרק פארלויבען פאַר איהר, דו וועסט איהר זאָגען וועגען מיין גרויסקייט און ווען דו וועסט שוין האָבען עפּעס צוגעגרייט וועל איך זיך צופעליג טרעפען מיט איהר אין דיין פּאַלאַץ, און דו וועסט אונז מיט אַן אויסרייד איבער־לאָזען אליין. איך וועל מיט איהר ריידען... און איך בין זיכער אז זי וועט מיר שענקען אויפמערקזאַמקייט... זי וועט מיך פארשטעהן... און וועט וויסען ווי אָפּצושאַצען מיינע רייד.

— אזוי שנעל האָסטו שוין פארגעסען דיין שנאה צו יהודה הלוי'ן!
— האָט זיך די קעניגין פאַנאַנדערגעלאַכט — ניט לאַנג צוריק ביזטו געווען גרייט איהם שלעכטעס צו טהאָן...

— איך פארזיכער דיר, מיין שוועסטער, אז איך האָב צו איהם ניט פערזענליך, ווען איך בין געגען איהם איז עס ווייל איך גלויב אז מיט זיינע עצות ברייננט ער גאַנץ אָפּט גרויסע שאָדענס צו דער מלוכה, נאָך אלעמען איז ער דאָך א איד און ווי אזוי קען ער פיהרען א קריסטליכע מלוכה.

— דערוויילע ווייסען אלע, אז יהודה הלוי האָט מיט זיינע קלוגע און לאָגישע עצות געבראַכט פיעלע נוצען פאַר אונזער לאַנד — האָט די קעניגין געזאָגט.

— איך גיב צו, אז פילע מאָל איז ער געווען גערעכט און געהאַנדעלט

ריכטיג... אָבער דאָך... איך מיין דאָס וואָס דער קעניג האָט איהם איבער־געגעבען צו שליכטען די פראַגע וועגען אראַגאַניען מיט די טעמפּעל ריכטער. ער האָט באַדאַרפט וויסען אַז אַזאַ אויפגאַבע איז ניט פאַר איהם און בעטען דעם קעניג, אַז ער זאָל עס איבערגעבען אין די הענט פון אַ קריסטליכען מיניסטער, וועלכער ווייס בעסער ווי אָפּצושאַצען די ווערדע פון די קרייצטרעגער.

— און ביי דיר וואָלט געווען רעכט, אַז מיר זאָלען איבערגעבען אַזאַ גרויסע, טייערע לאַנד אראַגאָניען צו די טעמפּל ריטער? — האָט די קעניגין איהם אַנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— ניין, דאָס זאָג איך ניט. מיין מיינונג איז בלויז, אַז מיר, אַלס קריסטען, דאַרפען זעהן ווי וויט מעגליך צו העלפען די הייליגע באַוועגונג פון די קרייצטרעגער. זיי באַלאַנגען צו אַלע קריסטליכע פעלקער און עס איז אונזער פליכט זיי צו ערמוטיגען, און איך גלויב אויך, אַז זיי זיינען איצט אַ גרויסע מאַכט און מיר דאַרפען זיך מיט זיי רעכענען. עס וועט זיך ניט לויענען פאַר אונז זיי צו קריגען פאַר שונאים. דעריבער בין איך געווען דאַגעגען, אַז דער קעניג זאָל באַשטימען אַ אידען ער זאָל מיט זיי פאַרהאַנדלען, ווייל ווי קלוג און עהרליך ער זאָל זיין, וועט ער, אַלס אַ איד, האָבען אַ פאַראורטייל געגען די טעמפּעל־ריטער און ער וועט ניט טאָן קיין גערעכטיגקייט צו זיי.

— דער קעניג איז אָבער פאַראינטערעסירט אַז גערעכטיגקייט זאָל געטאָן ווערען פאַר דער מלוכה און אין דעם איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אַז יהודה הלוי וועט זיין פליכט ערפילען — האָט די קעניגין געזאָגט — און אויב דאָס וואָס עס וועט זיין אַ טובה פאַר אונזער מלוכה, וועט זיין אַ רעה פאַר די טעמפּעל־ריטער, זאָלען זיי זיך דאַן זאָרגען וועגען דעם.

— איך האָב אָבער מורא, אַז עס זאָל פאַר אונזער מלוכה ניט אַרויס־קומען קיין רעה — האָט אַרטהור געזאָגט — דער גרויסמייסטער, מיכאַל, קומט מיט אַ תביעה אויף אַראַגאָניען. אין דער צוואה האָט דער קעניג אַלפאָנזאָ, דער זיבעטער, דאָך פּאָרט אַריינגעשריבען אַז אַראַגאַניען זאָל איבערגעגעבען ווערען צו די טעמפּעל ריטער.

— ווען ער האָט עס געשריבען איז ער ניט געווען ביים פולען זינען! און דער קעניג איז דעריבער ניט פאַרפּליכטעט נאָכצוקומען זיין וואונש — האָט די קעניגין געזאָגט — און איך גלויב אַז דער קעניג האָט זעהר קלוג געטאָן וואָס ער האָט באַשטימט יהודה הלוי׳ן. ער וועט טאָן אַלץ וואָס איז צום בעסטען פאַר דער מלוכה.

— מעגליך, אַז דו ביזט גערעכט — האָט אַרטהור מעהר ניט געוואָלט זיך אַמפּערן מיט איהר. איצט האָט ער בלויז איין וואונש געהאַט און דאָס איז, אַז זיין שוועסטער זאָל איהם אַרויסהעלפען צו קריגען די שעהנע הדסה.

אין דער צייט וואָס די קעניגין האָט אונטערגעהאַלטען איהרע געסט

און פאַרבראַכט מיט הדסה'ן, האָט יהודה הלוי פאַרהאַנדעלט מיט דעם הויפּט פון די טעמפּעל־ריטער. זיי האָבן זיך באַדאַרפט צוזאַמענטרעפן אין איינעם פון די צימערן פון פּאַלאַץ.

עס איז דעם שטאָלצן רודאָלף'ן זעהר ניט געווען צום הארצן איינצושטימען צו פיהרען פאַרהאַנדלונגען מיט דעם אידען. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אז זיין מיה איז אומזיסט, אז דער אידישער מיניסטער וועט נאָך זיין מעהר איינגעשפּאַרט ווי זיין קעניג אַלפאָנזאָ דער אַכטער, אָבער דאָך איז ער געקומען מיט איהם צו פאַרהאַנדלען. ער האָט איצט געוואָלט, אז ער זאָל ניט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון דעם טעמפּעל־אָרדען, כדי ער זאָל איהם נאָכהער קענען צווינגען און מיט דעם פּאַר'מיאוס'ן איהם אין די אויגען פון קעניג.

יהודה הלוי איז צוגעפאָהרען מיט זיין קאַרעטע צו דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. דער קעניג און פילע פון די באַאַמטע האָבען דאָן פאַרבראַכט אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין. ער איז אריינגעקומען אין דעם באַשטימטען צימער און ער האָט די דינער אָנגעזאָגט, אז ווען דער הויפּט פון די טעמפּעל ריטער וועט אָנקומען זאָל מען איהם אריינפיהרען אין דיזען צימער.

לאַנג האָט יהודה הלוי ניט באַדאַרפט וואַרטען. רודאָלף איז אריין אין צימער און ער האָט איהם קאַלט באַגריסט.

— עס איז איבעריג פאַר מיר צו רעדען מיט דיר וועגען דעם הייליגען צוועק וואָס די טעמפּעל־ריטער האָבען זיך אונטערגענומען דורכצופיהרען — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען — יעדער קריסט אנערקענט די וויכטיגקייט פון דעם. און איך גלויב, אז דו, אַלס איד, וועסט אויך וויסען ווי געהעריג אָפּצושאַצען אונזער ציעל, און פאַרשטעהן אז דער פאַרשטאָרבענער קעניג אַלפאָנזאָ דער זיבעטער, האָט געהאַנדלט לויט זיין איבערצייגונג און געוויסען, ווען ער האָט אין זיין צוואה אריינגעשריבען, אז דאָס גאַנצע לאַנד פון אראַגאָניען זאָל באַהערשט ווערען פון דעם טעמפּעל־אָרדען, און אז זיין מאַיעסטעט דער קעניג אַלפאָנזאָ, דער אַכטער, דאַרף עס אַנערקענען און דאָס לאַנד איבערגעבען אין אונזערע הענט.

— די שפּאַנישע קריסטליכע מלוכה באַשטעהט פון די דריי גרויסע פּראָווינצען: קאַסטיליען, נאַוואַרא און אראַגאָניען, און אויב דער קעניג וועט אָפּגעבען אראַגאָניען צו אַנדערע הערשער, וועט עס מיינען, אז אַ דריטעל פון דער שפּאַנישער קריסטליכער מלוכה וועט אוועקגענומען ווערען, און דאָס טאָר קיינמאָל ניט דערלאָזען ווערען. בלויז אַ פאַראייניגטע קריסטליכע שפּאַניען וועט קענען ביישטעהן די שטאַרקע מורישע אַרמעען פון דרום.

— דערמיט וואָס אראַגאָניען וועט באַהערשט ווערען פון טעמפּעל־אָרדען, וועט ניט מיינען אז דאָס לאַנד ווערט אינגאַנצען אָפּגעריסען פון דער שפּאַנישער מלוכה — האָט רודאָלף געזאָגט — מיר וועלען שטענדיג בלייבען פריינדליך פאַרבונדען מיט דעם שפּאַנישען קעניג און אין פאַל פון אַ מלחמה וועלען מיר זיין גרייט איהם צו העלפען.

— די איינוואוינער פון אראגאניען זיינען זעהר צופרידען מיט דער הערשאפט פון דעם שפאנישען קעניג און ווען אן ענדערונג זאָל געמאכט ווערען וואָלט עס זיי זעהר באאומרוהיגט. עס איז ביי דיזער צייט זעהר נויטיג, אז רוהינקייט און אָרדענונג זאָל הערשען אין אונזער לאנד און דעריבער איז מיין פאָרשלאג, אז דער טעמפעל־אָרדען זאָל זיך דערוויילע באנוגענען מיט איינעם פון די קלענערע אינזלען וואָס באלאנגען צו שפאניען. דאָרטען וועט איהר זיך קענען באפעסטיגען און איהר וועט ניט קריגען קיין שטערונג פון קיינעם.

— דו טרייבסט שפאס מיט אונז! — האָט רודאָלף געענטפערט מיט אַ צאָרענדע שטימע — דו ווייסט גאנץ גוט, אז ביי דעם הייליגען אָרדען איז ניטאָ קיין פראגע וועגען באזיצען איינעם פון די אינזלען. אונזער פאָדערונג איז צו קריגען דאָס לאנד צו וואָס מיר זיינען בארעכטיגט. מיר וועלען אַ האָר ניט נאָכגעבען פון אונזער גערעכטע פאָדערונג.

— אויב אזוי האָבען מיר מעהר ניט וואָס צו פארהאנדלען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט — איך וועל קיינמאָל ניט צושטימען, אז דער שפאנישער קעניג זאָל אָפּרייסען אַ דריטעל פון זיין מלוכה און זי אָפּגעבען צו אַנדערע הערשער.

— דער קעניג אלפאָנזאָ, דער אכטער, איז קיינמאָל דערצו ניט געווען בארעכטיגט, דעריבער דאַרף עס ניט הייסען אַ טייל פון זיין מלוכה . . מיר האָבען אַ גרעסערע רעכט אויף אראגאָניען ווי ער, און מיר וועלען באשטעהן אויף אונזער רעכט, און דו אליין וועסט זיך נאכהער ארומזעהן, אז מיר האָבען רעכט. דער קעניג האָט דיר איבערגעגעבען די מאכט. דו קענסט טאָן וואָס דו ווילסט, און אויב דו ווילסט געווינען די פריינדשאפט פון דעם טעמפעל אָרדען, פאר דיר און פאר דיינע ברידער, וואָלט איך דיר געראטהען, אז דו זאָלסט ראטהען דעם קעניג ער זאָל טאָן זיין פליכט צו אונז, און ער זאָל שליסען אַ פריינדשאפט־בונד מיט אונזער גרויסמייסטער און איהם איבערגעבען די הערשאפט פון אראגאָניען.

— איך בין בלויז אויסען די טובה און נוצען פון מיין קעניג! — האָט יהודה הלוי געענטפערט — או זווי שטארק איך זאָל ניט אָפּשעצען די פריינדשאפט פון דעם טעמפעל־אָרדען מוז איך אָבער אזאַ פריינדשאפט ענטזאָגען, אויב דאָס דאַרף קומען אויף דעם חשבון פון דעם וואָהלזיין פון דער שפאנישער מלוכה. איך בין מיט מיין קעניג און איך וועל קיין זאך ניט טאָן צו שעדיגען זיינע אינטערעסען, אפילו ווען איך זאָל דערפון קריגען נוצען פאר זיך און מיינע ברידער.

— עס וואָלט אפילו געווען זעהר אַ גרויסע מעלה פאר אַ אידען צו זיין געטריי זיין קריסטליכען קעניג, אָבער איך גלויב קוים, אז דאָס איז דער פאַל מיט דיר! — האָט רודאָלף פארביסען זיינע ליפען — איך זעה, אז דאָס טהוסטו ניט ווייל דו ביזט אויסען די טובה פון דיין קעניג, נאָר ווייל דו, אלס איד, ביזטו פאראינטערעסירט אז דער הייליגער טעמפעל־אָרדען זאָל זיך ניט פארשטארקען, און דעריבער ביזטו געגען דעם, און דו זוכסט בלויז אָנצוטאָן אַ מאסקע פון געטרייהייט. ווען דו וואָלסט קיין פאָראורטהייל

ניט געהאַט געגען אונזער אָרדען, וואָלסטו אַליין געזעהן, אַז מיט דעם וואָס מיר וועלען קריגען אַראַגאָניען וואָלט עס דעם קעניג געבראַכט גרעסערע נוצען . . .

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט — האָט יהודה הלוי געשמייכעלט — איך וויים, אַז דו און דיינע פאַרבינדעטע זענען אימער גרייט אַרויפצואוואַרפען פאַרשידענע בלבולים אויף די אידען, אָבער געלויבט איז גאָט וואָס זיין מאַיעסטעט דער קעניג פון שפּאַניען, האָט אַן אַנדער מיינונג פון מיר און פון מיינע ברידער, און ער האָט אין מיינע הענט איבערגעגעבען צו האַנדלען ווי איך וועל פאַרשטעהן. און אַזוי האַנדעל איך: איך מוז צום באַדויערען צוריקוויזען דעם פאַרלאַנג פון טעמפּעל אָרדען און דאָס איז מיין ענדגילטיגער באַשלוס. אומזיסט וועלען זיין דיינע רייד, איך וועל זיי מעהר אין אַכט ניט נעהמען.

רודאָלף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און האָט מיט גרויסעם פאַרלאָזען דעם צימער. ביים אַרויסגעהן האָט ער אַרויסגעמורמעלט עטליכע אומפאַרשטענדליכע ווערטער.

יהודה הלוי איז פאַרבליבען נאָך אַ קליינע ווייל אין פּאַלאַץ. ער האָט זיך דאָרט געטראָפען מיט נאָך אַ מיניסטער און זיי האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען, נאָכהער האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין קאַרעטע אַהיים.

רודאָלף האָט בלויז געוואַרט אויף אַזאַ ענטפער פון יהודה הלוי'ן. איצט וועט ער דורכפיהרען דעם פּלאַן וואָס ער האָט צוזאַמען מיט אַרטהור'ן אויסגעפּלאַנעוועט. ער וועט דעם פאַרפלוכטען אידען ווייזען אַז ער איז אויסען זיינע אייגענע נוצען . . . ער וועט איהם איצט צווינגען ער זאָל ווירקען אויף דעם קעניג איבערצוגעבען דאָס לאַנד, און אַזוי שנעל ווי דער קעניג וועט זיין זיגעל אַרויפלייגען אויפ'ן פּאַפּיר וואָס וועט מאַכען אַראַגאָניען פאַר אַ פּראָווינץ פון טעמפּעל-אָרדען, וועט מען דאַן עפענען אַלפאָנז'ס אויגען. זאָל ער וויסען, אַז יהודה הלוי איז ניט געווען אויסען די טובה פון דעם קעניג, נאָר ער האָט עס געטהאָן פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען און נוצען. זאָל דער קעניג דאַן זעהן ווי פאַלש זיין אידישער מיניסטער איז איהם געווען. און דאַן וועט ער שוין וויסען, אַז מען טאָר זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזען אויף אַ אידען.

רודאָלף איז פון דאָרטען גלייך אַוועק צו דעם פּלאַץ וואו די טעמפּעלריטער זיינען געווען, און צורופענדיג איינעם פון זיי, האָט ער איהם פאַרטרויט דעם סוד, און צוגעגעבען:

— דו וועסט זיין גרייט מיט דיין פערד. אַזוי שנעל ווי איך וועל זי אַרויפזעצען אויף דיין פערד זאָלסטו מיט איהר אַוועקרייטען צו דעם קלויסטער וואו דער הייליגער פעטרוס געפינט זיך. ער וועט דיר שוין קומען צו הילף און אַ ווייל שפּעטער וועל איך אַוועקרייטען אַהין און אַלץ וועט רעכט ווערען.

— אָבער טאָמער וועט מען זיך דערוויסען, אַז איך האָב זי געגומען געפאַנגען און דאַן וועט מען דאָך מיך באַשטראָפען.

— איך האָב עס דיר פאַרטרויט, ווייל איך האָב דיך געהאַלטען פאַר א בראַווען העלדישען טעמפעל-ריטער, צום סוף ציינסטו זיך ארויס אַלס א פייגלינג. א טעמפעל-ריטער דאַרף פאַר קיין זאַך ניט מורא האָבען, און אויסער דעם האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אַז דער ברודער פון דער קעניגין, אַרמהור, וועלכער איז אויך א מיניסטער פון דעם קעניג, איז מיט אונז, און אין פאַל עפּעס זאָל פּאַסירען, וועט ער אונז קומען צו הילף. ער האָט שוין באַזאָרגט. דו וועסט בלויז דאַרפען זי צופיהרען אַהין. אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט וועט זי אַפילו ניט קענען זעהן דיין פּנים.

— איך האָב קיין מורא ניט פאַר זיך אַליין! — האָט זיך דער טעמפעל-ריטער פּרובירט פאַרענטפערען. איך האָב בלויז מורא, אַז דאָס זאָל אונז אַלעמען ניט שאַדען. דער קעניג זאָל נאָכהער ניט וועלען צוריקציהען זיין זיעגעל.

— אויב ער וועט לייגען זיין חתימה וועט ער שוין מעהר ניט קענען צוריקציהען, אַפילו ווען ער זאָל זיך דערוויסען, אַז זיין אידישער מיניסטער האָט איהם פאַרראַטהען. עס וועט דאַן בלויז זיין שלעכט פאַר יהודה הלוי'ן, אָבער ניט פאַר אונז . . . איך אַליין וועל זיין נייגעריג אַז נאָכדעם ווען מיר וועלען שוין האָבען דאָס לאַנד אַראַגאָניען, אַז אַלפאָנזאָ דער אַכטער זאָל זיך וואָס שנעלער דערוויסען אַז זיין מיניסטער איז פריהער געווען געגען דעם אַז אַראַגאָניען זאָל געהערען דעם טעמפעל-אָרדען, אָבער אַזוי שנעל ווי עס האָט איהם פערזענליך אַנגעריהרט, האָט ער געענדערט זיין מיינונג . . . דורך דעם וועלען מיר גאַנץ שנעל פּטור ווערען פון א אידישען מיניסטער. און יעצט, מיין פריינד, דאַרפסטו זיך שעצען גליקליך וואָס איך האָב דיך אויסגעקליבען פון אַלע טעמפעל-ריטער מיר צו העלפען אין דיזער אונטערנעהמונג, ווייל אויב מיר וועלען זיין ערפאָלגרייך און זיך צוריקקעהרען מיט די פּאַפּירען אַז אַראַגאָניען געהערט צו דעם טעמפעל-אָרדען, וועט אונז דער גרויסמייסטער ביידען דערהויבען. און לאָמיך דיר זאָגען, אַז מיר האָבען זעהר א סך צו דערוואַרטען. אונזער באַלוינונג וועט זיין זעהר גרויס, און אויב איך וועל ווערען איינער פון די הערשער איבער דעם פּראָווינץ פון אַראַגאָניען, וועסטו אויך דערפון געניסען. דו דאַרפסט בלויז אַרויסציינען בראַוואוקייט און זיך פאַר קיין זאַך ניט דערשרעקען.

— איך בין גרייט צו טהאָן אַלעס וואָס דו וועסט מיר זאָגען! — האָט דער טעמפעל-ריטער אויסגערופען מיט באַגייסטערונג — און פון דער טיעפעניש פון מיין הארצען דאַנק איך דיר פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך אויסגעקליבען פון אַלע טעמפעל-ריטער צו אַרויסהעלפען אין דיזער נאָבעלער אַרבייט. דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען. אויב זי וועט נאָר אין מיינע הענט אַריינפאַלען דאַן וועט זי שוין געבראַכט ווערען אין קלויסטער צו פּעטרוס'ן. פון מיינע הענט וועט זי שוין ניט באַפרייט ווערען..

— ווי איך פאַרשטעה איז די דיענסט-מיידעל, וועלכע באַגלייט די טאָכטער פון יהודה הלוי'ן א קריסטין, און איך וועל זי פאַרהאַלטען פאַר א קליינע ווײַלע ביז וואַנען דו וועסט שוין זיין גאַנץ ווייט אויפ'ן וועג צום קלויסטער, זאָל זי דאַן קומען אָנזאָגען יהודה הלוי'ן, אַז זיין טאָכטער איז

גטספּאַנגען געוואָרען. איך וועל זי באַרוהיגען און איהר זאָגען, אַז איהר וועט קיין שלעכטעס ניט געטהאָן ווערען.

— און ווי אַזוי וועט יהודה הלוי וויסען, אַז זיין טאָכטער איז גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט צוליעב דעם, אַז ער זאָל ענדערען זיין מיי-נונג וועגען אראַגאָניען? — האָט דער טעמפּעל-ריטער געפרעגט רודאָלף'ן.

— איך וועל אויף מאָרגען שיקען איהם אַ בריעף דורך אַ שליח!

— וואָלט דען ניט געווען גלייכער עס אָנצוזאָגען דורך דער דיענסט? זאָל זי איבערגעבען איהר האר, אַז זיין טאָכטער וועט געהאַלטען ווערען אין געפאַנגענשאַפט אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער וועט ווירקען אויף דעם קעניג נאָכצוגעבען די פאָדערונג פון טעמפּעל-אָרדען. אָבער ניין, דאַן וועט ער דאָך וויסען אַז זי איז געפאַנגען געוואָרען ביי אונז?

— און מיר אַרט ניט אַז ער זאָל גלייך וויסען. אויב מיר האָבען מיט איהם גאָר ניט געקענט טהאָן מיט גוטען, וועלען מיר עס דורכפיהרען דורך אַ צוואַנג. מיר מעגען זיכער זיין, אַז אַזוי לאַנג ווי זיין טאָכטער'ס לעבען וועט זיין אין געפאַהר, וועט ער קיין איבעראיילטען שריט ניט מאַכען. ער וועט טהאָן אַלעס וואָס מיר פאַרלאַנגען פון איהם.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, אַ סוף מאָנאַט נאַכט. דער לויטע-רער בלויער הימעל און די פינקלענדע שטערען האָבען מעגליך געמאַכט פאַר הדסה'ן און איהר דיענסט-מיידעל אוועקצושפּאַצירען פון פּאַלאַץ צו איהר פאָטער'ס הויז. דער וועג איז געווען אַ גאַנץ קורצער און אַ זיכערער כאָטש עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אַז זי זאָל אַזוי שפּעט ביינאַכט געהן דורך דיעזען וועג.

הדסה איז געווען גליקליך און פרעהליך. זי האָט ניט ערוואַרטעט אַזאַ פריינדליכע אויפנאַהמע פון דער קעניגין. זינט זי געדענקט האָט זי זיך נאָך אַזוי ניט אַמוזירט. זי האָט געפיהלט אַלעמענס בליקען אויף איהר. אַפילו דער יונגער מיניסטער, אַרטהור, דער ברודער פון דער קעניגין, וועלכער איז איהר פאָטער'ס שונא, האָט צו איהר זיך פריינדליך געשמייכעלט. עס איז פאַר איהר דאָס ערשטע מאָהל וואָס זי האָט זיך געפונען אין אַזאַ געזעל-שאַפט אָבער זי וועט עס האָבען צו געדענקען איהר גאַנצען לעבען.

לאַנגזאַם האָט הדסה שפּאַצירט אַהיים מיט איהר דיענסט. זי איז גע-ווען פאַרטיעפט אין איהרע געדאַנקען. זי האָט געטראַכט פון דעם בריעף, וואָס אברהם אבן עזרא האָט צוגעשיקט צו איהר פאָטער. זי ווייסט, אַז דעם זעלבען אָוועט האָט איהר פאָטער געזאָלט פאַרהאַנדלען מיט די טעמ-פעל-ריטער, און זי איז שוין געוואָרען נייגעריג צו וויסען, ווי ער האָט מיט זיי דורכגעמאַכט, אויב זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה.

— עס איז אַזאַ פּראַכטפולע נאַכט! — האָט הדסה זיך אָפּגערופען צו איהר דיענסט, — די לופט איז אַזוי אנגענעהם, אָבער דאָך לאָמיר זיך איילען, ווייל עס איז שוין זעהר שפּעט. ווייל אויב מיר וועלען זיך עטוואָס לענגער פאַרזאַמען וועט דער פאָטער זיכער שיקען די קאַרעטע נאָך אונז.

זיי האָבען ביידע פאַרשנעלערט זייערע טריט. פּלוצלונג האָט הדסה

באַמערקט ווי אַ ריטער איז פון צווישען די געדיכטע בוימער אַרויסגעקומען און זיי אַנטקעגען געריטען. זי האָט זיך עטוואָס דערשראָקען, און זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן דער האַנט פון איהר דיענסט.

— אָה, איך בעט ענטשולדיגונג! — האָט זיך דערהערט אַ מענערשע שטימע און באַלד האָט הדסה דערזעהן, אַז דער רייטער האָט זיך מיט זיין פערד אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון איהר.

אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט האָט זי ניט געקענט באַמערקען דעם פּנים פון דעם רייטער. אָבער איהר האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען פון שרעק.

דער רייטער איז אַרונטער פון זיין פערד און איז צו הדסה'ן צוגעגאַנגען און זיך פאַרנייגט.

— ביזטו די טאָכטער פון יהודה הלוי? — האָט ער איהר געפרעגט מיט אַ העפליכע שטימע.

אַ ווייל איז הדסה געבליבען שטעהן צוטומעלט און ניט געוואוסט, וואָס דאָס זאָל באַדייטען. איז עס מעגליך, אַז איהר פאָטער זאָל האָבען עמיצען געשיקט ער זאָל זי באַגעגענען? אָבער פאַרוואָס זאָל ער שיקען אַ פרעמדען?

— ווער ביזטו? — האָט זי איהם געפרעגט מיט אַ ציטערענדע שטימע.

— איך . . . איך בין געקומען דיר איבערצוגעבען אַ וויכטיגע שליחות! — האָט ער געזאָגט מיט אַ הויכע שטימע.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ שורשקען פון צווישען די בוימער און איידער הדסה און איהר דיענסט האָבען באַוויזען זיך אַרומצוקוקען, האָט זי שוין באַמערקט אַ צווייטען רייטער דערנעהענטערען זיך צו זיי.

— אָבער ווער ביזטו?! — האָט הדסה גענומען ציטערען פון שרעק און גענומען צוריקטרעטען.

— שרעק זיך ניט, דו נאָבעלע פרוי! קיין בייז וועט דיר ניט געשעהן . . . איך בין דער הויפּט פון די טעמפּעל-ריטער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען צו דעם שפּאַנישען קעניג צו פאַרהאַנדלען וועגען אַראַגאָניען. דער קעניג האָט די גאַנצע מאַכט איבערגעגעבען צו דיין פאָטער אין די הענט. ער האָט איהם באַפולמעכטיגט צו האַנדלען ווי ער וויל.

— יע, דאָס ווייס איך! — האָט הדסה געענטפערט און זיך עטוואָס באַרואיגט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז דער טעמפּעל-ריטער איז געקומען איהם בעטען זי זאָל באַאיינפלוסען איהר פאָטער צום גונסטען דעם טעמפּעל-אָרדען — מיין פאָטער האָט דאָך געוויס מיט דיר היינט וועגען דעם פאַרהאַנדעלט?

— דאָס איז ריכטיג. מיר האָבען פאַרהאַנדעלט. אָבער איך בין אוועק זעהר ניט צופרידענגעשטעלט.

— און וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר? — איז הדסה שוין ביי זיך שטייפער געוואָרען.

— איך ווייס, אַז דו ביזט די איינציגע, וועלכע ווערסט קענען ענדערען זיין מיינונג — האָט רודאָלף אויסגערופען.

— ווי איך זעה, מאַכסטו אַ טעות! איך מיש זיך קיינמאָל ניט אין מיין פאָטער׳ס אַנגעלעגענהייטען . . . איך ווייס, אַז וואָס מיין פאָטער טהוט, האָט ער קיינמאָל ניט קיין חרטה, און ניט נאָר ער אַליין, נאָר אויך די אַנדערע, פאַר וועמען ער טהוט עס.

— אָבער דיזען מאָל וועט ער שטאַרק חרטה האָבען, אויב ער וועט אונזער פאַרלאַנג ניט נאָכגעבען! — האָט רודאָלף געזאָגט און אַ נעהם געטהאָן הדסה׳ן ביי די הענט.

הדסה האָט געגומען שרייען, אָבער רודאָלף האָט שנעל איהר מויל מיט׳ן האַנט פאַרשטאָפּט. זי האָט זיך גענומען ראַנגלען און וועהרען מיט אַלע איהרע כחות זיך צו באַפרייען פון דער איינקלאַמערונג פון זיינע אייזערנע הענט . . .

דער צווייטער טעמפּעל־ריטער האָט שנעל אַ נעהם געטהאָן הדסה׳ס דיענסט, וועלכע האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איהר מויל.

— איך ווייס אַז דו ביזט אַ קריסטין, און דיר וועט געוויס קיין שלעכטעס ניט געטהאָן ווערען — האָט ער איהר בארואיגט.

הדסה׳ס פאַרשטיקטער קול האָט דורכגעשניטען די שטילע לופט. זי האָט זיך געראַנגעלט און געזוכט זיך צו באַפרייען פון זיינע הענט.

רודאָלף האָט איהר אַ הויב געטהאָן און זי גענומען אַרויפזעצען אויף זיין פערד.

— אויב דו וועסט זיך האַלטען רוהיג, וועט דיר גאָר נישט געשעהן! — האָט ער איהם געוואָרענט — אָבער אויב דו וועסט זיך ניט באַרוהיגען, דאַן איז דיין לעבען אין געפאַהר.

— אַה, לאָז מיך אָפּ! — האָט זי קוים אַרויסגעשריען מיט אַ פאַרשטיקטע שטימע — איך האָב דיר קיין שלעכטעס ניט געטהאָן.

— אויב דיין פאָטער וועט קומען צום שכל און וועט אונזער פאַרלאַנג ערפילען, וועסטו באַפרייט ווערען. און יעצט איז אומזיסט דיין ראַנגלען און וועהרען זיך. דו וועסט מוזען געהן וואוהין מיר וועלען דיך פיהרען, און ווען דו וועסט מאַכען דעם מינדעסטען פאַרזוך צו אַנטלויפען, וועסטו דיין לעבען פאַרלירען.

הדסה אָבער האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגעלט. רודאָלף האָט זי מיט אַלע זיינע קרעפטען אַ הויב געטהאָן און אַרויפגעזעצט אויפ׳ן פערד. ער האָט גענומען פאַרבינדען איהרע הענט אויף הינטען.

פּלוצלונג האָבען זיך דערהערט שנעלע טריט. אַ יונגערמאַן איז פון זיין באַהעלטעניש אַרויסגעקומען. זיין הוט איז געווען אַריבערגעצויגען איבער זיינע אויגען, אַזוי אַז מען האָט זיין פּנים ניט געקענט באַמערקען. הדסה׳ס שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען. זי האָט געמיינט, אַז נאָך איינער איז געקומען צו הילף די צוויי אַנגרייפער. אָבער ווי גרויס איז איהר איבעראַשונג געווען, ווען זי האָט באַמערקט ווי דער אומבאַקאַנטער איז

צוגעלאָפען צו דעם טעמפעל-ריטער, וועלכער האָט איהר די הענט אויף הינ-טען געבונדען, און האָט איהם ארונטערגעלאָזען אזא שטאַרקען זעץ מיט זיין פויסט אין פנים, אז דער טעמפעל-ריטער האָט ארויסגעלאָזען א געשריי און איז אומגעפאַלען אויפ'ן באָדען. באלד אָבער האָט זיך רודאָלף אויפ-געהויבען און זיך גענומען שלאָגען מיט איהם. דער פרעמדער אָבער האָט איהם געגעבען צו פאַרזוכען דעם טעם פון זיינע פויסטען.

— דו שמוציגער הונט! איך וועל דיר ווייזען ווי צו לייגען דיינע הענט אויף דער נאָבעלער טאָכטער פון יהודה הלוי — האָט דער געהיימניס-פולער יונגערמאַן אויסגערופען, און איהם אריינגעפאָהרען מיט זיין פויסט אין דער רעכטער אויג.

רודאָלף האָט זיך גענומען וואַקלען און ער האָט צוריקגעטראָטען אויף עטליכע טריט. דאַן האָט ער שנעל ארויסגעצויגען זיין שווערד און זיך גע-וואָלט א לאָז טהאָן צום פרעמדען. יענער אָבער האָט זיך מיט גרויס אימ-פעט א וואָרף געטהאָן אויף רודאָלף'ן און פון זיינע הענד דעם שווערד ארויסגעריסען, דערלאַנגענדיג איהם נאָך א שטאַרקערען קלאַפּ אין די צייהן מיט זיין פויסט און איהם ארויסגעהאַקט דריי צייהנער. רודאָלף איז אומ-געפאַלען א צובלוטיגטער און איז געבליבען ליגען באוואוסטלאָז אויף דעם באָדען.

דער אנדער טעמפעל-ריטער, וועלכער האָט צוגעהאַלטען די דיענסט זי זאָל ניט אנטלויפען, האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. ער האָט געזעהן ווי דער פרעמדער האָט צוקלאַפּט און צובלוטיגט רודאָלף'ן און ער האָט מורא געהאַט צוצוגעהן איהם העלפען. ער האָט זיך געטראַכט, אז ער האָט אן אויסרייד: ער האָט מורא געהאַט אז זי זאָל דערווייל ניט אנטלויפען און רופען הילף. ווען אָבער ער האָט דערזעהן, אז זיין הויפּטלינג ליגט א צובלוטיגטער אויפ'ן באָדען און דערצו געפינט זיך די שווערד אין דער האַנט פון זיין שונא, האָט ער אָפּגעלאָזען די דיענסט, און זיך שנעל ארויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און איז אנטלאָפען.

דער פרעמדער יונגערמאַן האָט אָפּגעבונדען הדסה'ן, און זי ארונטער-גענומען פון פערד. ווען ער האָט זי אין זיינע הענט געהאַלטען, האָט ער געפיהלט, אז איהר גאַנצער קערפּער וואַרפט זיך און טרייסעלט זיך ווי אין קאָנוואולסיען.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך אין צייט געשיקט! — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופען און יעצט בעט איך דיך, ווירדיגע טאָכטער פון יהודה הלוי, בארוהיג זיך, קיין בייזעס וועט דיר מעהר ניט געשעהן, יענע רשעים וועלען שוין מעהר ניט וואַגען דיר שלעכטעס צו טהאָן. איך וועל דיך און דיין דיענסט צופיהרען ביז דעם טויער פון דיין פאָטער'ס הויז.

— אָה, גנעדיגער האַר, דו האָסט מיין לעבען גערעטעט! — האָט הדסה זיך אָפּגערופען און געוואָלט אָנקוקען זיין פנים, אָבער דאָס איז גע-ווען אוממעגליך, ווייל די הוט איז געווען פאַרצויגען ביז איבער זיינע אוי-גען. — איך בעט דיך, מיין האַר, זאָג מיר ווער דו ביזט!

— יעצט דאַרפסטו זיך בלויז באַרוהיגען. שטאַרק זיך און לאָמיר שנעלער געהן. מיר שיינט, אַז דיין פאָטער'ס הויז איז ניט גאַנץ ווייט פון דאַנען — האָט ער געזאָגט ווען זיי זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אַ היבשע וועג. איך וויל זיך ניט באַנוצען מיט זיין פערד, כדי איהם ניט געבען קיין געלעגענהייט צו וואַרפען אַ בלבול אויף די אידען, אַז זיי זיינען איהם באַפאַלען און אוועקגערויבט זיין פערד . . .

ער האָט איהר געהאָלפען געהן. די דיענסט איז נאָכגעגאַנגען. זיי האָבען זיך דערנעהענטערט צו דעם הויז.

— איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וועל דיר קענען באַדאַנקען פאַר דעם וואָס דו האָסט מיט מיר געטאָן! — האָט הדסה זיך אָפּגערופען מיט אַ ציטערענדע שטימע. זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער ביזטו און ווי איז דיין נאָמען?

— איך האָב געטהאָן מיין פליכט און איך פאַרדין פאַר דעם קיין דאַנק ניט, — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— אָבער דו קענסט דאָך מיין פאָטער, ווייל איך האָב געהערט אַז דו האָסט זיין נאָמען דערמאָנט.

— און ווער קען עס ניט דעם גרויסען אידישען דיכטער און דעם קעניגליכען מיניסטער! — האָט ער זיך אָפּגערופען. — ווי עס ווייזט אויס האָבען יענע רשעים געוואָלט דיין פאָטער שלעכטעס טהאָן . . . ווייסטו דען ניט ווער זיי זיינען?

— יע, איך האָב געהערט. זיי זיינען די טעמפּעל-ריטער. זיי האָבען געוואָלט צווינגען מיין פאָטער דורך מיר, אַז ער זאָל עפּעס טהאָן פאַר זיי געגען זיין ווילען . . . אָבער געבענשט זאָלסטו זיין צו גאָט, וואָס דו ביזט אין צייט געקומען און צושטערט זייער שלעכטע מחשבות.

— איך האָף, אַז זיי וועלען שוין מעהר ניט וואַגען דיר שלעכטעס צו טהאָן! — האָט דער פרעמדער געזאָגט — ווען ער האָט זיי שוין צוגעפיהרט צום טויער. אָבער דו דאַרפסט זיין מעהר פאָרזיכטיג ניט צו געהן אַזוי שפּעט ביינאַכט . . .

— וועסטו פיעלייכט אַריינקומען צו מיין פאָטער אין הויז! — האָט הדסה איהם געבעטען. איך וויל, אַז ער זאָל דיר אַליין באַדאַנקען פאַר דיין העלדישקייט, וואָס דו האָסט אַרויסגעוויזן . . . ווען דו וואָלסט אין צייט ניט געקומען, ווער ווייסט וואו איך וואָלט איצט געווען . . . אָה, איך שוידער ווען איך טראַכט וועגען דעם. איך בעט דיך, גנעדיגער הער, קום אַריין צו מיין פאָטער אין הויז. איך וויל האָבען אַ געלעגענהייט דיר צו באַדאַנקען. דו האָסט מיר נאָך דיין נאָמען ניט געזאָגט, און איך האָב אפילו דיין פנים ניט געזעהן. איך וועל זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין אויב איך וועל ניט האָבען די מעגליכקייט דיר צו באַלוינען פאַר דיין העלדישקייט.

— עס איז די פליכט פון יעדען אנשטענדיגען מענשען צו קומען צו הילף ווען אימיצער געפינט זיך אין גרויס נויטה. איך האָב בלויז מיין מענשען-פליכט געטהאָן און איך פאַרדין פאַר דעם קיין באַלוינונג און דאַנק.

— אָבער דו וועסט דאָך אַם וויינגסטענס אַריינקומען צו אונז מיר זאָלען קענען דיין פּנים אָנקוקען אין דער ליכטיגקייט.

— פיליכט וועלען מיר זיך נאָך אַמאָל זעהן! — האָט ער געזאָגט — יעצט אָבער טאָר איך זיך דאָ מעהר ניט פאַרזאַמען. גוטע נאַכט!

ער האָט זיך גלייך צוריקגעצויגען און איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

הדסה איז אַריינגעקומען מיט איהר דיענסט אין הויז. אין איהר פאָטער'ס צימער איז נאָך ליכטיג געווען. זי איז גלייך אַריין אינווייניג.

— וואָס איז מיט דיר, מיין טאָכטער? — האָט יהודה הלוי אויסגערופען מיט שרעק.

הדסה איז איהם געפאַלען אויף'ן האַלז און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

יהודה הלוי האָט זיין טאָכטער אַרומגענומען. ער האָט זי געצערטעלט און געגלעט.

— מיין טהייער קינד! זאָג מיר, פאַרוואָס ביזטו אַזוי אויפגערעגט און פאַרוואָס וויינסטו? האָט מען דיר פאַראורזאַכט שמערצען אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין? האָט אימיצער דיר באַליידיגט?

הדסה האָט ניט אויפגעהערט צו כליפּען. עס איז איהר געווען שווער צו ריידען. אַלעס וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבען ביי איהר אין האַרצען פאַר דער לעצטער האַלבער שטונדע האָט זיך יעצט אַרויסגעריסען. ווען זי האָט זיך אויסגעוויינט, איז איהר גרינגער געוואָרען.

יהודה הלוי האָט מיט גרויס שרעק געקוקט אויף זיין טאָכטער, וועלכע איז געזעסען אויף'ן שטוהל, איהר פּנים פאַרדעקט מיט איהרע הענט, און געוויינט. ער האָט איהר געבעטען זי זאָל איהם זאָגען וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט. אָבער ער האָט געזעהן, אַז עס איז איהר שווער צו ריידען, ער האָט אַריינגערופען איהר דיענסט און ער האָט באַמערקט, אַז אויך זי איז טויט-בלאַס.

— קענסטו מיר זאָגען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט? — איז ער נאָך מעהר אומרוהיג געוואָרען.

— מען איז אונז באַפאַלען אויף דעם וועג אַהיים! — האָט די דיענסט קוים אַרויסגעשטאַמעלט.

— ווער איז אייך באַפאַלען! — האָט יהודה הלוי אויסגערופען. זאָג מיר שנעלער.

— שלעכטע מענשען! איך וויים ניט ווער זיי זיינען!

— פאַר וואָס זיינען זיי אייך באַפאַלען, און ווי אַזוי האָט איהר זיך געראַטעט?

ער האָט פיעל פון איהר ניט געקענט אַרויסבאַקומען. ער איז דעריבער צוגעגאַנגען צו הדסה'ן און האָט זי גענומען באַרוהיגען.

דערווייל האָט זיך הדסה'ס מוטער אויפגעכאַפּט פון דעם טומעל און זי איז אַריינגעלאָפען אין דעם צימער און דערזעהענדיג איהר טאָכטער וויינענדיג, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען.

— מיין טאָכטער, מיין טאָכטער! וואָס איז געשעהן? — האָט זי איהר געהאַלזט און געקושט.

— זאָל זי זיך עטוואָס באַרוהיגען און דערנאָך וועט זי אונז אַלעס דערצעהלען — האָט יהודה הלוי געזאָגט צו זיין פרוי.

הדסה איז צו זיך געקומען און דאַן האָט זי דערצעהלט איהרע עלטערען ווי אַזוי צוויי טעמפעל-ריטער האָבען געמאַכט אַן איבערפאַל אויף איהר. ווי אַזוי ער האָט איהר געבונדען און אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד. זי האָט אויך איבערגעגעבען אַלעס וואָס ער האָט צו איהר געזאָגט, אַז דאָס פאַנגט ער זי, כדי צו צווינגען איהר פאָטער ער זאָל נאָכגעבען די פאָדערונג פון דעם טעמפעל-אָרדען . . . . איך האָב זיך מיט איהם געראַנגעלט. איך האָב זיך געוועהרט. אָבער ער איז געווען זעהר שטאַרק און האָט מיך ביי-געקומען. איך האָב שוין מעהר קיין האָפענונג ניט געהאַט זיך צו באַפרייען פון זיינע הענט. איך האָב געמיינט, אַז מיין סוף איז נאָהענט. און דאָ האָט פאַסירט א נס! גאָט האָט מיר א רעטער געשיקט. ער האָט מיך פון א זיכערען טויט געראַטעוועט. אין דער צייט ווען איך בין געזעסען אויף'ן פערד און דער טעמפעל-ריטער האָט מיינע הענט אויף הינטען פאַרבונדען איז פּלוצלונג פון ערגעץ אין דער פינסטערניש א יונגערמאַן אַרויסגעקומען און ער האָט גענומען קעמפּפען מיט דעם טעמפעל-ריטער. דער יונגערמאַן האָט געשיינט צו זיין זעהר שטאַרק, ווייל מיט איין קלאַפּ מיט זיין פויסט האָט ער איהם א צובלוטיגטען צום באָדען אַנידערגעוואָרפען, אָבער דער טעמפעל-ריטער איז אויך געווען שטאַרק און ער האָט זיך גלייך אויפגע-שטעלט און געצויגען זיין שווערד. דער יונגערמאַן איז געווען אומבאַוואַ-פענט, אָבער ער האָט זיך ניט דערשראָקען. ער האָט דעם שווערד פון דעם טעמפעל-ריטער'ס האַנט אַרויסגעוואָרפען און האָט איהם דערצו דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקען זעץ מיט זיין פויסט אין פנים, אַז איך בין זיכער, דאָס ער האָט אַלע זיינע ציינער אַרויסגעזעצט.

— און וואָס האָט דער צווייטער טעמפעל-ריטער געטהאָן? — האָט יהודה הלוי געפרעגט.

— ער האָט מיך צוגעהאַלטען. יע, ער איז געווען פאַרנומען מיט מיר!

— האָט די דיענסט געענטפערט — אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזעהן וואָס עס האָט פאַסירט מיט זיין פריינד, האָט ער מיך אָפּגעלאָזען און איז אַנטלאָפען.

— און ווער איז דער בראַווער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיין לעבען אין געפאַהר געשטעלט, איז ער א איד אָדער א קריסט?

— ער איז א איד. ער רעדט אונזער שפּראַך! — האָט הדסה גע-ענטפערט.

— און וואו איז ער? פאַרוואָס האָסטו איהם ניט איינגעלאַדען צו אונז איך זאָל האָבען א געלעגענהייט איהם צו באַדאַנקען פאַר זיין העל-דישקייט און פאַר זיין חסד וואָס ער האָט מיט דיר געטהאָן.

— ער האָט אונז ביידען ביז דעם טויער פון אונזער הויז צוגעפיהרט. איך האָב זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל אַריינקומען אויף א קליינע ווייל'ע, כדי מיר זאָלען איהם קענען באַדאַנקען פאַר דעם וואָס ער האָט פאַר מיר געטהאָן, אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאַרדינט קיין דאַנק און אַז עס

איז אוממעגליך פאַר אים יעצט אריינצוקומען צו אונז. „פיליכט וועלען מיר זיך אַמאָל זעהן", — האָט ער מיר געזאָגט און איז שנעל אַוועק. איך האָב אפילו זיין פנים ניט געזעהן, ווייל די הוט וואָס ער האָט געטראָגען, האָט אין גאַנצען זיין פנים פארשטעלט און ער האָט מיר אויך זיין נאָמען ניט געגעבען.

— איך וואָלט שווערען, אַז דאָס איז געווען אברהם אבן עזרא! — האָט יהודה הלוי אויסגערופען — אָבער ניין, עס איז אוממעגליך! וואָס וועט דען אבן עזרא טהאָן אזוי שפעט ביינאַכט אין דעם געגענט. און אויסערדעם גלויב איך ניט, אַז ער זאָל אזוי פיעל כח באַזיצען, ער זאָל קענען קעמפפען געגען צוויי טעמפעל-ריטער. ער האָט דאָך געוויס געזעהען אויך דעם צווייטען, און דאָס האָט איהם ניט פארמידען צו קעמפפען אין דער צייט ווען זיינע געגנער זיינען געווען באַוואפענט און ער האָט קיין וואפען ניט געהאַט. אברהם אבן עזרא'ס כח באַשטעהט אין זיין פעדער, זיין גבורה באַזיצט ער אין זיין מוח, און עס וואָלט פאַר איהם געווען אוממעגליך צו קעמפפען געגען דעם שטאַרקען עשו... אָבער ווער האָט ער געקענט זיין? ווי אזוי האָט ער אויסגעמאַרקירט צוצוקומען פונקט אין דער צייט דיך צו רעטען? איך קען עס ניט באַגרייפען. איז עס מעגליך אַז אימיצער האָט אויסגעפונען, אַז די טעמפעל-ריטער זוכען דיר שלעכטעס צו טהאָן, און ער איז געקומען דיך רעטען. דאַן פאַרוואָס האָט ער מורא געהאַט צו זאָגען זיין נאָמען?

— מיין האַרץ שרעקט מיר זעהר! — האָט הדסה'ס מוטער זיך אָפּגערופען. — איך האָב געהערט, אַז די קרייץ-טרעגער זיינען פעהיג אויף אַלעס, און בפרט די טעמפעל-ריטער! זיי זיינען נאָך מעהר פארביסען. פאַר-וואָס האָסטו אָנגענומען אויף זיך צו פיהרען די פארהאַנדלונגען מיט זיי. דו אַליין וואָלסט באַדאַרפט פארלאַנגען פון קעניג, אַז ער זאָל דיך באַפרייען פון דיזען איינציגען פליכט. דו האָסט באַדאַרפט וויסען, אַז דו, אַלס איד, וואָלסט קיינמאָל קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צופרידענצושטעלען די טעמ-פעל-ריטער.

— ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ווען איך ענטזאָג זיך צו פיהרען די פארהאַנדלונגען מיט זיי וועט עס זיין שוואָגער דער מיניסטער אַרטהור טהאָן, און ער וואָלט זייער פאַרלאַנג ערפילט — האָט יהודה הלוי גע-ענטפערט.

— און וואָס וואָלט דיר געאַרט, ווען ער וואָלט דעם טעמפעל-אָרדען אָפּגעגעבען אראַגאָניען? — האָט זיין פרוי ווייטער געפרעגט. — דיין גע-וויסען וואָלט דיר ניט געדאַרפט פלאָגען צוליב דעם, וואָס דעם קעניג'ס שוואָגער האָט אזוי געהאַנדעלט.

— וואָלט איך דען געקענט צוזעהן און שווייגען ווי אזוי ער שוואַכט אָפּ די רעגירונג פון אונזער גוטען קעניג אַלפאָנזאָ דעם אַכטען, און דערצו פארשטאַרקט ער דעם פארהאַסטען טעמפעל-אָרדען, וועמענס מיטגלידער האָבען פארגאָסען אזוי פיעל אידיש בלוט. איך האָב זיך דערוואוסט וואָס זייערע כוונות זיינען. זיי קענען ניט צוזעהן ווי אזוי אונזערע ברידער לעבען

זיך רוהיג אין שפּאַניען. צו זיי האָבען נאָך די אכזריות׳ישע הענט פון די קרייץ-טרעגער ניט דערגרייכט. ווילען זיי יעצט אויך אַריינדרינגען אין שפּאַניען און זעהן שלעכטעס צו טהאָן אונזערע ברידער... ניין! איך וועל זיך פאר זיי ניט דערשרעקען. אזוי לאַנג ווי איך איב אוים אַן איינפלוס אויף דעם קעניג וועל איך ניט דערלאָזען אַז זיי זאָלען קריגען איין פוס אין לאַנד. זיי וועלען מיר ניט דערשרעקען.

— געלויבט איז גאָט וואָס אימיצער איז אין צייט געקומען און האָט אונזער טאָכטער גערעטעט. אָבער וואָס וואָלסטו געטהאָן, אויב זייער פּלאַן וואָלט זיך איינגעגעבען. וואָלסטו דען געקענט דערלאָזען אַז זיי זאָלען שלעכטעס טהאָן צו אונזער טאָכטער! — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופען.

— איך ווייס ניט וואָס דעמאָלסט וואָלט געשעהן, אָבער איך פאַרזי-כער דיר אַז זיי וואָלטען מיר ניט געקענט צווינגען. איך וועל מיין פאָטער-לאַנד ניט פאַרראַטהען. איך וואָלט איבערגעגעבען דעם קעניג וועגען דער פאַסירונג און זיי וואָלטען געצוואונגען געווען צו באַפרייען אונזער טאָכטער.

— און ווער ווייסט אויב עס וואָלט דאַן שוין ניט צו שפּעט געווען!

— האָט זי אַ שוידער געטהאָן. — מיר מוזען יעצט זעהר פאָרזיכטיג זיין, הדסה וועט אַליין זיך ניט דאַרפען באַווייזען אין דרויסען, און געוויס ניט ביינאַכט, אפילו ווען זי זאָל האָבען איינינע באַגלייטערינס.

—איך גלויב, אַז נאָכדעם ווי איך האָב מיט רודאָלף׳ן גערעדט וועט ער שוין לאַנג אין שפּאַניען ניט פאַרבלייבען. און אויב איך האָב פריהער געהאַט אין זינען איינצוגעהן אויף אַ פּשרה, יעצט אָבער וועל איך פולשטענ-דיג זייער פּלאַן צוריקווייזען, און זאָלען די טעמפּעל-ריטער זיך צוריק-קעהרען צו זייער גרויסמייסטער מיט ליידיגען! — האָט יהודה הלוי גע-זאָגט צו זיין פרוי. — און אַזוי שנעל ווי זיי וועלען פאַרלאָזען שפּאַניען וועט מעהר קיין געפאַהר ניט זיין פאַר הדסה׳ן.

— איך בין זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען ווער דער יונגערמאַן איז גע-ווען! — האָט זי זיך אָפּגערופען צו איהר טאָכטער. — ווען איך וואָלט איהם געזעהן, וואָלט איך איהם שוין ניט אָפּגעלאָזען, ביז וואַנען ער וואָלט מיר געזאָגט זיין נאָמען, און ביז וואַנען איך וואָלט זיין פּנים געזעהן.. איך קען דיר גאָר ניט פאַרשטעהן, הדסה, ווי אַזוי דו האָסט איהם געלאָזען אַוועקגעהן און אפילו ניט געזעהן ווי דיין רעטער קוקט אוים, אָדער ווי ער הייסט!

— איך האָב שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהם, אָבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. ער האָט מיר ניט געוואָלט זאָגען ווער ער איז. און אין דער פינסטער האָב איך דאָך ניט געקענט זעהן ווער ער איז, בפרט ווען זיין הוט האָט פאַרשטעלט אַ העלפט פון זיין פּנים.

— זאָל ער זיין געבענשט צו גאָט, ווער ער איז! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען. — מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז מיר וועלען זיך מיט איהם ווען עס איז זעהן.

א היבשע ווײַלע איז רודאָלף געלעגן באַוואוסטלאָז אויף'ן באָרדען, דאָס בלוט האָט גערונען פון זיין מויל. ביסלעכווייז איז ער צו זיך געקומען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט זיין צעבלוטיגטע מאָרדע מיט זיינע הענט געטאַפּט. ער האָט יעצט נאָך מעהר גענומען פיהלען זיין וועהטאָג. ער האָט דערשפּירט, אַז אייניגע צייהן זיינען איהם ארויסגעזעצט געוואָרען. וואו איז ער? וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט? ווי אין אַ קאַשמאַר קומט איהם אַלעס פאָר. ער האָט זיך גענומען דערמאָהנען וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען. אַ שווידער איז דורך זיין קערפּער. ער האָט גענומען רופען דעם ארויסהעלפער, דעם טעמפּעל-ריטער, ביי זיין נאָמען, אָבער ער האָט בלויז געהערט זיין עכאָ. ער האָט פּרובירט זיך אויפשטעלען, אָבער קוים, קוים אויפגעשטעלט. עס איז געווען פינסטער אָבער ער האָט געקענט באַמערקען זיין פערד, וועלכער איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהם. ער האָט אַ רוף געטהאָן זיין פערד און ווען ער איז צו איהם צוגעגאַנגען האָט ער זיך אָן איהם אָנגעלעהנט. ער האָט ווידער אַמאָל גערופען דעם נאָמען פון זיין ארויסהעלפער. איז עס מעגליך, אַז יענער שטאַרקער מאַן האָט אויך איהם צעקלאַפּט?

ווען ער האָט אָנגעהויבען פיהלען עטוואָס שטאַרקער, האָט ער זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד. אַ ווײַלע האָט ער ארומגעריטען הין און צוריק און געזוכט זיין ארויסהעלפער, און ווען ער האָט איהם ניט געפונען, האָט ער אוועקגעריטען אַהיים.

ער איז געווען שטאַרק ענטטוישט און פאַרביטערט. ניט נאָר איז פון זיין פּלאַן גאָר ניט געוואָרען, יהודה הלוי'ס טאָכטער איז גערעטעט געוואָרען, נאָר ער איז שרעקליך צעשלאָגען געוואָרען. דער וועהטאָג איז גרויס און די שאַנדע איז נאָך גרעסער. זיי זיינען געווען צוויי טעמפּעל-ריטער, וועלכע זיינען פאַררעכענט פאַר בראַווע העלדען. און דאָ איז געקומען אַן אומבאַקאַנטער מאַן, אַזוי פּלוצלונג, און ער האָט איהם צעשלאָגען אַזוי, אַז ער קען זיך קוים ריהרען, און זיין ארויסהעלפער איז גאָר פון שרעק אַנטלאָפען. יעצט וועט יהודה הלוי וויסען אַז ער האָט דאָס געמאַכט דעם פּאַרזוך צו פאַנגען זיין טאָכטער און ער וועט געוויס איבערגעבען דעם קעניג וועגען דעם. יעצט קען ער שוין אפילו ניט האָפען אַז דער קעניג וועט ווען עס איז איינוויליגען אָפּצוגעבען אראַגאָניען. זיין שליחות איז אומזיסט. ער האָט אַזוי פיעל האָפענונג געלייגט.

רודאָלף האָט זיך דערמאָהנט אַז ער האָט יהודה הלוי'ס טאָכטער געזאָגט, אַז ער איז דער הויפּט פון די טעמפּעל-ריטער, וועלכער איז געקומען פאַרהאַנדלען מיט דעם קעניג. יעצט האָט איהם שוין פאַרדאָסען וואָס ער האָט איהר אויסגעזאָגט ווער ער איז. אָבער פון וואַנען זאָל ער וויסען אַז אימיצער וועט דערהערען דעם טומעל און זי ארויסראַטעווען פון זיינע הענט. יעצט וועט ער אפילו ניט קענען אָפּלייקענען אַז דאָס איז ער געווען. אַלע וועלען וויסען. אָבער ער וועט זיך מוזען זעהן מיט אַרטהור'ן און איהם דערצעהלען. אַרטהור וועט איהם ראַטהען וואָס ווייטער צו טהאָן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַליין אויך פאַרמישט אין דעם. ער האָט דאָך איהם

געגעבען די עצה צו נעהמען יהודה הלוי'ס טאָכטער אין געפאַנגענשאַפט.

ווען רודאָלף איז אָנגעקומען אין דער וואָהנונג וואו די טעמפעל־ריטער האָבען זיך אויפגעהאַלטען, האָט ער זיי שוין געטראָפען שלאָפענדיג. בלויז זיין באַגלייטער איז דאָרט ניט געווען. רודאָלף איז געוואָרען אומרוהיג. פיליייכט האָט מען איהם געטויטעט? ער איז אַרויס אין דרויסען, ער האָט שוין באַשלאָסען אויפצואוועקען די איבעריגע טעמפעל־ריטער און זיי דער־צעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט און מיט זיי זיך אוועקלאָזען זוכען זיין אַרויסהעלפער. ער איז אַרויס אין דרויסען און גענומען אָפּוואַשען זיין בלוט פון דעם פּנים. עס האָט שוין אָנגעפאַנגען צו טאָגען, אַ פּאַס ליכטיגקייט האָט זיך באַוויזען אין הימעל פון מזרח. רודאָלף אַט דערהערט אַ היר־זשען פון אַ פערד. ער איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעהענטער און דערזעהן אַז דער פערד איז צוגעבונדען צו אַ בוים. ער האָט דערקענט דעם פערד פון זיין אַרויסהעלפער. דאָס האָט איהם נאָך מעהר איבערראַשט. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקען און דאָ האָט ער באַמערקט ווי זיין אַרויסהעלפער זיצט אונטער אַ בוים און שלאָפט.

ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אויפגעוועקט.

— אַ סך הילף האָב איך געקענט פון דיר ערוואַרטען — האָט רודאָלף צו איהם זיך אָפּגערופען — דו האָסט געזעהן ווי אימיצער האָט מיר באַ־פאַלען און דו ביזט אפילו מיר צו הילף ניט געקומען.

— ווי אַזוי האָב איך געקענט דיר העלפען, ווען מיינע הענט זיינען געווען פאַרנומען.

— האָסט געדאַרפט איהר דיענסט אָפּלאָזען. מיר זיינען דאָך בלויז געווען פאַראינטערעסירט צו פאַנגען יהודה הלוי'ס טאָכטער און ניט איהר דיענסט.

— איך האָב אָבער געמיינט, אַז די וועלכע איז געווען אין מיינע הענט איז די טאָכטער פון יהודה הלוי!

— דו ביזט אַ ליגנער! האָט רודאָלף מיט צאָרן אויסגערופען. — איך האָב אַליין געהערט ווי דו האָסט פּרובירט זי באַרוהיגען און געזאָגט: „איך וויים, אַז דו ביזט אַ קריסטין און קיין שלעכטס וועט דיר ניט געטהאָן ווערען". און יעצט ווילסטו מיר איינרעדען אַז דו האָסט געמיינט אַז אין דיינע הענט געפינט זיך די טאָכטער פון יהודה הלוי. אָבער זאָג מיר וואו איז זי יעצט. פאַרוואָס האָסטו זי אָפּגעלאָזט און אַנטלאָפען געוואָרען? אָנשטאָט צו קומען מיר צו הילף ביזטו גאָר אַנטלאָפען. און דו האָסט גע־האַט ביי זיך אַ שווערד. דאָס באַווייזט אַז דו ביזט אַ פייגלינג.

— הם... איך האָב געזעהן ווי ער האָט דיך צוקלאַפּט. ער איז געווען אַזוי שטאַרק, און איך האָב געוואוסט אַז אומזיסט וועט זיין מיין קומען דיר צו הילף. בפרט ווען איך האָב באַמערקט אַז ער האָט דיין שווערד פון דיין האַנט אַרויסגעזעצט. איך האָב מורא געהאַט אַז ער וועט זיך ערשט דאַן נעהמען צו מיר און דעריבער בין איך אין צייט אַנטלאָפען. איך האָב געהאַט אין זינען צו רופען הילף, אָבער איך בין געווען אַזוי אויסגע־

מאַטערט, און ווען איך האָב זיך צוגעזעצט אָפּרוהען, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרען.

— ביי דיר איז געווען רעכט, אז ער זאָל מיר צום טויט שלאָגען! — האָט רודאָלף געזאָגט.. דו האָסט געזעהן ווי ער האָט מיך צום באָדען גע־שליידערט, ווי איך האָב זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט פון וועהטאָג, געהמסטו און אַנטלויפסט. דו זעצסט זיך צו אָפּרוהען און דיר אַרט ניט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט!

— דו וועסט מיר מוזן מוחל זיין, רודאָלף, איך בין געווען אַזוי צוטר־מעלט, אז איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך טהו. מיין האַרץ האָט מיר גע־זאָגט, אז עפּעס וועט געשעהן, וואָס וועט צושטערען אונזער פּלאַן. איז עס מעגליך, אז אָט דער אַרטהור האָט דיך פאַרראַטהען, ער האָט בכיון אימי־צען אונטערגעשיקט.

— אָה, ניין! דאָס וועל איך קיין מאָל ניט גלויבען אויף איהם! — האָט רודאָלף געזאָגט — ער האָסט דעם אידישען מיניסטער נאָך מעהר ווי איך און ער איז פאַראינטערעסירט אז דער טעמפּעל־אָרדען זאָל זיך באַ־פעסטיגען אין שפּאַניען. ער איז זעהר געטריי און איבערגעגעבען צו אונ־זער היילינען צוועק, צו באַפרייען דאָס הייליגע לאַנד פון די אומגלויביגע מאַכמעדאַנער. ער וועט אַזאַ זאַך ניט טהאָן.

— אָבער ווי אַזוי איז עס מעגליך, אז גראָדע דאַן זאָל אונטערקומען אַזאַ שטאַרקער מאַן און זי פון אונזערע הענט רעטען? — האָט דער טעמ־פּעל־ריטער זיך אָפּגערופען.

— אָט דאָס וואָס איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אַז דאָס וואָס דער ערשטער איד, וועמען מיר האָבען באַגעגענט אין שפּאַניען האָט זיך ארויס־געדרעהט פון אונזערע הענט, איז פאַר אונז אַ שלעכטער סימן. מיר האָבען דאַן ניט געדאַרפט זיך צוהערען צו דעם גלח און צו דעם יונגען פּריץ. איך בין זיכער, אז ווען מיר וואָלטען דעם ערשטען אידען פאַרברענט, וואָלטען מיר געווען ערפאָלגרייך אין אונזערע אַלע אונטערנעהמונגען.

— אָה, ווען מיר וועלען יענעם בעטלער ווידער אַמאָל באַגעגנען, וועט ער שוין פון אונזערע הענט קיין לעבעדיגער ניט ארויסקומען. ווען אים דערמאָן זיך, אז יענער פאַרפלוכטער איד האָט דאַן געהאַט די חוצפּה ארויס־צוציינען אַ ווידערשטאַנד און אויפהויבען אַ האַנט געגען דיר.

— עס איז מערקווירדיג אַז יענער געהיימניספּולער מאַן האָט מיר גע־געבען אַ זעץ אויף דעם זעלבען פּלאַץ וואו דער פאַרפלוכטער בעטלער האָט עס געטהאָן. ער האָט געוויס אויך געמוזט זיין אַ איד! — האָט רודאָלף געזאָגט.

— דאָס גלויבט זיך קוים! — האָט דער אַנדערער געצויגען מיט זיינע פּלייצעס — ווי קומט אַ איד צו זיין אַזוי שטאַרק, אז ער זאָל דיך קענען בייקומען. ער איז געוויס איינער פון די שטאַרקע ריטער, און ער האָט אונז אַנגענומען פאַר איינפאַכע באַנדיטען, וועלכע האָבען געוואָלט שלעכ־טעס טהאָן אַ יונגע פרוי.

— עס איז מעגליך אַז דו ביזט גערעכט, און מיר פאַרדריסט שוין

וואָס איך האָב איהם גלייך ניט געזאָגט ווער איך בין און צוליעב וואָס פאַר א צוועק מיר טהוען עס! ער וואָלט אונז געוויס נאָך אין דעם געהאָלפען! יעצט אָבער איז שוין אַלעס פאַרפאַלען, מיר זיינען מיאוס אריינגעפאַלען. אַלע וועלען וויסען וואָס מיר האָבען געטהאָן, און ווי אזוי איין מאַן האָט באזיעגט צוויי טעמפעל־ריטער, און ווען עס זאָל זיך נאָך ארויסווייזען אז דער, וועלכער האָט מיך צושלאָגען איז א איד, דאַן וועלען מיר קיין פלאַץ ניט עפינען וואוהין צו אנטלויפען פון שאַנדע.

— מיר וועלען עס דאַרפען האַלטען בסוד. מיר וועלען זיך גאָר ניט וויסענדיג מאַכען. אין דער פינסטער האָט דאָך קיינער ניט באַמערקט אונזערע פּנים׳ער. זאָל מען מיינען אז באַנדיטען זיינען באַפאַלען יהודה הלוי׳ם טאָכטער!

— ווען דאָס וואָלט געווען מעגליך אזוי צו טהאָן, וואָלט איך יעצט אזוי שטאַרק ניט געווען באַזאָרגט! — האָט רודאָלף טרויעריג געזאָגט.

— אָבער איך האָב זיך באַנאַרישט און געזאָגט ווער איך בין און צו־ליעב וואָס פאַר א צוועק איך נעהם זי געפאַנגען. איך בין געווען אזוי זי־כער אז זי וועט זיך פון אונזערע הענט ניט ארויסדרעהען, אז איך האָב ניט מורא געהאַט איהר צו זאָגען ווער איך בין. און יעצט, אז זי איז גערע־טעט געוואָרען, האָט זי געוויס דערצעהלט איהר פאָטער!

— דאָס איז גאָר ניט! מיר וועלען קענען אָפּלייקענען. מיר וועלען זאָגען, אז מיר זיינען יענע נאַכט גאָר ניט ארויסגעגאַנגען פון אונזער וואָהנונג.

— דאָס וואָלט געווען מעגליך צו טהאָן, ווען מיר וואָלטען ניט איבער־געלאָזען קיינע שפּורען, האָט רודאָלף געזאָגט, יעצט אָבער ווייסטו דאָך אז מיין שווערד האָט מיין אַנגרייפער צוגענומען, און ווען עס זאָל קומען צו אַן אויספאָרשונג וועט מען גלייך וויסען אז די שווערד איז מיינע, און אויסער דעם. גיעב א קוק!

רודאָלף האָט אויפגעעפענט זיין מויל, און דער טעמפעל־ריטער האָט געזעהן, אז דריי פון זיינע פאָדערשטע צייהן זיינען אויסגעהאַקט געוואָרען.

— דאָס וועט פאַר מיר בלייבען אַן אייביגע שאַנדע! — האָט רודאָלף טרויעריג געזאָגט — ווי וועל איך קענען באַווייזען מיין פּנים פאַר דעם גרויסמייסטער. ווי וועל איך איהם אַלעס קענען ערקלעהרען? און ווער ווייסט אויב מיר וועלען נאָכדעם קענען לענגער פאַרבלייבען?

— פּילייכט וועט דיר אַרטהור קענען ראַטהען וואָס צו טהאָן? נאָך אַלעמען איז ער דאָך עטוואָס שולדיג אין אונזער דורכפאַל. ער האָט פאַר־שפּראָכען דיר צו העלפען און צום סוף האָט ער זיך אפילו ניט באַוויזען.

— דערווייל ווייס איך ניט וואָס צו טהאָן מיט די איבעריגע טעמפעל־ריטער! ווען זיי וועלען דערזעהן מיין פאַרוואונדעטען פּנים מיט די אויס־געהאַקטע צייהן... אָח, פאַרשאָלטען זאָלען ווערען אַלע אידען. גאָט האָט מיך געשטראָפט ווייל מיר האָבען פריי געלאָזען דעם ערשטען אידען, דעם בעטלער. איך זעה, אז מיר האָבען געמאַכט א גרויסען טעות וואָס מיר האָבען איהם ניט פאַרברענט. עס ווערט שוין ליכטיג. באַלד וועלען אַלע

זעהן מיין פּנים. איך וואָלט וועלען זיך אויסבאַהאַלטען אויף אַ קורצע צייט, ביז וואַנען די וואונדען וועלען פאַרהיילט ווערען. איך קען יעצט זיך פאַר די איבעריגע טעמפּעל-ריטער ניט באַווייזען. זיי וועלען מיר פאָרוואַרפען פאַר וואָס איך האָב זיי ניט גערופען זיך באַטייליגען אין דעם פּלאַן צו פאַנגען די מאַכטער פון דעם אידישען מיניסטער, און זיי וועלען זיין גערעכט. איך האָב ניט גערעכענט אַז איך וועל זיך נויטיגען אין זייער הילף, איך האָב בלויז דיך גערופען, ווייל איך האָב געגלויבט אַז דו ביזט בראַוו און האָב שטאַרק. צום סוף האָסטו מיר אַזוי אָפּגעטהאָן, דו האָסט מיך איבערגעלאָזען און אַנטלאָפען געוואָרען. יענער האָט דאָך מיך געקענט צום טויט דערשלאָגען! אָבער איך וואָלט דיר שוין מוחל געווען ווען דו וועסט מיר ראַטהען וואָס צו טהאָן.

— פאַרוואָס זאָלען מיר יעצט ביידע ניט אַוועקרייטען צום קלויסטער, צו פּעטרוס'ן, צו וועמען איך האָב געזאָלט אַוועקפיהרען די געפאַנגענע? — האָט דער טעמפּעל-ריטער זיך אָפּגערופען.

— דו האָסט רעכט! — האָט רודאָלף צוגעשטימט. — איך בין זיכער, אַז דאָרטען וועל איך אויך טרעפען אַרטהור'ן, ווייל ער וועט דאָך זיין אונטער'ן איינדרוק, אַז זי איז געבראַכט געוואָרען אין קלויסטער, וועט ער אַהין קומען גאַנץ פריה, כדי מען זאָל איהם ניט באַמערקען. גוט, זעץ זיך אויף דיין פערד און לאָמיר ביידע אַהין אַוועקרייטען. יעצט וועט קיינער אונז ניט זעהן.

רודאָלף און זיין אַרויסהעלפער זיינען אַוועקגעריטען צום קלויסטער.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין הויף איז זיי ענטקעגען געגאַנגען פּעטרוס און זיי וואַרעם באַגריסט.

— איך בין די גאַנצע נאַכט געווען אויף איך האָב אויף אייך געוואַרט. דער מיניסטער אַרטהור האָט מיר אַלעס איבערגעגעבען און לויט זיין אויסרעכענונג האָט עס געדאַרפט פּאַסירען נאָך האַלבע נאַכט. איך בין דעריבער געזעסען נעבען מיין פענסטער און אַרויסגעקוקט אויף אייך. אָבער איך האָב קיינעם ניט באַמערקט. איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט. ווייל לויט דעם מיניסטער'ס רייד, איז גאָר קיין צווייפעל ניט געווען אַז איהר וועט אַהער ברענגען די טאָכטער פון יהודה הלוי!

— עפּעס האָט פּאַסירט און אונזער גאַנצער פּלאַן איז צושטערט געוואָרען — האָט רודאָלף געזאָגט צו פּעטרוס'ן — אָבער זאָג מיר, קענען מיר פילייכט געפינען דאָ פּלאַץ זיך אויסצורוהען? מיר זיינען זעהר מיעד. שפּעטער וועלען מיר דיר אַלע איינצעלהייטען איבערגעבען.

— געוויס! — האָט פּעטרוס געזאָגט — איהר קענט זיך אויסרוהען אין דעם צימער וואָס איך האָב באַשטימט פאַר איהר. דאָרטען וועט אייך קיינער ניט שטערען און איהר וועט זיך קענען אויסרוהען.

— ערוואַרטעסטו, אַז אַרטהור זאָל היינט קומען? — האָט איהם רודאָלף געפרעגט.

— לויט אונזער אָפּמאַך האָט ער באַדאַרפט היינט גאַנץ פריה צוקומען און מיר זאָגען וואָס צו טהאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען, אָבער יעצט,

אַז פון דעם גאַנצען פּלאַן האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזען, ווייס איך ניט אויב ער וועט קומען.

— אָבער אַרטהור ווייסט דאָך נאָך ניט, אַז איך האָב קיין ערפאָלג ניט געהאַט? איך האָב איהם ניט געזעהן.

— דאַן וועט ער געוויס קומען! — האָט פּעטרוס געזאָגט.

זיי זיינען אַריין אין צימער און זיך געלעגט אויסרוהען.

רודאָלף האָט דאַן, ווען ער האָט זיך אוועקגעלייגט, דערפיהלט די וועה־טאָגען. ער האָט אַ טאַפּ געטהאָן די אונטערשטע ליפּ און האָט באַמערקט, אַז זי איז געשוואָלען... ער האָט געפיהלט אַ מיעדקייט אין זיין גאַנצען קערפּער. ער האָט געמורמעלט קללות, ער האָט געשאָלטען אַלע אידען.

באַלד האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אַז אַרטהור איז געקומען. רודאָלף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איז איהם ענטקעגען געקומען.

— וואָס האָט פּאַסירט? ווער האָט עס דיך אַזוי צוקלאַפּט? — האָט אַרטהור מיט גרויס פּאַרוואונדערונג זיך אָפּגערופען.

— אַן אומגליק האָט פּאַסירט! אונזער גאַנצער פּלאַן איז צושטערט געוואָרען — האָט רודאָלף טרויעריג געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

ער האָט איהם דערצעהלט וואָס עס איז פאָרגעקומען, ווען אַרטהור׳ס איבעררראַשונג איז נאָך גרעסער געוואָרען.

— ווער האָט עס געקענט זיין? — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס — איז עס מעגליך, אַז אימיצער שפּיאָנירט אונז. אָבער ניין, דאָס איז אונמעגליך! מיר זיינען דאָך דאַן געוועזען אַליין. עס איז געוויס אַ צו־פאַל. אימיצער האָט געהערט דעם טומעל, זי האָט געוויס געשריען. און יענער איז מסתמא צוגעקומען און האָט זיך אַריינגעמישט. אָבער מיר וואונדערט ווי אַזוי ער, איינער, האָט אייךביידען בייגעקומען?

— ער איז געוועזען זעהר שטאַרק און דערצו האָט מיין אַרויסהעלפער צוגעהאַלטען איהר דיענסט זי זאָל ניט אַנטלויפען...

— גלויבסטו, אַז די טאָכטער פון יהודה הלוי האָט באַמערקט דיין פּנים, און זי וועט דערגעהן ווער דו ביזט?

— ניין, עס איז געוועזען גוט פינסטער און זי האָט מיר ניט געקענט באַמערקען!

— אויב אַזוי איז גוט! — האָט אַרטהור זיך אָפּגערופען — יעצט וועט קיינער ניט וויסען ווער עס איז זיי באַפאַלען.

— אָבער איך האָב איהר געזאָגט ווער איך בין! — האָט רודאָלף געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ. — איך האָב איהר געזאָגט, אַז דאָס טו איך כדי צו צווינגען איהר פאָטער.

— אָה, דו האָסט זיך זעהר באַנאַרישט! — פאַרוואָס האָסטו באַ־דאַרפט ריידען?

— איך האָב געמיינט, אַז זי וועט שוין זיך פון מיינע הענט ניט אַרויסדרעהען. ווער האָט עס געקענט וויסען, אַז אימיצער וועט זי אַרויס־ראַטעווען פון מיינע הענט.

— יעצט וועט זיין זעהר שלעכט! — האָט אַרטהור געזאָגט מיט

זאָרג. — דער קעניג וועט זיך דערפון דערוויסען. ער וועט געוויס מאַכען אַן אויספאָרשונג, און קיין גוטעס וועט ניט אַרויסקומען פאַר דעם טעמפּעל-אָרדען. און איך מוז דיר אָנזאָגען, אַז דו דאַרפסט זעהר פאָרזיכטיג זיין מיך ניט אַריינצושלעפּען אין דער זאַך... דו מוזט מיר צושווערען ביים הייליגען יעזוס, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען, אַז איך האָב דיר אַזאַ עצה געגעבען... אויב דו וועסט אַזוי טהאָן וועל איך דיר זעהר באַהילפיג זיין. איך וועל ווירקען אויף דעם קעניג און ער וועט די אָנקלאַגע אויף דיר צו נישט מאַכען.

זאָג מיר, האָסטו קיינעם ניט דערצעהלט, אַז איך האָב עס דיר געראַטהען צו טהאָן?

— צו קיינעם ניט, אויסער מיין אַרויסהעלפער, וועלכער וועט באַלד אַריינקומען — האָט רודאָלף געזאָגט.

— אויב אַזוי וועט איהר ביידע מוזען צושווערען מיך ניט אַריינציהען אין דעם און דאַן וועל איך זעהן וואָס איך קען טהאָן... איך וועל אויסגעפינען, אויב יהודה הלוי האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם קעניג און דאַן וועל איך וויסען ווי אַזוי צו האַנדלען. איך וועל דיר לאָזען וויסען!

— איך וויים, אַז אין דיר האָב איך געפונען אַן איבערגעגעבענעם פריינד! — האָט רודאָלף געזאָגט — און איך פאַרשפּרעך דיר, אַז אפילו ווען מען וועט מאַכען אַן אויספאָרשונג וועל איך דיין נאָמען ניט דערמאָנען. איך וועל אויף זיך נעהמען די גאַנצע שולד... איך, אַלס טעמפּעל-ריטער, האָב דאָך געוויס אַ רעכט זיך נוקם צו זיין אָן אַ אידען, וועלכער שטערט די ענטוויקלונג פון אונזער הייליגען טעמפּעל-אָרדען, און אויב דער קעניג וועט מיר וועלען דערפאַר באַשטראָפען, בין איך גרייט אויף זיך די שטראָף צו נעהמען.

— איך גלויב ניט, אויב דער קעניג וועט זיך וועלען אין דעם אַריינמישען. ער וועט אין אַזאַ צייט ניט אויפרייצען געגען די קרייץ-טרעגער און דעם גאַנצען טעמפּעל-אָרדען!...

— אָבער וואָס וועט אונז פון דעם אַרויסקומען? — האָט רודאָלף טרויעריג געזאָגט — אַז מיר וועלען זיך דאַרפען צוריקקעהרען מיט לעדיגען? דער הויפּט מייסטער וועט זיין שטאַרק ענטוישט, ער וועט זאָגען, אַז מיר האָבען אונזער שליחות ניט ריכטיג דורכגעפיהרט... ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז דער קעניג וועט זיך צוהערען צו דער גערעכטער טענה און מיר וועלען זיך צוריקקעהרען מיט דעם קעניג׳ס צושריפט, אַז אָראַנאָניען געהערט צו דעם טעמפּעל-אָרדען.. ..

— עס איז נאָך פאַראַן אַ שטיקעל האָפענונג, אַז דער קעניג וועט זיך אָרומזען. געוויינליך, דאָס וועט מוזען דורכגעהן יהודה הלוי׳ס האַנט... און איך גלויב, אַז עס איז גאָר ניט אויסגעשלאָסען אַז יהודה הלוי וועט ענדליך זיך אַרומזעהן, אַז ער דאַרף זיך ניט אָנפאַנגען מיט דעם טעמפּעל-אָרדען. איך אַליין וועל זעהן צו זיין פריינדליך צו איהם... זיין טאָכטער האָט ביי מיר זעהר אויסגענומען און איך וועל זיך נעהענטער מיט איהר באַקענען. איך וועל שוין זוכען פאַרשידענע וועגען צו באַווייזען דעם אידישען מי-

ניסטער, אַז איך בין זיין פריינד. און פּילייכט וועט מיר געלינגען איבער-צורײדען זיין טאָכטער זי זאָל באַאיינפלוסען איהר פאָטער. נאָר וואָס עס זאָל ניט געשעהן זאָלסטו זיך שטאַרק ניט נעהמען צום האַרצען...

— ווען ער וואָלט מיר מיינע פאָדערשטע צייהן ניט אַרויסגעזעצט, וואָלט איך זיך שוין באַרוהיגט, אָבער יעצט וועל איך זיך שעהמען מיין פּנים צו ווייזען.

— דאָס איז אַ געוועהנליכע זאַך ביי די טעמפּעל-ריטער — האָט איהם אַרטהור געטרייסט — עס קומט דאָך זיי גאַנץ אָפט אויס צו קעמפּפען, און אין קאַמפּף פּאַסירען אַזעלכע צופאַלען... דער גרויסמייסטער וועט דיך נאָך דערהויבען ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז דו האָסט פאַרלוירען דיינע צייהן אין קאַמפּף פאַר דעם הייליגען גלויבען!

באַלד איז אַריינגעקומען דער אַנדערער טעמפּעל-ריטער און אַרטהור האָט ביידען געמאַכט צו שווערען, אַז זיי וועלען פאַר קיינעם זיך ניט אַרויס-ריידען, אַז ער, אַרטהור, האָט עפּעס געהאַט צו טהאָן מיט דעם ניט געלונ-גענעם איבערפאַל אויף דער טאָכטער פון דעם אידישען מיניסטער.

קאַפּיטעל זעקס

יהודה הלוי איז געווען זעהר אויפגערעגט פון דער פּאַסירונג וואָס איז געשעהן לעצטע נאַכט מיט זיין טאָכטער. ער איז געווען זיכער, אַז די טעמ-פּעל-ריטער האָבען אויסגעפונען וועגען דער באַוועגונג פון הדסה'ן, פון איי-נעם, וועלכער האָט געוואוסט, אַז זי איז איינגעלאַדען געוואָרען צו דעם קע-ניגינ'ס פּאַרוויילונג. אָבער ווער האָט עס געקענט זיין? קיינער האָט דאָך דערפון ניט געוואוסט, אויסער הדסה'ס דיענסט. זאָל עס מעגליך זיין, אַז זי זאָל עס האָבען איבערגעגעבען די טעמפּעל-ריטער, אַז זיי האָבען איהר אָפּגעוואַרט?... ניין, דאָס איז אונמעגליך! הדסה'ס קריסטליכע דיענסט איז עהרליך און געטריי. זי וועט ניט פאַרראַטהען איהר האַרינטע. ווער דען קען עס זיין?

ער האָט באַשלאָסען וועגען דעם מיט קיינעם ניט צו ריידען. ער וועט אפילו דעם קעניג וועגען דעם קיין וואָרט ניט דערצעהלען... ניט יעצט, פּי-לייכט שפּעטער ווען די געלעגענהייט צו דעם וועט קומען. דערווייל וועט ער מוזען אויסגעפינען ווער עס שטעהט אין פאַרבינדונג מיט די טעמפּעל-ריטער.

ער האָט זיך דורכגערעדט מיט דער דיענסט נאָך אַמאָל און איהר גע-שטעלט פאַרשידענע פראַגען און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז אין גאַנצען אומשולדיג. יעצט וועט ער דאַרפען זוכען אַנדערשוואו די שול-דיגע. ווען ער זאָל קענען געפינען זיין טאָכטער'ס רעטער, וואָלט ער פּי-לייכט געקענט אויסגעפינען פון איהם, ווי אַזוי ער האָט זיך דערוואוסט פון זייער פאַרשווערונג...

הדסה האט יענע נאכט ניט צוגעמאכט איהרע אויגען. די גאנצע פּאַסירונג האט איהר שטארק ערשיטערט. יעדעס מאל ווען זי האט פון דעם א טראכט געטהאן האט זי אויפגעשוידערט. וויפיעל האט געפעהלט, אז מען זאל איהר נעהמען געפאנגען. און דאן ווער ווייסט וואס מיט איהר וואלט פאסירט? זיי וואלטען איהר זיכער געטויטעט כדי צו נעהמען נקמה אן איהר פאטער... ווען ניט יענער העלדישער יונגערמאן... זי האט איהם זעהר פיעל דאנקבאר צו זיין... זי האט ניט אויפגעהערט פון איהם טראכטען. זי האט געפיהלט דעם ריהר פון זיינע הענט ווען ער האט זי אפגעבונדען און פון פערד ארונטערגענומען. ווי שטארק איז איהר פארדרוס וואס זי האט זיין פנים ניט געקענט זעהן... זיין שטימע האט אין איהרע אויערען געקלונגען אזוי צארט און איידעל, אז זי וואלט זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט דאס א מאן מיט אזא שטימע זאל באזיצען אזוי פיעל כוח און בראווקייט. זי דערמאנט זיך, אז מיט איין זעץ האט ער איהר אנגרייפער צום באדען געשליידערט. ווי גאלאנט ער איז געווען, ווען ער האט זי צוגעפיהרט צו איהר הויז. ער האט עפעס צו איהר גערעדט, אבער זי געדענקט ניט וואס. זי האט זיך גענומען דערמאנען וואס מיט איהר איז פארגעקומען אויף דער פארוויילונג ביי דער קעניגין. ארטהור, דער ברודער פון דער קעניגין איז געווען זעהר פריינדליך צו איהר. דאס האט איהר שטארק געוואונדערט, ווייל ווי זיי ווייסט, איז ארטהור איהר פאטער'ס שונא.

ווען זי איז אויפגעשטאנען אין דער פריה האט איהר קאפ נאך שטארק וועה געטהאן. זי האט זיך שנעל אנגעטהאן און אריין צו איהר פאטער אין צימער. ער איז געווען פארנומען אין שרייבען, און ווען ער האט זי דערזעהן, האט ער זיין פעדער אוועקגעלייגט. ער האט זי א קוש געטהאן.

— איך זעה, מיין טאכטער, אז דו ביזט נאך צו זיך ניט געקומען פון דיין שוידערליכער ערפאהרונג פון לעצטער נאכט. דו מעגסט זיין רוהיג, הדסה, אז דאס וועט זיך קיינמאל ניט ווידערהאלען. די טעמפעל-ריטער וועלען שוין ווייכען פון שפאניען. איך וועל ניט דערלאזען, אז זיי זאלען קריגען אן אייל לאנד פון אונזער רעגירונג

— איך בין זעהר אומרוהיג וועגען דעם וואס איך האב קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו באדאנקען מיין רעטער ווי געהעריג איז — האט הדסה זיך אפגערופען — איך ווייס ניט אויב איך וועל ווען עס איז איהם ווידער זעהן, כאטש ער האט געזאגט, אז פיליכט וועלען מיר זיך אמאל זעהן...

— דו האסט דאך מיר געזאגט, אז ער האט געוואוסט, אז דו ביזט מיין טאכטער. מעגליך, אז ער איז איינער פון אונזערע פריינד, וועלכער באזוכט אונז אין דער הויז גאנץ אפט און וועלכער האט זיך ניט געוואלט לאזען אנערקענען.

— זיין שטימע איז מיר אויך געווען אומבאקאנט! ער איז פארשוואונדען אזוי פלוצלונג ווי ער איז געקומען... און יעצט דורכט זיך מיר, אז איך וועל קיינמאל ניט קענען רוהיג זיין ביז וואנען איך וועל איהם זעהן און איהם קענען אפדאנקען..

— זיין שטימע איז מיר אויך געווען אומבאַקאַנט! ער איז פאַרשוואונדען אזוי פלוצלונג ווי ער איז געקומען... און יעצט דוכט זיך מיר, אז איך וועל קיינמאָל ניט קענען רוהיג זיין ביז וואַנען איך וועל איהם זעהן און איהם קענען אָפּדאַנקען...

— איך וועל זעהן אַנווענדען אַלע מיטלען אויסצוגעפינען ווער דיין רעטער איז, און דאן וועל איך זעהן, אז ער זאָל גוט באַלוינט ווערען — האָט יהודה הלוי געזאָגט — איך גלויב, אז ער איז געווען צו באַשיידען צו זאָגען ווער ער איז, אָבער עס וועט לאַנג ניט נעמען און מיר וועלען אויסגעפינען ווער דער וואונדערבאַרער יונגערמאַן איז געווען. איך וועל איהם רעקאָמענדירען צום קעניג פאַר זיין בראַווקייט. איך וועל שוין אויך זעהן, אז די טעמפּעל-ריטער זאָלען פאַרלאָזען שפּאַניען.

— איך ווייס, אז דאָס שווערד פון טעמפּעל-ריטער איז געבליבען אין די הענט פון מיין רעטער — האָט הדסה געזאָגט — אָה, ווי מיין הארץ האָט אין מיר געציטערט ווען איך האָב באַמערקט ווי ער האָט זיין שווערד געצויגען. איך האָב שוין געמיינט, אז ער וועט איהם אויף טויט דערשטעכען. און ווי גרויס איז מיין ערשטוינונג געווען, ווען איך האָב געזעהן ווי דער העלדישער יונגערמאַן האָט זיך א וואַרף געטהאָן אויף איהם, און זיין שווערד ארויסגעשליידערט פון זיין האַנט... אָה, וואָס פאַר א מעכטיגען פויסט ער באַזיצט.

— מיר, אידען, נויטיגען זיך אין העלדען! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען צו זיין טאָכטער... פיעלע פון אונזערע שונאים שאַרפען זייערע ציין אויף אונז און מיר מוזען שטענדיג זיין גרייט זיך צו פאַרטיידיגען. און איך בין זעהר נייגעריג צו געפינען דיין רעטער און איהם באַלוינען.

אברהם אבן עזרא האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין אָנקעל'ס הויז גאַנץ שפּעט ביינאַכט. זיינע הענט זיינען געווען פאַרבלוטיגט און זיינע האָר צושויבערט. די קליידער זיינען געווען פאַרשטויבט. עס איז געווען קאַנטיג, אז ער האָט דורכגעמאַכט א קאַמף.

— וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? — האָט איהם זיין אָנקעל געפרעגט, ווען ער האָט איהם דערזעהן אריינקומענדיג אין הויז. איך בין שוין געווען זעהר באַזאָרגט וועגען דיר. עס איז שוין זעהר שפּעט... און זעה! דו ביזט דאָך צובלוטיגט.

— ניין, עס איז ניט מיין בלוט, אָנקעל — האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט — דאָס איז אומריינעס בלוט פון אַן אומריינעם מענשען. איך האָב געהאַט א קאַמף מיט א שונא פון די אידען, און גאָט האָט געהאָלפען און איך בין ארויס דער זיגרייכער... ער וועט שוין פאַרזאָגען א צעהנטען זיך ניט אָנצופאַנגען מיט א אידען.

— איך קען דיך ניט פאַרשטעהן, אברהם — האָט דער אָנקעל געצויגען מיט זיינע אַקסלען. דיין גאַנצע אויפפיהרונג איז פאַר מיר א רעטעניש... דאָ ביזטע געווען פאַרקליידעט אין בעטלערישע קליידער און דו ביזט אוועק וואַנדערען, דאן האָסטו זיך צוריקגעקעהרט אין רייכע קליידער ווי א

פריץ. דו רייטסט אויף א טייערען פערד... און יעצט פיהרסטו קאמפען ווי א ריטער.

— און אט האט איך אפילו א שווערד — האט אברהם געזאגט מיט א שמייכעל און איהם געצייגט דעם שווערד וואס סהאט באלאנגט צו רר דאלפ'ן — זעהסטו דאס שווערד האט באלאנגט צו א ריטער און ער האט איהם אין קאמף פארלארען.

— וועה איז מיר! — האט דער אנקעל אויסגערופען — דו ביזט דאך געוועזן אומבאוואפענט און דו האסט געוואגט צו קעמפען מיט איינעם, וועלכער האט געהאט אזא לאנגען שארפען שווערד?

— אבער דו זעהסט דאך, אז דאס שווערד איז געבליבען ביי מיר!

— מיין הארץ זאגט מיר, אז עפעס שלעכטעס שטעהט פאר דיר. שטעלסט דיין לעבען שטענדיג איין אין געפאהר.

— דו קענסט זיך פארשטעלען, אז איך בין קיינמאל ניט דער אנגרייפער — האט אברהם געשמייכעלט. — די אידישע שונאים האבען זיך לעצטענס זעהר פארמעהרט און יעדער איד דארף זיין גרייט זיך צו פארטיידיגען אדער ווען ער זעהט, אז זיינער א ברודער אדער שוועסטער ווערען אנגעגריפען, מוז ער קומען זיי צו הילף.

— אבער וויפיל האט געפעהלט, אז דו זאלסט דיין לעבען פארלירען? איך בין זיכער, אז ווען דיין פאטער וואלט געלעבט, וואלט ער דיך ניט געלאזען אזוי פיעל מאל איינשטעלען דיין לעבען אין געפאהר.

— דו ביזט דאך א גלויביגער איד! — האט אברהם געזאגט צו זיין אנקעל — און דארפסט וויסען, אז דעם מענשענס יאהרען ווערען באשטימט אין הימעל און אויב מיר איז באשערט אויסצולעבען מיינע יאהרען, וועט מיר קיין אומגליק ניט טרעפען, און אויב עס איז מיר באשערט צו שטארבען יונג, וועל איך זיך פון טויט ניט קענען באהאלטען.

— אבער אין הייליגען חומש שטעהט געשריבען: — „ושמרתם לנפשותיכם", אז יעדער דארף היטען זיין לעבען און זעהן צו פארמיידען געפעהרליכע פלעצער.

— און דעריבער איז די פליכט פון יעדען אידען צו פארהיטען דעם לעבען פון זיין ברודער. און ווען ער זעהט, אז א געפאהר דראהט איהם, מוז ער קעמפען פאר איהם.

אברהם אבן עזרא האט זיך ארומגעוואשען און ארומגערייניגט זיינע קליידער. ער האט זיך געלעגט שלאפען. אבער עס האט איהם לאנג געדויערט ביז ער איז איינגעשלאפען... ער האט געטראכט פון דער שעהנער הדסה... ער האט זי געהאלטען אין זיינע הענט... ווי דאנקבאר זי איז איהם געווועזן... ווען ער וואלט דאן אנגענומען איהר איינלאדונג און אריינגעקומען אין איהר פאטער'ס הויז, דאן... אבער ניין, עס איז נאך ניט געקומען די צייט... ער טאר זיך נאך ניט באווייזען אין יהודה הלוי'ס הויז. דאס אלעס דארף דערווייל בלייבען א געהיימניס... פיליכט וועט ער קענען נאך בריינגען נוצען זיינע ברידער פון שפאניען. עס וועט איהם אנקומען א סך גרינגער, אויב ער וועט נאך ניט באקאנט ווערען... איין זאך איז ער זיכער,

אַז די טעמפּעל-ריטער וועלען שוין מעהר ניט וואַגען זי צו באַלעסטיגען און הדסה אַליין וועט זיין זעהר פאָרזיכטיג. זי וועט אָהן באַגלייטער ניט געהן אין גאַס ביינאַכט.

אויף מאָרגען, ווען אברהם איז אויפגעשטאַנען, האָט ער באַשלאָסען אוועקצוגעהן נאָך וואַלענסיע. ער האָט געוואָלט אומקעהרען דעם פערד צו דעם יונגען פּרינץ, יאָהאַן, און אין דער זעלבער צייט זיך באַקענען בעסער מיט איהם, ווען ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבען. יאָהאַן האָט איהם שטאַרק פאַראינטערעסירט. לויט ווי ער געדענקט נאָך, שטאַמט ער פון אידען... מען האָט איהם אוועקגערויבט פון אידישע עלטערען, ווען ער איז נאָך גאַר יונג געווען. אַ גרויסע געהיימניס הילט אַרום דעם יונגען יאָהאַן מיט וועמען ער האָט זיך אויף אַזאַ זאָנדערבאַרען אופן באַקענט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם צער און טרויער פון די עלטערען, ביי וועמען מען האָט אוועקגערויבט אַזאַ יונגעס, צאַרטעס קינד... זיי טרויערען געוויס נאָך יעצט... ווען ער וואָלט געקענט זיי געפינען און זיי ברייגען אַ טרייסט. אָבער ער געדענקט דאָך אפילו ניט פון וואָס פאַר אַ שטאָדט ער קומט. מעג-ליך אַז ער וועט זיך באַקענען בעסער מיט דער משפחה פון דעם פירשט פון וואַלענסיע, וועט ער אויסגעפינען מעהר איינצעלהייטען, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָרטען איז יאָהאַן פאַררעכענט פאַר אַן אייגענעם זוהן און איז שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען.

אברהם האָט זיך געזעגענט מיט זיין אָנקעל.

— איך וועל פאַרלאָזען טאָלעדאָ און איך ווייס ניט ווען איך וועל זיך אַהער צוריקקעהרען — האָט ער איהם געזאָגט — אָבער איך וויל אַז דו זאָלסט מיר פאַרשפּרעכען קיינעם ניט צו זאָגען, אַז איך בין דאָ געווען. עס מוז דערוויל בלייבען אַ געהיימניס. אויב איך וועל עפּעס דאַרפען איבער-געבען יהודה הלוי'ן, וועל איך דאָס צושיקען צו דיר און דו וועסט שוין זעהן, אַז דער יונג זאָל דאָס צוברייגען.

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו ווידער נעמען וואַנדערען? — האָט איהם זיין אָנקעל פאַרגעוואָרפען — עס איז שוין צייט דו זאָלסט זיך באַזעצען און טראַכטען אויך וועגען דיין צוקונפט.

— פון דעם טראַכט איך שוין זעהר פיעל — האָט אברהם געזאָגט מיט אַ לייכטען שמייכעל, — אָבער יעצט מוז איך אוועקגעהן. איך דאַרף אומקעהרען דעם פערד וואָס איך האָב געבאָרגט. און דאַן ווייס איך ניט ווי לאַנג איך וועל זיך דאָרטען פאַרזאַמען און וואוהין איך וועל פון דאָרטען געהן. זיי געזונט, אָנקעל און זאָל גאָט באַשיצען אונזערע ברידער פון שפּאַניען.

אברהם האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם פערד און איז שנעל אוועק-געריטען.

איייניגע טעג זיינען פאַריבער און די קלעפּ וואָס רודאָלף האָט געקראָ-גען יענע נאַכט זיינען שוין פאַרהיילט געוואָרען, די אַרויסגעזעצטע פאָדער-שטע צייהנער זיינען געווען די איינציגע סימנים פון דעם געשלעג. אָבער

רודאלף׳ס שטימונג האט זיך אין גאנצען געביטען צום ערגערען. ער האט שוין יעצט איינגעזעהן, אז ער האט שוין ניט וואס צו פארבלייבען אין טאלעדא. ער וועט שוין גאר ניט פועל׳ן ביי דעם קעניג און געוויס ניט ביי יהודה הלוי׳ן. ער איז דורכגעפאלען און ער וועט זיך מוזען אומקעהרען צו דעם גרויסמייסטער מיט ליידיגען. ער האט געוואוסט, אז ער איז אליין שולדיג אין דעם, אבער ער האט דאך געטאן אלעס וואס איז פאר איהם געווען מעגליך... יעצט וועט דער גרויסמייסטער איהם ארונטערזעצען פון אמט... ער וועט איהם באשולדיגען אין דעם דורכפאל און ווען ער וועט אויסגעפינען, וואס ער האט געטהאן, וועט ער נאך זיין מעהר בייז אויף איהם. ניין, ער טאר זיך אזוי ניט אומקעהרען צום גרויסמייסטער. ער מוז געפינען אן אנדער וועג. ארטהור האט איהם געזאגט, אז ער וועט איהם געבען נאך אן עצה און איידער ער רייזט אפ פון דאנען מיט די איבעריגע טעמפעל־ריטער וועט ער זיך מוזען מיט איהם זעהן. ער איז דא זיין אייציגער פריינד, און וועט איהם אין אזא צייט זיכער ניט פארלאזען.

רודאלף האט אויסגעמארקירט זיך צו זעהן מיט ארטהור׳ן א צווייטען מאל. ער האט איהם ערקלעהרט אין וואס פאר א שלעכטער לאגע ער געפינט זיך און איהם געבעטען, ער זאל איהם ראטהען וואס צו טהאן.

— איך בין רואינירט — האט ער געזאגט צו ארטהור׳ן — ווען איך סעהר זיך אום מיט ליידיגען צו דעם גרויסמייסטער, וועלכער האט געלעגט זעהר פיעל האפנונג אויף דיזער שליחות, דאן וועט ער מיך זיכער דערהוויטערען פון זיך.

— איך פיהל זיך אבער מעהר שולדיג מיט דעם דורכפאל פון דיין פלאן. יעצט דוכט זיך מיר, אז אלץ איז פארפאלען. מעגליך, אז ווען איך וואלט מיט יהודה הלוי׳ן אנדערש גערעדט, וואלט איך ביי איהם א סך מעהר גע׳פועל׳ט. יעצט, אז ער וויס וואס איך האב געוואלט טהאן צו זיין טאכטער, וועט ער שוין מעהר מיט קיינעם פון אונז ניט וועלען פארהאנדלען... און ווער ווייסט אויב ער וועט נאך דעם קעניג אלעס ניט דערצעהלען?

— איך זעה אליין אז דו געפינסט זיך אין זעהר א שלעכטער לאגע — האט איהם ארטהור געזאגט. אבער אין אמת׳ן ביזטו אליין שולדיג אין דיין דורכפאל. ווען דו וואלסט זיך אין גאנצען אויף דיין אייגענעם כוח ניט פארלאזען און מיט זיך גענומען אלע דיינע באגלייטער, די טעמפעל־ריטער, וואלט יעצט די טאכטער פון יהודה הלוי געווען אין דיין רשות און דו וואלסט געקענט דיקטירען צו דעם אידישען מיניסטער דיינע אייגענע באדינגונגען. פונדעסטוועגען דארפסטו ניט פארלירן דיין מוט. איך וואלט דיר געראטהען, אז איידער דו פארלאזט שפאניען אין גאנצען זאלסטו אוועקרייזען נאך וואלענסיע. דארטען זאלסטו אוועק צו דעם פירשט. איך האב געהערט, אז דער פירשט איז זעהר א שטארקער אנהענגער פון די קרייץ־טרעגער. ער האט פיעל געלט געגעבען פאר דיזען הייליגען צוועק, וויל ער איז זעהר א פרומער קריסט. און ווען דו וועסט איהם דערצעהלען וועגען אראגאניען, ווי אזוי דאס לאנד האט לויט דער צוואה פון דעם פארשטארבענעם קעניג געזאלט אפגעגעבען ווערען צו די טעמפעל־ריטער אבער

צוליעב דער עקשנות פון זיין אידישען מיניסטער. וויל אַלפאָנזאָ דער אַכ־טער ניט נאָכגעבען די פאָדערונג פון דעם אָרדען. איך בין זיכער, אַז ער וועט עפּעס קענען אויפטהאָן פאַר דיר. יעדענפאַלס וועט ער דיר געבען אַ גאַנץ פיינע אויפנאַהמע און וועט דיר באַהילפיג זיין ווי ווייט מעגליך.

רודאָלף האָט באַדאַנקט אַרטהור'ן און ער האָט באַשלאָסן אָנצונעמען זיין עצה. אין איינינע טעג אַרום האָט ער צוזאַמען מיט די איבעריגע טעמפעל־ריטער פאַרלאָזען טאָלעדאָ און אַפּגערייזט נאָך וואַלענסיע.

זעהר שטאַרק האָט זיך דער יונגער פּרינץ יאָהאַן דערפרעהט ווען ער האָט דערזעהן אברהם אבן עזרא'ן אָנקומענדיג. ער האָט איהם דורך זיין פענסטער דערזעהן רייטענדיג און ער איז איהם אַנטקעגען געקומען. יאָהאַן האָט, פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער האָט דערזעהן אברהם'ן, גע־פיהלט אַ צוגעבונדענקייט. עפּעס האָט דער אידישער יונגערמאַן געהאַט אין זיך צוציהענדעס. זיינע קלוגע רייד האָבען אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. ער ווייסט, אַז ער אַליין שטאַמט אויך פון אידען: ווי פון אַ נעבעל קומט איהם פאַר זיין קינדהייט. ער קען בלויז געדענקען איינינע קליינינקייטען. און דאַן דוכט זיך איהם, אַז ער האָט עס אַמאָל אין חלום געזעהן. ער ווייסט, אַז די אַלטע דינסט מאַרגאַריטאַ רעדט גאַנץ אָפט מיט דעם גלח אין דער שטיל. איז עס ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס רעדט מען פון איהם.

ניט איינמאָל האָט יאָהאַן געמאַכט אַ פּאַרזוך איהר צו פרעגען אויב זי ווייסט פון זיין אָפּשטאַמונג, פון וואַנען ער קומט. אָבער זי האָט איהם געגעבען דעם זעלבען ענטפער וואָס זיין „פּאַטער", וועלכער האָט איהם אַראָפּטירט אַלס זיין זוהן, האָט איהם געגעבען. זי האָט איהם דערצעהלט די זעלבע געשיכטע וואָס ער האָט שוין פיעלע מאָל געהערט: רויבער האָבען איהם געפאַנגען פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם געגענד, דער פּירשט האָט איהם דערזעהן און ער האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען. ער האָט איהם צוגענומען צו זיך און איהם ערצויגען אַלס אייגען קינד. ער, יאָהאַן, ווייסט אַז זיין „פּאַטער" האָט איהם שטאַרק ליעב און ער האָט איהם געגעבען זעהר אַ גוטע ערציהונג. ער האָט פאַר איהם געהאַלטען גלחים, בישאָפען אַלס לעהרער און אין איהם איינגעפּלאַנצט אַ שטאַרקע ליבע צו דער קאַטוילי־שער רעליגיע. ער האָט זעהר פיעל געלערענט און געלעזען די לאַטיינישע ביכער.

גאַנץ אָפט פלעגען פאָרקומען פאַרזאַמלונגען אין דעם פּירשט'ס הויז פון באַוואוסטע גייסטליכע מאָנאַכען, בישאָפען און ערצבישאָפען. צוזאַמען פלעגען זיי מיט איהם פאַרברענגען און ריידען וועגען געטליכקייט. ער האָט ביי אַלעמען אויסגענומען מיט זיינע לאָגישע רייד, מיט זיין אויסטייטשונג פון דעם תנ"ך. ער פלעגט גאַנץ אָפט הערען ווי זיי דריקען זיך אויס וועגען איהם, אַז ער באַזיצט אַזוי פיעל רעליגיעזע קענטעניס, אַז ער איז ווירדיג צו זיין אַ קאַרדינאַל.

דאָך נאָך די אַלע לויבגעזאַנגען וואָס ער, יאָהאַן, פלעגט באַקומען פון די גרויסע געלערנטע מענשען, האָט ער געפיהלט אַ פּרעמדקייט. זיין נשמה האָט געלעכצט און געבענקט. אָבער ער אַליין האָט ניט געוואוסט נאָך וואָס. ער פלעגט זיך גאַנץ אָפט פאַרטראַכטען, ער האָט עפּעס געזוכט וואָס זאָל אויספילען די פוסטקייט פון זיין נשמה, וואָס זאָל איהם באַרוהיגען און באַפרידיגען, און ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט אברהם אבן עזרא, האָט ער אָנגעהויבען פיהלען אַ שטאַרקע נאָהענטקייט און צוגעבונדענקייט צו איהם. זיינע רייד האָבען אויף איהם געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. עס האָט איהם געצויגען צו איהם און ער האָט איהם געוואָלט האָבען פאַר אַ שטענ־דיגען חבר און פריינד.

יאָהאַן האָט גערעדט מיט דעם פירשט וועגען זיין פריינדשאַפט צו אברהם אבן עזרא.

— איך בין גאַנץ צופרידען אַז ער זאָל ווערען דיין פריינד. איך ווייס, אַז ער איז זעהר אַ געלערנטער, ער איז אַ דיכטער, אָבער איך האָב מורא, אַז ער וועט דיך זוכען צו באאיינפלוסען מיט זיין אידישקייט... אויב דו וועסט מיר פאַרשפּרעכען מיט איהם ניט צו דעבאַטירען וועגען רעליגיאָן, וועל איך ניט זיין דאַגעגען אַז ער זאָל בלייבען דאָ אַ לענגערע צייט און מיט דיר פאַרברייננגען.

— איך וועל מיט איהם וועגען רעליגיאָן ניט ריידען! — האָט יאָהאַן פאַרשפּראָכען זיין „פאָטער" — יעדענפאַלס ניט וועגען דעם, וועלכע אמונה איז אַ בעסערע און אַ ריכטיגערע. איך וועל איהם ניט זוכען צו באאיינפלוסען ער זאָל אָננעהמען די קאַטוילישע רעליגיע, און ער וועט מיר מוזען פאַרשפּרעכען ניט צו זוכען צו באאיינפלוסען מיך וועגען זיין אידי־שער רעליגיע.

דער פירשט האָט אברהם אבן עזרא'ן זעהר פיין אויפגענומען, זיין קומען דעם צווייטען מאָל איז געווען אין גאַנצען אַנדערש פון זיין ערשטער באַגעגעניש מיט איהם, ווען יאָהאַן האָט איהם געראַטעוועט. דאַן, איז ער געווען באַוואַקסען און זיינע קליידער זיינען געווען אָרים און צעריסען, יעצט אָבער, קוקט ער אויס שעהן און העלדיש. ער איז אָנגעטהאָן אין גוטע קליידער און איז אַרומגעשאָרען.

— דו וועסט מיט אונז פאַרבלייבען אַ לענגערע צייט — האָט יאָהאַן זיך אָפּגערופען צו אברהמ'ען ווען ער האָט איהם באַגריסט — איך האָב פון דיר די גאַנצע צייט געטראַכט, און איך בין זעהר צופרידען וואָס דו האָסט זיך אָן מיר דערמאָנט און געקומען באַזוכען.

איך בין געקומען אויסדריקען צו דיר מיין האַרצליכסטען דאַנק פאַר די גוטעס וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן. איך האָב דיר אויך צוריקגע־בראַכט דעם פערד.

— דעם פערד האָב איך דיר אָפּגעגעבען אַלס אַ מתנה! — האָט יאָהאַן צו איהם געזאָגט — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב גענוג. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר פאַרשפּרעכען צו פאַרבלייבען מיט אונז פאַר אַ לענגערער

ציים. איך וועל זעהן, אז דיין שפייז זאָל באַשטעהן פון בלויז זאַכען וואָס דיר איז ערלויבט צו עסען. פארשפרעכסטו מיר צו פארבלייבען דאָ?

— דיין גאַסטפריינדליכקייט ווייסט ניט פון קיין גרעניצען! — האָט אברהם געזאָגט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל — איך האָף, אַז איך וועל ווען עס איז קענען דיר אָפּדאַנקען פאַר אַלעס.

— מיין „פאָטער", דער פירשט פון וואַלענסיע, איז אויך שטאַרק צופרידען מיט דיין קומען. איין זאַך אָבער פארלאַנגט ער פון אונז, און דאָס איז: אַז מיר זאָלען ניט ריידען וועגען רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען. איך האָב דאָס איהם פארשפראָכען, ווייל איך ווייס, אז עס איז ניט דיין ציעל מיך צו באַקעהרען צו אידישקייט און גאָוויס ניט מיין ציעל דיך צו מאַכען פאַר אַ קאַטויליק. איך גלויב אָבער, אַז מיר וועלען געפינען אַ סך צו ריידען וועגען פיעלע אַנדערע אַנגעלעגענהייטען... איך בין זעהר גערן צו הערען פון דיר די שירים וואָס דו האָסט געשריבען. דו וועסט מיט מיר אויך קענען ריידען וועגען דער פילאָזאָפיע פון די דריי גרויסע וועלט-אמונות.

— אָבער דו האָסט דאָך נאָר וואָס מיט מיר אָפּגעמאַכט ניט צו ריידען וועגען רעליגיאָן? — האָט אברהם געזאָגט.

— ניט צו ריידען פון רעליגיע מיט'ן צוועק צו באַאיינפלוסען איינער דעם צווייטען, אָבער ריידען וועגען דער פילאָזאָפיע פון רעליגיע, אָהנע אבזיכטען, דאָס וועט אונז ערלויבט ווערען. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב זעהר ליעב צו הערען דיין מיינונג וועגען אַלעס.

צוויי טעג זיינען פאַראיבער און די פריינדשאַפט צווישען יאָהאַן און אברהם'ען איז שטאַרקער געוואָרען. זיי זיינען ביידע געוואָרען אָפענהערציג, און זיי האָבען אָנגעהויבען דערצעהלען איינער דעם צווייטען די סודות, וואָס זיי וואָלטען פאַר קיין אַנדערען ניט דערצעהלען.

— די טעמפעל-ריטער פון וועמענס הענט דו האָסט מיך פון אַ זיכערען טויט גערעטעט — האָב איך געטראָפען ווידער אַמאָל אין טאָלעדאָ! האָט אברהם זיך אָפּגערופען צו יאָהאַנ'ען.

— און זיי האָבען דיך ניט דערקענט? — האָט יאָהאַן איהם געפרעגט.

— איך האָב זיך מיט זיי געטראָפען ביינאַכט און אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדען — האָט ער געזאָגט — איך האָב אויסגעפונען, אַז זיי זוכען שלעכטעס צו טהאָן יהודה הלוי'ס טאָכטער.

— יהודה הלוי'ס טאָכטער?! וואָס האָבען זיי צו איהר!

אברהם האָט איהם אַלעס דערצעהלט. ער האָט איהם דערצעהלט ווי אַזוי זיי זיינען געקומען מיט'ן צוועק אַרויסצובאַקומען דאָס לאַנד אַראַגאָניען פאַר די טעמפעל-ריטער און ווי דער קעניג האָט עס איבערגעלאָזען צו יהודה הלוי'ן און דעריבער האָבען די טעמפעל-ריטער געזוכט צו צווינגען יהודה הלוי'ן, דורך דעם וואָס זיי וועלען פאַנגען זיין טאָכטער. צופעליג האָב איך דערהערט זייער געשפרעך און געהערט וועגען דער פארשווערונג, וואָס זיי האָבען באַשטימט דורכצופיהרען ביינאַכט, ווען די טאָכטער פון

יחודה הלוי וועט זיך אומקערן פון דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין. איך האָב אויף יענעם פּלאַץ געוואָרט און ווען דער הויפּט פון די טעמפּעל-ריטער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרווירקליכן זיין פּלאַן, ער האָט זי גע-פאַנגען און גענומען זי צובינדן צו זיין פערד, בין איך פון מיין באַהעל-טעניש אַרויסגעגאַנגען און איך האָב זי געראַטעוועט. איך האָב איהם גוט צו-שלאָגן. ער איז געווען מיט נאָך איינעם, אָבער ווען יענער האָט דערזעהן ווי איך צושלאָג איהם, איז ער אַנטלאָפן געוואָרן.

— און האָט דער טעמפּעל-ריטער דיך ניט דערקענט? — האָט יאָחאַן איהם געפרעגט.

— עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט, און אַפילו ווען ער וואָלט מיך דערזעהן אין דער ליכטיגקייט, וואָלט ער מיך ניט געקענט דערקענען...

— יע, מיר אַליין איז געווען שווער דיך צו דערקענען זינט איך האָב דיך צום ערשטען מאָל געזעהן — האָט יאָהאַן געשמייכעלט — איך בין זעהר צופרידען אַז דו האָסט זיין פּלאַן צושטערט. איך ווייס ניט. איך האָב קיין מאָל ניט סימפּאַטיזירט מיט דער באַוועגונג פון די קרייצציגע און די מיטלען וואָס זיי ווענדען אָן אום צו דערגרייכען זייער ציעל. זיינען מיר דערווידער, כאָטש מיין פאָטער איז זעהר אַ שטאַרקער אָנהענגער פון די קרייץ-טרעגער און די טעמפּעל-ריטער. ער אַליין שטיצט גאַנץ אָפט דעם אָרדען. דעריבער וואָלט איך ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך דערוויסען פון דעם, אַז דו האָסט זייער פּלאַן צושטערט... דערצעהל איהם גאָר ניט וועגען דעם.

— געוויס וועל איך איהם ניט דערצעהלען! — האָט אברהם געזאָגט — אָבער ווי איך האָב געהערט איז דאָך דיין פאָטער זעהר אַ קלוגער און פאַרנינפטיגער מענש. און ווי אַזוי קען ער שטיצען אַזאַ אָרדען וואָס לעבט אויף רויב און מאָרד?... וויפיעל בלוט האָבען זיי פאַרגאָסען כלומר'שט אין נאָמען פון גאָט?...

— מיט דעם אונטערשייד איך זיך פון מיין „פאָטער" און פון די אי-בעריגע גייסטליכע מיט וועמען איך פאַרברענג גאַנץ אָפט — האָט יאָהאַן געזאָגט — איך האַלט, אַז אונזער האַר יעזוס איז געווען באַרעמהערציג צו אַלעמען, אַפילו צו זיינע שונאים, און ער איז געווען געגען בלוט-פאַר-גיסונג. אָבער, זיי האַלטען, אַז אויב די אומגלויביגע זיינען פאַר'עקשנ'ט און ווילען ניט פאַרנעמען די רייד פון יעזוס'ן דאַן דאַרף מען זיי צווינגען... און עס מאַכט ניט אויס ווי אַזוי מען טוט עס! און דעריבער זיינען די קרייצטרעגער ביי זיי פאַרהייליגט געוואָרען, און ביי מיר זיינען זיי פאַר-האַסט.

— דער איינציגער צוועק פון פיעלע פון די קרייץ-טרעגער איז רויבען און צו שטילען זייער בלוט-דורשטיגקייט. וויפיעל מיינע ברידער, די אידען, האָבען זיך אַנגעליטען פון זיי אין פאַרשידענע לענדער, און יעצט זוכען זיי אויך צו קומען אין שפּאַניען וואו די אידען לעבען רוהיג און גליקליך אונ-טער דעם גוטהערציגען קעניג אַלפאָנזאָ דעם אַכטען. אָבער, געלויבט איז

גאָט, אַזוי לאַנג ווי אונזער גרויסער דיכטער און דענקער יהודה הלוי האָט צו זאָגען וועגען דעם. וועט עס זיי זיך דאָך ניט איינגעבען.

— דער אַלטער גלח, וועלכער איז מיין לעהרער פאַר פיעלע יאָהרען, איז זעהר אַ נאָבעלער מאַן. ער איז אויך שטאַרק געגען די מעטאָדען פון די קרייץ-טרעגער. אָבער ער קען עס אָפען ניט אויסדריקען, ווייל אויב זיין נעגנערשאַפט וואָלט באַקאַנט געוואָרען צווישען די אַנדערע גלחים און גייסטליכע, וואָלטען זיי איהם אָנגעפאַנגען צו רודפ׳ן. פאַר מיר אָבער רעדט ער גאַנץ אָפט אָפענהערציג. זיין הארץ טוט וועה, זאָגט ער מיר, ווען ער זעהט די פיעלע אומרעכטען וואָס די קריסטען באַגעהען אין נאָמען פון יעזוס׳ן.

— איך האָב גלייך געקענט זעהן, אַז איהר ביידע זייט אַנדערש פון די אַנדערע קריסטען! — האָט אברהם געזאָגט — יע, צום באַדויערען געפינען זיך זעהר ווינציג קריסטען מיט אַזעלכע אידעאַלען און מענשליכע געפיהלען ווי דו און דער גלח באַזיצען.

— ביי אונז געפינט זיך אויך אַן אַלטע דינסט אַ קאַטוילִיקין מיט׳ן נאָמען מאַרגאַריטאַ. און אויך זי האָט ניט ליעב די קרייץ-טרעגער. זי דער־צעהלט מיר פון פיעלע שוידערליכע טאַטען וואָס זיי פלעגען באַגעהן ווען זיי פלעגען דורכרייזען אַ שטאָדט וואו אידען געפינ̃ען זיך... זי האָט מיר דערצעהלט, אַז איינמאָל האָט זי איהר לעבען איינגעשטעלט צו ראַטעווען אַ אידישע משפחה פון טויט. ווען די קרייץ-טרעגער זיינען דאָרט באַ־פאַלען און געוואָלט אויסשלאַכטען די אידען. זי האָט אויפגעהויבען אַ צלם אין איהר האַנט און זיך געשטעלט צווישען די אידען און די קרייץ-טרע-גער, און זיך צו זיי געווענדעט אין נאָמען פון קריסטוס ניט צו פאַרגיסען אומשולדיג בלוט. איהרע רייד האָבען געווירקט און זיי זיינען אוועק ניט טוענדיג קיין שלעכטעס צו יענער אידישער משפחה.

— זי מוז האָבען פיעלעס צו דערצעהלען פון איהרע ערפאַהרונגען מיט די אידען! — האָט אברהם זיך אָפגערופען — איך בין זעהר נייגעריג צו הערען וואָס זי האָט צו דערצעהלען. אָבער, זאָג מיר, פון וועלכען לאַנד זי קומט.

— זי קומט פון דייטשלאַנד. מיט אונז איז זי שוין זינט איך גע־דענק. אָבער זי רעדט ניט גערן פון איהר פאַרגאַנגענהייט. בלויז פון איי־ניגע פאַלען האָט זי ליב צו דערצעהלען.

— ווי איך פאַרשטעה מוז זי האָבען זעהר פיעל סודות... זי האָט גע־נוג וואָס צו דערצעהלען..

— יע, איהר גאַנצער לעבען איז איינגעהילט אין אַ שלייער פון גע-היימנים! — האָט יאָהאַן געזאָגט — איך ווייס, אַז זי האָט זיך מתודה געווען פאַר דעם גלח. איך האָב איינמאָל באַמערקט ווי זי איז אַרויס פון איהם און האָט שטאַרק געוויינט און דער גלח האָט איהר געטרייסט און געזאָגט, אַז גאָט האָט זי שוין לאַנג מוחל געווען.

— אין יענער צייט האָט זעהר פיעל וויכטיגעס פּאַסירט אין דייטש־

לאַנד און זי האָט זיכער אַ סך איבערגעלעבט. איך בין זעהר נייגעריג מיט איהר אַריינצוזעהן אין אַ געשפּרעך.

— אָבער דו ווערסט גאַנץ ווינציג פון איהר אַרויסקריגען! — האָט יאָהאַן געזאָגט. זי האָט ניט ליב צו ריידען. דעם גאַנצען טאָג פאַרברענגט זי אין תפלות. איך אַליין האָב שוין געמאַכט אייניגע פאַרזוכען מיט איהר אַריינצוגעהן אין אַ געשפּרעך, אָבער זי האָט גאַנץ ווינציג גערעדט. פונדעסטוועגען וועל איך איהר זאָגען ווער דו ביזט, פיליכט וועט זי פאַר דיר ריידען.

ביי דער ערשטער געלעגענהייט, האָט יאָהאַן אַריינגערופען די אַלטע דינסט און איהר געזאָגט, אַז ער האָט זעהר אַ וויכטיגען גאַסט פון טאָלעדאָ.

— ער איז זעהר אַ גאָטספאַרכטיגער און געלערענטער איד! — האָט ער איהר געזאָגט — איך האָב פאַרגעניגען מיט איהם צו פאַרברייגגען. ווען איך האָב איהם געזאָגט אַז אין דער צייט ווען די קרייץ-טרעגער האָבען דורכגעמאַרשירט די דייטשע שטעדט, ביזטו דאָן דאָרט געווען, איז ער זעהר פאַראינטערעסירט געווען, ווייל, ווי איך פאַרשטעה, האָט ער אין דייטשלאַנד פיעלע פריינד און באַקאַנטע, און ער וואָלט זעהר געוואָלט הערען, וואָס מיט די אידען האָט דאָן פּאַסירט.

מאַרגאַריטאַ האָט צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ און יאָהאַן האָט פאָרגעשטעלט אברהם׳ן פאַר איהר, און ער האָט זי איבערגעלאָזען אַליין.

— ווי איך האָב געהערט קומסטו פון דייטשלאַנד! — האָט אברהם זיך צו איהר אָפּגערופען — קענסטו מיר פיליכט זאָגען פון וואָס פאַר אַ שטאָדט דו קומסט?

— איך בין געווען אין פיעלע שטעדט, אָבער אין דער שטאָדט מאַינץ האָב איך פאַרבראַכט אַ סך יאָהרען.

— ניין, אין מאַינץ האָב איך קיינע באַקאַנטע ניט! — האָט אברהם געזאָגט — אָבער דאָן וואָלט איך וועלען דו זאָלסט מיר דערצעהלען וועגען דעם לעבען פון די דאָרטיגע אידען.

— זיי האָבען געלעבט ניט שלעכט אין דער צייט ווען איך בין דאָרטען געווען! — האָט מאַרגאַריטאַ געזאָגט — עס זיינען שוין פאַראיבער פיעלע יאָהרען זינט איך האָב פאַרלאָזען די שטאָדט, און איך ווייס ניט וואָס עס איז דאָרטען פאָרגעקומען זינט דאַן.

אַ היבשע ווייל האָט אברהם גערעדט מיט דער אַלטער מאַרגאַריטאַ, ער האָט באַלד געוואָונען איהר פולען צוטרויען. זי האָט איהם גענומען דערצעהלען קליינע איינצעלהייטען פון דעם אידישען לעבען אין יענע שטעדט. זי האָט איהם אויך דערצעהלט ווי אַזוי זי האָט געראַטעוועט אַ אידישע פאַמיליע.

— איך האָב מיין אייגענעם לעבען צו פאַרדאַנקען אַ אידען! — האָט זיך מאַרגאַריטאַ אַרויסגערעדט און געוואָלט צוריקכאַפּען איהרע רייד. אָבער אברהם איז צו איהר צוגעשטאַנען זי זאָל דערצעהלען.

— עס איז מיר זעהר שווער צו ריידען פון דעם! — האָט נאָך די אַלטע אַלץ געצעגערט — איך בעט דיר, פאַרלאַנג ניט פון מיר אַז איך זאָל

דיר דערצעהלען יענע געשיכטע, דאָס איז פאַרבונדען און פאַרפלאָכטען מיט א צווייטער געשיכטע וואָס איך וועל דיר קיינמאָל ניט קענען דערצעהלען.

אברהם׳ס נייגעריגקייט איז געוואַקסען. ער האָט פון איהרע רייד פאַר־שטאַנען, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסער געהיימניס... ווער ווייסט, פיליייכט איז עס פון גרויס וויכטיגקייט.

— איך פאַרשפּרעך דיר, אַז איך וועל אַלעס וואָס דו וועסט מיר דער־צעהלען האַלטען בסוד.

מאַרגאַריטאַ האָט זיך נאָך אַלץ געקווייגקעלט. זי האָט באַטראַכט אברהם׳ן און זי האָט געזעהן, אַז זי קען זיך אויף זיינע רייד פאַרלאָזען, דאָך איז איהר שווער געווען צו ריידען, כאָטש זי האָט שוין לאַנג געזוכט אימי־צען פאַר וועמען זי זאָל קענען אַלעס אַראָפּריידען פון האַרצען... איהם, דעם יונגען אידישען מאַן, וועלכער איז אַזוי קלוג און געלערענט, האָט זי עס באַ־דאַרפט דערצעהלען... נאָך אַלעמען איז זי שוין גאַנץ אַלט. זי ווייסט, אַז זי איז אַמאָל באַגאַנגען אַ פאַרברעכען, כאָטש דער גלח פון איהר שטאָדט האָט איהר דערצו צוגערעדט. ער האָט איהר געזאָגט, אַז דאָס וועט איהר גאָט רעכענען פאַר אַ מצוה, דאָך האָט איהר געוויסען ניט אויפגעהערט איהר צו פּלאָגען זינט דאַן. זי האָט זעהר פיעל געלערענט. זי ווייסט אַז ניט אַלע גלחים זיינען אויפריכטיג און עהרליך... פיליייכט זאָל זי איהם דערצעהלען. ער האָט דאָך איהר געזאָגט, אַז ער וואַנדערט אַרום אין פאַר־שידענע לענדער. מעגליך, אַז ער וועט אָנקומען דאָרטען, וואו ער וועט קענען ברייגגען אַ טרייסט וואָרט צו די, וועלכע זיינען צו איהר אַזוי גוט געווען, און וועמען זי האָט אַזוי שרעקליך פאַרראַטען.

נאָך אַ קליינע פּויזע האָט זיך מאַרגאַריטאַ אָפּגערופען:

— איך ווייס, אַז איך קען זיך אויף דיר פאַרלאָזען. איך טראָג זיך אַרום אין מיין האַרצען מיט אַ גרויסען סוד. קיינער אויסער דער פירשט פון וואַלענסיע און דער גלח פאַר וועמען איך בין זיך מתודה, ווייסען ניט פון דעם. דער פירשט האָט מיר שטרענג פאַרבאָטען אימיצען צו דערצעה־לען, ווייל ער האָט מורא פיליייכט וועט עס דערגרייכען די אויערען פון יאָהאַן. און איך זעה, אַז דו ביזט זיין בעסטער פריינד, און ווען דו וועסט מיין סוד פון מיר הערען, וועסטו זיך זיכער ניט באַהערשען און עס איהם איבערדערצעהלען, דעריבער קען איך דיר עס ניט ענטדעקען סיידען דו וועסט מיר צושווערען, אַז אַזוי לאַנג ווי איך לעב זאָלסטו עס פאַר קיינעם ניט דערצעהלען. דאַן וועל איך זיכער זיין, און איך וועל דיר די גאַנצע געהיימניס ענטדעקען.

— איך שווער דיר צו! — האָט אברהם אבן עזרא אויפגעהויבען זיין האַנט.

— נאָך מיין טויט אַרט מיך ניט. און אַזוי שנעל ווי גאָט וועט מיך פאַררופען צו זיך, ביזטו פריי פון דער שבועה — האָט מאַרגאַריטאַ געזאָגט און האָט זיך אַרומגעקוקט.

— יאָהאַן איז אַוועק מיט׳ן גלח אין דער קירכע און ער וועט זיך דאַר־

טען פארזאמען און דארפסט ניט מורא האבען אז ער וועט אנקומען אין ציטען — האט אברהם איהר בארוהיגט.

מארגאריטא האט געווישט די טרעהרען פון איהרע אויגען און מיט א נידעריגע שטימע אנגעפאנגען דערצעהלען:

„ווען איך בין א יונג מיידעל געווען האב איך זיך פארליבט אין א קריסטליכען יונגען מאן, וועלכער האט ליעב געהאט צו שכור'ן. איך האב מיט איהם געחייראט, ווייל איך האב געטראכט אז איך וועל איהם קענען נאך אונזער חתונה אפגעוועהנען פון זיין שלעכטער געוואוינהייט. אבער איך האב זיך באלד ארומגעזעהן, אז איך האב געמאכט א טעות. ער פלעגט נאך מעהר שכור'ן, און ווען ער האט קיין געלט ניט געהאט, פלעגט ער געהן בארגען. אזוי זיינען אוועק פאר מיר אייניגע זעהר שלעכטע און טרויעריגע יאהרען. איך האב שרעקליך געליטען, אבער איך האב זיך ניט געקענט העלפען. פון צופיעל שכור'ן איז מיין מאן קראנק געווארען און איז געשטארבען. ערשט דאן האבען זיך מיינע צרות אנגעפאנגען. מיין מאן האט אנגעבארגט א סך געלט, און גלייך נאך זיין טויט זיינען די בעלי חובות געקומען און האבען מיין הויז אוועקגענומען און אלעס וואס איך האב דארטען געהאט. און טאמער איז דאס געווען ווייניג, איז געקומען איינער און האט מיר געוויזען אן אונטערשריפט פון מיין מאן, אז אויב ער וועט ניט קריגען זיין געלט באצאהלט אין א געוויסען טאג, דאן האט ער א רעכט מיך צוצונעהמען פאר זיין אייביגער דינסט. א ציטער איז דורך מיין קערפער ווען איך האב דאס דערהערט. איך האב זיך היסטעריש פאנאנדערגעוויינט. יענער האט אבער מיך אנגענומען פאר מיין האנט און גענומען פיהרען. איך האב זיך גענומען ביי איהם בעטען, ער זאל מיר געבען א געלעגענהייט און איך וועל איהם ביסלעכווייז זיין געלט אפצאהלען. ער האט אבער עס ניט געוואלט הערען. ער האט צוזאמען מיט צוויי פון זיינע קנעכט מיך מיט גוואלד גענומען שלעפען. דאן איז גראדע פארבייגעגאנגען דער רב פון דער אידישער געמיינדע פון שטאדט.“

— אין וועלכער שטאדט איז דאס געשעהן? — האט אברהם איהר געפרעגט.

— דאס איז געשעהן אין דער שטאדט מאינץ — האט זי פארטגעזעצט — יע, דער רב איז פארבייגעגאנגען, צו זיינע אויערען האט מיין געוויין דערגרייכט, און ער איז צוגעקומען אויסצוגעפינען וואס דא האט פאסירט. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז מען וויל מיך צונעהמען פאר אן אייביגע דינסט צוליב א קליינעם חוב פון מיין פארשטארבענעם מאן, רופט ער זיך אפ צום מאן, אז ער וועט איהם דעם חוב באצאהלען. אזוי איז געווען, דער רב האט צונויפגעזאמעלט דאס געלט פון אייניגע רייכע אידען און ער האט יענעם דעם חוב באצאהלט און יענער האט מיר אומגעקעהרט מיין מאנ'ס אונטערשריפט. ניט נאר האט ער מיר אויסגעלייזט פון די הענט פון די בעלי חובות, ער האט מיר נאך געגעבען אביסעל געלט איך זאל האבען פון וואנען זיך צו ערנעהרען. דעם רב'ס פרוי האט מיר געבראכט עפעס צו עסען. און ווען זי האט אויסגעפונען אז איך האב אפילו ניט קיין

נאַכטלעגער, האָט זי מיר איינגעלאַדען צו זיך אין הויז. מיט גרויס דאַנק־באַרקייט האָב איך עס אָנגענומען. זיי זיינען צו מיר זעהר גוט געווען. איך בין דאָך דאָן געווען אַזוי עלענד. איך האָב קיין פריינד ניט געהאַט. קיינער פון די קריסטען האָט אויף מיר קיין רחמנות ניט געהאַט. איך האָב אָבער ניט געוואָלט עסען און שלאָפען דאָרט אומזיסט. האָב איך געבעטען, אַז זיי זאָלען מיר לאָזען טהאָן הויז־אַרבייט, כדי איך זאָל פאַרדינען מיין ברויט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם רב'ס הויז, האָבען זיי מיר אָפּגעגע־בען אַ באַזונדער צימער און מיר באַהאַנדעלט אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ מיטגליד פון זייער משפחה. זיי האָבען מיר געלאָזען געהן זונטאָג אין קיר־כע און זיי האָבען מיר ערלויבט זיך אויפצופיהרען לויט מיין רעליגיע.

— און ווי האָט דער רב געהייסען? — האָט אברהם געפרעגט.

— זיין נאָמען איז געווען שמעון! — האָט זי געענטפערט — ער און זיין פרוי זיינען געווען זעהר גוטהערציג. ווען זיי האָבען זיך צו מיר צוגעוואוינט האָבען זיי צו מיר געקראָגען נאָך מעהר צוטרויען. זיי האָבען דאַן געהאַט אַ פיער־יעהריגען זוהן, וועלכער איז געווען זעהר קלוג און גע־ראָטען. דער רב, זיין פאָטער, האָט מיט איהם געלערענט און ער האָט גוט פאַרשטאַנען אַלעס וואָס ער האָט איהם געזאָגט.

— און ווי איז געווען דער נאָמען פון קינד?

— זיין נאָמען איז געווען אלחנן. ער איז געווען אַזוי שעהן און קלוג, אַז יעדער איינער וועלכער האָט איהם דערזעהן, האָט איהם ליעב באַקומען. ער פלעגט יעדען איינעם באַוואונדערען מיט זיינע קלוגע רייד. דער רב און זיין פרוי האָבען מיר אַנפאַרטרויט דיזען קינד. איך פלעג איהם אַרויס־נעהמען פאַר אַ שפּאַציר און אַכטונג געבען אויף איהם. איך פלעג האָבען זעהר פיעל פאַרגעניגען צו שפּאַצירען מיט דעם קינד. איך פלעג איהם אָפּ־היטען ווי מיין אויג אין קאָפּ. איך האָב גוט אַכטונג געגעבען אויף איהם. איינמאָל, ווען איך האָב מיט דעם קינד שפּאַצירט, באַגעגענט מיר דער גלח פון דער קירכע, וואו איך פלעג קומען זיך מתודה זיין. דער גלח האָט מיר גאַנץ גוט געקענט. און ווען ער האָט מיר דערזעהן מיט דעם קינד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט מיר געפרעגט וועמענס קינד דאָס איז. און איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער איז דער איינציגער זוהן פון רב פון שטאָדט.

דער גלח האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט דעם קליין קינד און ער איז געווען אויסער זיך פון ערשטוינונג. ער האָט נאָך אַזאַ קלוגען און ליבליכען קינד אין זיין גאַנצען לעבען ניט געזעהן.

— עס איז אַ רחמנות אַז אַזאַ זעלטען קינד זאָל באַלאַנגען צו אַ אידען — האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופען — ער ווערט אַמאָל אויסוואַקסען צו זיין אַ גרויסער געלערענטער מאַן און ער וואָלט געבראַכט זעהר פיעל נוצען פאַר דעם קריסטענטום.

— איך האָב איהם גאָר ניט געענטפערט. איך האָב קיין אַכט ניט געלעגט צו זיינע רייד. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט איהם חושד זיין, אַז ער זאָל גאָר האָבען אַ שלעכטען געדאַנק... דער גלח איז ביי מיר געווען

חייליג. פאַר איהם פלעג איך זיך גאַנץ אָפט מתודה זיין. איך האָב זיך צוריקגעקעהרט אין דער היים און אפילו נישט געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען די עלטערען פון דעם קינד וועגען דער באַגעגעניש פון דעם גלח. פאַר דעם קינד איז קיין נאָווינע ניט געווען דעם גלח'ס ריידען מיט איהם. פיעלע מענשען פלעגען זיך אָפּשטעלען און גאַנץ אָפט אַריינגעהן אין אַ געשפּרעך מיט איהם.

ווען איך בין דעם קומענדען זונטאג געווען אין קירך, האָט מיר דער גלח זיך געהייסען אָפּשטעלען, ווייל ע רוויל מיט מיר ריידען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

— איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין קירכע, און ווען אַלע זיינען אוועק, האָט מיר דער גלח אַריינגערופען אין זיין צימער און זיך צו מיר אָפּגערופען:

— עס איז שוין לאַנג אַז איך האָב מיט דיר געוואָלט ריידען. איך ווייס, אַז דו ביזט אַ גוטע עהרליכע קאַטוילישקין. דו ביזט אַ גאָטספאָרכטיגע פרוי, און דעריבער וויל איך דיר זאָגען אַז דו באַגעהסט זעהר אַ גרויסען פאַרברעכען געגען גאָט, וואָס דו דינסט אין אַ אידיש הויז.

— אָבער זיי זיינען פיינע עהרליכע מענשען! — האָב איך זיך צו איהם אָפּגערופען — זעהר זעלטען אַז מען קען צווישען קריסטען געפינען אַזעלכע גוטע מענשען.

— דאָמיט אַליין זינדיגסטו נאָך מעהר! די בעסטע אידען זיינען פאַררעכענט אַלס זינדיג געגען די ערגסטע קריסטען, און בפרט ווי דו זאָגסט מיר איז דער ביי וועמען דו ביזט אַ דינסט, אַ רב!

דאַן האָב איך איהם דערצעהלט אַלעס וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט, ווי אַזוי זיי האָבען מיך געשטיצט און אַז איך פיהל זיך זעהר גליקליך צו זיין ביי זיי.

דער גלח האָט מיר אָבער ניט אויפגעהערט צו מוסר'ן און זאָגען, אַז פאַר אַזאַ פאַרברעכען וועט מיר גאָט קיינמאָל ניט מוחל זיין.

— עס איז מיר זעהר שווער צו פאַרלאָזען דאָס הויז פון די, וועלכע האָבען מיט מיר אַזוי פיעל גוטעס געטהאָן — האָב איך געזאָגט.

— ווילסטו אינגאַנצען פאַרלירען יענע וועלט? ! — האָט ער צו מיר אויסגערופען.

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען, ווייל אין דיזער וועלט האָב איך גאָרניט געגאָסען. מיינע יאָהרען זיינען אוועק אין ליידען און אין ביטערניש, און יעצט ווי אַזוי קען איך זיין גלייכגילטיג ווען ער זאָגט מיר אַז איך וועל נאָך מעגליך פאַרלירען יענע וועלט? איך האָב זיך פאַנאַנדערגעוויינט און איהם געפרעגט וואָס איך דאַרף טהאָן אַז גאָט זאָל מיר מיינע זינד מוחל זיין.

— דו דאַרפסט טהאָן זעהר אַ גוטע זאַך פאַר אונזער קירכע, אַזוי אַז פיעלע קריסטען זאָלען דיר דאַנקבאַר זיין! — האָט ער מיר געזאָגט.

— וואָס קען איך, אַן אומוויסענדע אומגליקליכע פרוי, אויפטהאָן? — האָב איך איהם אָנגעקוקט.

— איך האָב ניט לאַנג צוריק דיך באַגעגענט מיט דעם קינד. איך האָב גלייך איינגעזעהן, אַז ער איז אַן אויסערגעוועהנליך קלוג קינד, און אַז עס איז בלויז אַ רחמנות אַז דאָס קינד זאָל באַלאַנגען צו אַ אידען. אויב דו מיינסט תשובה צו טהאָן מיט ערנסטקייט, וועסטו דאַרפען זעהן אַז דאָס קינד זאָל אויסוואַקסען צו זיין אַ קריסט. ער איז נאָך גאַנץ קליין. מען קען נאָך איהם געבען אַ גוטע קריסטליכע ערציהונג און ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער אַ סך קענען אויפטהאָן פאַר דער קריסטליכער רעליגיע.

— אָבער ווי אַזוי קאָן איך עס טהאָן? ווען זיין פאָטער וועט זיך דערוויסען, אַז איך זוך איהם צו באַאיינפלוסען ער זאָל ליעב האָבען די קריסטליכע רעליגיע, וועט ער מיך אינגאַנצען פון זיין הויז פאַריאָגען.

— ניט דאָס מיין איך! — האָט דער גלח צו מיר געזאָגט. — איך וויל, אַז ווען דו וועסט שפּאַצירען מיט דעם קינד זאָלסטו צוקומען צו דער קירכע, און איך וועל שוין זעהן אַז דאָס קינד זאָל פון דיר צוגענומען ווערען... דו וועסט קענען זאָגען זיינע עלטערען, אַז דורכגעהענדע רויבער זיינען דיך באַפאַלען און פון דיר דאָס קינד אַוועקגערויבט... קיינער וועט דערפון ניט וויסען. איך וועל איהם האַלטען אַ קורצע צייט אין קירכע, און נאָכהער וועל איך איהם אַוועקשיקען צו איינעם פון מיינע פריינד אין אַ צווייט לאַנד, וואו ער וועט קריגען זעהר אַ גוטע קריסטליכע ערציהונג.

ווען איך האָב דיזע רייד דערהערט פון דעם גלח, האָב איך אָנגעהויבען צו ציטערען.

— אָה, ניין, ווי אַזוי וועל איך קענען טהאָן אַזאַ זאַך צו די, וועלכע האָבען מיט מיר אַזוי פיעל גוטעס געטהאָן? — האָב איך אויסגערופען וויינענדיג. — איך וועל בעסער שטאַרבען איידער איך וועל זיי פאַרראַטען!

דער גלח האָט מיך בארוהיגט. ער האָט מיר גענומען איינריידען און געזאָגט:

— דו אַליין דאַרפסט וויסען, אַז מיט דעם וועסטו זיי קיין שלעכטס ניט טהאָן, פאַרקערט, דו וועסט טהאָן אַ טובה דעם אומשולדיגען קינד און שפּעטער וועלען זיך אויך זיינע עלטערען אַרומזעהן... דו ווייסט דאָך, אַז די אידען זיינען בלינד, זיי ווילען ניט זעהן די וואַרהייט. זיי זיינען פאַרעקשנ'ט און ווילען ניט אַנערקענען דעם אויסלייזער, און דעריבער וועלען זיי אַלע געהן אין גיהנם. ווען אָבער דיר וועט זיך איינגעבען צו רעטען אַזאַ וואונדער-קינד פאַר דער קריסטליכער רעליגיע, וועסטו דאָמיט אַליין אָפּווישען די זינד פון זיינע עלטערען און מעגליך אַז זיי וועלען קריגען יענע וועלט.

אַזוי האָט דער גלח צו מיר גערעדט אַ היבשע ווייל. ער האָט מיר גענומען איבערצייגען וואָס פאַר אַ נאָבעלע זאַך איך וועל אויפטהאָן אויב איך וועל איבערגעבען דעם רב'ס קינד אין זיין רשות.

ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבען צו גלויבען אַז ער איז גערעכט, אָבער ווען איך האָב זיך גענומען פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר אַ טרויער און וויטאָג דער רב און זיין פרוי וועלען אויפנעהמען די נייעס אַז זייער

איינציג קינד איז אויסגעריסן געוואָרן פון זיי, האָב איך בשום אופן ביי זיך ניט געקענט באַשליסן צו באַגעהן דיזען פאַרברעכען.

דער גלח אָבער האָט מיר ניט אָפּגעלאָזען. ער האָט מיר יעדען זונטאָג וועגען דעם דערמאָנט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל באַגעהן זעהר אַ גרויסע זינד אויב איך וועל עס ניט טהאָן פאַר דער קירכע. גאָט וועט מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין. דאָס קינד איז אומשולדיג, ער ווייסט ניט! און עס איז מיין פליכט צו ראַטען זיין נשמה... איך האָב איהם שוין פאַרשפּראָכען צו פאָלגען, אָבער איך פלעג זיך צוריקקעהרען אַהיים און זעהן די עלטערען וועלכע פלעגען אַזוי גליקליך פאַרברייננגען מיט זייער גראַטען און ליעבליכען קינד, פלעג איך חרטה האָבען אויף מיין פאַרשפּרעכען... און ווען די באַשטימטע צייט איז געקומען, האָב איך עס ניט געקענט דורכפיהרען, אומזיסט האָט דער גלח געוואַרט יענעם טאָג מיט איינגע נאָנעס אויף מיין אָנקומען.

ווען איך בין געקומען זונטאַג אין קירכע, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך האָב מיין נשמה פאַרקויפט צו טייוואָלים און אַז איך וועל פאַרלירען ביידע וועלטען, אויב איך וועל דאָס קינד ניט ברייננגען אַהער. ווי איך האָב פאַרשפּראָכען. ער האָט פאַר מיר מיט די שרעקליכסטע פאַרבען געמאָהלען דעם גיהנם, וואו מיין נשמה וועט אַריינגעהן נאָך מיין טויט. און איך האָב ווידער איינגעשטימט איהם צו פאָלגען. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַז איך וועל נאָך אַמאָל חרטה האָבען, האָט ער אַרויסגענומען דעם צלם און מיר געהייסען שווערען ביי דעם צלם אַז איך וועל דיזען מאָל דורכפירען מיין פאַרשפּרעכען. איך ווייס ניט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, אָבער איך האָב אַרויפגעלעגט מיין האַנט אויפ'ן צלם און צוגעשוואָרען אַז אויף מאָרגען וועל איך מיט דעם קינד צושפּאַצירען ביז דער קירכע...

ווען איך האָב פאַרלאָזען די קירכע, האָב איך זיך ערשט אַרומגעזעהן וואָס איך האָב געטהאָן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. איך האָב געשוואָרען און איך וועל מיין שבועה ניט קענען ברעכען. מיט וואַקלענדע פיס בין איך אוועק אַהיים. איך האָב יענע גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען. איך בין געשטאַנען אויף מיינע קניה און האָב מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל מיר מוחל זיין... איך האָב געוויינט... איך האָב בעסער געוואָלט שטאַרבען איידער באַגעהן אַזאַ פאַרברעכען, אָבער איך האָב אַ שבועה געגעבען...

יענער פריהמאָרגען איז געווען אַזאַ שעהנער און וואַרימער. אין דעם רב'ס הויז האָט געהערשט רוהיגקייט און צופרידענהייט... זייער איינציג קינד אלחנן האָט פאַרשאַפט זעהר פיעל נחת זיינען עלטערען. דער פאָטער האָט מיט איהם געשפּיעלט שאַך און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען ווי אַזוי דאָס פיער־יעהריגע קינד פאַרשטעהט אַזוי גוט די שאַך־שפּיעל. איך העך ווי דער רב דערצעהלט פאַר זיין פרוי וועגען זיינע אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען, אַז ער האָט איהם באַוויזען אין דעם שאַך־שפּיעל מיט אַ נייעם אומדערוואַרטעטען „גאַנג". מיין האַרץ האָט אין מיר געוויינט, אָבער איך האָב זיך באַמיהט צו האַלטען רוהיג, כדי זיי זאָ-

לען אויף מיר נארטיס באמערקען... איך האב איינגעזעהן אז איך וועל מוזען דורכפיהרען דיזען שוידערליכען פארברעכען. איך האב זיך גענומען פארשטעלען וואס עס וועט זיך טהאן אין הויז ווען איך וועל זיך אומקעהרען אחיים אהן אלחנן׳ען. איך האב זיך אבער געשטארקט. איך האב מיין ארבייט געטהאן ווי געוועהנליך... איך האב געווישט מיינע טרעהרען...

דאן איז געקומען די שרעקליכסטע שטונדע. דאס קינד האט אפגעגעסען און זיין מוטער האט איהם אנגעטהאן זיין נייעם בגד, און איך בין מיט איהם ארויס אויף א שפאציר. איך האב איהם געהאלטען פאר זיין קליינער, צארטער הענטעל. איך האב אויף איהם געקוקט און איך האב מיינע אויגען ניט געקענט אנזעטיגען מיט זיין שעהנקייט און ליעבליכקייט... א שוידער איז דורך דורך מיין קערפער ווען איך האב א טראכט געטהאן פון דעם, אז איך פיהר איהם יעצט אהין, און באלד, באלד וועט מען איהם אוועקנעהמען פון מיינע הענט... אה, ווי אזוי וועל איך קענען זיך אומקעהרען אהן דעם קינד? ווי וועל איך קענען צוזעהן דעם גרויסען צער פון זיינע עלטערען, וועלכע האבען מיך אזוי גוט באהאנדעלט. אה, ווען איך קען גלייך אויף אן ארט שטארבען! איך האב אויף זיך געוואונשען דעם טויט... איך בין מיט איהם געגאנגען.

ניט ווייט איז געווען א טייך, און איך האב אנגעהויבען טראכטען פון דעם... איך וועל זיך אריינווארפען אין טייך און דערטרונקען ווערען. אבער דא האב איך זיך דערמאנט אן מיין שבועה... ווען איך וועל זיך זעלבסט טויטען איידער איך וועל מקיים זיין מיין שבועה, דאן וועל איך זיכער פארלירען ביידע וועלטען... די רייד פון דעם גלח האבען מיר נאך געקלונגען אין מיינע אויערען...

מארגאריטא האט זיך אפגעשטעלט. איהרע אויגען זיינען נאס געווארען.

אברהם אבן עזרא האט געקענט באמערקען אז זי ליידט נאך יעצט זעהר שטארק. ער זעהט, אז עס איז איהר שווער צו ריידען... ער איז אבער געווען זעהר אומגעדולדיג און איהר געפרעגט:

— און דו ביזט אהין געגאנגען מיט דעם קינד?

— יע, — האט זי טרויעריג געשאקעלט מיט איהר קאפ, — איך ווייס ניט ווי אזוי איך האב עס געקענט. אבער איך האב גענומען פיהרען אלחנן׳ען אין דער ריכטונג פון דער קירכע... ער איז געווען אזוי קלוג. ער האט גלייך געזעהן, אז איך פיהר איהם אין א צווייטער ריכטונג און ער האט מיך געפרעגט וואוהין מיר געהען, אבער איך האב איהם בארוהיגט און מיר זיינען אנגעקומען ניט ווייט פון דער קירכע.

דער גלח איז אונז אנטקעגען געקומען. ער האט זיך ארונטערגעבויגען צו אלחנן׳ען און איהם געגלעט איבער׳ן בעקעל. ער האט צו איהם גערעדט אזוי צערטליך און מילד. ער האט פון זיין קעשענע ארויסגענומען א צאצקע און איהם דערלאנגט.

— דו ווילסט נאך אזעלכע צאצקעס? — האט ער איהם געפרעגט.

דער קליינער אלחנן האט שמייכלענדיג צוגעשאקעלט מיט דעם קאפ.

— קום אַריין מיט מיר אינעווייניג און איך וועל דיר געבען זעהר פיעל צאַצקעס ! — האָט דער גלח איהם אָנגענומען ביי דער האַנט.

— ניין ! ניין ! — האָט דאָס קינד אויסגערופען מיט שרעק — דאָס איז אַ קלויסטער. מ'טאָר אַהין ניט אַריינקומען.

ער האָט זיך גענומען טוליען צו מיר... איך האָב איהם אָבער באַרוחיגט און געזאָגט, אַז ער קען דאָרט אַריינקומען, מען וועט איהם געבען זעהר פיעל צאַצקעס.

דאָס קינד האָט זיך אָבער איינגע'עקשנ'ט און בשום אופן ניט געוואָלט אַריינקומען אַהין. באַלד זיינען אָנגעקומען צוויי נאָנעס פון דעם דערביי־איגען מאָנאַסטיר... זיי זיינען צוגעקומען און זיי האָבען צו איהם גערעדט. דער גלח האָט צו מיר אַ וואונק געגעבען אַז איך זאָל פאַרשווינדען ווערען. ווען אלחנן איז געווען פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך מיט די נאָנעס, האָב איך זיך אומבאַמערקטערהייט אַוועקגע'גנב'עט פון איהם און בין אַריין אינעווייניג אין קירכע. איך האָב אַרויסגעקוקט דורך אַ קליינעם פענסטער און איך האָב באַמערקט, אַז אלחנן האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט... ער שרייט : „וואו איז מאַרגאַריטאַ ?" און ווכט מיך מיט זיינע אויגען.

דער גלח איז צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם גענומען באַרוהיגען.

— מאַרגאַריטאַ איז אַ ווײלע אַריין אינעווייניג אין קלויסטער — האָט ער איהם געזאָגט. — זי וועט זיך לאַנג דאָרט ניט זאַמען.

— איך וויל מאַרגאַריטאַ זאָל מיך אַהיימפיהרען ! — האָט דאָס קינד ניט אויפגעהערט צו וויינען.

— קום אַריין אינעווייניג און מיר וועלען מאַרגאַריטאַ'ן אַרויסרופען פון דאָרטען, — הער איך ווי דער גלח זאָגט צום קינד... מיין הארץ קלאַפּט אין מיר, אַ שטאַרקער רחמנות האָט זיך ביי מיר דערוועקט אויף דעם קינד... איך שוידער אויף. וואָס טהו איך דאָ ! איך העלף איהם באַגעהן אַ שוידערליכען פאַרברעכען... איך וויל אַרויסלויפען פון דער קירכע, אַנ־נעהמען אלחנן'ען ביי דער האַנט און מיט איהם אַנטלויפען פון דאָרטען... אָבער באַלד האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין שבועה, און איך בין געבליבען ווי צוגעגליווערט צו מיין פּלאַץ... אָט באַמערק איך ווי דאָס קינד געהט מיט דעם גלח... ער קומט נאָהענט צו די טרעפּ און ער קווייקעלט זיך... דאָס קינדישע הארץ האָט איהם מסתמא געזאָגט אַז קיין גוטעס ערוואַרט איהם שוין דאָרטען ניט. ווי ער וועט נאָר אַריינשטעלען אַ פוס אין קירכע, וועט ער שוין מעהר ניט זעהן זיין מוטער, זיין פאָטער און אַלע זיינע קרובים...

איך זעה, ער שטעהט און וויינט. ער רופט אויס מיין נאָמען. ער שרייט : „מאַרגאַריטאַ, פיהר מיך אָפּ צו מיין מאַמען !"

איך האָב מיין קאָפּ אַרויסגעבויגען פון פענסטער. פאַר די אויגען האָט מיר געשווינדעלט. ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר מיין שבועה וואָלט איך זיך געוויס פון פענסטער אַרויסגעוואָרפען. אָבער איך וויל דאָך ניט פאַרלירען ביידע וועלטען. איך קוק אַרויס און זעה ווי דאָס אומשול־דיג קינד געהט אַרויף די טרעפּ ווייענדיגערהייט. איך עפען אויף די טיהר

פון דעם צימער און איך זעה ווי דער גלח פיהרט איהם פאַר דער האַנט... דאָס קינד רופט מיין נאָמען... איך פיהל, אַז מיין האַרץ ווערט אין מיר צובראָכען. באַלד, באַלד און דאָס שרעקליכסטע וועט געשעהן! ווי וועל איך זיך צוריקקעהרען אַהיים? וואָס וועל איך זאָגען די מענשען וועלכע זיינען אַזוי גוט געווען צו מיר, די וועלכע האָבען מיך געראַטעוועט און האָבען מיין לעבען אויפגעהאַלטען? ווי אַזוי וועל איך קענען אַריבערטראָגען זייער צער? ווי וועל איך קענען צוזעהן דעם גרויסען טרויער און בראָך וואָס וועט זיי באַפאַלען, און איך וועל וויסען אַז איך בין די שולדיגע? איך האָב באַמערקט ווי צוויי נאָנעס זיינען צוגעקומען צו דעם גלח און צו דעם קינד.

„דו זוכסט מאַרגאַריטאַ'ן? — הער איך ווי זיי זאָגען צו איהם — קום, מיר וועלען דיר ציינען וואו זי געפינט זיך".

דאָס קינד האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעוויינט. זיי האָבען איהם אַריינגעפיהרט אין אַ הינטערשטען צימער, פון וואַנען זיינע קולות האָבען זיך שוין מעהר ניט געקענט הערען. באַלד איז צו מיר צוגעקומען דער גלח און מיט אַ פריינדליכען שמייכעל זיך אָפגערופען צו מיר:

„זאָלען די ברכות פון יעזוס און די הייליגע מוטער מאַריע קומען צו דיר. דו האָסט דיין הייליגע פליכט דערפילט. יעצט קענסטו זיין זיכער, אַז דו האָסט זיך איינגעקויפט יענע וועלט. דיין נשמה וועט זיך שטענדיג געפינען צווישען די הייליגע".

— אָה, איך שרעק זיך זעהר פיעל! — האָב איך זיך אָפגערופען — איך וועל אַהין מעהר ניט קענען געהן... איך וועל זיי ניט קענען קוקען גלייך אין פנים. אָה, איך בעט דיך, הייליגער פאָטער — בין איך געפאַלען צו זיינע פיס — שיק מיך אַוועק אין אַ צווייטער שטאָדט. איך וועל אַנקומען אין אַ מאָנאַסטיר, איך וועל זוכען אַלעס צו פאַרגעסען.

— ניין! דו דאַרפסט זיין בראַוו. אויב דו וועסט אויך פּלוצלונג פאַרשוואונדען ווערען, וועלען זיי נעהמען חושד זיין, אַז די קירכע האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם פאַרשווינדען פון זייער זוהן און זיי וועלען געוויס זיך ווענדען צו די פאַרשיידענע בישאָפען און ערצבישאָפען... און ווער ווייסט, אויב זיי וועלען מיר ניט הייסען אומקעהרען דאָס קינד, איידער איך וועל איהם אָפּ'שמד'ן און אַריבערשיקען אין אַ צווייטער שטאָדט... ניין, דו מוזט זיך צוריקקעהרען צו זיינע עלטערען. דו וועסט זיי דערצעהלען, אַז דורכגעהענדע רויבער זיינען דיך באַפאַלען, דו האָסט זיך מיט זיי געראַנגעלט, אָבער זיי האָבען דאָס קינד פון דיר אַוועקגערויבט... דו וועסט דאַרפען זיי זאָגען אַז די רויבער זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון דער צווייטער שטאָדט, דאַן וועלען זיי אַהין לויפען זוכען און זיי וועט ניט איינפאַלען צו קומען אין דיזער נאַכבאַרשאַפט. יעצט, אַז דו האָסט דיין פליכט געטהאָן, האָף איך אַז דו וועסט וויסען ווי צו האַנדלען, זיי זאָלען אָן דיר גאָר ניט דערקענען.

— און טאָמער וועלען זיי קומען זוכען אין קירכע און אויסגעפינען?

— האָב איך איהם געפרעגט.

— קיין איד וועט קיינמאָל ניט וואגן אריינצוקומען אין קירכע — האט דער גלח מיך בארוהיגט. ער האָט מיר נאָכאמאָל אָנגעזאָגט וואָס צו טהאָן און ווי אזוי צו האנדלען און מיך געשיקט אהיים.

מארגאריטא האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז איהר געווען גאנץ שווער פאָרטצוזעצען. איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

אברהם אבן עזרא האָט אויף דער אלטער געקוקט מיט גרויס מיטלייד. ער האָט געקענט זעהן ווי שטארק זי האָט זיך אָנגעליטען, זינט זי האָט דעם גלח געפאָלגט און דעם פארברעכען דורכגעפיהרט. ער איז אָבער געווען זעהר נייגעריג זי זאָל פאָרטזעצען, און ער האָט איהר געפרעגט:

— האָסטו זיך צוריקגעקעהרט צו דעם רב?

— יע, איך האָב זיך צוריקגעקעהרט. אָבער הלואי וואָלטען מיך מיינע פיס אַהין ניט דערטראָגען... עס איז מיר שווער צו ריידען פון יענע שרעקליכע מינוטען... איך האָב אויף זיך געוואונשען דעם טויט... ווען איך בין אריין אין הויז און זיי האָבען דערזעהן אז איך קום אָהן דעם קינד, ווי האָבען דערזעהן מיין פארוויינטען פנים, האָבען ביידע מיט אמאָל ארויסגעלאָזען א שרעקליכען געשריי:

— וואו איז אלחנן?!

מיר איז שווער געווען צו ריידען. איך האָב זיך געטרייסעלט און מיין קערפּער האָט געציטערט... איך האָב קוים ארויסגערעדט אז „רויבער זיינען מיך באפאלען און אוועקגערויבט דאָס קינד". די מוטער האָט ארויסגעלאָזען א געשריי און גלייך אין חלשות געפאלען. דער פאָטער איז צו מיר צוגעקומען און גענומען שרייען מיט א משונה'דיגען קול:

— וואו איז מיין קינד?! זאָג מיר, וואו איז ער?

ווען איך האָב קוים נאָך אמאָל דאָס זעלבע ארויסגערעדט, איז ער ארויסגעלאָפען אין דרויסען און ביטערליך גענומען שרייען:

— געוואלד, אידען, מען האָט מיין קינד אוועקגערויבט!

אלע אידען פון שטאָדט האָבען זיך באלד פארזאמעלט. מען האָט מיך אָנגעהויבען אויספרעגען, איך זאָל זיי אָנצייגען די ריכטונג וואוהין די רויבער זיינען אוועק... איך האָב אויך שטארק געוויינט. איך בין דאָך געווען שולדיג אין זייער אומגליק. מיין הארץ האָט אין מיר געוועהטאָגט. אָט האָב איך שוין געוואָלט צוגעהן צום רב און דערצעהלען איהם דעם גאנצען אמת... איהם זאָגען ער זאָל שנעל געהן אין קירכע און דאָרטען וועט ער זיין קינד געפינען. אָבער עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטען. איך האָב עס ניט געטהאָן. זינט דאַן איז דאָס גליקליכע הויז פון רב פארוואנדעלט געוואָרען אין טרויער. טאָג און נאכט האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו יאָמערען און קלאָגען אויף דעם פארלוסט פון זייער קינד. איך האָב מעהר ניט געקענט צוזעהן זייערע שמערצען. איך פלעג מיט זיי מיטוויינען... זיי האָבען קיינמאָל ניט פארדעכטיגט, אז איך בין אין דעם אינגאנצען שולדיג. איך האָב פארלאָזען זייער הויז. איך האָב זיי געזאָגט, אז איך קען זייער צער ניט צוזעהן און אז איך וועל וואנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט,

מעגליך אַז איך וועל געפינען אלחנן'ען און דאַן וועל איך איהם צו זיי צוריקברייננגען.

זיי האָבען מיט מעהר ביטערקייט געוויינט, ווען איך האָב זיי גענומען פאַרלאָזען. איך בין אוועק אין קירכע צום גלח. דאָס איז געווען שוין איייניגע וואָכען נאָכדעם ווי אלחנן איז געווען אין דעם גלח'ס רשות.

— דאָס קינד האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו וויינען! — האָט דער גלח צו מיר געזאָגט — זינט דאַן ווען ער האָט צום ערשטען מאָל אריבערגעטראָטען מיט זיין פוס איבער'ן שוועל פון דער קירכע האָט ער ניט אויפגעהערט צו וויינען און שרייען: „איך וויל געהן אהיים צו מיין פאָטער און מוטער"; „מאַרגאַריטאַ, נעהם מיך אהיים!"

איך האָב געהאַט זעהר א גרויס באַגעהר אַנצוקוקען דאָס קינד. ווייל פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען מיט איהם, איז ער מיר איינגעבאַקען געוואָרען אין האַרצען. איך האָב איהם שטאַרק ליעב באַקומען, און מיין האַרץ האָט געבלוטיגט צו הערען אַז דאָס קינד האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַרוהיגט.

— קום אריין אין יענעם צימער, וואו ער געפינט זיך יעצט — האָט דער גלח מיר געזאָגט — פיללייכט וועט ער זיך באַרוהיגען ווען ער וועט דיך דערזעהן.

איך בין אריין אינווייניג און האָב געזעהן ווי דאָס קינד איז געלעגען אויף א בעטעל. ער האָט מיך נאָך ניט געהאַט באַמערקט. איך האָב געזעהן, אַז זיינע אויגען זיינען געשוואָלען פון וויינען. ער איז שטאַרק אַרונטער. ער איז געוואָרען אויסגעצעהרט. מיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט מיטלייד פאַר דעם אומגליקליכען קינד. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און גענומען צערטלען... ער האָט אויף מיר א קוק געטהאָן און גלייך היסטעריש אויסגעשריען:

„מאַרגאַריטאַ, ברייננ מיר צו מיין מאַמען!"

די טרעהרען האָבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען. איך האָב אויף א ווייל ניט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסריידען. באַלד האָב איך איהם אויף מיינע הענט גענומען. ער האָט איינגעגורעט זיין קאָפּ אין מיין בוזים און איך האָב געקענט זעהן אַז ער האָט זיך געפיהלט בעסער און זיכערער מיט מיר.

איך האָב זיך מיט איהם זינט דאַן געזעהן יעדען טאָג. איך פלעג איהם פאַרשפּרעכען, אַז גאָר אין גיכען וועל איך איהם צוריקברייננגען צו זיינע עלטערען. ער האָט זיך נעהאַט באַרוהיגט. און ווען דריי מאָנאַטען זיינען פאַראיבער, ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דעם פלאַץ. דער גלח פלעגט איהם אריינגעהמען אין קירכע צו גאָטעסדיענסט. ער האָט איהם אָנגעפאַנגען לערנען די קריסטליכע רעליגיע און ווען נאָך איייניגע מאָנאַטען זיינען פאַראיבער האָט שוין אלחנן אין גאַנצען פאַרגעסען אָן זיינע עלטערען. ער איז געוואָרען א פרום קריסטליך קינד. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך נאָכפרעגען אויף זיין מאַמען. אָבער שוין ניט מיט דער זעלבער נייגעריגקייט ווי פריהער... ער האָט זיך גאַנץ שנעל צוגעוואוינט צו

זיין נייער אומגעבונג. ער חאט שוין גענומען פארגעסען אן דער לעהרע וואס זיין פאטער האט מיט איהם געלערענט.

דערוויילי האט זיך דער גלח דערוואוסט, אז דער רב און די איבעריגע אידען האבען אויפגערודערט די גאנצע שטאדט וועגען דעם פארלוסט פון זיין קינד. ער האט זיך געווענדעט מיט א ביטע צו דעם גיבערנאטאר, ער זאל איהם העלפען געפינען די רויבער, וועלכע האבען אוועקגערויבט דאס קינד פון איהם. דער גלח האט מיר אנפארטרויט, אז אונטער אזעלכע אומ־שטענדען איז עס ניט זיכער צו האלטען דאס קינד לענגער אין דער קירכע.

— איך האב א פריינד, וועלכער איז זעהר א פרומער מאן, ער קומט יעדען יאהר פון שפאניען אהער תפלה טהאן אין דער דאזיגער הייליגער קירכע. ער האט ניט קיין קינדער. איהם וועל איך אנפארטרויען דאס קינד. ער וועט איהם דערציהען אלס אן עהרליכען פרומען קאטאליק. און איך בין זיכער, אז ווען דאס קינד וועט אויפוואקסען וועט ער ברייגגען פי־לע נוצען צו דער קאטוילישער קירכע. דאס איז די גרעסטע מצוה וואס א קאטאליק האט ווען עס איז געטהאן פאר אונזער האר יעזוס קריסטוס. און דו, מארגאריטא, האסט אין דעם א גרויסען חלק, — האט דער גלח מיך פארזיכערט — און דעריבער וואלט איך געוואלט, אז דו זאלסט שטענדיג זיך געפינען מיט דעם קינד, דו זאלסט זעהן אז ער זאל דערצויגען ווערען אין דעם הייליגען גייסט פון אונזער רעליגיע. און אויב איך וועל אלחנן'ען איבערגעבען צו דעם מאן פון שפאניען, וועל איך זעהן אז דו זאלסט מיט איהם מיטפאהרען, כדי דו זאלסט אכטונג געבען אויף דעם קינד.

עס איז געווען סוף זומער און איך האב געהערט ריידענדיג אין קירכע וועגען א באזוך פון זעהר א געהויבענעם מאן, וועלכער איז נאר וואס אנ־געקומען פון וואלענסיע, שפאניען. דער גלח האט מיר גלייך געזאגט, אז דער פירשט פון וואלענסיע איז אנגעקומען.

— דאס איז דער מאן אין וועמענס הענט איך וועל איבערגעבען דאס קינד. ער וועט איהם דערציהען אלס זיין אייגענעם זוהן. ער וועט פאר איהם קריגען די בעסטע גייסטליכע לעהרער — האט ער מיר געזאגט.

דעם זעלבען טאג האט מיר דער גלח געהייסען אריינקומען צו איהם מיט אלחנן'ען.

איך בין אהין אריין מיט'ן קינד און איך האב שוין דארטען געטראפען דעם פירשט. ער איז געווען זעהר אן איידעלער מאן. ער איז געווען גע־קליידעט אין קעניגליכע קליידער. מיין הארץ האט אין מיר געקלאפט. דער גלח האט פארגעשטעלט דאס קינד פאר איהם. דער פירשט האט איהם באטראכט און ער חאט זיך ניט געקענט גענוג אנלויבען פון זיין שעהנקייט. ער האט מיט איהם אנגעפאנגען צו ריידען און ער איז אנטציקט געווארען פון זיין קלוגשאפט.

— דו ווילסט מיט מיר געהן? — האט ער דעם קינד געפרעגט.

אלחנן האט צוגעשאקעלט מיט זיין קאפ און אנגעצייגט אויף מיר.

— מארגאריטא וועט אויך מיטגעהן — האט דער פירשט געזאגט.

דער פירשט האט איבערגעלאזען א גרויסע סומע געלט פאר דער קיר־

בע. זיין גרויסע פאַרמאַכטע קאַרעטע איז געשטאַנען גרייט לעבען דער קיר־בע,און אין אָווענט האָב איך אויף די הענט אַרויסגעטראָגען אלחנן'ען. איך האָב זיך מיט איהם אַריינגעזעצט אינוויינינ. דער פירשט איז אַריין מיט אונז און דער קוטשער האָט אַ שמיץ געטהאָן די פערד און מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען. דריי טעג האָט די רייזע געדויערט. ביינאַכט פלעגען מיר זיך אָפּשטעלען אין אַ קרעטשמע אויפ'ן וועג און אין דער פריה ווייטער רייזען. ביז וואַנען מיר זיינען אַנגעקומען אין וואַלענסיע.

— און יאָהאַן איז דאָס דער זוהן פון דעם רב פון מאַינץ? — האָט אברהם אבן עזרא זיך אָפּגערופען, און זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען. ער איז געווען זעהר געריהרט פון איהר דערצעהלען.

— יע, יאָהאַן איז אלחנן! — האָט מאַרגאַריטאַ אויסגערופען און געווישט איהרע אויגען — ער איז דערצויגען געוואָרען אַלס דער זוהן פון פירשט. ער האָט פאַר איהם געהאַט די בעסטע לעהרער. הייליגע בישאָפען און גלחים זיינען זיינע לעהרער געווען. ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען אָן זיין אָפּשטאַמונג. ער איז דערצויגען געוואָרען אין זעהר אַ רעליגיעזע אומגעבונג. ווען ער איז נאָך גאָר קליין געווען פלעג איך אַכטונג געבען אויף איהם. איך פלעג מיט איהם שפּאַצירען. איך האָב געזעהן ווי ער וואַקסט, ווי ער אַנטוויקעלט זיך. איך האָב געהערט ווי פיעלע גרויסע וויכטיגע מענשען, גייסטליכע און געלערנטע האָבען מיט גרויס באַגייסטערונג גערעדט וועגען זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. און אַזוי זיינען פאַראיבער יאָהרען. יאָהאַן ווייסט ניט פון דעם סוד. ער קען גאָר ניט געדענקען, ווייל ער איז נאָך דאָן גאָר קליין געווען... ער ווייסט בלויז, אַז דער פירשט פון וואַלענסיע איז ניט זיין אמת'ער פאָטער. ווען ער פלעגט פרעגען, ווי אַזוי ער קומט אַהער, פלעגט איהם דער פירשט דערצעהלען, אַז ער האָט איהם אויסגעלייזט פון רויבער'ס הענט. מיר האָט דער פירשט אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל איהם קיינמאָל אפילו ניט אָנדייטען ווי אַזוי ער קומט אַהער.

— ווי עס ווייזט אויס געדענקט ער יע עטוואָס? — האָט אברהם אבן עזרא זיך צו איהם אָפּגערופען — איך האָב איהם איינמאָל באַוויזען מיינע תפלין און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער דערמאָהנט זיך ווי דורך אַ חלום, אַז זיין פאָטער האָט זיי געהאַט.

— יע, עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אַז ער שטאַמט פון אידען. דאָס האָט ער דאָך גלייך געקענט אויסגעפינען,, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן. אָבער ער געדענקט גאָר ניט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. ער האָט קיין אַהנונג פון וועלכע שטאָדט ער קומט. ער ווייסט אפילו ניט פון וואָס פאַר אַ לאַנד ער איז געקומען.

— און ער פאַרדעכטיגט גאָר ניט אַז דו האָסט געהאַט עטוואָס צו טהאָן מיט איהם איידער ער איז אַהער געקומען?

— ניין, ער ווייסט גאָר ניט, און איך בין זיכער, אַז ער וואָלט קיינמאָל עס ניט אויסגעפונען. אָבער מיין געוויסען פּלאָגט מיך זעהר. יעדע נאַכט זעה איך שוידערליכע חלומות... איך חלום ווי אַזוי דער רב וועלכער

האט מיט מיר אזוי פיעל גוטעס געטהאן שטעהט נעבען מיר, זיינע הענט פארשפרייט, און שרייט אויס מיט א וויינענדיגע שטימע:

— וואס האסטו צו מיר געהאט, פארוואס האסטו מיין לעבען אויף שטענדיג פאראומגליקט? און זיין מוטער בעט זיך ביי מיר מיט טרעהרען אין די אויגען, איך זאל אומקעהרען איהר פארלארען קינד צו איהר.

— און דו ווילסט תשובה טהאן? — האט אברהם איהר געפרעגט.

— יע, איך וואלט וועלען תשובה טהאן. איך וואלט געוואלט אז אימיצער זאל אויפזוכען זיינע עלטערען און זיי אנזאגען די פרעהליכע בשורה, אז זייער זוהן לעבט, אז ער איז געראטען און זעהר א וויכטיגער מאן. ווען איך וועל וויסען אז אימיצער וועט זיי אויפזוכען און אנזאגען די דאזיגע בשורה, דאן וועט מיין געוויסען זיך בארוהיגען. איך וויס, אז איך האב שוין לאנג ניט צו לעבען. מיינע טעג זיינען געצעהלטע און איך וויל שטארבען מיט א רוהיגען געוויסען. איך האב זיך זעהר פיעל אנגעהערט וועגען גאט פון יאהאן'ען און ווי איך פארשטעה יעצט, בין איך באגאנגען זעהר א גרויסע פארברעכען, וואס איך האב זיך געלאזט איבעררעדען פון יענעם גלח פון מאינץ. איך האב דאן געגלויבט יעדעסווארט וואס ער האט מיר געזאגט און איך האב געטהאן אלעס וואס ער האט מיר געהייסען. יעצט זעה איך, אז יענער גלח איז אליין באגאנגען דערמיט א פארברעכען. איך האב אויסגעפונען, אז קורץ נאכדעם ווי ער האט איבערגעגעבען אלחנן'ען אין די הענט פון דעם פירשט פון וואלענסיע איז ער געשטארבען.

— און דו גלויבסט, אז זיינע עלטערען געפינען זיך אין דערזעלבער שטאדט? — האט אברהם איהר געפרעגט.

— יע, זיי זיינען געווים אין דערזעלבער שטאדט, ווייל ער איז דאך געוועזן דער רב פון מאינץ. און אפילו ווען ער האט זינט דאן פארלאזען די שטאדט, וועלען די דארטיגע אידען וויסען וואוהין ער איז געגאנגען. און אפילו יעצט, ווען עס זיינען פאראיבער באלד צוואנציג יאהר זינט יענער געשיכטע, וועט יעדער איינער געדענקען, ווען דו וועסט איהם געבען א סימן, אז ביי איהם האט מען זיין איינציג קינד אוועקגערויבט. אה, ווען איך וויסען אז דו וועסט זיך אונטערנעהמען צו געהן אויפזוכען זיינע עלטערען און זיי אנזאגען, אז זייער זוהן לעבט, וועל איך קענען שטארבען רוהיג. איך האב דיר דערצעהלט אלע איינצעלהייטען כדי דו אלסט זיי קענען איבערגעבען, אז איך בין געוועזן געצוואונגען עס אזוי צו טהאן, ווייל דאן, מיט מיין שטארקען גלויבען אין דעם גלח, האב איך געמיינט אז ער איז גערעכט און אז אזוי איז דער ווילען פון גאט.

די אלטע האט זיך פאנאנדערגעכליפעט... איהר איז שווער געווען צו ריידען ווייטער.

אברהם אבן עזרא'ס אויגען זיינען אויך אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען. ער האט זיך פארגעשטעלט וואס פאר א גרויסער אומגליק עס איז געוועזן פאר דעם רב פון מאינץ, ווען מען האט זיין איינציגען זוהן פון איהם אוועקגערויבט. ער האט באשלאסען, אז די ערשטע זאך וואס ער דאר-

יעצט טהאָן, איז, אָפּרייזען נאָך דייטשלאַנד צו דער שטאָדט מאַינץ און אויפזוכען דעם פאָטער פון יאָהאַן.

— איך וועל דיין פאַרלאַנג ערפילען — האָט אברהם זיך אָפּגערופען צו דער אלטער — איך וועל פון דאַנען אָפּרייזען נאָך מאַינץ און אויפזוכען זיינע עלטערען און זיי אלעס אנפאַרטרויען.

— זיי וועלען אָבער דאַרפען האָבען אביסעל געדולה, וויל ווען זיי וועלען אָנקומען אהער קיין וואלענסיע אין דער צייט ווען איך לעב, וועט דער פירשט פאַרשטעהן אז איך האָב ענטדעקט דעם סוד, און ער וועט זעהר אין כעס ווערען און איך וועל דאַרפען מיינע לעצטע טעג פאַרוואָגעלט ווע-רען. און דאַן קען זיין, וועט ער אין גאַנצען אָפּלייקענען די זאַך און ער וועט יאָהאַנ׳ס עלטערען פאַרטרייבען פון דאַנען.

— וואָלט ניט געווען בעסער, אז איך זאָל פריהער דורכריידען מיט יאָהאַנ׳ען און איהם צוגרייטען דערצו?

— אָה, ניין! — האָט זי אויסגערופען מיט שרעק. — האָסטו מיר דען נישט פאַרשפּראָכען, אז כל זמן איך לעב וועסטו מיט יאָהאַנ׳ען ניט ריידען וועגען דעם?

— איך וועל מיין פאַרשפּרעכען האַלטען. איך וועל אָנזאָגען זיינע עלטערען, און זיי איבערגעבען אלעס וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט. אָבער איך וועל דערוויל זיי ניט זאָגען וואו ער געפינט זיך. דאָך, זאָג מיר, וואָס פאַר א סימן זאָל איך זיי געבען, כדי זיי זאָלען מיר גלויבען, אז דאָס האָסטו מיר אלעס דערצעהלט?

— אויב ער וועט צווייפלען אז דאָס האָב איך דיר דערצעהלט, זאָל-סטו איהם געבען א סימן, אז דעם לעצטען טאָג האָט ער, דער רב, רבי שמעון, געשפּילט מיט זיין קליינעם זוהן אין שאכמאט, און ער האָט זעהר באוואונדערט ווי אזוי דאָס קליין קינד האָט אויף זעהר א וואונדערבאַרען אופן איהם באזיעגט.

די מיהר האָט זיך פלוצלונג געעפענט און אין צימער איז אריינגעקו-מען יאָהאַן.

— איך זעה, אז מאַרגאַריטאַ האָט דיר געהאַט זעהר פיעל צו דער-צעהלען פון דעם לעבען פון די אידען פון איהר געבורטסלאַנד, — האָט יאָ-האַן מיט א שמייכעל געזאָגט.

— יאָ, איך בין זעהר דאַנקבאַר צו איהר. איך בין אימערצו געווען נייגעריג צו וויסען ווי אזוי מיינע ברידער לעבט זיך אין די אנדערע לענ-דער. און זי האָט מיר ווירקליך זעהר פיעל דערצעהלט.

מאַרגאַריטאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און זי האָט גע-נומען פאַרלאָזען דעם צימער.

— האָב איך אייך דען געשטערט? — האָט יאָהאַן זיך אָפּגערופען צו אברהם׳ען — איך וועל צוואַרטען ביז וואַנען זי וועט ענדיגען דיר דערצעהלען.

— אָה, ניין, אונזער געשפּרעך איז שוין געענדיגט. זי האָט מיר דער-צעהלט אלעסוואָס איך האָב באַגערט צו וויסען.

ווען די אַלטע איז אַרויס, האָט זיך יאָחאַן צו איהם אָפּגערופען:

— ווייסטו פאַרוואָס איך בין אַריין אין מיטען פון אייער געשפּרעך? איך בין געקומען דיר איבערצוגעבען וויכטיגע נייעס: די טעמפּעל־ריטער מיט וועמען מיר האָבען זיך געטראָפען אין וואַלד, זיינען נאָר וואָס געקומען אַהער זיך צו באַראַטען מיט מיין פאָטער. און דעריבער האָב איך זיך גע־איילט דיר אָנצוזאָגען. איך וויל ניט, אַז זיי זאָלען זיך מיט דיר דאָ באַ־געגנענען, כאָטש איך בין זיכער, אַז זיי וועלען דיר יעצט ניט דערקענען.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין פריינד — האָט אברהם געזאָגט — איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען צוליב וואָס פאַר אַ צוועק זיי זיינען אַהער גע־קומען, און וואָס איז זייער באשלוס ווייטער צו טהאָן. איך וועל דיר זעהר דאַנקבאַר זיין ווען דו וועסט אַלעס אויסגעפינען און מיר דערצעהלען, ווייל איך ווייס, אַז זיי פּלאַנעווען שלעכטעס צו טהאָן מיינע ברידער פון שפּאַ־ניען.

— איך האָב קיינמאָל ניט סימפּאַטיזירט מיט די טעמפּעל־ריטער און זייערע אידעאַלען — האָט יאָחאַן געזאָגט — ניט איינמאָל פּלעג איך זיך אַריינלאָזען אין לאַנגע וכוחים מיט מיין פאָטער, וועלכער איז זעהר אַ גרוי־סער אָנהענגער פון די קרייץ־טרעגער. איך פּלעג איהם אויפווייזען, אַז גאָט האָט פאַרבאָטען צו מאָרדען און צו רויבען מענשען, אפילו ווען זיי זאָגען, אַז זיי טוען עס אין נאָמען פון גאָט, כדי צו מאַכען פרום די אומגלויביגע. איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט פון די טעמפּעל־ריטער, ווי אַזוי זיי פּלעגען אויסמאָרדען אומשולדיגע מענשען בלומר'שט צוליב דעם וואָס יענע האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען די קריסטליכע רעליגיאָן. און יעצט, נאָכדעם ווי איך האָב געהערט פון דיר וואָס די טעמפּעל־ריטער האָבען געוואָלט טהאָן אין טאָלעדאָ, ווי אַזוי זיי האָבען געוואָלט שלעכטעס טהאָן צו אַן אומשול־דיגעם מיידעל, די טאָכטער פון יהודה הלוי, כדי צו עררייכען זייער צוועק, האָב איך געקראָגען אַ האַס צו זיי. איך קען זיי מעהר ניט דולדען. אָבער, איך ווייס אַז איך וועל מיין „פאָטער'ס" מיינונג וועגען זיי ניט קענען ענ־דערען. דעריבער האָב איך באַשלאָסען ניט צו ריידען וועגען זיי מיט מיין „פאָטער".

— ווען דו וואָלסט קענען אויסגעפינען וואָס זיי פּלאַנעווען צו טהאָן און מיר עס איבערגעבען, וואָלט איך דיין טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסען. צופעליג האָב איך געהערט זייער פּלאַן צו פאַנגען יהודה הלוי'ס טאָכטער און איך האָב געהאַט די מעגליכקייט זי צו רעטען פון זייערע הענט.

— איך האָב באַמערקט אַז ביי דעם הויפט פון די טעמפּעל־ריטער פעהלען דריי פאַרערשטע צייחן — האָט יאָחאַן מיט אַ שמייכעל געזאָגט — און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען דיין אַרבייט. איך זאָג דיר, אַז דו פאַרדינסט אַ סך לויב, ווען דו האָסט איינער אַליין געקענט ביי־קומען צוויי אַזעלכע געזונטע טעמפּעל־ריטער. איך וועל זעהן אויסצוגעפי־נען דעם צוועק פון זייער קומען. איך וועל אומבאַמערקטערהייט אַריין אין דעם צווייטען צימער און זיך צוהערען צו זייער געשפּרעך, און איך וועל דיר גלייך איבערגעבען אַלעס וואָס איך האָב געהערט.

— איך וועל דיין חסר קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איך האָף, אַז איך וועל נאָך ווען עס איז האָבען די מעגליכקייט דיר אָפּצודינען פאַר אַלעס וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן.

— איך וועל דיר געבען אַ באַזונדער צימער און איך וועל בעטען מיין „פּאַטער" ער זאָל מיט זיי גאָר ניט ריידען, אַז ביי אונז געפינט זיך אַ גאַסט פון טאָלעדאָ. און ווען איך וועל אויסגעפינען עפּעס וואָס וועט דיך פאַר־אינטערעסירען וועל איך דיר עס גלייך איבערגעבען.

— האָבען דיך די טעמפּעל־ריטער שוין געזעהן? — האָט אברהם איהם געפרעגט.

— דערווייל נאָך ניט. אָבער איך גלויב, אַז זיי האָבען געזעהן דעם גלח, וועלכער איז דאָן מיט מיר געוועזן ווען זיי האָבען דיך געוואָלט פאַר־ברענען. איך גלויב, אַז איך וועל זיך נאָך מיט זיי זעהן און זיי וועלען מיר פרעגען וואו מיר האָבען דעם „בעטלער" געלאָזען.

— ווען דער זעלבער טעמפּעל־ריטער וואָלט געוואוסט, אַז דערזעלבער „בעטלער" האָט איהם אויסגעהאַקט דריי צייהנער, וואָלט ער שוין אַנדערש געטראַכט פון איהם — האָט אברהם געשמייכעלט.

יאָהאַן האָט אברהם'ען אַריינגענומען אין אַ צווייטען צימער און אַליין איז ער אַוועק דאָרט וואו די טעמפּעל־ריטער זיינען געווען.

ער איז אַריין אין זיין צימער. צו זיינע אויערען האָבען דערגרייכט די געשפּרעכען צווישען די טעמפּעל־ריטער און זיין „פּאַטער". ער האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו אַלעס וואָס זיי האָבען גע־רעדט. אין אָוועגט איז ער אַריינגעקומען צו אברהם'ען און איהם אַלעס איבערגעגעבען.

— איך האָב געהערט ווי זיי דערצעהלען מיין „פּאַטער", אַז זיי זייי־נען געקומען צו דעם קעניג אַלפאָנזאָ מיט אַ תביעה אויף דעם לאַנד אַראַגאָ־ניען, און ביי דעם קעניג וואָלטען זיי געווים גע'פּועל'ט. אָבער יהודה הלוי, זיין הויפּט־מיניסטער, דערלאָזט ניט, אַז דער טעמפּעל־אָרדען זאָל באַקומען דאָס לאַנד. זיי האָבען געזאָגט אַז זיי מוזען געפינען אַ מיטעל ווי אַזוי צו צווינגען יהודה'הלוי'ען ער זאָל זיך אונטערגעבען.

— און וואָס האָבען זיי באַשלאָסען צו טהאָן? — האָט אברהם גע־פרעגט.

— איך האָב געהערט ווי מיין „פּאַטער" האָט זיי געגעבען אַן עצה. ער האָט זיי געזאָגט: אַזוי ווי ירושלים געפינט זיך יעצט אין רשות פון דעם טעמפּעל־אָרדען, און אַזוי ווי דאָרטען געפינט זיך אַ גרויסע אידישע קהלה, איז דעריבער ראַטה ער זיי, אַז זיי זאָלען אָפּרייזען נאָך ירושלים און זיך זעהן מיט די באַאמטע פון דעם טעמפּעל־אָרדען. און זיי איבערגעבען די גאַנצע לאַגע, און זיי זאָלען שיקען רופען די רבנים און די עלטסטע פון ירושלים און זיי וואָרענען, אַז אויב זיי וועלען ניט ווירקען אויף יהודה הלוי'ען ער זאָל נאָכגעבען דעם וואונש פון די טעמפּעל־ריטער, דאַן וועלען זיי אויסשלאַכטען אַלע עלטסטע פון שטאָדט און אַרויסטרייבען אַלע אידען פון ירושלים... איך בין זיכער — האָט מיין „פּאַטער" געזאָגט, אַז ווען

יהודה הלוי וועט זיך דערוויסען אַז די אידען פון ירושלים זיינען אין אַ גרויס סכנה, וועט ער זיך אונטערגעבענבען. ער וועט שוין אליין וועלען זעהן אַז אָרגאַניזען זאָל אָפּגעגעבען ווערען צו דעם טעמפּעל־אָרדען.

— און וואָס האָבען די טעמפּעל־ריטער געזאָגט דערצו? — האָט איהם אברהם געפרעגט.

— ווי איך פארשטעה איז זיי מיין „פּאַטער׳ס" עצה שטאַרק געפעלען געוואָרען. זיי האָבען צוגעשטימט צו אַלעס וואָס ער האָט זיי געזאָגט. און איך גלויב, אַז זיי וועלען טאַקע אין גיכען אַפּרייזען אין דעם הייליגען לאַנד, כדי צו פאַרווירקליכען וייער פּלאַן. יעצט האָב איך מורא, אַז דיינע ברידער וועלען זיך געפינען אין גרויס סכנה און עס איז דיין פליכט אַהין צו פאָה-רען, כדי דו זאָלסט זיי קענען פאַראויס וואָרענען וועגען דעם און פיליכט וועסטו געפינען אַ וועג ווי זיי צו ראַטעווען.

אברהם האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט פריהער געהאַט אין זינען אָפּ-צורייזען פון דאַנען נאָך דייטשלאַנד כדי אויפצוזוכען יאָהאַנ׳ס עלטערען און זיי דערפרעהען מיט דער בשורה אַז זייער זוהן לעבט. אָבער יעצט וועט ער מוזען ענדערען זיין פּלאַן. אַ גאַנצע קהלה אידען געפינען זיך אין סכנה און עס איז זיין פליכט זיי צו רעטען.

— איך זעה, אַז דו ביזט באַזאָרגט — האָט יאָהאַן זיך אָפּגערופען צו איהם, — אָבער דו האָסט נים וואָס צו זאָרגען. איך וועל דיר לייהען געלט אויף הוצאות פון דעם וועג. דו וועסט מיר אָפּגעבען אַזוי שנעל ווי דו וועסט האָבען. מיין „פּאַטער׳ס" בריעף וואָס באַשיצט דיך פון עהנליכע איבערפאַלען האָסטו דאָך ביי זיך, קענסטו דאַן מיט זיכערהייט אָפּרייזען נאָך ירושלים.

— איך וועל אַזוי טהאָן — האָט אברהם געזאָגט — איך וועל געהן נאָך ירושלים, פיליכט וועל איך קענען פאַרמיידען אַן אומגליק. איך האָב שוין לאַנג גע׳חלומ׳ט צו פאָהרען אַהין. מיין האַרץ בענקט זעהר נאָך דער הייליגער שטאָדט. יעצט איז מיר באַשערט אַהין צו פאָהרען מיט אַ וויכ-טיגע שליחות. זאָל גאָט געבען, אַז איך זאָל מצליח זיין.

— דו וועסט זיין געצוואונגען צו פאָהרען מיט די טעמפּעל-ריטער אויף איין שיף, און דו וועסט דאַרפען זעהר פאָרזיכטיג זיין זיי זאָלען דיך ניט דערקענען. דעריבער וועסטו זיך מוזען אַרומשערען און טראָגען נייע קליי-דער. דו וועסט אויך זעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען זיך מיט זיי צו באַגעגענען, און אין פאַל אימיצער וועט זיך מיט דיר וועלען אָנהויבען זאָלסטו זיך מעלדען צום קאַפּיטאַן פון טיף און איהם צייגען דעם בריעף פון מיין „פּאַטער" און ער וועט דיך שוין באַשיצען.

אין אייניגע טעג אַרום האָט אברהם זיך געזעגענט מיט זיין גוטען פריינד יאָהאַן און זיך געזעצט אויף דערזעלבער טיף וואו די טעמפּעל-ריטער זיינען געפאָהרען, אָפּצורייזען נאָך ירושלים.

קאַפּיטעל זיעבען

אַרטהור האָט נאָך דעם אומגעלונגענעם איבערפאַל פון רודאָלף אויף יהודה הלוי'ס טאָכטער, געזוכט צו ווערען גאַנץ פריינדליך מיט יהודה הלוי'ן. ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט הדסה'ן אַ צווייטען מאָל, אָבער אָהן ערפאָלג.

זעהר זעלטען פלעגט זי אַרויסקומען. און ווען זי פלעגט שוין יע אַרויסקומען אויף אַ שפּאַציר בייטאָג, פלעגט זי שטענדיג ווערען באַגלייט, אָדער ביי איהר מוטער, אָדער ביי איהרע חבר'טעס.

דער איינציגער וועג זיך צו זעהן מיט הדסה'ן וועט זיין אויב ער וועט קענען קומען באַזוכען יהודה הלוי'ס הויז. און דעריבער האָט אַרטהור באַשלאָסען צו ענדערען זיין האַלטונג און באַציהונג צו זיין שונא יהודה הלוי.

ווען ער האָט זיך מיט איהם באַגעגענט אין פּאַלאַץ האָט ער איהם זעהר פריינדליך באַגריסט.

יהודה הלוי האָט זיך זעהר שטאַרק געוואונדערט. ביז דאַן פלעגט ער אויף איהם קוקען מיט קרומע אויגען. זיין פּנים איז אימער געווען אָנגע־כמורעט. און פאַרוואָס די פּלוצלונגע ענדערונג? ווער ווייסט, אפשר האָט ער דערביי אַ כונה?

ווען ער האָט געזעהן דעם קעניג אין דער צייט וואָס ער האָט גע־האַט אַ זיצונג מיט זיינע מיניסטאָרען, פלעגט אַרטהור שטענדיג זיין געגען זיין עצה. יעצט אָבער האָט ער אָנגעפאַנגען צושטימען צו אַלץ וואָס יהודה הלוי פלעגט זאָגען.

איינמאָל, נאָכדעם ווי יהודה הלוי האָט פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ איז אַרטהור צו איהם צוגעגאַנגען און זיך אָפּגערופען מיט אַ פריינדליכע שטי־מע:

— איך ווייס אַז איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישקייט מיט דעם וואָס איך האָב פריהער געהאַלטען מיט די טעמפּעל־ריטער. איך האָב נאָכהער אויס־געפונען, אַז זיי זיינען ניט עהרליך און זיי שטעלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ אום צו דערגרייכען זייער ציעל. איך זעה אַליין איין, אַז ווען אַראַגאָ־ניען וואָלט אָפּגעגעבען ווערען צו זיי וואָלטען זיי געבראַכט זעהר פיעל שאָ־דען אונזער לאַנד.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי שנעל געביטען דיין מיינונג וועגען די טעמ־פּעל־ריטער? — האָט איהם יהודה הלוי געפרעגט.

— ווייל איך האָב דאָ ניט לאַנג אויסגעפונען וואָס זיי האָבען געוואָלט טהאָן צו דיין טאָכטער.

— ווי אַזוי האָסטו עס אויסגעפונען? — האָט זיך יהודה הלוי גע־וואונדערט.

— איינער פון די טעמפּעל־ריטער, וועלכער האָט רודאָלף'ן באַגלייט יענע נאַכט, האָט מיר דערצעהלט דעם סוד. און איך מוז דיר זאָגען, אַז ווען איך האָב דאָס געהערט, בין איך שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען. דאָס איז געווען זעהר אַ געמיינע זאַך צו טהאָן. און איך האָב דעריבער געזעהן, אַז

זיי זאָלען וואָס שנעלער פאַרלאָזען אונזער לאַנד. איך האָב זיי געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז זייער באַזוך אין אונזער לאַנד איז אומגעוואונשען, און זיי מוזען גלייך פאַרלאָזען שפּאַניען. זיי האָבען מיך געפאָלגט און זיי האָבען ניט לאַנג צוריק פאַרלאָזען טאָלעדאָ.

— דער הויפּט פון די טעמפּעל-ריטער האָט געמאַכט אַ פאַלשען חשבון. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט מיר קענען צווינגען צו פאַרראַטען מיין פאָטער-לאַנד. אָבער ער האָט געמעגט וויסען, אפילו ווען מיין אייגען לעבען וואָלט אין געפאַהר געווען, וואָלט איך ניט געהאַנדעלט אַנדערש ווי איך האָב געהאַנדעלט, ווייל דער וואָהלזיין פון אונזער לאַנד פאָדערט עס אַזוי.

— איך קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ שרעק דיין טאָכטער האָט איבערגעלעבט, ווען דער געמיינער יונג רודאָלף האָט זי געוואָלט נעהמען אין געפאַנגענשאַפט — האָט אַרטהור געזאָגט — און יענער מאַן וועלכער איז איהר געקומען צו הילף פאַרדינט באַלוינט צו ווערען. זאָג מיר, ווייסטו ווער ער איז. און איך וועל זעהן, אַז ער זאָל קריגען אַ גוטע באַלוינונג פאַר זיין בראַווקייט, ווייל איך האָב זעהר ליעב אַ בראַווען מאַן, וועלכער ווייזט ארויס כּוח און העלדישקייט אין באַשיצען אַ הילפלאָזע פרוי, בפרט ווען דיזע פרוי איז דיין נאָבעלע טאָכטער הדסה.

— קענסטו דען מיין טאָכטער? — האָט יהודה הלוי איהם אַנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען זיך מיט איהר צו טרעפען אויף דער פאַרוויילונג, וואָס מיין שוועסטער, די קעניגין, האָט געמאַכט צו איהר געבורטסטאָג, און יעצט פאַרדריסט מיך וואָס איך האָב זיך ניט אַנגעבאָטען זי צו באַגלייטען, זי וואָלט דאַן פאַרשפּאָרט צו האָבען אַזאַ שרעקליכע ערפאַהרונג. יענער געמיינער יונג וואָלט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון מיינע פויסטען.

— אָבער געלויבט איז גאָט, ער האָט אין צייט געשיקט איהר רעטער — האָט יהודה הלוי געזאָגט.

— איך בעט דיך, מיין פריינד, שיק צו מיר יענעם העלדישען מאַן. איך וואָלט זיך וועלען מיט איהם דורכריידען. פיליכט וועל איך קענען עפּעס טאָן פאַר איהם. איך וועל זעהן, אַז ער זאָל באַשטימט ווערען אַלס הויפּט איבער אַן אַפּטיילונג פון דער אַרמיי.

— צו באַדויערען ווייס איך אַליין ניט ווער ער איז. עס איז געווען ביינאַכט און מיין פאָטער האָט זיין פּנים ניט געזעהן, און ווען ער האָט זי צוגעפיהרט צו מיין הויז, האָט זי פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל צו אונז אריינקומען, כּדי מיר זאָלען האָבען די מעגליכקייט איהם צו באַדאַנקען. אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט, און איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען געוואָרען, און זינט דאַן האָבען מיר פון איהם ניט געהערט. מיר האָבען אפילו קיין אהנונג ניט ווער דאָס איז געווען.

— וואַרשיינליך וועט ער פון זיך ווען עס איז לאָזען הערען, און אויב יע, בעט איך דיך, דו זאָלסט איהם פאָרשטעלען פאַר מיר... יע, איך בין זיך מודה, אַז נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעפונען וואָס פאַר אַ מענש רודאָלף

איז, האָב איך איינגעזעהן, אַז דו האָסט געהאַט פולען רעכט צוריקצואווייזען זייער פאַרלאַנג. און מיין געגנערשאַפט איז ניט געווען אַם פּלאַץ. איך פאַרלאַנג דעריבער אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר מיין איבערגעאיילטען שריט וואָס איך האָב געמאַכט ווען איך האָב זיך דאַן אַריינגעמישט פאַר זייער טובה וועגען.

— יעדער איינער האָט זיך זיין מיינונג! — האָט יהודה הלוי געענטפערט — און יעדער איינער האָט אַ רעכט זיין מיינונג אויסצודריקען. איך פאַרזיכער דיך, אַז איך האָב אויף דיר קיין פאַראיבעל ניט געהאַט, און געוויס האָב איך דיר ניט וואָס מוחל צו זיין, ווייל דו האָסט געגען מיר ניט געזינדיגט.

— איך האָב זיך דאָ ניט לאַנג געזעהן מיט מיין שוועסטער און איך האָב איהר געזאָגט ווי געמיין איך האָב געגען דיר געהאַנדעלט. אַז איך האָב געהאַט אַ פאָראורטייל געגען דיר, און עס פאַרדריסט מיך זעהר וואָס איך האָב געמאַכט אויף דיר דעם איינדרוק, אַז איך בין דיין געגנער. האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס איז נאָך ניט צו שפּעט עס צו פאַרריכטען. זי האָט מיך געראַטהען, אַז איך זאָל זיך מיט דיר דורכריידען און בעטען, אַז דו זאָלסט מיר פאַרגעבען און פון יעצט אָן זאָלען מיר פאַרבלייבען גוטע פריינד.

— איך בין זעהר צופריעדען צו קריגען דיין פריינדשאַפט — האָט יהודה הלוי געזאָגט — איך פאַרזיכער דיך, אַז איך האָב אויף דיר קיינמאָל קיין שנאה ניט געטראָגען.

— איך וואָלט וועלען האָבען דעם פאַרגעניגען איינצולאַדען דיך און דיין טאָכטער צו אַ מאָלצייט וואָס איך וועל מאַכען לכבוד אונזער באַנייטע פריינדשאַפט — האָט אַרטהור געזאָגט מיט אַ שמייכעל — און איך האָף, אַז דו וועןסט מיך ניט באַרויבען פון דיזען כבוד.

— איך ווייס ניט אויב איך וועל קענען קומען מיט מיין טאָכטער — האָט יהודה הלוי געזאָגט — ווייל זינט יענער נאַכט האָט זי קיין חשק ניט אין ערגיץ צו געהן.

— איך גיב דיר אַ פאַרזיכערונג, אַז קיין זאַך וועט מיט איהר ניט געשעהן. די, וועלכע האָבען געדראָהט איהר לעבען, זיינען דאָך שוין מעהר ניטאָ, און אויסער דעם, וועל איך דיך און דיין טאָכטער אַרויסבאַגלייטען אַהיים.

— איך וועל זיך מיט מיין טאָכטער דורכריידען, און דאַן וועל איך דיר לאָזען וויסען, אויב זי וועט אויך מיטקומען — האָט יהודה הלוי געזאָגט.

— איך בעט דיך, מיין פריינד, ערלויב מיר צו קומען אין דיין הויז, איך וועל זי פּערזענליך איינלאַדען און איך בין זיכער, אַז זי וועט מיר ניט אָנטזאָגען... איך וויל אויך האָבען דעם פאַרגעניגען פון איהר באַזוך אין מיין הויז. איך האָב מיט איהר גערעדט אין דער צייט ווען זי איז געווען אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין, און פון איהרע קלוגע רייד האָב איך זעהר אַ סך געלערנט.

— מיין הויז איז שטענדיג אָפען פאר באזוכער! — האָט יהודה הלוי איהם געזאָגט — ווען דו וועסט צו מיר קומען, וועסטו זיין אַן אנגעלעגטער גאסט.

— איך דאנק דיר זעהר פאר דיין פריינדליכקייט — האָט ארטהור געדריקט זיין האנט. איך וועל זעהן אויסנוצען דיין גאסטפריינליכקייט און ביי דער ערשטער געלעגענהייט אָפּשטאטען א באזוך אין דיין הויז.

ווען זיי האָבען זיך פאראָפּשיידעט, האָט יהודה הלוי שטארק געשטוינט צו זעהן אזא גרויסע ענדערונג אַן זיין שונא. זאָל עס זיין אז ער איז טאקע ערנסט, אז ער האָט זיך ארומגעזעהן דאס ער איז געווען אומגערעכט און יעצט וויל ער אלעס פארריכטען? עס איז דאך אמת, אז די טעמפּעל־ריטער האָבען פארלאָזען טאָלעדאָ, דאך האָט יהודה הלוי באשלאָסען צו זיין פאָרזיכטיג מיט זיין נייע פריינדשאפט, ביז וואנען ער וועט זיך איבער־צייגען אז ער מיינט עס מיט זיין גאנצען הארצען.

ארטהור איז ביי זיך געווען צופרידען וואָס ער האָט אזוי שנעל איבער־צייגט יהודה הלוי׳ן, אז ער איז איהם פריינדליך. ער האָט איהם געזאָגט, אז זיינע טיהרען זיינען אימער אָפען פאר איהם. יעצט וועט ער קענען באזוכען זיין שעהנע טאָכטער, וועט מיט איהר פארברייגגען, ביז וואנען איהם וועט געלינגען צו געווינען איהר הארץ. ער מוז זי באזיצען. און דאן וועט איהם שוין ניט שווער זיין זי איבערצורייזען זי זאָל אָננעהמען דעם קאטוילישען גלויבען.

זי וועט איהם אויך ליעב באקומען און טהאָן אלעס וואָס ער פאר־לאנגט. ער האָט געטראכט, אז ווען ער וועט מיט איהר שפּאצירען וועט ער איהר ערקלעהרען ווי שטארק ער האָט זי ליעב, ער וועט פיליכט מיט איהר אוועקשפּאצירען צו דעם קלויסטער וואו זיין פריינד פעטרוס געפינט זיך אוןביידען צוזאמען וועט געווים געלינגען זי צו איבערצייגען, אז זי זאָל אָננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען און ערשט דאן וועט ער אויך פארלאנ־גען פון זיין שוועסטער זי זאָל איהם אין דעם ארויסהעלפען. די קעניגינ׳ס רייד וועלען זיכער האָבען אויף איהר א ווירקונג.

אין א קורצע צייט ארום האָט ארטהור אָפּגעשטאטעט א באזוך ביי יהודה הלוי׳ן אין הויז. ער האָט אויסגעמארקירט צו קומען אין א צייט וואָס ער איז געווען פארנומען ביים קעניג.

יהודה הלוי׳ס פרוי האָט זיך שטארק געוואונדערט אויף זיין באזוך און ארטהור האָט איהר ערקלעהרט, אז ער האָט אַן איינלאדונג פון איהר מאַן און עס פארדריסט איהם וואָס ער האָט איהם ניט געטראָפען אין הויז.

— מיין האר איז ווילקאָמען אין אונזער הויז! — האָט זי זיך אָפּגע־רופען צו איהם — עס איז ווירקליך א כבוד צו האָבען אזא וויכטיגען גאסט אין אונזער הויז. וועסטו פיליכט וועלען צוואוארטען ביז וואנען מיין מאַן וועט קומען?

— איך דאנק דיר זעהר, גנעדיגע פרוי, איך האָב אויך געהאט דעם פארגעניגען צו ריידען מיט דיין טאָכטער אויף דער פארוויילונג פון מיין שוועסטער, די קעניגין, און איך האָב געהערט פון דער שוידערליכע פּאסי־

רונג וואס האט מיט איהר פאסירט יענע נאכט... איך האב זיך פון דעם גלייך דערוואוסט און איך האב געזעהען, אז יענע אומווירדיגע מענשען זאלען גלייך אונזער שטאדט פארלאזען.

— איך דאנק דיר זעהר, מיין האר, — האט זי געזאגט — מיין טאכטער האט זיך די גאנצע צייט זינט דאן, געשראקען ארויסצוגעהן אין דרויסען.

— איך וויל איהר יעצט, ביי דיזער געלעגענהייט פארזיכערען, אז זי האט מעהר ניט וואס מורא צו האבען... קיינער וועט זי שוין מעהר ניט באלעסטיגען. געפינט זיך דיין טאכטער יעצט אין דער היים?

— המ... יע, זי איז דא — האט די מוטער געזאגט מיט פארלע־גענהייט... דאס הארץ האט איהר א טיאכקע געטהאן... זי האט ניט געוואלט, אז ארטהור זאל זיך זעהען נאך אמאל מיט הדסה'ן. כאטש זי האט ניט וואס מורא צו האבען. זי וויס דאך, אז ער איז א פארברענ־טער קאטויליק, אבער פונדעסטוועגן איז איהר אין גאנצען ניט געפעלען זיין יעצטיגער באזוך. און דאס וואס ער האט זיך גלייך נאכגעפרעגט אויף איהר טאכטער.

— איך וואלט זיך געוואלט זעהן מיט איהר און פארברענגען א קליינע ווייל, קענסטו איהר פיליכט זאגען, אז איך, ארטהור, דער ברודער פון דער קעניגין, ווארט אויף איהר!

— איך וועל זעהן אויב זי קען ארויסקומען צו דיר יעצט, — האט די מוטער זיך אפגערופען.

— אויב זי איז ניט צוגעגרייט וועל איך דא צוווארטען. איך האב א בקשה צו איהר און איך האף אז זי וועט מיר ניט ענטזאגען.

די מוטער איז אריין צו איהר טאכטער אין צימער און זי האט איהר געזאגט, ווער עס איז געקומען אויף א באזוך און איהר איבערגעגעבען אלעס וואס ארטהור האט איהר געזאגט.

הדסה'ס פנים האט זיך עטוואס געראטעלט... זי האט ניט געקענט באגרייפען וואס פאר א בקשה ער זאל האבען צו איהר.

— איך וועל באלד ארויסקומען, און זעהן וואס ער פארלאנגט! — האט הדסה זיך אפגערופען צו איהר מוטער, — זאג איהם, אז איך קום באלד ארויס.

די מוטער האט געזאגט ארטהור'ן אז איהר טאכטער וועט באלד אהער אריינקומען און זי האט זיך פאר איהם ענטשולדיגט וואס ער דארףווארטען.

הדסה האט צורעכט געמאכט איהרע האר און זי איז באלד ארויס־געקומען צו איהם.

ארטהור האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און זיך פארנייגט.

— דו קענסט מיך, איידעלע טאכטער פון יהודה הלוי? — האט ער זיך אפגערופען — איך האב געהאט די עהרע מיט דיר צו ריידען ביי דער פארוויילונג וואס מיין שוועסטער די קעניגין האט געגעבען.

— געוויס דערקען איך דיר, מיין חבר!—האָט הדסה זיך אָפּגערופען.

— איך האָב זיך דערוואוסט וואָס עס האָט מיט דיר געטראָפען יענע נאַכט, ווען דו ביזט אהיים געגאַנגען פון דער פּאַרוויילונג, און מיר האָט שטאַרק פאַרדראָסען, ווייל איך האָב דאַן געהאַט אין זינען צו פאַרלאַנגען פון דיר דו זאָלסט מיך ערלויבען דיך צו באַגלייטען אהיים. אָבער איך האָב ניט געוואוסט אויב דו וועסט אָננעהמען מיין אָנבאָט, ווייל עס איז דאָך געווען אונזער ערשטע באַקאַנטשאַפט. יע, ווען איך וואָלט דיך יענע נאַכט באַגלייט אהיים, וואָלט אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט פּאַסירט.

— געלויבט איז גאָט, ער האָט אימעצין צוגעשיקט אין דער ריכטיגער צייט מיך צו רעטען! — האָט הדסה געזאָגט.

— יע, דאָס האָט מיר דיין פאָטער דערצעהלט! יענער מאַן וועלכער האָט דיך גערעטעט, איז גאַנץ בראוו און פאַרדינט אַ גוטע באַלוינונג. ווען דו וועסט אויסגעפינען ווער ער איז, זאָלסטו מיר זאָגן און איך וועל שוין זעהן, אַז אַזאַ מאַן זאָל קריגען אַ וויכטיגען אַמט אין דער מיליטער. די קעניגליכע אַרמעע נויטיגט זיך שטענדיג אין בראַווע העלדישע יונגען.

— איך האָב מורא, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט אויסגעפינען ווער יענער יונגערמאַן איז געווען—האָט הדסה געזאָגט מיט אַ נידעריגע שטימע — ער האָט מיר בשום אופן ניט געוואָלט זאָגען ווער ער איז. ער איז שנעל פאַרשוואונדען געוואָרען און איך האָב אפילו זיין פּנים ניט געקענט זעהן.

— פריהער אָדער שפּעטער וועט ער געוויס קומען און זיין באַלוינונג פאַרלאַנגען. און דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען. איך וועל שוין זעהן, אַז ער זאָל צופרידען זיין פון דער באַלוינונג.

— איך דאַנק דיר זעהר מיין האַר, פאַר דעם אינטערעס וואָס דו ווילסט נעהמען אין מיין רעטער. איך ווייס ניט מיט וואָס איך האָב עס ביי דיר פאַרדינט.

— איך האָב זעהר פיעל געהערט וועגען דיר פון מיין שוועסטער'ס מויל, אָבער ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהן, האָב איך איינגעזעהן, אַז זי האָט מיר אַ העלפט ניט איבערגעגעבען פון דיר.

הדסה איז רויט געוואָרען הערענדיג פון איהם אַזעלכע רייד. זי האָט זיך געפיהלט אין אַ פאַרלעגענהייט, זי האָט אָבער געזעהן, אַז ער זאָל עס ניט באַמערקען.

— איך בין געקומען פּערזענליך דיר איינצולאַדען צו אַ מאָלצייט וואָס איך מאַך לכבוד דיך און דיין פאָטער. איך האָב געזעהן, אַז אַלע מיספערשטענדניסען צווישען מיר און דיין פאָטער זאָלען פאַרשווינדען און איך וויל האָבען דעם כבוד איינצולאַדען אייביידען אויף מיין מאָלצייט.

— מיין פאָטער האָט מיט מיר וועגען דעם גערעדט — האָט הדסה זיך אָפּגערופען — און אויב ער וועט קענען קומען וועל איך געוויס אויך קומען. איך ווייס, אַז מיין פאָטער ווייס ווי אָפּצושאַצען דיין פריינדשאַפט.

— איך דאַנק דיר זעהר, איך שעץ זיך גליקליך, אז דו וועסט מיר אָנטאָן דעם כבוד און באַשיינען מיין מאָלצייט מיט דיין אנוועזענהייט — האָט ארטהור געזאָגט צו הדסה'ן און איהר געדריקט די האַנט — איך האָב געהערט אז זינט יענער שרעקליכער נאַכט, האָסטו מורא ארויס־צוגעהן אין דרויסען, און איך וועל דיך איינלאַדען אויף אַ קליינעם שפּאַציר. מיט מיר וועסטו דאָך ניט דאַרפען מורא האָבן. ווען איך וועל דיך באַגלייטען, וועט קיינער דיך ניט וואַגען צו באַלעסטיגען.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר, אָבער איך נויטיג זיך ניט אין קיין באַשיצער, ווייל איך געה זעהר זעלטען שפּעט ביינאַכט שפּאַצירען און ביטאָג האָב איך ניט פאַרוואָס מורא צו האָבען.

— אויב אַזוי ערלויב מיר צו פאַרברייינגען מיט דיר אין הויז. כ'האָב גרויס פאַרגעניגען צו ריידען מיט דיר, און איך זעה אז דו באַזיצט גרויס חכמה. ניט אומזיסט ביזטו די טאָכטער פון דעם קעניג'ס הויפּט מיניסטער.

הדסה האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבען איהם און ער האָט מיט איהר גערעדט וועגען פאַרשיידענע ענינים. פריהער האָט ער גערעדט פון זיין גרויסקייט, ווי אַזוי זיין שוועסטער איז געוואָרען די קעניגין און ער איז זעהר אָנגעלעגט ביי דעם קעניג, ער האָט אויך גערעדט פון זיין עהרליכ־קייט און גוטע האַרץ וואָס ער באַזיצט.

הדסה האָט גאָר ניט גערעדט. זי האָט זיך בלויז צוגעהערט צו זיינע רייד.

אַזוי שנעל ווי ער איז אוועקגעגאַנגען איז אָנגעקומען יהודה הלוי. הדסה האָט איהם דערצעהלט וועגען ארטהור'ן און פון זיינע רייד.

— איך בין ווירקליך ערשטוינט צו זעהן אין ארטהור'ן אַזאַ שנעלע ענדערונג! — האָט זיך יהודה הלוי אָפּגערופען. — ער איז אינגאַנצען אַנדערש. וואָס איך זאָג פאַר דעם קעניג שטימט ער צו צו מיינע רייד. ער ווייזט מיר ארויס פיעל פריינדשאַפט. און ערשט מיט אַ קורצע צייט צוריק איז ער אין מיינע אויגען פאַררעכענט געוואָרען פאַר מיין שונא.

ווען הדסה האָט זיך צוריקגעצויגען צו זיך אין צימער, האָט זיך רבי יהודה הלוי'ס פרוי, וועמעס נאָמען איז געווען חנה, זיך אָפּגערופען צו איהם:

— איך האָב מורא אז ארטהור'ס ענדערונג קומט צוליעב דעם וואָס ער האָט זיך באַקאַנט מיט אונזער טאָכטער. ער איז געווען אַזוי אומגע־דולדיג, ווען ער איז געקומען, ער האָט שוין געוואָלט ריידען מיט איהר.

איך בין שטאַרק ניט צופרידען פון זיין באַגייסטערונג. דו ווייסט דאָך, אז הדסה איז אַ פרעכטיג שעהנע מיידעל און ער איז אַ יונגער בחור. זוכט ער זיך נעהנטער צו באַקענען מיט איהר.

— אָבער פאַרגעס ניט חנה, אז ארטהור איז זעהר אַ פרומער קאַטאָליק, און אַזעלכע גערדאַנקען זיינען געווים גאַנץ ווייט פון איהם — האָט יהודה הלוי געזאָגט — מעגליך אַז ער האָט זיך ארומגעזעהן, אַז ער איז די

גאַנצע צייט געווען אומגערעכט און דעריבער האָט ער חרטה געקראָגען אויף זיין שלעכטער האַנדלונג.

— פונדעסטוועגען דאַרפען מיר זיין זעהר פאָרזיכטיג! — האָט חנה געזאָגט. — מיין מוטער הארץ זאָגט מיר, אַז זיינע כונות זיינען ניט קיין גוטע...

— מיר האָבען זיך ניט וואָס צו שרעקען — האָט יהודה הלוי איהר בארוהיגט — הדסה וועט אונז איבערגעבען אַלעס וואָס ער רעדט צו איהר און מיר וועלען וויסען ווי פאָרזיכטיג צו זיין.

אין איינינע טעג ארום איז יהודה הלוי געקומען מיט זיין טאָכטער צו אַרטהור׳ן צו דעם מאַלצייט וואָס ער האָט געמאַכט.

— מיר זיינען געקומען בלויז צו פאַרווײלען, אָבער מיר קענען גאָר־ניט עסען ביי דיר — האָט יהודה הלוי געזאָגט — ווייל אונז אידען איז פאַרבאָטען צו עסען מאכלים וואָס זיינען צוגעגרייט ניט לויט אונזער דין. און איך האָף, אַז דו וועסט אויף אונז קיין פאַריבעל ניט האָבען.

— און טרינקען? — האָט אַרטהור געפרעגט.

— טרינקען איז אונז ערלויבט, אָבער בלויז וואַסער!

— און קיין וויין ניט? — האָט אַרטהור געפרעגט מיט ערשטוינונג

— פאַרוואָס זייט איהר ניט ערלויבט צו טרינקען קיין וויין?

— מיר זיינען ערלויבט צו טרינקען וויין אין אַ קריסטליך הויז, ווען מען ברייננט אונז פאַרזיגעלטע פלעשער און מיר אַליין עפענען די פלעשער מיט אונזערע אייגענע הענט. אָבער אַזוי שנעל ווי ניט קיין איד ריהרט אָן די אָפענע פלאַש, הייסט עס ביי אונז יין נסך און מיר זיינען עס ניט ערלויבט צו טרינקען.

— וועל איך זעהן, אַז מען זאָל אהער ברייננען אַ פאַרזיגעלטע פלאַש מיט וויין — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל. אָבער אין הארצען איז ער געווען אויפגערעגט אויף יהודה הלוי׳ן. ער האָט געהאַפט, אַז זיי וועלען עסען און טרינקען צוזאַמען.

ער האָט געהייסען ברייננען פאַרזיגעלטע פלעשער מיט וויין און מען האָט זיי אוועקגעשטעלט אויף דעם טישעל וואו יהודה הלוי און זיין טאָכטער זיינען געזעסען. באַלד האָט ער זיך צוגעזעצט נעמען זיי. יהודה הלוי האָט אויפגעעפענט אַפלאַש וויין און אָנגעגאָסען אַ בעכער וויין פאַר זיך און פאַר זיין טאָכטער. און ער האָט גענומען טרינקען.

אַרטהור האָט געוואָלט ארויסצייגען זיין העפליכקייט, האָט ער אויפ־געהויבען הדסה׳ס בעכער און איהר דערלאַנגט.

הדסה האָט איהם באַדאַנקט און צוריקגעשטעלט דעם בעכער מיט וויין אויף דעם זעלבען פלאַץ און ניט געטרונקען.

— פאַרוואָס טרינקסטו ניט, דו געטליכע בלום? האָט אַרטהור זי געפרעגט פאַרוואונדערט.

— האָט דען מיין פאָטער דיר ניט ערקלערט, אַז אַזוי שנעל ווי ניט קיין איד ריהרט אָן דעם וויין, טאָרען מיר ניט טרינקען? און אַזוי ווי

דו האָסט אויפגעהויבען דעם בעכער וויין, בין איך שוין מעהר ניט ערלויבט פון איהם צו טרינקען.

— איז דען די האנט פון א קריסט אזוי אומריין, אז א איד טאָר ניט טרינקען ווען א קריסטליכע האנט ריהרט אָן דעם געטראַנק?

— אָה, ניין, מיין האר, דיזער געזעץ איז נאָך געשאַפען געוואָרען איידער די קריסטליכע רעליגיע איז געגרינדעט געוואָרען — האָט הדסה איהם געענטפערט — דאַן איז עס געציעלט געוואָרען געגען די געצען דינער וועלכע פלעגען ברייננגען וויין פאר זייערע געטער און ווען זיי פלעגען אָנריהרען דעם וויין איז עס געווען מיט דער כונה דאָס אויסצוגיסען פאר זייערע אָפּגעטער. און דעריבער איז זינט דאַן אונז פארבאָטען צו טרינקען פון דעם וויין וואָס א ניט איד האָט עס אָנגעריהרט. איך האָף אַז דו וועסט אונז ענטשולדיגען און עס ניט אָננעהמען פאר א פערזענליכער באַליידיגונג.

— אָה, ניין, — האָט ארטהור באַמיהט צו באַהערשען זיין אויפרעגונג. — איך פארשטעה אַז א מנהג איז שווער אויפצוגעבען, אפילו ווי נאַריש דער מנהג איז.

ארטהור האָט איהר גוט באַטראַכט. זי איז דאָך אַזוי וואונדערליך שעהן און רייצענד, אַז ער וועט זי מוזען באַזיצען. ער זעהט ווי שטאַרק פרום זי איז, אָבער ער וועט שוין זעהן ווירקען אויף איהר זי זאָל אויפגעבען איהר אידישקייט. ליעבע איז שטאַרקער פון אַלעס און אויב ער וועט קענען מאַכען אַז זי זאָל איהם ליעב באַקומען, דאַן וועט איהם שוין ניט שווער אָנקומען זי אפצו׳שמד׳ען. און ערשט דאַן וועט ער זיך קענען נוקם זיין אָן יהודה הלוי׳ן. זאָל ער פארלירען זיין איינציגע טאָכטער. ער ווייסט אַז ביי אידען, ווען א קינד שמד׳ט זיך אָפּ, איז עס אין גאַנצען פארלוירען צו זיינע עלטערען. ער וועט בלויז דארפען זעהן אָפּטער מיט איהר זיך צו זעהן און פארברייננגען. עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אַז ער וועט איהר האַרץ געווינען. און דאַן, ווען ער וועט וויסען, אַז זי ליעבט איהם גאַנץ שטאַרק, וועט ער מיט איהר קענען טהאָן אַלעס וואָס ער ווינשט.

— דיין ווירדיגע טאָכטער האָט געמאַכט א זעהר גוטען איינדרוק אויף מיין שוועסטער, די קעניגין — האָט זיך ארטהור אָפּגערופען צו יהודה הלוי׳ן. — זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט נאָך אַזאַ וואונדערשעהנע און קלוגע מיידעל ניט געזעהן צווישען אַלע מיידלעך פון שפּאַניען.

כאָטש ארטהור׳ס רייד זיינען געווענדעט געווען צו יהודה הלוי׳ן, האָט ער זיי אָבער אַרויסגערעדט אַזוי הויך, אַז הדסה אַליין זאָל זיי אויך קענען הערען. ער האָט גלייך געוואָרפען א בליק פון א זייט אויף הדסה׳ן און באַמערקט ווי זי רויטעלט זיך. ער האָט עס אָנגענומען פאר א סימן אַז זי איז זעהר צופרידען מיט זיינע רייד.

נאָכדעם ווי ער האָט יהודה הלוי׳ן מיט זיין טאָכטער אַרויסבאַגלייט, האָט ער געפרעגט אויב איהם וועט ערלויבט זיין ווידער אַמאָל צו באַזוכען זיין הויז.

— איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגען, ווען איך האָב לעצטענס פאַרבראַכט אין דיין הויז — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל; — און איך האָף, אַז דו וועסט מיר ערלויבען ווידער אַמאָל צו געניסען אַזאַ פאַרגעניגען.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז מיינע טירען זיינען אימער אָפען פאַר דיר — האָט יהודה הלוי איהם געענטפערט.

— יעצט זעה איך, אַז דו ביזט ווירקליך מיין גוטער פריינד! — האָט אַרטהור געזאָגט — און איך וועל זיך זיכער באַנוצען מיט דיין גאַסטפריינדליכקייט און אין גיכען דיר ווידער אָפּשטאַטען אַ באַזוך.

אַרטהור איז געווען זיכער, אַז ער האָט אויף הדסה'ן געמאַכט אַ זעהר שטאַרקען איינדרוק, און יעצט וועט ער דאַרפען זיך זעהן מיט איהר אַליין, קיינער זאָל איהם ניט שטערען, ער זאָל קענען פאַר איהר אויסגיסען זיין האַרץ... ער האָט אָבער געוואוסט אַז זי וועט קיינמאָל ניט צושטימען אַרויסצוגעהן שפּאַצירען מיט איהם און אין איהר הויז וועט ער דאָך געוויס ניט קענען מיט איהר ריידען דאָס, וואָס זיין האַרץ גלוסט. ער מוז געפינען אַן אַנדער וועג... ער מוז זיך מיט איהר אין גיכען זעהן, כדי ער זאָל זיין פּלאַן וואָס שנעלער קענען פאַרווירקליכען.

ער האָט באַשלאָסען נאָך אַמאָל זיך דורכצוריידען מיט זיין שוועסטער. פיליציאַ וועט זי איהם קענען באַהילפיג זיין, ווען זי וועט שיקען אַן איינלאַדונג וועט זי דאָך מוזען קומען, און פיליציאַ וועט ער דאַן קריגען אַ בעסערע געלעגענהייט.

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער איז אַרטהור אַוועק צו דער קעניגין. ער האָט איהר דערצעהלט ווי אַזוי ער האָט איינגעלאַדען יהודה הלוי'ן און זיין טאָכטער אויף אַ מאָלצייט.

— ווי איך זעה האָסטו אין גאַנצען פאַרגעסען אָן דיין שנאה צו יהודה הלוי'ן צוליעב דעם וואָס ער האָט אַ שעהנע טאָכטער?

— אַביסעל האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז איך בין געווען אומגערעכט נעגען איהם, און אַביסעל טאַקע צוליעב זיין שעהנע טאָכטער. איך בין זיך מודה, אַז וואָס מעהר איך זעה זי אַלץ שטאַרקער ווערט מיין אינטערעס אין איהר. איך זוך בלויז אַ געלעגענהייט צו זיין מיט איהר אַליין, וואו איך וועל קענען מיט איהר ריידען אומגעשטערט... יהודה הלוי האָט מיך אפילו איינגעלאַדען צו זיך אין דערהיים, אָבער דאָרטען וועל איך ניט קענען ריידען צו איהר אַלעס וואָס איך וויל. איהר מוטער געפינט זיך דאָרטען און זי קומט אָפט אריין אין דעם צימער וואו איך האָב דעם ערשטען מאָל פאַרבראַכט מיט הדסה'ן.

— איך גלויב ניט, מיין ברודער, אַז דו זאָלסט ערנסט זיין! — האָט די קעניגין זיך צו איהם אָפּגערופען — וועסטו דען אָננעהמען די אידישע רעליגיאָן, אָדער קענסטו דען ערוואַרטען אַז יהודה הלוי'ס טאָכטער וועט זיך שמד'ען אויף אַ קריסטין?

— זי וועט מיך בלויז עטוואָס נעהענטער קענען און זי וועט צושטימען צו אַלעס וואָס איך וועל פון איהר פאַרלאַנגען. פאַרלאָז זיך אויף מיר,

שוועסטער. איך ווייס ווי צו ריידען מיט פרויען. איך וועל אויף איהר אזוי שטארק ווירקען, אז זי וועט זיין גרייט צו פארלאָזען איהר פאָטער און מוטער און אָננעהמען די קריסטליכע רעליגיע, כדי מיר ביידע זאָלען קענען הייראטען.

— און וואָס וועסטו טהאָן אז זי וועט פון דעם ניט וועלען הערען?

ארטהור האָט זיך אויף א ווײַלע פארטראכט און נאכהער אויסגערופען:

— עס קען אנדערש ניט זיין! זי וועט מוזען וועלען... אויב מיינע רייד וועלען ניט העלפען, וועל איך איהר צוזאָגען, אז איך וועל זיך מגייר זיין אזוי שנעל ווי זי וועט מיט מיר הייראטען, און נאָכהער וועל איך דאָך שוין האָבען די אויבערהאנט איבער איהר, און דאן וועט זי זיין געצוואונגען צו טהאָן מיין ווילען.

— דו מיינסט, אז דו וועסט איהר אָפּנארען?

— וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט ארטהור געענטפערט — שפּעטער וועט זי מיר נאָך דאנקבאר זיין, וואָס איך האָב איהרע אויגען גע-עפענט און זי קען זעהן די פּרעכטיגקייט און הערליכקייט פון אונזער ריי-נער אמת'ער קריסטליכער רעליגיע.

— זיי זעהר פאָרזיכטיג, מיין ברודער! — האָט די קעניגין זיך אָפּגע-רופען מיט א שמייכעל — איידער זי וועט ווערען א קריסטין זאָלסטו ניט ווערען קיין איד!

— איך, א איד?! — האָט זיך ארטהור פאנאנדערגעלאכט — ניין, מיין שוועסטער, דאָס איז אזוי ווייט ווי דער הימעל פון דער ערד.

— איך האָב פריהער געדענקט, אז די מעגליכקייט פאר דיר זיך צו פארליעבען אין א אידיש מיידעל, וועט זיין אזוי ווייט ווי דער הימעל פון דער ערד, און יעצט זעה איך אז דו ביזט שטארק פארליעבט אין א אידיש מיידעל. און אויב אזוי, קען אויך מעגליך זיין, אז אויב די וועלכע דו ליבסט וועט מיט דיר ניט וועלען הייראטען, סיידען דו וועסט ווערען א איד, וועסטו זיך אונטערגעבען.

— ניין, דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין! — האָט ארטהור געזאָגט — איך שווער ביי אונזער האר יעזוס, אז איך וועל קיינמאָל ניט אומבייטען מיין רעליגיאָן.

— אָבער וואָס וועסטו טהאָן אז זי וועט דיין ליעבע צוריקווייזען, אויב דו וועסט קיין איד ניט ווערען?

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז זי וועט צושטימען צו מיין פאָרשלאג — האָט ארטהור געזאָגט — וואָס איך דארף טהאָן איז צו גע-ווינען איהר ליעבע און דאן וועט זי טהאָן אלעס וואָס איך וועל פון איהר פארלאנגען... און דו, מיין שוועסטער, וועסט מיר קענען אין דעם באהילפיג זיין.

— דו מיינסט, אז איך זאָל מיט איהר ריידען וועגען דיר. אָה, ניין, מיין ברודער, איך וועל זיך אין דעם ניט מישען.

— ניט דאָס. איך וועל אליין טהאָן די ארבייט פון ריידען מיט איהר, אָבער איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז איך האָב קיין געלעגענהייט ניט צו

זיין אַליין מיט איהר, און איך קען מיט איהר ניט רײדען דאָס, וואָס איך וויל. ווען איך זאָל קענען קריגען די געלעגענהייט צו זיין מיט איהר אַליין, וואָלט איך איהר ליעבע געוואונען און דאַן וואָלט זי געטהאָן וואָס איך פאַר־לאַנג, און דו קענסט מיר באהילפיג זיין מיט דעם וואָס דו וועסט שיקען אַן איינלאַדונג צו הדסה׳ן, דיר וועט זי דאָך ניט ענטזאַגען, און דאַן וועל איך אויך „צופעליג" אונטערקומען און זיך באַטהײליגען אין אייער גע־שפּרעך, און נאָכדעם וועסטו אונז איבערלאָזען אַליין. וועסטו טהאָן פאַר מיר די קליינע געפעליגקייט?

די קעניגין האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט און נאכהער זיך אָפּגערופען:

— איך קען עס טהאָן פאַר דיר, אָבער איך וואָרען דיך, היט זיך, דו זאָלסט נאָכהער ניט זיין צו שאַנד און שפּאָט... ניט איך און ניט דער קע־ניג וועלען צווינגען יהודה הלוי׳ן ער זאָל דיר זיין טאָכטער אָפּגעבען פאַר א פרוי. דו וועסט דאַרפען קריגען איהר צושטימונג, און ווי ווייט איך קען יהודה הלוי׳ן און זיין טאָכטער, בין איך זיכער, אַז עס וועט דיר קיינמאָל ניט געלינגען, אַז זיי זאָלען צושטימען זי זאָל זיך אָפּ׳שמד׳ן, כדי צו קענען הייראַטען מיט דיר.

— לאָז עס איבער צו מיר, מיין שוועסטער — האָט ארטהור געענט־פערט. — אין דיינע אויגען בין איך אפשר ניט אזוי שעהן און צוציהענד, אָבער ווען דו וואָלסט באמערקט, ווי פיעל יונגע שעהנע מיידלעך זוכען מיין פריינדשאַפט, וואָלסטו אַנדערש געערדט וועגען מיין מעגליכקייט מיט הדסה׳ן. איך האָב זי ליעב און דו וועסט זעהן, ווען איך וועל די געלעגענ־הייט קריגען, וועל איך געווינען אויך איהר ליעבע, און דאַן וועט זי שוין טהאָן אַלעס וואָס איך וועל פון איהר פאַרלאַנגען. איך ווייס, אַז די נאַטור פון אַ פרוי איז, אַז ווען זי ליעבט, איז זי גרייט צו זיין אפילו אַ שקלאַפין פאַר איהר געליעבטען... איך דאַרף נאָר זעהן אַז זי זאָל מיך ליעב באַקומען און דאַן וועט שוין דאָס איבעריגע ניט זיין שווער.

— איך ווייס אַז איך האָב קיין רעכט ניט זיך צו מישען אין דיינע אנגעלעגענהייטען — האָט די קעניגין געזאָגט — אָבער לויט מיין פאַר־שטאַנד, וועט איהר ביידע ניט זיין גליקליך אפילו ווען זי זאָל צושטימען צו דיין פאַרלאַנג און זיך שמד׳ן, זי איז אין גאַנצען פון אַן אַנדער טייג געקנאָטען. זי האָט אַן אַנדער ערציהונג געהאַט און זי וועט ניט קענען אַוועקגעהן פון איהרע געוואוינהייטען און טראַדיציעס. אויסער דעם האָט זי זעהר ליעב איהר פאָטער, און זי וועט קיין זאַך ניט טהאָן איידער זי וועט זיין ערלויבניס קריגען. און לעגט זיך דאָס אויפ׳ן שכל, אַז איהר פאָטער זאָל איהר ערלויבען זיך צו שמד׳ען כדי זי זאָל קענען מיט דיר חייראַטען?

— אויב איך וועל זעהן, אַז עס געהט ניט, וועל איך איהר פאָטער זאָגען, אַז איך בין גרייט אָנצונעהמען די אידישע אמונה און אַזוי שנעל ווי איך וועל מיט איהר חתונה האָבען, וועל איך זיך אויסלאַכען פון דעם, דאַן וועט דאָך זיין פאַרפאַלען!

— איך האָב מורא, אַז דו וועסט בלייבען אַ נאַר! — האָט די קעניגין געזאָגט — אפילו ווען יהודה הלוי זאָל צושטימען צו געבען דיר זיין טאָכ־

טער, וועט ער עס ניט טהאָן, איידער דו וועסט ווערען אַ איד. דו וועסט דאַרפען דורכגעהן אַלע צערעמאָניעס און מען וועט דיך דאַרפען אידישען. מיין ניט אַז אַזוי גרינג וועט דיר אָנקומען.

— דערצו וועט ניט קומען — האָט אַרטהור פעסט געזאָגט. — איך וועל שוין וויסען ווי צו האַנדלען. זאָל זי נאָר איינשטימען מיט מיר צו געהן שפּאַצירען, וועל איך „צופעליג" מיט איהר פאַרבלאָנדזשען אין קלויסטער, און איידער זי וועט זיך אַרומזעהן, וועט מיין פריינט פּעטרוס זי אָפּ'שמד'ן, און דאַן וועט זי שוין מעהר נאָר ניט דאַרפען געהן אַהיים.

אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף די ליפּען פון דער קע־ניגין.

— איך זעה אַז מיינע רייד וועלען יעצט אויף דיר קיין ווירקונג ניט האָבען. דו ביזט היים פאַרליעבט, און אַ פאַרליעבטער זעהט קיין זאַך ניט אויסער דאָס, וואָס ער וויל זעהן... אַרויסגעוואָרפען און אומזיסט וועלען זיין די רייד און עצות צו אַ געליעבטען. ער וועט טהאָן לויט די דיקטירונג פון זיין האַרצען, דעריבער וועל איך מיט דיר מעהר ניט ריידען וועגען דעם. אויב דו פאַרלאַנגסט פון מיר איך זאָל דיר קומען צו הילף מיט דעם וואָס איך וועל הדסה'ן איינלאַדען צו זיך, וועל איך עס טהאָן, דו זאָלסט נאָכהער ניט זאָגען, אַז איך בין שולדיג אין דעם וואָס דו האָסט זי ניט געקענט קריגען. אויף ווען ווילסטו איך זאָל זי איינלאַדען?

— איך וויל אַז דו זאָלסט זי איינלאַדען ביי טאָג, וועט זי ניט ברויכען צו האָבען אַ באַגלייטערין צו דיין פּאַלאַץ, און זי וועט זיך פאַרזאַמען ביז אין אָוונט. דאַן וועל איך האָבען אַ מעגליכקייט זי צו באַגלייטען אַהיים... און נאָכדעם וועט מיר שוין ניט שווער אָנקומען זי איינצולאַדען אויף אַ שפּאַציר אַליין.

אַרטהור האָט באַשטימט דעם טאָג און די קעניגין האָט אָנגעשריבען אַן איינלאַדונג צו הדסה'ן, אַז זי וויל זי זאָל קומען צו איהר פאַרברייננגען אַ נאָכמיטאָג.

— איך וועל שיקען די איינלאַדונג מיט איינער פון מיינע קאַמער־מיידלעך — האָט די קעניגין געזאָגט.

— איך וועל די איינלאַדונג צו איהר ברייננגען ! — האָט אַרטהור גע־זאָגט. — דערווייל וועל איך האָבען אַ געלעגענהייט זיך מיט איהר נאָך פריהער צו זעהן.

— דו ווייסט דאָך אַז דיין אָנקומען אין פּאַלאַץ אין דער צייט ווען זי וועט דאָרט פאַרברייננגען, זאָל אויסקוקען „צופעליג", און אויב דו אַליין וועסט איהר איבערגעבען די איינלאַדונג, וועט זי דאָך פאַרשטעהן, אַז דו ביזט געקומען מיט דער אבזיכט זיך מיט איהר צו טרעפען אין מיין פּאַלאַץ?

— דו ביזט גערעכט, מיין שוועסטער, איך דאַרף זיך גאָר ניט וויסענ־דיג מאַכען, אַז זי איז איינגעלאַדען צו מיר. שיקט די איינלאַדונג דורך דיין קאַמער־מיידעל. איך וועל זעהן זי צו באַזוכען אַהן אַן אויסרייד, און פּי־לייכט וועל איך צוואַרטען ביז וואַנען כ'וועל זיך מיט איהר זעהן דאָ, ביי

דיר אין פּאַלאַץ. איך דאַנק דיר זעהר, מיין שוועסטער און איך פאַרזיכער דיך, אַז איך וועל קיינמאָל דיין טובה ניט פאַרגעסען.

ווען הדסה האָט באַקומען דער קעניגינ׳ס איינלאַדונג צו קומען אין איהר פּאַלאַץ, נאָך מיטאָג, כדי זיי זאָלען צוזאַמען פאַרברענגען, האָט איהר האַרץ גענומען קלאַפּען פון פרייד. זי האָט די איינלאַדונג געוויזען איהר מוטער.

— די קעניגין האָט מיך איינגעלאַדען צו פאַרברענגען מיט איהר — האָט הדסה זיך אָפּגערופען מיט פרייד צו איהר מוטער. — און איך האָב געמיינט, אַז זי וועט מיך שוין מעהר ניט איינלאַדען צו זיך.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי געמיינט, מיין טאָכטער? — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען — זי איז דאָך צו דיר דאַן געווען פריינדליך און צערטליך. אַלע ווייסען, אַז דו האָסט נושא חן געווען אין איהרע אויגען... איך בין אויך צופרידען מיט דעם, און נאָך מעהר בין איך צופרידען וואָס די איינלאַדונג איז אויף בייטאָג און ניט אויף ביינאַכט... איך וועל זיין אַ סך רוהיגער יעצט.

ווען יהודה הלוי איז געקומען, איז הדסה איהם גלייך ענטקעגען געלאָפען מיט דער קעניגינ׳ס איינלאַדונג.

יהודה הלוי האָט זי אַרומגענומען און געקושט.

— איך האָב שוין לאַנג געהערט, מיין טאָכטער, אַז די קעניגין האָט זעהר אַ געהויבענע מיינונג פון דיר. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט זי באַצויבערט מיט דיין שעהנקייט און מיט דיינע קלוגע רייד. איך בין זעהר צופרידען וואָס דו האָסט געפונען חן אין איהרע אויגען. אַ קעניגין האָט זעהר אַ סך צו זאָגען אין אַ מלוכה און איהר פריינדשאַפט צו דיר וועט אַמאָל קענען אויסגענוצט ווערען.

ווען די באַשטימטע צייט איז געקומען פאַר הדסה׳ן צו געהן צו דער קעניגין, האָט יהודה הלוי געהייסען דעם קוטשער איינשפּאַנען די קאַרעטע.

— דו וועסט זי אָוועקפיהרען צו דעם פּאַלאַץ און דו זאָלסט דאָרטען אויף איהר וואַרטען, ביז וואַנען זי וועט פאַרטיג ווערען, און דו וועסט זי צוריקברינגען אַהיים.

— איך וועל זיך געוויס לאַנג ניט פאַרזאַמען דאָרטען — האָט הדסה געזאָגט. — אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין קומט דאָך ניט פאָר קיין פאַרוויילונג, וועל איך געוויס קענען אַוועקגעהן שנעלער.

— דו דאַרפסט זיך ניט איילען, מיין טאָכטער — האָט יהודה הלוי געזאָגט. — די קעניגין איז זעהר אַ וואוילע און דו קענסט מיט איהר פאַרברענגען אַזוי לאַנג ווי זי וועט דיך אויפהאַלטען. דער קוטשער וועט אויף דיר וואַרטען.

הדסה האָט זיך צוקושט מיט איהר מוטער און פאָטער. זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע און איז צוגעפאָהרען צו דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין.

דער קוטשער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען דעם טויער פון פּאַלאַץ. הדסה איז אַרויס פון קאַרעטע און געצייגט די וועכטער די איינלאַדונג פון דער קעניגין. זיי האָבען איהר אַריינגעלאָזען אינוויינינג און די קעניגין האָט איהר גאַנץ פיין אויפגענומען. זי האָט הדסה'ן אַריינגעפיהרט אין גאַסט צימער און מיט איהר פאַרבראַכט. זי האָט איהר געפרעגט פאַרשיידענע פראַגען וועגן איהר פאָטער'ס לידער און אַנדערע ספרים וואָס ער שרייבט.

— ס'פאַרדריסט מיך זעהר וואָס איך קען ניט פאַרשטעהן העברעאיש — האָט די קעניגין געזאָגט. — איך האָב געהערט אַז דיין פאָטער'ס לידער זיינען וואונדערבאַר און איך וואָלט זעהר געוואָלט לעזען איינינע פון זיי. פיליכט וועסטו קענען פאַר מיר איבערזעצען?

— עס איז זעהר שווער איבערצוזעצען אַ ליעד פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער — האָט הדסה געזאָגט. און נאָך מעהר מיין פאָטער'ס לידער, ווייל ער טוט אַריין אַ כונה גאַנץ אָפט אין איין וואָרט, אין איין העברעאישען אויסדרוק. איך וועל פּרובירען מאַכען אַ פאַרזוך איינינע פון מיין פאָטער'ס לידער איבערצוזעצען אין שפּאַניש און אויב זיי וועלען מיר געלינגען, וועל איך פאַרלעזען פאַר דער גנעדיגער קעניגין.

— איך וועל דיר זעהר דאַנקבאַר זיין פאַר דעם, ווייל איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען וועגען וואָס דיין פאָטער שרייבט. איך האָב געהערט אַזוי פיעל לויב געזאַנג פאַר איהם, אַז מיר האָט אָנגענומען אַ חשק זיך צו לערנען העברעאיש בלויז צוליעב דעם, איך זאָל קענען עטוואָס פאַרשטעהן פון דיין פאָטער'ס ווערק, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם איבער'ן גאַנצען לאַנד...

אַזוי ריידענדיג, איז אַריינגעקומען אַ קאַמער מיידעל און געמאָלדען דער קעניגין אַז אַרטהור, איהר ברודער איז אָנגעקומען.

— שיק איהם אַריין — האָט די קעניגין געענטפערט.

הדסה'ן האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען. זי האָט איהם ניט געקענט דולדען. זי האָט געוואוסט אַז ער איז זעהר אַ וויכטיגע פּערזענ־ליכקייט, און עס וועט זיין גוט פאַר איהר פאָטער, אַז זי זאָל איהם אַרויסווייזען פריינדשאַפט. אָבער דאָך זיינען זיינע רייד איהר דערווידער. זי ווייס אַז ער זוכט צו ווערען נאָהענטער באַפריינדעט מיט איהר... מעגליך אַז ער איז יעצט געקומען ווייל ער האָט זיך דערוואוסט אַז זי איז איינגעלאַדען געוואָרען צו דער קעניגין. איהר איז איינגעפאַלען, אַז דאָס זאָל זיין אַן אָפּגעמאַכטע זאַך צווישען דער קעניגין און איהם.

אַרטהור איז אַריין אין צימער און זיך העפליך פאַרנייגט. די קעניגין האָט איהם נעוואָלט אַרויסהעלפען, האָט זי זיך געמאַכט ווי זי איז איבעראַשט פון זיין קומען יעצט.

אַ קליינע ווײַלע האָבען זיי פאַרבראַכט צוזאַמען. אַרטהור האָט דער־צעהלט וועגען זיינע עצות וואָס ער האָט געגעבען דעם קעניג וועגען פאַר־שיידענע ענינים. ער האָט זיך באַריהמט מיט נאָך איינינע „קלוגע" זאַכען

וואָס ער האָט געטהאָן, און נאָכהער האָט ער אויסגעדריקט זיין איינענע איבערראַשונג, וואָס ער האָט הדסה'ן געטראָפען ביי זיין שוועסטער אין פּאַלאַץ.

— איך האָב שוין געוואָלט אויסנוצען דיין פּאַטער'ס גאַסטפריינדליכ־קייט און קומען דיך באַזוכען — האָט ער געזאָגט און זי דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען. — און איצט האָב איך געקראָגען אַ געלעגענהייט דיך צו זעהן.

— איך דאַנק דיר זעהר פאַר דעם אינטערעס וואָס דו ציינסט אַרויס אין מיר. איך פאַרזיכער דיך, אַז דו ביזט שטענדיג ווילקאָמען אין מיין פּאַטער'ס הויז — האָט הדסה געענטפערט.

— דיינע רייד דערפרייען מיך, גנעדיגע הדסה — האָט אַרטהור אויס־גערופען מיט צופרידענהייט — איך האָב געמיינט, פיליכט וועל איך דיר פאַלען צו לאַסט. איך האָף אַז דו וועסט מיר ערלויבען דיר צו באַגלייטען אַהיים, ווען דו וועסט פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ.

— אָבער אויף מיר וואַרט מיין פּאַטער'ס קוטשער מיט דער קאַרעטע — האָט הדסה געזאָגט — דאָך דאַנק איך דיר פון מיין הארצען פאַר דיין גנעדיגקייט.

אַרטהור איז געבליבען זעהר אַנטוישט. ער איז געווען אַזוי זיכער אַז ער וועט קריגען אַ געלעגענהייט זי צו באַגלייטען אַהיים. ער האָט געוואוסט אַז שפּאַצירענדיג וועט ער קענען מיט איהר רעדען אינטים, און יעצט איז דיעזער אויסזיכט אויך פאַרשוואונדען.

די קעניגין האָט זיי איבערגעלאָזען אַליין, מיט עפּעס אַן אויסרייד, אָבער ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה צו רעדען מיט איהר דאָ וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געוואוסט אַז זי וועט זיך פיהלען זעהר אונבאַ־קוועם דאָ אין פּאַלאַץ.

אַ געדאַנק איז איהם איינגעפאַלען, אַז ווען ער זאָל קענען אוועק־שיקען דעם קוטשער, אין איהר נאָמען, דאַן וועט ער זי שוין דאַרפען באַגלייטען. אָבער ווען זי וועט אויסגעפינען אַז ער האָט עס מיט אַ כיון געטהאָן, וועט זי אויף איהם זיין אין כעס, און ער וועט זיין ציעל דאָך ניט האָבען דערגרייכט.

ער האָט גענומען טראַכטען ווי אַזוי זאָל ער עס טהאָן, און אַזוי שנעל ווי די קעניגין האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע ענטשולדיגט און פאַרלאָזען דעם צימער. ער האָט צוגערופען איינע פון דער קעניגין'ס קאַמערמיידלאַך און זיך צו איהר אָפּגערופען:

— איך וויל דיר אַנפאַרטרויען אַ שליחות, אָבער דו דאַרפסט מיר פאַרשפּרעכען, אַז דו וועסט קיינעם ניט אויסזאָגען אַז איך האָב עס דיר געהייסען טהאָן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ מטבע און איהר דערלאַנגט.

— געבען טויער פון פּאַלאַץ געפינט זיך די קאַרעטע פון יהודה הלוי — האָט ער צו איהר געזאָגט — זיין קוטשער וואַרט אויף הדסה'ן,

יהודה הלוי׳ס טאָכטער, זי צו פיהרען אהיים. איך וויל אז דו זאָלסט ארויסגעהן צו דעם קוטשער און איהם זאָגען, אז הדסה האט דיך געשיקט איהם זאָגען ער זאָל אויף איהר ניט ווארטען און ער זאָל זיך גלייך צוריקקעהרען אהיים. זי וועט אָנקומען שפּעטער. די קעניגין וועט זי שוין באַזאָרגען מיט אַ באַגלייטער. דו זאָלסט ווארטען ביז וואַנען ער וועט אוועקפאָהרען און דאַן זאָלסטו צוקומען צו יענעם פענסטער און ארויס־קוקען. איך וועל אויך צוגעהן צום פענסטער און אויב דער קוטשער איז אוועקגעפאָהרען זאָלסטו מיר געבען אַ צייכען מיט אַ שאָקעל פון דיין קאָפּ אויף יע.

דאָס קאַמערמיידעל האט צוגעשטימט. זי איז גלייך ארויס צום טויער פון פּאַלאַץ און זיך אָפּגערופען צו דעם קוטשער, וועלכער איז געזעסען אין דער קאַרעטע און געדרעמעלט:

— איך בין געשיקט געוואָרען פון דיין הארינטע, הדסה, — האָט זי זיך אָפּגערופען, — זי האָט מיר געהייסען דיר איבערגעבען אז דו זאָלסט אויף איהר ניט ווארטען,, ווייל זי וועט זיך פארזאַמען עטוואָס לענגער אין פּאַלאַץ און די קעניגין וועט שוין זעהן אז זי זאָל אָפּגעפיהרט ווערען אהיים בשלום.

דער קוטשער האט אַ געניץ געטהאָן. ער האט גענומען די לייצעס אין די הענט און האט זיך פארקירעוועט אהיים.

דאָס קאַמער מיידעל האט צוגעווארט און ווען זי האט געזעהן אז ער פאָהרט אוועק, האט זי זיך שנעל צוריקגעקעהרט און געגעבען ארטהור׳ן דעם אָפּגעמאַכטען צייכען.

אַ פריידע איז אריבער ארטהור׳ס קערפּער. יעצט וועט ער קענען זי באַגלייטען, ער וועט זיך גאָר ניט ווייסענדיג מאַכען. ער וועט בעטען ערלויבניש זי ארויסצובאַגלייטען ביז דעם טויער און דאַן ווען זי וועט זעהן אז דער קוטשער איז ניטאָ, וועט זי שוין איהם ניט קענען אַנטזאָגען, און ער וועט זי קענען באַגלייטען אהיים. זי וועט איהם געוויס ניט חושד זיין, אז ער האט פאראורזאַכט דאָס דער קוטשער זאָל זיך צוריקקעהרען אָהן איהר.

עס האט שוין גענומען טונקעל ווערען. די קעניגין האט נאָך אַלץ מיט הדסה׳ן פארבראַכט. ארטהור איז געוואָרען עטוואָס אונרוהיג. ער האט מורא געהאַט אז ווען דער קוטשער וועט אָנקומען אין יהודה הלוי׳ס הויז און זאָגען אז מען האט איהם געהייסען זיך אומקעהרען אליין, קען נאָך זיין אז יהודה הלוי וועט צוריקפאָהרען מיט דעם קוטשער און אָפּווארטען אויף הדסה׳ן. עס וואָלט געווען בעסער ווען זי געהט יעצט אהיים.

די קעניגין האט באַמערקט זיין אונגעדולדיגקייט און זי האט זיך אָנגעשטויסען וועגען וואָס עס האנדעלט זיך. זי האט זיך ענטשולדיגט און האט גענומען ארויסגעהן.

— וועסטו מיר ערלויבען ארויסצובאַגלייטען דיך צו דעם טויער פון פּאַלאַץ? — האט ארטהור זיך געווענדעט צו הדסה׳ן.

הדסה האָט צוגעשטימט און ער איז מיט איהר אַרויס פון פּאַלאַץ, און לאַנגזאַם אַרויסגעגאַנגען צו דער צווייטער זייט פון טויער.

הדסה האָט זיך מיט איהם געזעגענט. זי האָט זיך גענומען אַרומקוקען און געזעהן אַז די קאַרעטע איז ניטאָ ביים טויער.

אַרטהור האָט זיך געמאַכט ווי ער וויל זיך צוריקקעהרען, אָבער זעהענדיג איהר פאַרלעגענהייט האָט ער זיך אומגעקעהרט און געפרעגט וואָס עס איז געשעהן?

— דער קוטשער האָט אויף מיר געוואָלט וואַרטען מיט דער קאַרעטע — האָט הדסה געזאָגט עטוואָס צושראָקען, און איצט זעה איך איהם דאָ ניט.

— פיליכט וואַרט ער ערגעץ אָן אַ זייט. אָט וועל איך אַרויסגעהן אַ קוק טהאָן און אויב איך וועל איהם דערזעהן וועל איך איהם גלייך הייסען צופאָהרען אַהער.

ער איז געגאַנגען איהם כלומרשט זוכען און באַלד האָט ער זיך צוריקגעקערט און געזאָגט:

— ער איז ניטאָ!

הדסה איז געבליבען שטעהן אין פאַרלעגענהייט. זי האָט ניט געקענט פאַרשטעהן, פאַרוואָס דער קוטשער האָט אויף איהר ניט געוואַרט.

— פיליכט ווילסטו זיך צוריקקעהרען אין פּאַלאַץ און דאָרטען וואַרטען. מעגליך, אַז ער וועט זיך אומקעהרען אביסעל שפּעטער.

— ניין, — האָט הדסה געענטפערט — איך וויל אויף איהם ניט וואַרטען.

— אָבער דו ווילסט דאָך אַליין ניט געהן איצט, ווען עס איז שוין טונקעל געוואָרען! — האָט אַרטהור געזאָגט — ערלויב מיר דיך צו באַגלייטען אַהיים.

הדסה האָט זעהר ניט געוואָלט, אַז אַרטהור זאָל זי באַגלייטען אַהיים. אָבער איצט האָט זי קיין אַנדער ברירה ניט. זי האָט געשוויגען, און ער האָט איהר שווייגען אָנגענומען אַלס צושטימונג.

— איך דאַרף זיין דעם קוטשער זעהר דאַנקבאַר פאַר דער געלעגענהייט וואָס ער האָט מיר געגעבען, אַז איך האָב די עהרע דיך אַהיים צו באַגלייטען — האָט אַרטהור געזאָגט, ווען זיי זיינען שוין אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט — איך האָב שוין געמיינט, אַז מיר וועט שוין קיינמאָל ניט אויסקומען צו שפּאַצירען מיט דיר אַליין, דו געליבטע בלום.

— איך קען נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין וואָס עס זאָל האָבען פּאַסירט מיט דעם קוטשער — האָט הדסה געזאָגט — אָבער אין איהר האַרצען האָט זיך אַריינגעגנב'עט אַ פאַרדאַכט, אַז אַרטהור האָט עפּעס געהאַט דאַמיט צו טהאָן. געוויינליך, זי איז ניט געווען זיכער, און זי האָט מעהר וועגען דעם מיט איהם ניט גערעדט.

אַ קליינע ווײַלע זיינען זיי געגאַנגען שווייגענדיג.

— אַ פּרעכטיגער אָוענט! — האָט אַרטהור אונטערגעבראָכען זייער שטילשווייגען.

— יע, עס איז זעהר אַ שעהנער אָוועגט — האָט הדסה צוגעגעבען.

פאַר מיר איז דער אָוועגט נאָך מעהר פּרעכטיג מיט דעם, וואָס דו געפינסט זיך מיט מיר.

הדסה האָט איהם אויף דעם ניט געענטפערט, און ארטהור האָט ווייטער געזאָגט:

— איך בין זעהר דאנקבאַר צו גאָט וואָס ער האָט מיר די געלעגענ־הייט געגעבען צו זיין מיט דיר אַליין... איך האָב מעהר פיעל מיט דיר צו רעדען. אָבער איך האָב ביז איצט עס ניט געקענט טאָן, ווייל ווען איך פּלעג זיך מיט דיר זעהן, איז שטענדיג געווען נאָך אימיצער וואָס זאָל אונז שטערען.

— אויב דיינע רייד וועלען זיין אַזעלכע וואָס מיין פאָטער אָדער מוטער וועלען זיי ניט דאַרפען הערען, דאַן וועט זיין בעסער אַז איך זאָל זיי אויך ניט הערען — האָט הדסה געזאָגט — ווייל איך האָב פאַר זיי קיינע סודות ניט, און איך דערצעהל זיי אַלץ וואָס איך זעה און הער.

— איך וויל דיר ענטדעקען די סודות פון מיין הארצען — האָט ארטהור געזאָגט — און כאָטש דיינע עלטערען וועלען דיזע סודות קענען וויסען, וויל איך דאָך, אַז דו זאָלסט מיר שענקען אַביסעל אויפמערקזאַמקייט און צוואָרטען איינינע טעג ביז וואַנען עס וועט די געלעגענהייט קומען און מיינע גערדאַנקען און געפיהלען וועלען שוין מעהר קיין סודות ניט זיין.

— ס'איז מיין געוואוינהייט צו דערציילען מיינע עלטערען גלייך ווי עפּעס פּאַסירט, און איך קען דיר ניט פאַרשפּרעכען צו וואַרטען מיט דעם אפילו איין טאָג ניט, און דעריבער ראַטה איך דיר בעסער מיר עס איצט ניט צו דערצעהלען.

— אויב איך וועל איצט ניט אויסנוצען די געלעגענהייט, ווען וועל איך עס קענען טאָן? איך וועל דאָס איבערלאָזען צו דיר. אויב דו וועסט געפינען פאַר נויטיג גלייך איבערצוגעבען דיינע עלטערען מיינע רייד, וועל איך אויך ניט זיין דאַגעגען.

הדסה האָט זיך געפיהלט זעהר אומבאַקוועם. איהר הארץ האָט איהר געשראָקען. זי האָט אָנגעהויבען פאַרשטעהן צו וואָס ער ציעלט מיט זיינע רייד... אָבער וואָס קען זי טהאָן? עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער זאָל זי באַגלייטען און זיין מיט איהר אַליין.

— ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהן אין מיין שוועס־טער'ס פּאַלאַץ, האָסטו מיר באַצויבערט מיט דיין צויבערליכע שעהנקייט. איך האָב פון דיר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. דיינע וואונדער־שעהנע אויגען האָבען מיר פאַרפאַלגט. איך האָב געזוכט אַ צווייטע געלעגענהייט זיך מיט דיר צו זעהן, און ווען איך האָב דיך צום צווייטען מאָל דערזעהן האָב איך אָנגעהויבען פיהלען, אַז אָהן דיר איז מיין לעבען גאָרניט ווערטה... איך האָב פון דיר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. איך האָב דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען דערפיהלט, אַז איך ליעב... אַז איך ליעב מיט דעם גאַנצען ברען פון מיין קערפּער און נשמה... יע, הדסה, איך

האָב דיך ליעב מעהר פון אַלץ אין דער וועלט... דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אימשטאַנד דיר גליקליך צו מאַכען. דאַרף איך דיר דען דערצעהלען וועגען מיין חשוב'ען אמט וואָס איך האַלט אין דעם קעניג'ס קאַבינעט. דיין פאָטער ווייס דאָך, אַז דער קעניג רעכענט זיך זעהר מיט מיינע רייד, און דאָס איז ניט ווייל איך בין זיין שוואָגער, נאָר ווייל ער געפינט גאַנץ אָפט, אַז איך גיב איהם די ריכטיגע עצה... דיין פאָטער איז דעם קעניג'ס הויפּט מיניסטער און נאָך איהם בין איך פאַררעכענט פאַר זיין בעסטען בעל יועץ. און דיר מעג איך דאָך דערציילען, אַז דערוויילע האָט נאָך דער קעניג ניט קיין יורש צו זיין טראָן. איך בין פאַררעכענט פאַר אַ מעגליכען יורש... אַלע שעצען און עהרען מיך. איך האָב זיך פילע מאָל אויסגעצייכענט מיט מיין בראַווקייט... און איצט בעט איך דיר טייערע הדסה, דו זאָלסט פאַרנעמען מיינע רייד, און איך האָף, אַז דו וועסט האָבען צו מיר די זעלבע געפיהלען ווי איך צו דיר, און דאָס וועט זיין מיין העכסטער גליק!...

ארטהור האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אָנצונעמען איהר האַנט, אָבער הדסה האָט זי שנעל צוריקגעצויגען. זיינע רייד האָבען אויף איהר געמאַכט זעהר אַ שווערען איינדרוק. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ווען זי זאָל איהם גלייך זאָגען, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן, ווער ווייס וואָס ער קען טהאָן. ער וועט זוכען זיך נוקם צו זיין אָן איהר פאָטער. זי זעהט דאָך, אַז ער איז דערצו פעהיג.

— דו האָסט פאַרגעסען, מיין האַר — האָט איהם הדסה געענטפערט נאָך אַ קליינע פּויזע, אַז אַ מעכטיגע וואַנט שטעהט צווישען מיר און דיר. דו ביזט אַ קריסט און איך בין אַ אידישע טאָכטער, דעריבער וואָלט איך דיר געראַטען, אַז דו זאָלסט מיך אינגאַנצען פון דיינע געדאַנקען אַרויסשלאָגען. דו וועסט זיך געפינען אַ פּאַסענדע פרוי וועלכע וועט דיר זיין צום האַרצער, פון דיין אייגענעם גלויבען, און דו וועסט גליקליך זיין.

— ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי גליקליך אַ מענש דאַרף זיך שעצען, ווען זיינע אויגען ווערען געעפענט און ער דערזעהט די אמת'ע ליכט, וואָלסטו אַנדערש גערעדט. איך גלויב ניט, אַז מען דאַרף אימיצען צווינגען אָנצונעמען די קריסטליכע רעליגיאָן, אָבער עס איז דאָך אונזער פליכט צו העלפען אונזערע ברידער פון אַ צווייטער רעליגיע. ווען עס איז נאָר מעגליך צו עפענען זייערע אויגען, כדי זיי זאָלען זיך איבערצייגען וואָס פאַר אַ הימעלשעס גליק עס איז צו גלויבען אין אונזער האַר און ערלייזער יעזוס קריסטוס. איך ווייס, אַז עס איז שווער פאַר איינעם וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין אַ צווייטער רעליגיע, זיך צוצופּאַסען צום קריסטענטום, אָבער עס וועט קיינעם ניט שאַדען זיך צוצוהערען וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע רעליגיע אונזער קאַטוילישער גלויבען איז. איך בין זיכער, אַז ווען דו, טייערע הדסה, וואָלסט ווען עס איז בייגע־וואוינט די קאַטוילישע גאָטעס דינסט, וואָלסטו געקענט זעהן די געטליכע גלאַרייכקייט. דו אליין וואָלסט באַגייסטערט געוואָרען, און דאַן וואָלט די

„מעכטינע וואַנט" וואָס שטעהט צווישען אונז ביידען אינגאַנצען פאַרשוואונדען.

— ווי איך זעה איז דיין כונה מיר איבערצורייידען איך זאָל אומ־בייטען די אמונה פון מיינע עלטערען — האָט הדסה געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע — אויב אַזוי, וויל איך דיר זאָגען אַז דיין גאַנצע מיה וועט זיין אומזיסט... איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבען ניט אומבייטען מיין אמונה!

— אָה, ניין, גנעדיגע הדסה — האָט זיך שוין ארטהור עטוואָס פאַרלאָרען, — איך האָב ניט געמיינט דיר צו זאָגען דו זאָלסט אומבייטען דיין רעליגיע. איך האָב נאָר געוואָלט, אַז דו זאָלסט ווען עס איז אין דער נאָהענטער צוקונפט בעאָבאַכטען ווי אַזוי מיר פראווען אונזער גאָטעס דינסט, און אויב דיר וועט עס ניט געפעלען, וועל איך זיין גרייט צו טאָן וואָס דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען. איך האָב דיך ליעב און איך בין גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר מיין ליבע צו דיר. געוויינליך, וואָלט איך געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך פריהער באַקענען מיט דער קריסטליכער רעליגיע. פיליכט וועסטו זיך ארומזעהן, אַז דו האָסט נעפונען דעם ריכטיגען וועג, אַז דו האָסט דערזעהן די אמת'ע ליכט. אָבער ווען דו וועסט פאַרבלייבען מיט דער זעלבער מיינונג, אפילו נאָכדעם ווי דו האָסט אַלעס צוגעזעהן און געהערט וועגען קריסטענטום, דאַן וועל איך טהאָן וואָס דו וועסט מיר הייסען... איך וועל אפילו אָננעמען די אידישע רעליגיע...

הדסה איז געוועזען זעהר אויפגערעגט. איהר צאָרן האָט אין איהר נעברענט אויף ארטהור'ן און אויף זיין חוצפה, אָבער זי האָט זיך באַהערשט.

— עס פאַרדריסט מיר זעהר, מיין האַר, וואָס דו האָסט אַזעלכע נעדאַנקען וועגען מיר געלאָזט דיך באַהערשען. אָבער איך בין גאַנץ ווייט פון דעם, אַזוי ווייט ווי פון אָנצונעמען די קריסטליכע רעליגיע.

— איך האָב אַ פריינד. זיין נאָמען איז פעטרוס. ער איז דער מאָנאַך פון דעם גרעסטען קלויסטער פון טאָלעדאָ. ווען דו וואָלסט בלויז געהערט איהם רעדען וועגען דער קריסטליכער רעליגיע, וואָלסטו דיין מיינונג געביטען... ער האָט זעהר גוטע באַווייזע אפילו פון דעם אידישען תנ"ך, און אויסער דעם, בין איך זיכער, אַז ער קען באַווייזען ניסים... אַזוי ווי אונזער הייליגער יעזוס האָט עס געטאָן... איך ווייס בלויז אַז יעדער איינער, וועלכער הערט פעטרוס'ן רעדען, ווערט ער פון איהם באַגייסטערט.

— איך בעט דיר, מיין האַר, רעדט מיט מיר ניט וועגען דעם. איך בין ניט פאַראינטערעסירט אין דיין פריינד פעטרוס'ן און אויך ניט אין קריסטענטום. דו פיהלסט זיך גליקליך אין דיין רעליגיע און איך וועל שטענדיג גליקליך זיין צו זיין אַ אידין! איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט מעהר אַזעלכע רייד צו מיר ניט רייידען. פאַרוואָס זאָלען מיר דאַרפען ווערען שונאים.

— אָבער, המ... — גנעדיגע הדסה — האָט ארטהור געגומען שטאַמ־לען, רויט ווערענדיג, — איך האָב קיין שלעכטעס ניט געמיינט. אויב דאָס האָט דיר פאַרשאַפט עגמת נפש, בעט איך דיר דו זאָלסט מיר ענטשולדיגען... איך וועל זעהן מיט דיר מעהר ניט צו ריידען וועגען דער רעליגיע פראגע. פאַרקעהרט, אויב דו וועסט שפּעטער פון מיר פאַרלאַנגען אַז איך זאָל המ... איך מיין ע... — איך זאָל נעהמען אין אנבאַטראַכט דיין רעליגיע, וואָלט איך דאָס מיט פאַרגעניגען געטהאָן. איך ווייס אַז דיין פאָטער וואָלט מיר זיכער געקענט איבערציינגען וועגען דער וויכ־טיגקייט פון דער אידישער תורה... אָה, הדסה, איך בעט דיר, ווייז מיר ניט צוריק. איך האָב דיך ליב, איך וועל אַלעס טהאָן, אום צו קריגען דיין ליבע.

— זאָג מיר, מיין האר איך בעט דיר, — האָט הדסה זיך צו איהם אָפּגערופען — ביזטו געוועזען דער יעניגער וועלכער האָט געהייסען מיין פאָטער'ס קוטשער ניט צו וואַרטען אויף מיר?...

— איך שווער ביי יעזוס'ן אַז איך האָב דיין קוטשער אפילו ניט געזעהן! — האָט זיך ארטהור איבערגע'צלמ'ט. — איך זעה אין דעם א פינגער פון גאָט, ער האָט מיר געוואָלט געבען די געלעגענהייט, איך זאָל דיך קענען באַגלייטען... און איך האָף, אַז מיינע רייד וועלען האָבען אויף דיר די געווינשטע ווירקונג.

הדסה האָט איהם מעהר ניט געענטפערט. זי איז מיטגעגאַנגען שווייגענדיג, און ווען זיי זיינען שוין געווען נאָהענט צו איהר הויז, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין האר, פאַר דיין טרחה מיך צו באַגלייטען — האָט זי איהם געזאָגט.

— דאָס איז געווען מיין גרעסטער פאַרגעניגען. איך בעט דיר בלויז, דו זאָלסט מיר ענטשולדיגען, פיליכט האָב איך זיך ארויסגערעדט מיט עפּעס וואָס עס האָט דיר פאַרשאַפט אביסעל שמערצען, איך וויל אויך דו זאָלסט מיר געבען א געלעגענהייט זיך נאָך אמאָל מיט דיר צו זעהן... דיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז זיינע טירען זיינען אימער האָפען פאַר מיר... וועסטו ניט זיין דאַגעגען, אַז איך וועל אין גיכען דיר ווידער אָפּ־שטאַטען א באַזוך אין דיין פאָטער'ס הויז.

— איך וועל דיר מוחל זיין, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז דו וועסט מיר פאַרשפּרעכען קיינמאָל מיט מיר ניט צו ריידען אַזעלכעס וואָס דו האָסט מיט מיר יעצט גערעדט.

— איך וועל דיר פאַרשפּרעכען מעהר ניט צו ריידען וועגען דער קריסטליכער רעליגיע, סיידען דו וועסט מיך עפּעס פרעגען וועגען דעם — האָט ארטהור געזאָגט הדסה'ן — אָבער עס איז דאָך אונמעגליך פאַר מיר דיר צו פאַרשפּרעכען ניט אויסצודריקען מיינע געפיהלען צו דיר. קען מען דען אָפּשטעלען דעם ווינד? קען מען דען פאַרהאַלטען די כוואַליעס פון ים? אַזוי וועל איך קענען אָפּהאַלטען מיינע געפיהלען צו

דיר, וואָס באַהערשען מיך זינט איך האָב דיך דערזעהן. איך בעט דיר, ליבע הדסה, פאַרלאַנג עס ניט פון מיר. נעהם אין באַטראַכט מיינע רייד, ווייל איך ווייס, אַז איך בין אימשטאַנד דיך גליקליך צו מאַכען — דו דאַרפסט נאָר וועלען מיך פאַרשטעהן.

הדסה האָט איהם מעהר ניט געענטפערט. זי האָט איהם געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און איז אַריין אין הויז.

יהודה הלוי און חנה זיינען איהר אַנטקעגען געקומען און מיט גרויס איבעראַשונג זי געפרעגט:

— ווער האָט דיך אַהיים באַגלייט?

— אָה, מיך האָט באַגלייט דער ברודער פון דער קעניגין, אַרטהור — האָט הדסה געענטפערט.

— און פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעשיקט דעם קוטשער מיט דער קאַרעטע? — האָט יהודה הלוי זי געפרעגט.

איך האָב דעם קוטשער אַוועקגעשיקט! — האָט הדסה אויסגערופען.

— האָט ער דען אַזוי געזאָגט.

— יע, — האָט די מוטער געענטפערט — איך קוק אַרויס אין הויף, איך זעה, אַז דער קוטשער קומט אָן. איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט מיט־געקומען. לויף איך שוין אַרויס דיר ענטקעגען, און ווען איך האָב דיך דאַר-טען ניט געזעהן, האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקען, און איך פרעג איהם גלייך וואו דו ביזט! ענטפערט ער מיר, אַז דו האָסט איהם געהייסען ניט וואַרטען אויף דיר און ער זאָל פאָהרען אַהיים.

— דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געזאָגט! — האָט הדסה געענטפערט. איך בין געווען זיכער, אַז ער וואַרט אויף מיר.

— מען דאַרף איהם נאָך אַמאָל אויספרעגען — האָט יהודה הלוי גע־זאָגט, און געשיקט רופען דעם קוטשער.

— האָט דיר מיין טאָכטער געהייסען זיך צוריקקעהרען אַהיים און ניט צואוואַרטען אויף איהר?

— געוויס! — האָט דער קוטשער זיך אָפּגערופען, ניט באַמערקענדיג הדסה'ן.

— ווען האָב איך דיר עס געזאָגט?! — האָט הדסה מיט ערשטוינונג זיך אָפּגערופען.

— דו האָסט געשיקט אַ קאַמער-מיידעל פון דער קעניגין זי זאָל עס מיר איבערגעבען — האָט דער קוטשער געזאָגט.

— איך האָב קיינעם צו דיר ניט געשיקט. איך בין געווען זיכער, אַז דו וואַרטסט אויף מיר און איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען איך בין אַרויסגעקומען און דיך ניט געפונען.

— אָבער, מיין הארינטע, אַ קאַמער-מיידעל איז אַרויס פון פאַלאַץ און מיר געזאָגט אין דיין נאָמען, איך זאָל אויף דיר ניט וואַרטען. פון וואַ-נען זאָל איך וויסען, אַז דו האָסט זי ווירקליך ניט געשיקט?

— דאָס האָט מען דיר ווידער געוואָלט שלעכטעס טהאָן — האָט חנה זיך אָפּגערופען מיט אַ בלאַסען פּנים, און דו האָסט באַדאַרפט באַדאַנקען

ארטהור׳ן וואָס ער האָט דיר באַגלייט. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט מיט דיר פּאַסירט, ווען דו געהסט צוריק אַליין.

— איך האָב איהם באַדאַנקט — האָט הדסה געזאָגט.

זי האָט יעצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ארטהור פּאַראורזאַכט, דער קוטשער זאָל אויף איהר ניט וואַרטן. ער האָט זיכער געשיקט יענע קאַמער-מיידעל. ער אַליין האָט טאַקע דעם קוטשער ניט געזעהן, ווי ער האָט צו איהר געשוואוירען... זי האָט באַשלאָסען, דערווייל גאָר ניט צו דערצעהלען איהרע עלטערען פון דעם וואָס ארטהור האָט מיט איהר גערעדט. זי ווייסט, אַז דאָס וועט פאַרשאַפען איהר מוטער פיעל זאָרג. זי וועט שוין זעהן איהם פון זיך צו דערווייטערען. זי וועט אָבער דאַרפען זעהן, ער זאָל ווידער ניט ווערען איהר פּאָטער׳ס שונא. ער קען נאָך פּאַראורזאַכען פיעל אומאַנגענעהמעס פאַר איר פּאָטער... יע, זי וועט דאַרפען זעהר פאָרזיכטיג זיין, ווי צו האַנדלען מיט ארטהור׳ן. זי וועט איהם מוזען אויסמיידען ווי ווייט מעגליך.

ארטהור איז אוועק פון הדסה׳ן עטוואָס ענטוישט. ער איז געווען זיכער, אַז זיינע רייד וועלען אויף איהר מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק, זי וועט זיך שעצען גליקליך צו הערען פון זיין מויל, אַז ער האָט זי ליעב, און צום סוף וויל זי גאָר ניט! זי איז איינגעשפּאַרט. נאָך מעהר האָט איהם פאַרדראָסען, וואָס אפילו ווען ער האָט איהר געזאָגט אַז ער איז גרייט אָנצונעהמען איהר גלויבען, האָט זי איהם אויך ענטזאָגט.

ער האָט געשמייכעלט, ווען ער האָט זיך פון דעם דערמאָנט.... ער האָט זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט... אמת, זי איז זעהר אַ שעהנע מיידעל, אָבער זי וואָלט לאַנג באַדאַרפט וואַרטען ביז וואַנען ער וועט ווערען אַ איד. נעוועהנליך, אויב עס וועט איהם זיין שווער זי צו קריגען, וועט ער איהר זאָגען, אַז ער איז גרייט צו ווערען אַ איד. אָבער אַזוי שנעל ווי זי וועט צושטימען, און ער וועט זי שוין האָבען אין האַנט, וועט ער שוין זעהן אַז זי זאָל אָננעהמען די קריסטליכע רעליגיע. כאָטש זי האָט איהם ניט ערמוטיגט, פונדעסטוועגען האָט ער געפיהלט אַ סך גרינגער יעצט, אַז ער האָט פאַר איהר זיין האַרץ ענטדעקט. עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אַז ער וועט איהר ליעבע געווינען, און ביסלעכווייז וועט ער איהר איבערצייגען, זי זאָל אָננעהמען די קריסטליכע רעליגיע... ווען אָבער עס איז איהם געקומען אויף זיין געדאַנק, אַז זי האָט גאָר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאַנקען צו זיינע רייד, האָט ער זיין האָפענונג פאַרלאָרען, ער האָט זי אָבער ניט אויפגעגעבען. ער וועט טהאָן אַלעס, זי צו קריגען, ער וועט זי קומען באַזוכען און ער וועט מיט איהר ווידער רײדען, פיללייכט וועט זיך איהם איינגעבען... ער ווייס, אַז אין איהר פּאָטער׳ס הויז וועט זיין גאַנץ שווער פאַר איהם צו ריידען וועגען דעם, אָבער ביסלעכווייז וועט זי זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק און זי וועט איהם ליעב באַקומען.

קאַפּיטעל אכט

אברהם אבן עזרא איז אָנגעקומען איר ארץ ישראל אין דער זעלבער צייט מיט רודאָלף'ן און די איבעריגע טעמפּעל-ריטער. די גאַנצע צייט אויף דער שיף האָט ער זיי אויסגעמיטען, און זיי האָבן איהם אפילו ניט גוט אָנ-געגעבען פאַר א סוחר, און ער האָט זיך ניט געוואָרפען אין די אויגען. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער זיך גאַנץ אָפּט צוגעהערט צו זייערע גע-שפּרעכען... ער האָט אויסגעפונען פיעלע פון זייערע פּלענער. ער האָט גע-וואוסט אז אויב זיי וועט געלינגען צו ווירקען אויף דעם בישאָף פון ירושלים, ער זאָל טהאָן ווי דער פירשט פון וואַלענסיע האָט די טעמפּעל-ריטער געראַטהען, דאַן וועט די גאַנצע אידישע קהילה פון ירושלים זיין אין גרויס סכנה.

ווען ער איז אָנגעקומען אין ירושלים, איז ער גלייך אוועק צו דעם גרייז-גראָען רב פון שטאָט.

— איך קום פון שפּאַניען, און איך האָב זעהר וויכטיגעס מיט דיר צו ריידען — האָט אברהם זיך צו איהם אָפּגערופען.

— און ווער ביזטו? — האָט דער אַלטער רב איהם געפרעגט.

— מיין נאָמען איז אברהם אבן עזרא — האָט ער געענטפערט.

— אָה, דו ביזט אברהם אבן עזרא פון טאָלעדאָ! — האָט דער רב אויסגערופען און איהם געגעבען א ווארימען שלום עליכם. — איך האָב זעהר פיעל פון דיר געהערט. זאָג מיר, וואָס מאַכט רבי יהודה הלוי?

— פרידען איז צו איהם! — האָט אברהם געענטפערט. — ער איז דער הויפּט-מיניסטער צו דעם קעניג אַלפאָנזאָ פון שפּאַניען.

— דאָס האָב איך שוין געהערט. געלויבט איז גאָט וואָס ער טוט ניט אָפּ זיין חסד פון זיין פאָלק ישראל. ניט אומעטום ווערען אונזערע ברידער אזוי געשטיקט און געדריקט — אָט איז פאַראַן א לאַנד, וואו דער קעניג איז אַן אוהב ישראל, און ביי איהם געפינט זיך א הויפּט-מיניסטער אזא איד ווי רבי יהודה הלוי, וועלכער איז דער ליכטיגער שטערען פון דעם גאַנצען אי-דישען פאָלק.

— יע, רבי יהודה הלוי איז אונזרע קרוין און אונזער שטאָלץ! — האָט אברהם געזאָגט.

— האָט דיך פיליכט רבי יהודה הלוי געשיקט מיט א שליחות צו די אידען פון דעם הייליגען לאַנד?

— ניין, רבי יהודה הלוי ווייסט גאָר ניט פון מיין אָפּרייזען נאָך ארץ ישראל. צופעליג האָב איך זיך דערוואוסט פון זעהר וויכטיגע זאַכען, וואָס איז נוגע די אידען פון ירושלים. גאָט האָט מיר געהאָלפען און מיר די מעג-ליכקייט געגעבען צו מאַכען דיזע רייזע, כדי צו פאַרהיטען פון אַן אומגליק מיינע ברידער.

— אָבער וואָס איז געשעהן? — איז שוין דער רב דערשראָקען גע-וואָרען.

— לאָמיר אריין אין א באַזונדער צימער, וואו קיינער וועט אונז ניט

קענען הערען! — האָט אברהם געזאָגט. — ווייל מיר מוזען זעהר פאָר-זיכטיג זיין.

דער רב און אברהם זיינען אריין אין א צווייטען צימער און האָבען זיך ביידע צוגעזעצט. נאָכדעם ווי דער רב האָט צוגעשלאָסען די טיר און אברהם האָט זיך אָפּגערופען:

— מיט מיר אויף דער זעלבער שיף זיינען אָנגעקומען טעמפּעל-ריטער, וועלכע וועלען איבערגעבען דעם בישאָף, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט אין שפּאַניען, אז ווי רבי יהודה הלוי האָט ניט דערלאָזען אז דער טעמפּעל-אָרדען זאָל זיך באַפעסטיגען אין שפּאַניען.

— וואָס האָבען זיי פאַרלאַנגט אין שפּאַניען? — האָט דער רב גע-פרעגט.

אברהם אבן עזרא האָט דעם רב איבערגעגעבען אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די טעמפּעל-ריטער, ווי אַזוי זיי האָבען געפאָדערט פון אלפאָנ-זאָ דעם אַכטען, ער זאָל אָפּגעבען דאָס לאַנד אראַגאָניען פאַר די טעמפּעל-ריטער און ווי אַזוי דער קעניג האָט די גאַנצע מאַכט פון דיזער אַנגעלעגענהייט איבערגעגעבען צו ר׳ יהודה הלוי׳ן, און ווען ער האָט געזעהן אז א גרויס געפאַהר וועט לויערען אויף די אידען פון שפּאַניען, ווען די קרייץ-טרעגער וועלען זיך אין יענעם לאַנד באַפעסטיגען, האָט ער דעריבער צו-ריקגעוויזען זייער פאָרדערונג. יעצט ווילען די טעמפּעל-ריטער צווינגען רבי יהודה הלוי׳ן ער זאָל זיך בויגען. זיי האָבען אפילו געמאַכט א פאַרזוך צו פאַנגען זיין איינציגע טאָכטער, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. זיי זיינען דעריבער געקומען אהער פאַרשלאָגען דעם בישאָף א וועג ווי אַזוי צו צווינ-גען יהודה הלוי׳ן ער זאָל נאָכגעבען זייער פאַרלאַנג.

— ווי אַזוי אָבער וועט קענען דער בישאָף פון ירושלים צווינגען רבי יהודה הלוי׳ן? — האָט דער רב געפרעגט.

— לויט ווי איך האָב זיך דערוואוסט, ווילען די טעמפּעל-ריטער איהם ראַטהען ער זאָל אַרויסגעבען א גזירה אַרויסצוטרייבען אַלע אידען פון ירושלים, אויב די טעמפּעל-ריטער וועלען ניט קריגען אראַגאָניען פון דעם שפּאַנישען קעניג.

א טויט-שרעק איז געפאַלען אויף דעם אַלטען רב.

— דער בישאָף איז א פאַרביסענער שונא ישראל, און ער וועט עס זיכער טהאָן, ווייל ער האָט דאָ די פולע מאַכט. די קריסטען געוועלטיגען יעצט אין ירושלים און זיי וועלען קענען טהאָן מיט די אידען וואָס זייער האַרץ געלוסט. קיינער וועט זיך דאָך פאַר אונז ניט אָננעהמען.

— צוליב דיזען צוועק בין איך אהער געקומען. איך וויל, אַז מיר זאָ-לען זיך באַראַטהען וואָס צו טהאָן, ווייל ווי יהודה הלוי וועט האַנדלען וועט זיין שלעכט. אויב ער זאָל צושטימען זיי אָפּצוגעבען דאָס לאַנד, כדי צו רעטען די אידען פון ירושלים, וועלען די טעמפּעל-ריטער, נאָכדעם ווי זיי וועלען שוין קריגען דאָס לאַנד, אַליין דערצעהלען דעם קעניג, אַז זיין הויפּט-מיניסטער האָט איהם פאַרראַטהען, כדי צו רעטען זיינע ברידער פון ירושלים

און דאַן וועלען זיין זעהר שלעכטע פאָלגען פאַר איהם און פאַר אַלע אידען פון שפּאַניען.

— און וואָס איז דיין עצה? האָט דער רב געפרעגט אברהם אבן עזרא'ן.

— מיר וועלען זיך וועגען דעם דאַרפען בעראַהטען — האָט אַברהם געענטפערט. — אָהן צווייפעל, אַז דער בישאָף וועט דיך שיקען רופען. די איינציגע זאַך וואָס מיר דאַרפען טהאָן איז געווינען צייט. אויב דו וועסט קענען געווינען אַמווייניגסטענס צוויי יאָהר צייט, דאַן וועלען מעגליך פּאַרקומען גרויסע ענדערונגען. עס קאָן דאָך זיין, אַז ביז יענער צייט וועט די מאַכט פון די טעמפּעל ריטער אין דעם הייליגען לאַנד אָפּגעשוואַכט ווערען און וועט גאָר ניט זיין וואָס מורא צו האָבען. יע, ווען מיר קענען געווינען צוויי יאָהר צייט, דאַן גלויב איך וועט ניט זיין וואָס מורא צו האָבען.

— אָבער ווי אַזוי וועלען מיר קענען געווינען אַזוי פיעל צייט? — האָט דער רב געפרעגט. — וועט דען דער בישאָף איינשטימען צו וואַרטען.

— דו וועסט איהם דאַרפען ערקלערען, אַז אום צו פיהרען פערהאַנדלונגען מיט יהודה הלוי'ן וועט דאַרפען נעמען זייער פיעל צייט, ווייל די רייזע פון דאָנען ביז שפּאַניען דויערט איניגע מאָנאַטען. און דאַן קען מען זעלטען קריגען אַ שיף וואָס געהט אַהין.

— אַה, גאָט, ווי לאַנג וועסטו אַרונטערקוקען פון הימעל און לאָזען די רוצחים, די קרייציגער אַרומגעהן אומבעשטראָפט! — האָט דער גרייז גראָער רב אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל. — ווינציג צרות האָבען זיי אונז פעראורזאַכט... האָבען זיי דען נאָך ניט גענוג אידיש בלוט פערגאָסען? ביז ווי לאַנג, אָה, באַרימהערציגער פאָטער אין הימעל, וועסטו דיין פאָלק ישראל לאָזען אויף הפקר און יעדע ווילדע חיה זאָל איהרע שאַרפע ציינער אין זיין פלייש אַריינבייסען? האָבען מיר דען ניט גענוג געליטען אין די פרעמדע לענדער צווישען די פעלקער? פאַרוואָס זאָלען מיר קיין רוה ניט געפינען דאָ אין אונזער אייגענעם הייליגען לאַנד?

אברהם אבן עזרא איז גערירט געוואָרען פון דעם אַלטען רב'ס רייד. ער האָט בעטראַכט זיין פּאַטריאַרכאַלישען פנים מיט די טיעפע קנייטשען, זיינע שנעע ווייסע האָר, זיינע קלוגע אויגען וואָס האָבען אויסגעדריקט אַזוי פיעל צער און טרויער.

— ווער ווייס ווי פיעל צרות אָט דער ליבענסווירדיגער האָט שוין אויף זיינע פּלייצעס איבערגעטראָגען — האָט זיך אברהם געטראַכט.

באַלד איז אין צימער אַריין אַ שעהנע יונגע מיידעל, פון אַ יאָהר פופצעהן און גלייך צוגעגאַנגען צום רב.

— פאָטער! האָט זי איהם אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן — דאָס עסען איז שוין פאַרטיג. — די מוטער וואַרט אויף דיר.

די מיידעל האָט געוואָרפען אַ בליק אויף דעם גאַסט און זיך פערראָיטעלט, זי איז גלייך אַרויס פון צימער.

דו וועסט עסען מיט אונז — האָט דער רב געזאָגט אברהמ"ן.

— אָבער רבי — האָט אברהם געזאָגט — מען האָט דאָך אויף מיר זיך ניט גערעכנט.

— בארוהיג זיך, אברהם, די רביצין איז צו די זאכען צוגעוואָהנט. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז אַ גאַסט קומט אומגעריכט און עס איז שטענדיג פאַראַן גענוג עסען פאַר אַלעמען — האָט דער רב ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף אברהם׳ס פּלייצע. — דו ביזט אַזוי ווי אַ שליח פון הימעל צו אונז געקומען.

אברהם איז נאָכגעגאַנגען דעם רב און זיי זיינען אריינגעקומען אין עס־צימער.

דער רב האָט פאָרגעשטעלט אברהם׳ן פאַר זיין פרוי און יונגע טאָכטער. טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין די אויגען פון דער רביצי׳ן, איהר פּנים האָט אָנגענומען אַ טרויעריגען אויסזעהן. אברהם האָט עס גלייך באַמערקט. ער האָט זיך גענומען פיהלען זעהר אומבאַקוועהם. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן פאַרוואָס זיין אָנוועזענהייט האָט אויף דיזער פרוי אָנגעוואָרפען אַזאַ מרה שחורה.

— נו, נו, פאַרשטער ניט אונזער שמחה! — האָט דער רב זיך צו איהר אָפּגערופען. — מיר האָבען אַזאַ ליבען און טייערען גאַסט פון שפּאַניען... אַ קליינינגקייט! דער ר׳ אברהם בן עזרא! ווער האָט עס פון איהם ניט געהערט? נאָך זייענדיג אין דייטשלאַנד האָבען מיר געהערט פון דיין וואונדערבאַרע שירים, אַז דו ביזט אַ פּאַסענדער תלמיד פון דעם גרויסען רבין און חכם רבי יהודה הלוי... יע, עס איז שוין באַלד צעהן יאָהר אַז מיר האָבען דייטשלאַנד פאַרלאָזען, דו ביזט נאָך דאַן גאָר יונג געווען, און שוין האָסטו זיך ערוואָרבען אַזאַ גרויסען נאָמען. פיעלע רייזענדע, וועלכע פלעגען אָנקומען פון שפּאַניען, פלעגען ריידען פון דעם גרויסען דיכטער און פילאָזאָף, פון דעם צדיק און חכם רבי יהודה הלוי און גלייכצייטיג אויך דיין נאָמען דערמאָנט... יע, אַזוי איז געווען דער ווילען פון גאָט! — האָט פּלוצים דער אַלטער רב אַ זאָג געטהאָן — ווער קען עס נעהן קעגען זיין ווילען? מיר דאַרפען איהם דאַנקען פאַר די שלעכטעס אַזוי גוט ווי פאַר די גוטעס...

— ווען ער וואָלט יעצט געלעבט — האָט די רביצין שטילערהייט געזיפצט און געווישט איהרע אויגען — וואָלט ער דאָך געווען...

— יעצט איז ניט די צייט פון דעם צו ריידען! — מיר דאַרפען אין זינען האָבען אונזער חשוב׳ען גאַסט — האָט דער רב זיך ווי אָנגעבייזערט אויף דער רביצין, און ווענדענדיג זיך צו אברהם׳ן האָט ער טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— מיט יאָהרען צוריק האָט מיט אונז אַן אומגליק פּאַסירט... מיר האָבען אונזער בן יחיד פאַרלוירען.

— אייער בן יחיד?! — האָט אברהם אויסגעשטאַרטשעט זיינע אויגען — איז ער געשטאָרבען?

— נאָך ערגער ווי געשטאָרבען! — האָט די רביצין זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— מען האָט אונזער זוהן פון אונז אַוועקגערויבט! טאַקע אַט די זעלבע קרייץ-פיהרער. — זיי זיינען אונזער שטאָט באַפאַלען און האָבען אונזער ליבען קינד אַוועקגערויבט.

— פון וועלכער שטאָט קומסטו, רבי? — האָט אברהם זיך צו איהם געווענדעט.

— פון מאַניץ!

— און איז דיין נאָמען רבי שמעון? — האָט אברהם ווידער געפרעגט.

— יע, מיין נאָמען איז שמעון! — האָט ער געענטפערט. — דו האָסט געוויס אויך געהערט פון מיין אומגליק! ווער האָט עס דאָן ניט געהערט? עס האָט מיט דעם געקלונגען אין אַלע לענדער, וואו עס געפינען זיך אידי־שע קהילות. שוין אריבער צוואַנציג יאָהר... ער וואָלט איצט געווען אַרום פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט... אָבער וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען יעצט פון דעם! עס איז אַזוי געווען באַשערט פון הימעל.

אברהם אבן עזרא איז געבליבען זיצען ווי געפּלעפט — אָט האָט ער זיך אויף אַזאַ מערקווירדיגען אופן געטראָפען מיט יאָהאַן'ס עלטערען... ער האָט געוואָלט זיך אויפשטעלען און אָפּרופען: „אייער זוהן לעבט!" אָבער ער האָט זיך באַהערשט... ער וועט דאַרפען זעהר פאָרזיכטיג זיין, איידער ער ברייננגט די נייעס צו זיי... ווייל יאָהאַן איז דאָך אַ קריסט, און דערצו נאָך איז ער ערצויגען געוואָרען אַלס היילינגער. ווי ער פאַרשטעהט איז ער פאַרבאַרייטעט געוואָרען צו ווערען אַ קאַרדינאַל. און ווען זיי זאָלען זיך יעצט דערפון דערוויסען, וועט עס דען ניט פאַר זיי זיין אַ שטאַרקער קלאַפּ... זיי זיינען שוין צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז זייער זוהן איז צו זיי אַ פאַרלוירענער, און ווען ער וועט זיי אַלעס דערצעהלען, וועט עס פאַר־גרעסערען זייער טרויער... ניין, ער וועט עס ניט טהאָן ביז וואַנען ער וועט זיך פריהער נאָך אַמאָל זעהן מיט יאָהאַנ'ען. ער וועט איהם ביסלעכווייז צוגרייטען צו דעם, אַז ער ווייסט ווער זיינע עלטערען זיינען און וואו זיי געפינען זיך... געוועהנליך, ער וועט עס ניט אַזוי שנעל קענען טהאָן צוליב דעם פאַרשפּרעכען וואָס ער האָט געמאַכט צו מאַרגאַריטאַ'ן. אָה, יעצט זעהט ער, אַז גאָט האָט איהם אַהער געבראַכט כדי צוריקצובריינגען צו די עלטערען זייער פאַרלאָרענעם זוהן... ווער ווייסט אויב יאָהאַן וועט אַליין ווע־לען זיך צוריקקעהרען. און וואָס וועט טהאָן דער פירשט פון וואַלענסיע, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז יאָהאַנ'ס עלטערען ווילען צוריקקריגען זייער זוהן. ער איז דאָך זעהר מעכטיג. ער איז דער הערשער איבער גאַנץ וואַ־לענסיע. יע, ער וועט דאַרפען האַנדלען זעהר, זעהר פאָרזיכטיג, כדי ניט צו מאַכען קיין פאַלשען שריט...

— נו, לאָמיר זיך געהן וואַשען! — האָט דער רב געזאָגט — מיר האָבען נאָך פיעל צו טהאָן היינט.

זיי האָבען זיך געוואַשען און געזעצט עסען. אַ שטילקייט האָט גע־הערשט אין הויז. יעדער איינער איז געווען פאַרטיעפט אין זיינע געדאַנקען.

פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טהיר.

— ווער קען עס זיין? — האָט זיך דער רב אַ הויב געטהאָן פון זיין פּלאַץ.

— וואַרט, פּאַטער, איך וועל געהן אַ קוק טהאָן — האָט זיך די טאָכ־טער אָפּגערופען.

— ווער עס זאָל ניט זיין, לאָז איהם ניט אריין אהער! — האָט דער רב געזאָגט — איך וועל ארויסגעהן צו איהם אין צווייטען צימער.

די מיידעל איז אַרוים און זיך גלייך צוריקגעקעהרט.

— אַ שליח פון דעם בישאָף איז אהער געקומען. ער האָט מיר גע זאָגט, אַז ער מוז זיך אומבאדינגט גלייך זעהן מיט דיר.

— פון בישאָף! — האָט דער רב אויסגערופען, און זיין פּנים איז טויט־בלייך געוואָרען. — נאָך שנעלער ווי איך האָב ערוואַרטעט!

— קיינער טאָר מיך ניט זעהן — האָט אברהם עזרא זיך אָפּגערופען.

— מיין קומען אהער דאַרף געהאַלטען ווערען בסוד — אויב ניט, וועט מיין גאַנצער פּלאַן געשטערט ווערען.

— איך וועל אריין אין יענעם צימער און הערען וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר — האָט דער רב אויסגערופען, און האָט פאַרלאָזען דעם עס־צימער.

דעם בישאָף'ס פאַרטרעטער איז אריינגעלאָזען געוואָרען אין צווייטען צימער און דער רב האָט איהם געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

— איך בין געשיקט געוואָרען פון דעם היילינגען בישאָף. ער האָט מיר דיר געהייסען איבערגעבען, אַז דו זאָלסט גלייך צו איהם קומען, ווייל די זאַך איז זעהר דרינגענד.

— איך וועל שפּעטער צוקומען — האָט דער רב געענטפערט. — געה, זאָג דעם בישאָף, אַז איך וועל צוקומען אַ ווײַלע שפּעטער.

— אויב דו ווילסט פאַרמיידען אומאַנגענעהמס פאַר דיר און פאַר אַלע אידען פון ירושלים, איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט איבערלאָזען אַלע אַנדערע זאַכען און קומען מיט מיר צום בישאָף, וועלכער וואַרט אויף דיר אין זיין וואָהנונג.

— גוט, איך געה מיט דיר! — האָט דער רב געענטפערט און ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגען זיין איבער־בגד. ער איז אריין אין עס־צימער, האָט שווייגענדיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אַרוים צו געהן מיט דעם שליח.

אריינקומענדיג אין דעם פּאַלאַץ פון דעם בישאָף האָט דער רב באַ־מערקט דאָרטען פיעלע גלחים און מאָנאַכען מיט צלמים אויף זייערע הער־צער. עס איז איהם ביטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. די לופט האָט איהם געשטיקט. ער געפינט זיך אין אַ מקום טומאה. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבען און אוועקגעהן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער איז דאָ געקו־מען צו פאַרמיידען אַן אומגליק וואָס האָט געשוועבט איבער די קעפּ פון דער גאַנצער אידישער געמיינדע פון ירושלים. ער האָט געהערט מגושם'דיגע שטימען. ווי די גלחים ריידען לאַכען צווישען זיך. אַ טרויער האָט איהם באַנומען. דאָס פאָלק ישראל געפינט זיך אין זייערע הענט, אין די הענט פון עשו.

אַט נעהמען די גלחים און מאָנאכען און פארלאָזען איינציגווייז דעם פּאַלאַץ. אימיצער קומט צו איהם און זאָגט איהם, אז ער קען שוין אריין צום בישאָף אין צימער.

ער איז אריין גלייך, מיט אַ שטאָלצען, אויפגעהויבענעם קאָפּ. ער האָט זיך אפילו פאר איהם ניט פארנייגט. ווייל וועט ער זיך דען פארנייגען פאר דעם בישאָף וועלכער טראָגט אויף זיין הארצען אַ גאָלדענעם צלם?

דעם בישאָף האָט עס שטארק פארדראָסען. — „אַ חוצפה פון אַ איידישען רב!“ — האָט ער זיך געטראַכט. אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג.

— ביזטו דער הויפט-רב פון דער אידישער געמיינדע פון ירושלים? — האָט דער בישאָף איהם געפרעגט.

— יע, איך בין זייער רב.

— ווייסטו אָן ערך וויפיעל אידען עס געפינען זיך אין ירושלים?

— מיר, אידען, זיינען ניט געוואוינט צו צעהלען. ווייל מיר ווילען, אז גאָט זאָל פארגרעסערען די צאָהל און אין אַ געצעהלטע און געוואויגענע זאך איז ניטאָ קיין מזל ברכה און דעריבער ווייס איך ניט גענוי די צאָהל פון די היגע אידען, כן ירבו!

— ווייסטו, אז די אידען געפינען זיך אין ירושלים דורך מיין חסד!

— האָט דער בישאָף ווייטער געזאָגט — ירושלים איז דורך די קרייצציגע אוועקגענומען געוואָרען פון די מאָכמעדאַנער און יעצט באַלאַנגט עס צו די קריסטען, און די אידען וואוינען דאָ אַלס איינגעבעטענע.

— ירושלים האָט געהערט צו אונז — האָט דער רב געענטפערט — נאָר מיר האָבען ביי גאָט פאַרזינדיגט און ער האָט אונז פון דאָרטען פאַרטריבען. עס איז געווען אונזער הייליגע שטאָט און ווען מיר וועלען ווערטה זיין וועט גאָט זי אונז צוריקגעבען.

— ירושלים וועט שוין מעהר קיין מאָל ניט געהערען צו די אידען!

— האָט דער בישאָף געזאָגט — מיט פייער און בלוט האָבען די הייליגע קרייץ-טרעגער איינגענומען די שטאָט און זי וועט שוין שטענדיג בלייבען קריסטליך. אָבער ניט צוליב דעם האָב איך נאָך דיר געשיקט. איך האָב וועהר וויכטיגעס מיט דיר צו ריידען. זעץ זיך עטוואָס נעהענטער צו מיר.

דער רב האָט צוגערוקט דעם שטול נעהענטער צום טיש.

— האָסטו געהערט, אז אין שפּאַניען געפינט זיך אַ אידישער מיניםטער מיט'ן נאָמען יהודה הלוי? ! — האָט דער בישאָף איהם געפרעגט.

— יע, איך האָב פון איהם געהערט — האָט דער רב צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דאָס האָב איך אויך געוואוסט — האָט דער בישאָף געזאָגט — איך בין זיכער, אז ניט נאָר האָסטו פון איהם געהערט, נאָר דו שרייבסט זיך צונויף מיט איהם.

— ניין! איך האָב פון איהם קיין מאָל ניט ערהאַלטען קיין שריפטליכע זאך און איך האָב צו איהם אויך קיין מאָל ניט געשיקט קיין בריעף.

איך האָב פון איהם בלויז געהערט פון דורכרייזענדע, וועלכע זיינען געקומען אהער פון שפּאַניען.

— איז עס אמת, אז יהודה הלוי איבט אויס א שטאַרקען איינפלוס אויף דעם קעניג אַלפאָנזא דעם אכטען?

— עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך! — האָט דער רב צוגעגעבען. — מען זאָגט, אז ער איז דער קליגסטער און געלערנסטער מאַן אין שפּאַניען.

— אין דער צייט פון אַלפאָנזאָ דעם זיעבעטען, האָבען די הייליגע טעמפּעל-ריטער אויסגעאיבט אַן איינפלוס אויף איהם. ער האָט זיי פאַרשפּראָכען, אז נאָך זיין טויט וועט דאָס גאַנצע לאַנד פון אַראַגאָניען געהערען צו דעם הייליגען אָרדער. און ער האָט זיין פאַרשפּרעכען אריינגעשריבען אין זיין צוואָה, אַזוי אַז דאָס לאַנד האָט ווירקליך שוין באַלאַנגט צו אונז. און מיט רעכט האָט דער הויפּט-מייסטער פון אָרדען געשיקט שלוחים צו פאַרהאַנדלען מיט דעם קעניג וועגען אַראַגאָניען. ער האָט זיי געהייסען פאָדערען דאָס לאַנד וואָס געהערט צו זיי, און דער טעמפּעל-אָרדען וואָלט דאָס לאַנד זיכער געקראָגען ווען ניט דער איד יהודה הלוי.

— יהודה הלוי?! פאַרוואָס זוכסטו צו וואַרפען די שולד אויף איהם? וואָס האָט ער געקענט טהאָן, אויב דער קעניג האָט ניט געוואָלט אָפּגעבען א טייל פון זיין לאַנד צו פרעמדע?

— די שלוחים פון דעם טעמפּעל-אָרדען האָבען זיך ניט לאַנג צוריקגעקעהרט פון שפּאַניען, און זיי האָבען מיר דערצעהלט, אז מיט אַלפאָנזאָ'ן דעם אכטען וואָלטען זיי שוין דורכגעקומען, אָבער זיין מיניסטער יהודה הלוי האָט זיך אריינגעמישט. עס הייסט, אז דער קעניג האָט געזאָגט די שלוחים, אז די גאַנצע פאַרהאַנדלונג זאָל געפיהרט ווערען מיט יהודה הלוי'ן. די שלוחים האָבען ניט געוואָלט פיהרען פאַרהאַנדלונגען מיט איהם ווייל זיי האָבען געוואוסט אז ער, אלס איד, וועט מאַכען שטערונגען, אָבער ווען דער קעניג האָט זיי געזאָגט, אז בלויז מיט יהודה הלוי'ן זאָלען זיי פאַרהאַנדלען, האָבען זיי זיך אונטערגעגעבען און גענומען מיט איהם פאַרהאַנדלען. אָבער דאָ האָבען זיי זיך איבערצייגט, אז יהודה הלוי איז געגען דעם אז דאָס לאַנד זאָל איבערגעגעבען ווערען צו די טעמפּעל-ריטער. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט מיט ליידיגען, און יעצט האָב איך נאָך דיר געשיקט. איך וויל אז דו זאָלסט שרייבען א בריעף צו יהודה הלוי'ן און פון איהם פאַרלאַנגען, אז ער זאָל זיך אונטערגעבען. ווען דער טעמפּעל-אָרדען וועט צום צווייטען מאָל שיקען שלוחים צו איהם, זאָל ער זעהן ווירקען אויף דעם קעניג ער זאָל אָפּגעבען אַראַגאָניען צו אונז.

— אָבער ווי אַזוי קען איך עס פון איהם פאָדערען?! — האָט דער רב זיך אָפּגערופען — איך קען דאָך איהם ניט צווינגען אז ער זאָל עס טהאָן!

— דו וועסט איהם קענען צווינגען עס צו טהאָן! — האָט דער בישאָף געזאָגט מיט א שטרענגע שטימע — ווייל אויב דאָס וועט ניט געשעהען, וועלען אַלע אידען ארויסגעטריבען ווערען פון ירושלים, זייער פאַרמעגען וועט פון זיי אָוועקגענומען ווערען פאַר דער קירכע.

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו וועלען באַשטראָפען אומשולדיגע אידען פון ירושלים? זיי האָבען דאָך קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאָן.

— איך ווייס, אַז יעדער איד איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן צווייטען!

— האָט דער בישאָף געזאָגט — און אויב יהודה הלוי וועט ניט וועלען טאָן וואָס עס ווערט פון איהם געפאָדערט, דאַן וועט דער שולד פאַלען אויף זיין קאָפּ! איך וויל, אַז דו זאָלסט איהם אַלעס אויסשרייבען און איהם זאָגען, אַז אַ גרויס סכנה שוועבט איבער די קעפּ פון זיינע ברידער אין ירושלים. און אויב ער וועט ניט וועלען העלפען וועט אויף איהם פאַלען די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

— ער איז דאָך אַזוי ווייט פון אונז. עס דויערט מאָנאַטען איידער מען קען איהם דערגרייכען, און נאָכהער מאָנאַטען איידער מיר וועלען הע־רען זיין תשובה.

— איך גיעב דיר אַ יאָהר צייט, און אויב דורכ'ן יאָהר וועסטו ניט באַווייזען צו באַוואויגען יהודה הלוי'ן ער זאָל זיך בויגען פאַר דעם טעמפּעל־אָרדען, דאַן וועל איך אַלע אידען פון ירושלים און אַרום דורכטרייבען.

— אין אַ יאָהר צייט וועלען מיר עס ניט קענען באַווייזען! — האָט דער רב זיך מיט איהם געגומען דינגען. ער וועט אונז געוויס וועלען געבען פריהער אַן ענטפער אָנווייזענדיג די אורזאַכען און מיר וועלען צו איהם ווידער מוזען שרייבען. איך בעט דיך, גיעב אונז אַמווייניגסטען צוויי יאָהר צייט, ביז דאַן וועלען מיר זיכער וויסען וואָס זיין שטעלונג וועט זיין צו אונזער פאַרלאַנג.

— איך וועל דיר געבען די צוויי יאָהר, אָבער איך וויל אַז די אידישע געמיינדע פון ירושלים זאָל מיר צושטעלען צוויי פון די וויכטיגסטע אידען, וועמען איך וועל פאַרהאַלטען אַלס משכון ביז וואַנען דו וועסט מיר ברייג־גען יהודה הלוי'ס ענטגילטיגען ענטפער.

— דאָס איז אונמעגליך! — האָט דער רב געענטפערט — מיטט וואָס פאַר אַ רעכט קאָן איך דיר אָנצייגען אויף צוויי אומשולדיגע מענשען זיי זאָלען איינגעשפּאַרט ווערען אין תפיסה אַלס משכון, אויב דו ווילסט קענסטו מיר פאַרהאַלטען אַלס משכון.

— ניין, דו דאַרפסט זיין פריי, כדי דו זאָלסט קענען זיך צונויפשריי־בען מיט יהודה הלוי'ן. די שרייב אַן אַ לאַנגען בריעף און חתמ'ע איהם מיט דער חתימה פון דער ירושלים'ער געמיינדע. דיזען בריעף וועל איך איבער־שיקען מיט איניגע פון די טעמפּעל־ריטער, וועמען איך וועל באַפאָלמעכ־טיגען מיט איהם צו פאַרהאַנדלען, און דאַן וועל איך וואַרטען אויף אַן ענט־פער, אפילו ווען עס וועט דאַרפען געדויערען צוויי פולע יאָהר.

— איך וועל פאַררופען אַן אסיפה פון אַלע פאָרשטעהער פון דער אי־דישער געמיינדע און מיר וועלען זיך באַראַטהען וועגען אַלעס, דאַן וועל איך צו דיר שיקען דעם בריעף וואָס מיר וועלען צוזאַמענשטעלען צו יהודה הלוי'ן, דו זאָלסט איהם דורכלייענען, און פאַר דיר אין די אויגען וועלען מיר דעם בריעף פאַרזיגלען.

מיט א טרויעריגען פנים האָט דער רב פארלאָזען דעם בישאָף׳ס פּאַ-לאַץ און זיך אומגעקעהרט אהיים. ער איז געווען צופרידען וואָס ער האָט גע׳פועל׳ט ביי דעם בישאָף צו קריגען צוויי יאָהר צייט.

ער האָט דערצעהלט אברהם אבן עזרא׳ן פון זיין גאנצען געשפּרעך מיט דעם בישאָף און ווי אזוי ער האָט ביי איהם ארויסגעקראָגען גאנצע צוויי יאָהר איידער די גזרה ארויסצוטרייבען די אידען פון ירושלים וועט אריין אין קראַפט.

— דערמיט וואָס מיר געווינען צייט וועלען מיר ניט דאַרפען מורא האָבען, אז יהודה הלוי וועט זיי נאָכגעבען. ווייל אויב די טעמפּעל-ריטער וועלען קריגען דאָס לאַנד אין שפּאַניען, דאַן וועלען אַלע דאָרטיגע אידען ליידען. איך ווייס, אז ווען יהודה הלוי וועט דורכלייענען דעם בריעף, וועט ער זיין שטאַרק באַזאָרגט און וועט פיליכט זעהן זיי צופרידענצושטעלען.

— איך וועל זעהן זיך אומקעהרען נאָך שפּאַניען די זעלבע צייט און איך וועל איהם אַנזאָגען ניט נאָכצוגעבען, ווייל דורך די צוויי יאָהר צייט וואָס מיר האָבען, וועלען זיכער פאַרקומען פיעלע ענדערונגען — האָט אברהם געזאָגט — איך גלויב, אז מיר זאָלען שיקען א בקשה צום פּאַפּסט איהם ערקלעהרען אַלעס וואָס עס קומט פאָר און ער וועט פיליכט ארונ-טערנעהמען די גזרה. איך האָב אויסגעפונען אז ווען פיעלע אידישע קהילות אין אייראָפּע זיינען געדראָהעט געוואָרען פון זייערע שונאים און זיי האָבען זיך געווענדעט צום פּאַפּסט, זיינען זיי געהאָלפען געוואָרען. געוועהנליך, פיעלע פון די פּאַפּסטען זיינען אַליין אויך פאַרביסענע שונאי ישראל, אָבער גראַדע דער יעצטיגער פּאַפּסט אין רוים איז ניט פיינדליך געשטימט געגען אידען, און ווען ער וועט אויסגעפינען וועגען דעם אומרעכט וואָס דער בי-שאָף פון ירושלים וויל טהאָן דער היגער אידישער געמיינדע, וועט ער זיך אריינמישען און מבטל מאַכען די גזרה.

— אָבער ווי אזוי קענען מיר צוקומען צום פּאַפּסט? — האָט דער רב געפרעגט.

— איך האָב א קריסטליכען פריינד, וועלכער שטודירט אויף קאַרדינאַל און איך גלויב, אז דורך איהם וועלען מיר קענען דערגרייכען דעם פּאַפּסט.

— און ווער איז ער? — האָט זיך שוין דער רב פאַראינטערעסירט.

— איך האָב זיך מיט איהם באַקענט אין וואַלענסיע, שפּאַניען — האָט אברהם געענטפערט. און איהם האָט שוין פאַרדראָסען וואָס ער האָט עס פאַר איהם געזאָגט. ער וועט מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג מעהר ניט צו ריי-דען וועגען יאָהאַן, ווייל עס קען זיך אמאָל פון זיין מויל עפּעס ארויסכאַפּען וועגען איהם און דאַן וועט ער זיין געצוואונגען איהם אַלעס צו דערצעהלען.

אברהם האָט ביי זיך באַשלאָסען, אז איידער ער וועט זיך אַליין מיט יאָהאַן׳ען ניט זעהן און איהם ביסלעבווייז ערקלעהרען אז ער האָט ענטדעקט זיינע עלטערן, זאָל ער אפילו קיין וואָרט מיט דעם רב רבי שמעון ניט ריי-דען וועגען איהם. ווער ווייסט אויב די נייעס אז זיין איינציגער זוהן איז געוואָרען א קאַטױלישער גייסטליכער וועט ניט זיין פאַר איהם נאָך א גרע-סערער קלאַפּ, ווי די נייעס אז מען האָט איהם אוועקגערויבט.

אין יענעם אָוונט האָט דער רב אַרויסגעשיקט דעם שמש ער זאָל צו־נויפרופען די חשוב'ע פון שטאָט אין דער גרויסער שוהל און ער האָט זיי איבערגעגעבן די רייד פון דעם בישאָף.

— אָבער גאָט האָט געשיקט די רפואה פאַר דער מכה — האָט רבי שמעון אויסגערופען — אין דער זעלבער צייט ווען די טעמפּעל־ריטער זיינען אָנגעקומען מיט אַ קלאַגע געגען דעם אידישען מיניסטער פון שפּאַניען, יהודה הלוי, איז אַהער געקומען דער יונגער דיכטער פון טאָלעדאָ, אברהם אבן עזרא. ער האָט אויסגעפונען אַלע זייערע סודות און ער האָט מיך פרי־הער געוואָרענט געגען זייער פּלאַן. און איך האָב דערוויייל געוואוסט ווי אַזוי צו ריידען מיט דעם בישאָף.

— וואו איז דיזער וויכטיגער גאַסט? — האָבען איינגע בעלי־בתים געפרעגט.

— ער איז אַהער ניט געקומען, ווייל עס וועט זיין אַ סך בעסער ווען ער וועט זיך ניט באַווייזען צופיעל אין גאַס. ער וויל, אַז קיינער זאָל איהם ניט באַמערקען דאָס ער איז געקומען אין באַריהרונג מיט מיר און די אַנ־דערע באַוואוסטע אידען, כדי עס זאָל אויף איהם קיין חשד ניט פאַלען, און דער וועלכער וועט איהם וועלען זעהן קען ער קומען צו מיר.

— און ווען וועט ער אַפּרייזען פון דאַנען?

— דאָס ווענדט זיך ווען די טעמפּעל־ריטער וועלען זיך אומקעהרען נאָך שפּאַניען — האָט דער רב געזאָגט — ער האָט פריהער אויסגעמאַר־קירט צו רייזען מיט זיי צוזאַמען פון שפּאַניען נאָך ארץ ישראל וואו ער האָט זיך אומבאַקאַנטערהייט געקענט צוהערען צו אַלע זייערע סודות און יעצט וועט ער ווידער אַזוי טהאָן, אויב איהם וועט זיך איינגעבען. אָבער איהר דאַרפט נעהמען אין אַנבאַטראַכט, הייליגע אידען, אַז אברהם אבן עזרא איז וויים פון צו זיין אַן עושר. ער האָט געקראָגען די הוצאות צו קומען אַהער, אָבער קיין געלט צו פאָהרען צוריק האָט ער ניט און מיר מוזען זעהן שאַפען פאַר איהם דאָס געלט. מיר דאַרפען טהאָן אַלעס וואָס מיר קענען ער זאָל ניט דאַרפען ליידען.

מען האָט צונויפגעקליבען באַלד אַ הונדערט שקלים און דער רב האָט עס געגומען איבערצוגעבען אברהם'ן. נאָכדעם האָט דער רב אָנגעשריבען פאָלגענדען בריעף, וואָס האָט געזאָלט איבערגעגעבען ווערען צו יהודה הלוי:

„צו דעם חכם, משורר און הייליגער מאַן, יהודה הלוי, שלום.

„אין נאָמען פון דער גאַנצער אידישער געמיינדע פון ירושלים, קום איך צו דיר מיט אַן אויפרוף פאַר הילף. דו מוזט זעהן צו רעטען די גאַנצע אידישע קהילה פון אונטערגאַנג. דער ווירדיגער בישאָף פון ירושלים האָט מיר איבערגעגעבען, אַז עס איז אין דיין מאַכט אָפּצוגעבען דאָס לאַנד אַראָגאָניען צו די טעמפּעל־ריטער, נאָר דו ביזט געווען געגען דעם, און דעריבער האָט אונז דער בישאָף געוואָרענט אַז אויב דו וועסט ווידער זיך ענטזאָגען צו ווירקען אויף דעם קעניג ער זאָל דאָס לאַנד אָפּגעבען צו די

וועלכע האָבען אַ געדרוקטע תביעה אויף דעם. דאַן וועט דער צאָרן פון אַלע קריסטען אויסגעגאָסען ווערען אויף די אידען פון ירושלים. דער בישאָף וועט אַרויסגעבען אַ גזרת ארויסצוטריי־בען אַלע אידען פון דער הייליגער שטאָט און זייער פאַרמעגען זאָל אוועקגענומען ווערען פאַר דער קירכע.

„דעריבער בעט איך דיר, גרויסער חכם און געלערנטער, אַז דו זאָלסט עס טהאָן צוליעב אונז, דיינע ברידער, פון גאַנץ ווייט. דו זאָלסט אונז רעטען פון אונטערגאַנג. איך אויס דיין איינפלוס אויף דעם קעניג און זעה צופרידענצושטעלען די טעמ־פעל־ריטער. טו עס פון אונזערט וועגען און זאָל דיר גאָט באַצאָהלען פאַר דיין גוטסקייט, פאַר דיין געטריישאַפט צו דיינע ברידער פון אַנדערע לענדער. דיזער בריעף וועט צו דיר געשיקט ווערען דורך די שלוחים פון טעמפעל אָרדען. דער בישאָף האָט זיי באַפאָלמעכטיגט צו פאַרהאַנדלען מיט דיר. נעהם זיי אויף ווי פריינד און ערפיל זייער פאַרלאַנג, און דורך דעם וועט פאַרמיטען ווערען אַ גרויסער אומגליק אויף דיינע ברידער פון ירושלים.

שמעון, דער רב פון
ירושלים עיר הקדושה"

אויף מאָרגען האָט דער רב אַליין געבראַכט דעם בריעף פאַר דעם בישאָף. ער האָט עס איהם פאָרגעלייענט און איבערזעצט. דערנאָך האָט דער בישאָף גערופען זיין אייגענעם איבערזעצער און ער האָט איהם געהייסען עס איבערזעצען פאַר איהם. און ווען דאָס האָט געשטימט, האָט ער געהייסען דעם רב אַרויפלייגען זיין חתימה און די חתימות פון דער קהלה.

— אויב יהודה הלוי האָט ווירקליך ליעב זיינע ברידער, וועט ער געוויס טהאָן וואָס דו פאַרלאַנגסט פון איהם — האָט דער בישאָף זיך אָפּגערופען צום רב, נאָכדעם ווי ער האָט זיין חתימה אויף דעם בריעף אַרויפגעלייגט, און אויב ער וועט נאָך אַלץ זיין פאַר'עקשנט, איז אַ סימן, אַז איהם אַרט ניט וואָס איך וועל טהאָן מיט די אידען פון ירושלים, און אַז איהם אַרט ניט פאַרוואָס זאָל מיך אַרען. וועל איך טאַקע זעהן מאַכען אַ סוף צו זיי אַלעמען. עס וועט אין דער הייליגער שטאָט ניט איבער־בלייבען קיין איין איינציגער איד. און ניט נאָר וועל איך אַרויסטרייבען די אידען פון ירושלים, אָבער איך וועל זעהן, אַז די אידען פון אַנדערע לענדער זאָלען פאַרפאָלגט ווערען, ביז וואַנען דער אידישער מיניסטער פון שפּאַניען וועט קומען צום שכל.

דער רב האָט זיך צוגעהערט צו דעם בישאָף'ס דראָהענדע רייד, אָבער ער האָט איהם גאָרניט געענטפערט. ער איז אוועק פון איהם מיט גע־מישטע געפיהלען פון שרעק און האָפענונג. ווער ווייס, אויב אין די צוויי יאָהר צייט וואָס ער האָט געקראָגען, וועט געלינגען מבטל צו מאַכען די טרויעריגע גזרה פון דעם שלעכטען בישאָף.

קאַפּיטעל ניין.

איניגע מאָנאַטען זיינען פאַראיבער, איידער רודאָלף און זיינע טעמ־פעל ריטער באַגלייטער האָבען געקראָגען אַ געלעגענהייט צו פאַרלאָזען דאָס היילינע לאַנד און זיך אומקעהרען נאָך שפּאַניען. שיפען אין יענע צייטען פלעגען אָפּגעהן זעהר זעלטען און דעריבער זיינען זיי געווען געצוואונגען צו ווארטען אַזאַ לאַנגע צייט ביז וואַנען אַ שיף איז אָפּגע־גאַנגען נאָך שפּאַניען.

אברהם אבן עזרא האָט אויך געווארט אויף דיזער שיף, ווייל ער האָט געוואָלט אָנקומען אין שפּאַניען אין דער זעלבער צייט כדי איבער־צוגעבען יהודה הלוי'ן, אַז דער בריעף פון דעם רב פון ירושלים איז געווען געצוואונגען, און אַז זיי האָבען צוויי יאָהר צייט.

ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מאַכמעדאַנישען וואַנדערער און האָט באַצאָהלט די געפאָדערטע סומע געלט און איז אַרויף אויף דער שיף. ער האָט זיך געפונען אונטען אין דער אָפּטיילונג וואו אַלע אַנדערע אָרימע און איינפאַכע רייזענדע זיינען געווען. דאָס האָט ער געטהאָן כדי ניט קומען אין באַריהרונג מיט רודאָלף'ן און די איבעריגע טעמפעל ריטער.

די ערשטע עטליכע טעג איז דער מיטעללענדישער ים געווען גאַנץ רו־היג. אברהם אבן עזרא פלעגט אומבאַמערקטערהייט אַרויפגעהן אויבען זיך צוהערען צו די געשפּרעכען פון די טעמפעל־ריטער. זייענדיג אָנגעטאָן אין אָרימע קליידער פון אַ מאַכמאָדאַנער, האָט קיינער זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. צווישען די פּאַסאַזשירען זיינען געווען אַ קליינע צאָהל אידען און מאַכמאָדאַנער, וועלכע זיינען ניט ערלויבט געווען צו רייזען אין דער זעלבער אָפּטיילונג וואו די קריסטען האָבען זיך געפונען.

אברהם אבן עזרא האָט זיך אפילו ניט באַקאַנט געמאַכט צווישען די אידען, אַזוי, אַז סיי די מאַכמאַדאַנער און סיי די אידען האָבען איהם גע־האַלטען פאַר אַן אמת'ן אַראַבער, ווייל ער האָט גערעדט אַראַביש פליסענד.

ער האָט זיך גאַנץ אָפּט צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכען און ער האָט געזעהן ווי ווייט די שנאה צו די אידען דערגרייכט. אפילו די אָרימע מאַכ־מאַדאַנער, וועלכע זיינען אַליין געווען פאַרהאַסט ביי די קריסטען, האָבען אויך פיינט געהאַט די אידען און פון זיי גענומען אָפּשפּאָטען. זיי האָבען זיך גערייצט מיט די אָרימע אידען און גאַנץ אָפּט זיך צו זיי געכאַפּט שלאָ־גען... ווען אברהם אבן עזרא וואָלט זיך ניט אריינגעמישט וואָלטען די עטליכע אידען געליטען פון די אונטערדריקטע מאַכמאַדאַנער. ער האָט גע'מוסר'ט די, וועלכע האָבען זיך געלאָזט וואוילגעהן אויפ'ן חשבון פון די אידען.

אויפ'ן פערטען טאָג האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורם אויפ'ן ים. די שיף האָט זיך גענומען טרייסלען און שאָקלען. די כוואַליעס האָ־בען זי ארומגעשליידערט פון איין זייט צו דער צווייטער.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ מהומה אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן, אַ בלאַסער און אַ צושראָקענער האָט פאַרזאַמעלט אַרום זיך אַלע מאַטראָזען, און ער האָט זיי געהייסן אַריינוואַרפן אין ים וויפיל משא עס איז נאָר מעגליך, כדי גרינגער צו מאַכן די לאַסט פון שיף. דאָס אָבער האָט אויך ניט געהאָלפן. די מעכטיגע כוואַליעס האָבן די שיף געשליידערט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט באַלד, באַלד און די שיף וועט זינקען.

— צעהן מענשען וועט מען דאַרפן אַריינוואַרפן אין ים כדי נאָך מעהר צו פאַרגרינגערן די משא פון דער טיף — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופען.

עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל. יעדער איינער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער זיין איינער פון די, וועלכע דאַרפען אַרויסגעוואָרפען ווערען.

די קריסטען זיינען געקומען צום קאַפּיטאַן און פון איהם פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אויסקליבען די צעהן אַרויסצואוואַרפען פון טיף פון צווישען די אומגלויביגע, די אידען און די מאַכמאַדאַנער. דער קריסטליכער קאַפּי־טאַן האָט צוגעשטימט צו זייער בקשה און ער האָט צוזאַמענגערופען די אי־דען און די מאַכמאַדאַנער און ער האָט זיי געזאָגט, אַז צעהן פון זיי וועלען דאַרפען אַריינגעשליידערט ווערען אין ים און איהם אַרט ניט ווער פון זיי עס וועט אויסגעקליבען ווערען.

די מאַכמאַדאַנער האָבן גענומען שרייען און פּילדערען:

— זאָל מען אַריינוואַרפען די אידען אין ים! צוליעב זיי איז דער שטורעם אויסגעבראָכען!

די אידען האָבן ביטער געוויינט. זיי זיינען געווען אין אַ קליינע צאָל און האָבן זיך געפּיהלט אַזוי הילפלאָז און פאַרלאָזען. קיינער וועט זיך דאָך פאַר זיי ניט איינשטעלען.

דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געהאַסט די אידען נאָך מעהר ווי ער האָט געהאַסט די מאַכמאַדאַנער, האָט שוין צוגעשטימט צו זייער פאַרלאַנג.

ווי די אידען האָבן עס דערהערט האָט צווישען זיי אויסגעבראָכען אַ יאָמערליכער געוויין. זיי זיינען געפאַלען דעם קאַפּיטאַן פון דער שפּאַנישער שיף צו די פיס און איהם געבעטען ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיי.

— מיר וועלען מתפלל זיין צו גאָט, פיליכט וועט ער זיך איבער אונז דערבאַרעמען און דער שטורעם וועט אויפהערען. ווען אברהם אבן עזרא, וועמען אַלע האָבן פאַרדעכטיגט פאַר אַ מאַכמאַדאַנער, האָט דערזעהן, אַז דער גורל פון די עטליכע אידען הענגט אויף אַ האָר און באַלד, באַלד וועלען זיי אַריינגעוואָרפען ווערען אין ים, האָט ער זיך אָפּגערופען צו דעם קאַפּיטאַן:

— יעצט זיינען מיר אַלע אין די הענט פון דעם אַלמעכטיגען גאָט, און עס איז די פליכט פון דעם קאַפּיטאַן צו טהאָן גערעכטיגקייט, און וועט עס דען ניט זיין אַן אומרעכט צו האָבן פאָראורטיילען אין אַזאַ צייט, און דערטרינקען די, וועלכע זיינען הילפלאָז? ניין, אויב עס איז באַשטימט גע־וואָרען, אַז צעהן מענשען פון דיזער אָפּטיילונג זאָלען אַריינגעוואָרפען ווע־

רען אין ים, וועט זיין ניט מעהר ווי רעכט צו טהאָן אזוי, אַז קיין אונטער־שייד זאָל ניט געמאַכט ווערען. און כאָטש איך אַליין בין אַ מאַכמאַדאַנער און וואָלט וועלען בעסער העלפען מיינע ברידער, די מאַכמאַדאַנער, פונ־דעסטווענען, וויל איך, אַז גערעכטיגקייט זאָל געטהאָן ווערען.

— און וועמען, לויט דיין מיינונג, זאָל מען אריינוואַרפען אין ים? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט אברהם אבן עזרא׳ן.

— לויט מיין מיינונג זאָלען זיך אַלע אויסשטעלען אין אַ שורה, און דער קאַפּיטאַן זאָל אָנפאַנגען צו צעהלען פון וועלכער זייט שורה ער וויל, און ווען ער וועט קומען צו דער צאָהל ניין, זאָל יענער אריינגעוואָרפען ווע־רען אין ים, און דאַן זאָל ער ווידער אָנפאַנגען צעהלען, אזוי ביז צעהן מאָל, ביז וואַנען די פולע צעהן וועלען אויסגעקליבען ווערען.

— גוט, דיין פאָרשלאַג געפעלט מיר! — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָפּ־גערופען — און איך וויל אַז דו זאָלסט אויסשטעלען די שורה. אָבער אויך דו מוזט שטעהן אין דער זעלבער שורה, און ווען דו וועסט זיין דער ניינ־טער, וועט מען דיך אויך אריינוואַרפען אין ים, כאָטש עס איז געוועזען דיין פאָרשלאַג.

— איך וויל אַליין ניט, אַז דו זאָלסט מיט מיר מאַכען אַן אויסנאַהמע — האָט אברהם עזרא זיך אָפּגערופען — איך בין גרייט אויף דעם ווי די אנדערע.

— נו, גוט, האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — שטעל אוים די שורה און איך וועל אָנפאַנגען צו צעהלען פון וועלכער זייט איך וועל וועלען.

אַלע האָבען צוגעשטימט צו זיין פאָרשלאַג און זיי זיינען געווען וויליג ער זאָל אויסשטעלען די שורה.

אויסער זיין גרויסער חכמה און געלערנטקייט אין דער הייליגער תורה, איז אברהם אויך געווען זעהר געלערענט אין וועלטליכע זאַכען. ער איז געווען אַ גרויסער בעל חשבון. ער פלעגט זעהר פלינק קענען אויסרע־כענען זאַכען אזוי פּינקטליך, אַז מען פלעגט שטוינען. ער האָט זיך יעצט באַנוצט מיט זיין מאַטעמאַטישער פעהיגקייט און האָט אויסגעשטעלט די אידען און די מאַכמאַדאַנער אזוי, אַז פון וואַנען דער קאַפּיטאַן זאָל ניט אָנפאַנגען צו צעהלען, זאָל די צאָהל ניין קיינמאָל ניט אויספאַלען אויף אַ אידען און ער האָט זיך אַליין אויך געשטעלט אין אַזאַ אָרדנונג.

דער קאַפּיטאַן האָט גענומען צעהלען, און דער ניינטער איז געווען אַ מאַכמאַדאַנער.

די אָפּיצירען האָבען איהם גלייך ארויסגענומען פון דער שורה און אויף דעם באַפעהל פון דעם קאַפּיטאַן איהם אריינגעשליידערט אין ים. דער קאַפּיטאַן האָט ווידער אָנגעפאַנגען צעהלען פון דער צווייטער זייט, און נאָך אַמאָל איז די צאָהל ניין געפאַלען אויף אַ מאַכמאַדאַנער. מען האָט צו יענעם אויך געטהאָן דאָס זעלבע.

יעדעס מאָל האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעהויבען צו צעהלען פון אָן אַנדעו זייט און אַלע צעהן מאָל איז דער „נומער ניין" געפאַלען אויף אַ מאַכמאַדאַנער.

קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז דאָס איז געטהאָן געוואָרען מיט דער פּינקטליכער אויסרעכענונג, און אַז ער האָט אַבזיכטליך אַזוי אויסגעשטעלט די שורות, אַז די אידען זאָלען באַפּרייט ווערען.

די מאַכמאַדאַנער זיינען געווען זעהר צושראָקען און באַזאָרגט. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז יעצט וועט דער קאַפּיטאַן זיך איבערצייגען, אַז זיי זיינען געווען די זינדיגע און צוליעב זיי האָט זיך דער שטורעם אָנגעפאַנגען.

אויב דער שטורעם וועט ניט אויפהערען און מען וועט נאָך אַמאָל דאַרפען גרינגער מאַכען די שיף פון דער שווערער משא, וועל איך אַליין אויסשטעלען די שורות! — האָט דער קאַפּיטאַן געוואָרענט — און איך וועל אויסקלייבען פון אייך נאָך צעהן מענשען.

צום גליק אָבער האָט זיך דער שטורם איינגעשטילט אין אָוועגט און דיאיבעריגע פּאַסאַזשירען זיינען געבליבען רוהיג.

די אידען האָבען געדאַנקט און געבענטשט גאָט וואָס ער האָט זיי אַ נס באַוויזען און זיי געראַטעט פון טויט. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלען, אַז דער וועלכער האָט זיי אַזוי אויסגעשטעלט, האָט עס געטהאָן מיט אַ כונה.

איינינע וואָכען האָט די רייזע געדויערט און אַלע האָבען דערפון גערעדט. די מאַכמעדאַנער און די קריסטען האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס קיין איד איז ניט דערטרונקען געוואָרען. אָבער דאָך האָבען פיעלע פון זיי עס אָנגענומען פאַר אַ צופאַל.

קיינעם איז ניט איינגעפאַלען חושד צו זיין, ווייל דער קאַפּיטאַן האָט דאָך געצעהלט פון ביידע זייטען.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין טאָלעדאָ, איז רודאָלף גלייך אַוועק צו אַרטהור'ן. ער האָט איהם איבערגעגעבען אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט אין ירושלים, ווי אַזוי דער בישאָף האָט געצוואונגען דעם רב פון ירושלים ער זאָל שיקען אַ בריעף צו יהודה הלוי'ן, ער זאָל זיך אונטערגעבען און זעהן ווירקען אויף דעם קעניג ער זאָל אָפּגעבען אַראַגאַניען צו דעם טעמפּעל-אָרדען.

— קענסטו מיר ציינען דעם בריעף? — האָט אַרטהור זיך צו איהם אָפּגערופען.

— דער בריעף איז געשריבען אין העברעאיש.

— דאָס מאַכט ניט. איך וועל שוין קריגען אימיצען, וועלכער פאַרשטעהט העברעאיש און ער וועט עס פאַר מיר איבערזעצען.

— אָבער דער בריעף איז פאַרזיגעלט און דער בישאָף האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער מוז אָנקומען צו איהם אַ פאַרזיגעלטער, כדי ער זאָל ניט פאַרדעכטיגען, אַז ער איז אַ געפעלשטער. נאָר אויב דו ווילסט, וועל איך דיר איבערגעבען דעם אינהאַלט פון בריעף.

— איך בין זעהר פאראינטערעסירט צו וויסען, וואָס דאָרטען שטעהט געשריבען! — האָט ארטהור ווייטער געזאָגט — איך וועל דיר נאכהער ערקלעהרען פארוואָס.

רודאָלף האָט איהם איבערגעגעבען דעם אינהאלט פון דעם ירושלים'ער רב'ס בריעף און ארטהור האָט געזאָגט:

— איך בין זיכער, אז יהודה הלוי וועט שענקען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט צו דיזען בריעף — ער וועט ניט איינשטעלען די לעבענס פון זיינע ברידער. און יעצט וועל איך דיר ערקלעהרען פארוואָס איך בין פאראינטערעסירט אין דעם. דו געדענקסט דאָך געוויס, אז איך בין געוועזען דער יעניגער, וועלכער האָט דיר געראטהען צו פאנגען זיין טאָכטער כדי איהם צו צווינגען. דאָס האָב איך געטהאָן, איידער איך האָב זי געזעהן. יענעם אָווענט, ווען איך האָב זי צום ערשטען מאָל דערזעהן, האָט מיר שוין זעהר באנג געטהאָן וואָס איך האָב דיר געראטהען צו טהאָן אזא זאך.

— האָסטו אליין דען ניט געוואָלט, אז איך זאָל זיי פאנגען? — האָט רודאָלף אויף איהם א קוק געטהאָן מיט פאַרדעכטיגטע בליקען.

— דו מיינסט געוויס, אז איך האָב געהאַט א האנט אין דעם וואָס אימיצער האָט זי פון דיינע הענט גערעטעט? ניין, דאָס געוויס ניט. איך אליין בין זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען ווער יענער יונגער מאן איז, און ווען איך טראַכט יעצט פון דעם, גלויב איך, אז ווען דו וואָלסט זי דאן יע געקומען געפאנגען, וואָלט מיר דערפון אויך ארויסגעקומען א טובה.

— איך פארשטעה ניט וואָס דו מיינסט? — האָט רודאָלף געזאָגט.

— איך בין זעהר פארליעבט אין יהודה הלוי'ס טאָכטער!

— וואָס, דו ביזט פארליעבט אין א אידישער מיידעל?! — האָט זיך רודאָלף דריי מאָל איבערגע'צלם'ט.

— עס פארשטעהט זיך, אז אזוי לאנג ווי זי געהערט צו דעם אידישען פאָלק קען דערפון קיין רייד ניט זיין. איך האָב אָבער באשלאָסען, אז איך מוז זי מאכען פאר א פרומע קאטוילישע מיידעל. און ביי איהר וואָלט איך שוין אָהן צווייפעל גע'פועל'ט. אָבער איהר פאָטער, איהם וועט מיר זעהר שווער אָנקומען איבערצוציינגען. דאריבער ווען דו נעהמסט זי דאן געפאנגען, און דו פיהרסט זי אוועק צו פעטרוס'ן, וואָלט איך דאן מעהר קיינע שוועריגקייטען ניט געהאַט זי צו באוועגען זי זאָל אָננעהמען אונזער רעליגיע. און יעצט וועט דאָס מיר ברענגען א גרויסע נוץ. פון איין זייט וועל איך שוין זעהן, אז ער זאָל וואָס שנעלער נאָכגעבען די פאָדערונג פון דעם טעמפעל אָרדען און פון דער צווייטער זייט וועל איך שטענדיג האָבען א בייטש איבער איהם. ער וועט שוין מעהר ביי זיך ניט קענען זיין אזוי שטאָלץ... ער וועט שוין דארפען אָנקומען צו מיר, איך זאָל איינשטילען דעם קעניג'ס צאָרן אויף איהם, ווייל אויב דער קעניג וועט אויסגעפינען, אז יהודה הלוי האָט אָפּגעגעבען דאָס לאנד אראגאָניען צו די טעמפעל ריטער צוליעב דעם, ווייל ער האָט געוואָלט א טוב טהאָן זיינען ווייטע ברידער פון ירושלים, וועט ער זיכער זיין אויף איהם אין כעס. און דאן וועט

יהודה הלוי דאַרפֿען אָנקומען צו מיר. ער וועט שוין דאַן צושטימען, אַז זיין טאָכטער זאָל געהערען צו מיר.

— האָסטו פּרובירט מיט איהם ריידען וועגען דעם? — האָט רודאָלף איהם געפרעגט.

— ביז יעצט האָב איך געזעהן, אַז מיין רעדען איז אַרויסגעוואָרפען, אַזוי לאַנג ווי איך האָב ניט געהאַט קיין בייטש איבער איהם, האָב איך ניט געוואָלט זיך מיט איהם אָנפאַנגען. יעצט האָף איך, אַז מיין פאַרלאַנג וועט ערפילט ווערען און יהודה הלוי וועט ניט זיין דאַגעגען, אַז איך זאָל זיין טאָכטער נעהמען פאַר מיין פרוי, און אַזוי שנעל ווי איך קריג זיין צו־שטימונג וועל איך שוין זעהן צו ברייגנען זיין טאָכטער אונטער די פליגלען פון דער קאַטוילישער רעליגיע.

אברהם איז אָנגעקומען אין טאָלעדאָ דעם זעלבען טאָג, ווען רודאָלף און זיינע באַגלייטער זיינען געקומען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין פעטער און ער האָט גלייך אָנגעשריבען דעם פאָלגענדען בריעף צו יהודה הלוי'ן:

„צו מיין חשוב'ן רבי, שלום!

„איך האָב זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט פון דער הייליגער שטאָדט ירושלים, און איך וויל זיך דיר צו שרייבען כדי דו זאָלסט קריגען מיין בריעף איידער די טעמפּעל ריטער וועלען דיר איבערגעבען די בריעף פון דעם רב פון ירושלים, וועלכע ער האָט געצוואונגענערהייט דיר געשריבען. דער בישאָף פון ירושלים, וועלכער איז באַוואוסט אַלס גרויסער שונא ישראל, האָט זיך פון די טעמפּעל ריטער דערוואוסט וועגען דיין פאַר־האַנדלונג מיט זיי און איהם איז איינגעפאַלען דיך צו צווינגען דו זאָלסט צושטימען, אַז אַראַגאָניען זאָל אָפּגעגעבען ווערען צו דעם טעמפּעל אָרדען. יעצט וויל איך דיר לאָזען וויסען, אַז דער בישאָף האָט געגעבען צוויי יאָהר צייט און נאָך דער געגעבענער צייט וועט ער מאַכען אַ פאַרזוך דורכצופיהרען די שרעקליכע גזרה. איך אָבער בין זיכער, אַז דאָס וועט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעבען, ווייל איך גלויב, אַז ווען דער פּאַפּסט פון רוים וועט זיך דערפון דערוויסען, וועט ער עס ניט דערלאָזען. די־ריבער וויל איך זיך דיר עס אָנצוזאָגען, אַז דו זאָלסט ניט האָבען קיין זאָרג און דו זאָלסט טאָן וועגען אַראַגאָניען לויט די דיק־טירונג פון דיין געוויסען און שכל. איך שיק דיר דיזען בריעף מיט אַ שליח, ווייל איך האָב מיט די טעמפּעל ריטער צוויי מאָל געררייזט הין און צוריק, און איך דאַרף יעצט זיין נאָך מעהר פאָרזיכטיג, אַז מען זאָל מיר ניט באַמערקען אין דיין הויז. איך האָף, אַז עס וועט שוין לאַנג ניט געדויערען און איך וועל האָבען די זכיה זיך צו זעהן מיט דיר פנים אל פנים."

דיין תלמיד אברהם אבן עזרא".

אברהם האָט איבערגעגעבען דעם בריעף צו דעם יונג, וועלכער האָט זיך געפונען ביי זיין פעטער און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דיזען בריעף צו קיינעם ניט אָפּגעבען נאָר צו יהודה הלוי'ן אין די הענט. און ער זאָל קיינעם ניט זאָגען ווער עס האָט איהם געשיקט.

— אויב אימיצער זאָל דיך פרעגען, זאָלסטו זאָגען, אַז דו ווייסט ניט.

דער יונג האָט פארשפּראָכען אַזוי צו טהאָן און ער איז אַוועק צו יהודה הלוי אין הויז. ווען יהודה הלוי איז ניט געווען אין הויז, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אויף איהם וואַרטען.

וואַרטענדיג, האָט ער באַמערקט, אַז דער יונגער מיניסטער ארטהור קומט אריין אין הויז. ער הערט ווי ער פרעגט זיך נאָך אויף הדסה'ן און די דינסט־מיידעל געהט אריין צו איהר אין צימער. באַלד זעהט ער ווי הדסה קומט ארויס און זי באַגריסט זיך מיט ארטהור'ן. זי האָט מיט איהם גערעדט אַ היבשע ווײַלע ביז וואַנען ער איז אַוועק.

דעם יונג איז עס געוואָרען אויפפאַלענד. ער האָט געהערט ריידענדינג, אַז ארטהור איז אַ פאַרביסענער אידען־פיינט, און דאָ קומט ער דאָ פאַרברייגגען מיט רבי יהודה הלוי'ס טאָכטער. ער האָט באַשלאָסען, אַז ער וועט עס דערצעהלען אברהם אבן עזרא און הערען זיין מיינונג וועגען דעם.

אַזוי שנעל ווי ער האָט איבערגעגעבען דעם בריעף צו יהודה הלוי'ן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט.

— איך האָב דיין בריעף איבערגעגעבען רבי יהודה הלוי'ן אין די הענט — האָט דער יונג זיך אָפּגערופען צו אברהם'ען, — אָבער איך האָב אויף איהם געדאַרפט וואַרטען אַ היבשע ווײַלע.

— און ווי קוקט ער אויס? — האָט זיך אברהם פאַראינטערעסירט.

— ער קוקט אויס זעהר גוט. ער איז געווען אין אַ זעהר פרעהליכער שטימונג. ער האָט מיר געפרעגט ווער עס האָט מיר דעם בריעף געגעבען און איך האָ איהם געזאָגט, אַז איך בין פאַרזאָגט ניט צו זאָגען. אָבער איין זאַך פאַרשטעה איך ניט. איך האָב דאָרט געזעהן דעם יונגען מיניסטער ארטהור.

— נו, פאַרוואָס פאַרשטעהסטו ניט? — האָט אברהם עזרא געשמייכעלט. — זיי זיינען דאָך ביידע מיניסטאָרען אין קעניגליכען פּאַלאַץ, האָבען זיי דאָך געוויס געמיינשאַפטליכע ענינים וועגען וואָס זיי דאַרפען זיך דורכריידען.

— אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז ארטהור ניט געקומען זיך צו זעהן מיט יהודה הלוי'ן, נאָר מיט זיין טאָכטער הדסה'ן, — האָט דער יונג געענטפערט.

— מיט זיין טאָכטער! — האָט אברהם אויסגערופען, און דאָס בלוט איז איהם אריין אין פּנים. — פון וואַנען ווייסטו, אַז ער איז געקומען צו איהר און ניט צו יהודה הלוי'ן?

— ווייל איך האָב געהערט ווי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף הדסה'ן און ווען דאָס דינסטמיידעל איז אריין צו איהר אין צימער און איהר געזאָגט, אַז ארטהור וואַרט, איז זי גלייך ארויסגעקומען און איהם באַגריסט.

נאָכהער האָט זי מיט איהם פאַרבראַכט אַ היבשע ווײַלע ביז וואַנען ער איז אוועק.

אברהם איז געבליבען שטעהן צעטומעלט. ער האָט ניט געקענט באַגרייפען, אַז עס זאָל מעגליך זײַן, אַז ער, אַרטהור, וועלכער איז אַ פאַרביסענער אידען־פײַנט, זאָל גאָר האָבען צוטריט אין יהודה הלוי׳ס הויז, און הדסה צייגט איהם נאָך דערצו אַרויס גרויס פרײַנדליכקייט... וואָס זאָל דאָס באַדײַטען? ער האָט גענומען טראַכטען, אַז ער האָט פיליכט ניט ריכטיג געטהאָן, וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט דערקענען, ווײַל דאַן וואָלט ער געקענט אויסזאָגען ווי אַזוי ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם פּלאַן איהר צו פאַנגען, אַז ער האָט געהערט ווי אַרטהור האָט עס געראַטהען. זי דאַרף וויסען, אַז פון אַרטהור׳ס פרײַנדשאַפט וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

אַ היבשע ווײַלע האָט אברהם געטראַכט פון דעם. די געדאַנקען, אַז הדסה פאַרברייינגט מיט אַרטהור׳ן האָבען איהם באַאומרוהיגט. ער איז זיכער אַז זי וועט ניט הייראַטהען מיט קיין קאַטאָליק, אָבער ווער ווייסט, וואָס אַרטהור האָט פאַרשפּראָכען איהר צו טהאָן?... ניין! ער טאָר דערצו ניט דערלאָזען! די פאַראַנטוואָרטליכקייט וועט פאַלען אינגאַנצען אויף איהם... ער האָט זי ניט געוואָרענט וועגען איהם... יעצט אָבער איז נאָך ניט געקומען די צייט ער זאָל זיך ענטדעקען. ער וועט דאַרפען וואַרטען ביז וואַנען די טעמפּעל ריטער וועלען אינגאַנצען פאַרלאָזען דאָס לאַנד. ער איז געוועזען זיכער, אַז יהודה הלוי וועט זײַ אַרויסצייגען, אַז ער שרעקט זיך ניט פאַר דער דראָהונג, וואָס דער בישאָף פון ירושלים דראָהט די דאָרטיגע אידען, ווען די טעמפּעל־ריטער שוין מעהר אין לאַנד ניט פאַרבלײַבען. יעצט האָט ער בלויז געוואָלט וויסען ווען יהודה הלוי וועט מיט זײַ פאַרהאַנדלען. אַזוי שנעל ווי די טעמפּעל ריטער פאַרלאָזען טאָלעדאָ, וועט ער מוזען אָפּרייזען נאָך וואַלענסיע, זיך צו זעהן מיט יאָהאַן, ער זאָל זעהן איבערגעבען דעם פּאַפּסט גרעגאָר דעם זיבעטען, ער זאָל ניט דערלאָזען אַז דער בישאָף פון ירושלים זאָל שלעכטס טהאָן די אידען.

— דו געהסט דאָך גאַנץ אָפּט דאַוונען אין דער זעלבער שוהל, וואו יהודה הלוי דאַוונט? — האָט זיך אברהם אָפּגערופען צו זײַן פעטער. — האַלט דאָרטען דײַנע אויערען אָפען און הער זיך צו, וואָס מען רעדט. געוויס וועט מען דאָרטען וויסען, אויב יהודה הלוי האָט זיך ווידער געזעהן מיט די טעמפּעל־ריטער.

— איך קען דיך ניט פאַרשטעהן, אברהם! — האָט זײַן פעטער זיך צו איהם אָפּגערופען. — אַלע אין טאָלעדאָ רעדען פון דיר. מען לויבט דיך ביז׳ן הימעל אַרײַן. אייניגע אפילו ווילען דיך פאַרגלייכען צו יהודה הלוי׳ן, און איך ווייס ווי נייגעריג יהודה הלוי איז זיך מיט דיר צו זעהן און דו זיצסט אין הויז און ווילסט אין ערגעץ ניט אַרויסגעהן?! דו האָסט זיך גאָרניט וואָס צו שעהמען... אפילו די קליידער, וואָס דו טראָגסט זײַנען גאַנץ שעהן.

— אָבער פאַרגעס ניט, פעטער, אַז די קליידער זײַנען ניט מײַנע. מען האָט דאָך זיי מיר געשאָנקען, — האָט אברהם געשמייכעלט. — און דערי־

בער שעהם איך זיך צו ווייזען אין זיי.

— אויב דו שעהמסט זיך צו ווייזען אין געשאָנקענע קליידער, האָסטו געדאַרפט זעהן עפּעס אַליין צו פאַרדינען. איך בין זיכער, אז דו, מיט דיינע פעהיגקייטען, וואָלסט געקענט גוט פאַרדינען. אָבער אַנשטאָט צו זאָרגען פאַר דיין צוקונפט, וואַנדערסטו אָהן א ציעל. דו פאַרנאַכלעסיגסט אַלץ.

— צו וואָס טויגען פעהיגקייטען, אז עס איז נישטאָ קיין מזל ? — האָט אברהם עזרא זיך אָפּגערופען. — דו ווייסט דאָך, אז צו וואָס איך האָב זיך גענומען בין איך דורכגעפאַלען. און איך בין זיכער, אז ווען איך וואָלט גענומען האַנדלען מיט תכריכים, וואָלט געווים אין מיין גאַנצען לעבען קיין איין מענש ניט געשטאָרבען. און ווען איך וואָלט פאַרקויפט ליכט, וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען ביז דעם טאָג פון מיין טויט...

— אָבער אז דו טהוסט גאָרניט, וועסטו דאָך געווים ניט באַגליקען ? דו וועסט שטענדיג דאַרפען געהן אין געשאָנקענע קליידער און דו וועסט זיך שעהמען דיינע אויגען צו ווייזען פאַר מענשען. אָט ביזטו שוין עטליכע טעג אין טאָלעדאָ און דו ביזט נאָך אפילו פון מיין הויז ניט אַרויס אויף א קליינער ווייַלע. מיין ניט, אז איך זאָג עס דיר, ווייל איך זשאַלעווע דיר מיין הויז און שפּייז. דו אַליין ווייסט דאָך וואָס פאַר א טייערער גאַסט דו ביזט ביי מיר. אָבער איך זאָג עס דיר פאַר דיין אייגענער טובה וועגען. געה אַרויס צווישען מענשען און דאַן וועט דיר קיין כבוד ניט פעהלען. איך וויל אויך זיין שטאָלץ מיט דיר, קום, לאָמיר געהן דאַוונען צוזאַמען אין רבי יהודה הלוי'ס שוהל. איך בין זיכער, אז רבי יהודה הלוי וועט זיך מיט דיר אַרומכאַפּען, ווייל ער האַלט זעהר פון דיר.

— עס איז פאַראַן אַן אַנדער אורזאַכע, פאַרוואָס איך קען יעצט זיך ניט באַווייזען אין דרויסען בייטאָג, — האָט זיך אברהם אָפּגערופען. — אַן אַנדער מאָל וועסטו אויסגעפינען וועגען דעם. דערווייל מוז מיין זיין דאָ אין טאָלעדאָ געהאַלטען ווערען בסוד און איך בעט דיך, פעטער, אז דו זאָלסט מיין וואונש ערפילען.

— האָב איך זיך דען ווען עס איז ענטזאָגט צו ערפילען דיינע וואונשען ? — האָט דער פעטער זיך אָפּגערופען. — האָסטו ערגעץ־וואו א נעהענטערען קרוב און א בעסערען פריינד ווי איך בין צו דיר ? הלואי וואָלסטו מיין וואונש אַזוי ערפילט...

— און וואָס איז דיין וואונש, פעטער ?

— מיין וואונש איז, אז דו זאָלסט אויפהערען צו וואַנדערען, דו זאָלסט זיך אויסקלייבען א מיידעל פון דאַנען און מיט איהר חתונה האָבען און זיך לעבען א גליקליך רוהיג לעבען.

— אז איך האָב קיין מזל ניט, וועט מיר ניט העלפען דאָס קלייבען. אָט וועל איך זיך אויסקלייבען א מיידעל און ווען איך וועל זיין גרייט מיט איהר צו הייראַטען, וועט זי מיך ניט ווע‍לען !

— ווענען דעם ווייס איך, אז דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען! איך ווייס פון פיעלע אידען, וועלכע וואָלטען זיך געשעצט גליקליך, אויב דו וואָלסט צוגעשטימט צו ווערען זייער איידים.

— אָבער ווער זיינען זיי? — האָט אברהם געשמייכעלט.

— דו גיב מיר נאָר דיין צושטימונג און דו וועסט זעהן וויפיעל אידען עס וועלען אָפּקלאַפּען מיין שוועל!

— ניט יעצט! פיעלייכט שפּעטער, ווען איך וועל זיך מעהר ניט באַדאַרפען אויסבאַהאַלטען! — האָט אברהם איהם געענטפערט.

— איך קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס דו זאָלסט זיך באַדאַרפען אויס־באַהאַלטען. דו האָסט קיינעם ניט ערמאָרדעט, פון קיינעם ניט גע'גנב'עט אָדער גערויבט, און דו האָסט זיך מורא צו באַווייזען אין גאַס...

— עס וועט לאַנג ניט דויערען און דו וועסט אַלעס פאַרשטעהן, פעטער, — האָט אברהם געזאָגט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל. — דערוויל דאַרף מיין אנוועזענהייט דאָ געהאַלטען ווערען בסוד. איך וועל מוזען מאַכען נאָך איין קורצע רייזע און דאַן וועט אַלעס רעכט ווערען. און יעצט נעפּין אויס, וואָס עס איז געוואָרען פון די פאַרהאַנדלונגען, וואָס יהודה הלוי האָט געפיהרט מיט די טעמפּעל־ריטער, ווייל איך מוז עס וויסען איידער איך רייז אָפּ פון דאַנען.

— מעגליך אַז אַזעלכע זאַכען ווערען געהאַלטען בסוד און קיינער וועט דערפון ניט וויסען.

— ניין, עס וועט פאַר אַלעמען קיין סוד ניט זיין, ווייל פיעלע מענשען זיינען אין דעם פאַראינטערעסירט. מען וועט אין שטאָדט רעדען פון דעם.

ווען יהודה הלוי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון קעניג'ס פּאַלאַץ צו זיך אהיים, האָט ער דאָרטען געטראָפען איינעם פון די טעמפּעל־ריטער וואַר־טענדיג אויף איהם.

— וואָס איז דיין וואונש? — האָט יהודה הלוי איהם געפרעגט.

— איך האָב דיר געבראַכט א בריעף פון דעם רב פון ירושלים.

— פון דעם רב פון ירושלים? — האָט זיך יהודה הלוי געמאַכט ווי ער איז איבערראַשט.

— אָט איז דער בריעף. ער איז פאַרזיגעלט. אזוי ווי איך האָב איהם געקראָגען, אזוי האָב איך איהם געבראַכט.

יהודה הלוי האָט גענומען דעם בריעף און האָט איהם גלייך געעפענט און דורכגעלייענט.

דער טעמפּעל־ריטער האָט איהם נאָכגעפאָלגט. ער האָט איהם באַ־טראַכט און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט אויף יהודה הלוי'ס פּנים ניט באַמערקט קיין ענדערונג.

— דער הויפּט טעמפּעל־ריטער, רודאָלף, איז אויך געקומען און ער האָט מיר געהייסען פרעגען, ווען דו ווילסט זיך מיט איהם זעהן?

— האָב איך זיך דען מיט איהם ניט געזעהן מיט א צייט צוריק?

— האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופֿען. — איך האָב דאָך איהם דאָן מיין תשובה געגעבען.

— אָבער דאָן האָסטו דאָך ניט געהאַט דעם בריעף פון דעם רב פון ירושלים? — האָט דער טעמפּעל־ריטער זיך אָפּגערופֿען. — ביזטו דען ניט באַזאָרגט וועגען דעם גורל פון דיינע ברידער?

— געוויס בין איך וועגען זיי באַזאָרגט! — האָט יהודה הלוי געענטפערט. — אָבער איז עס דען דאָס ערשטע מאָל, ווען שונאים דראָהען אונז? מיר האָבען בטחון אין אונזער גאָט, אַז ער וועט אונז ניט פֿאַרלאָזען. און אַזוי ווי ער האָט אונז ביז יעצט געהאָלפֿען פון אונזערע שונאים, אַזוי וועט ער ווייטער מיט אונז טהאָן!

— ווילסטו זיך אַפילו ניט זעהן מיט רודאָלפ'ן?

— אויב ער וויל קומען צו מיר, וועל איך מיט איהם רעדען, אָבער איך וועל מיין מיינונג ניט בייטען.

— נו, דאָס וועסטו זיך שוין איבעררעדען מיט רודאָלפ'ן, פֿיעלייכט וועט ער דיר בעסער קענען געבען צו פֿאַרשטעהן די ערנסטקייט פון דער זאַך. זאָל ער צוקומען?

— אויב ער וויל, קען ער צוקומען אין אָוונט צו מיר אין הויז, כאָטש איך זעה ניט איין צו וואָס ער דאַרף זיך מטריח זיין?...

— גוט, איך וועל איהם הייסען צוקומען! — האָט דער טעמפּעל־ריטער געזאָגט און איז אַרויס.

אין דעם זעלבען אָוונט איז רודאָלף געקומען צו יהודה הלוי'ן. דער אַנדערער טעמפּעל־ריטער האָט איהם גאָרניט דערצעהלט וועגען זיין געשפּרעך.

— האָסטו באַקומען דעם בריעף? — האָט רודאָלף זיך געווענדעט צו יהודה הלוי גלייך ווי ער איז אַריינגעקומען.

— יע, איך האָב איהם ערהאַלטען, — האָט יהודה הלוי קאַלטבלוטיג געענטפערט.

— און וואָס איז דיין מיינונג וועגען דעם? — האָט רודאָלף איהם דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען.

— איך האָב שוין געזאָגט דעם, וועלכער האָט מיר דעם בריעף איבערגעגעבען.

— ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט!

— איך האָב איהם געזאָגט, אַז דו דאַרפסט זיך ניט מטריח זיין, ווייל איך האָב מיין מיינונג ניט געענדערט. דער קעניג האָט עס איבערגעגעבען צו מיר און איך וועל איהם ניט פֿאַראַטען. איך ווייס, אַז דו האָסט געמאַכט אַ פֿאַרזוך צו פֿאַנגען מיין טאָכטער, כדי מיך צו צווינגען איך זאָל נאָכגעבען די פֿאָדערונגען פון דעם טעמפּעל־אָרדען, אָבער איך פֿאַרזיכער דיך, אַז אַפילו ווען דיר וואָלט זיך עס געוועהן איינגעגעבען, וואָלט קיין ענדערונג ניט געמאַכט געוואָרען, ווייל איך וועל מיין קעניג און פֿאָטערלאַנד קיינמאָל ניט פֿאַראַטען. איך ווייס, אַז אָפּצורייסען אַ שטיק פון שפּאַניען איז זעהר

ניט גינסטיג פאַר דער מלוכה. און יעצט זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, אַז אפילו הונדערט אַזעלכע בריעף װעלען מיך ניט באַװעגען צו ענדערען מיין מיינונג. און אויב דו האָסט ספּעציעל צוליעב דעם געמאַכט די רייזע פון דאַנען נאָך ירושלים און צוריק, האָסטו עס געטהאָן אומזיסט. עס װעט בלייבען װי פריהער. אַראַגאָניען װעט ניט איבערגעגעבען װערען צו דעם טעמפּעל־אָרדען.

— און דיר אַרט ניט װאָס אַ גאַנצע געמיינדע פון אידען װעלען פּאַרטיליגט װערען — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען מיט צאָרן — דו װייסט דאָך, אַז אַלע אידען געפינען זיך אין די הענט פון די קריסטען, און מיר קענען טהאָן מיט זיי װאָס אונזער הארץ געלוסט.

— עס איז מיין פליכט צו באַשיצען די אינטערעסען פון אונזער לאַנד און אונזער פאָטער אין הימעל װעט באַשיצען דעם פאָלק ישראל פון זיינע שונאים! — האָט יהודה הלוי געענטפערט. איך װייס איין זאַך, װען דער בישאָף פון ירושלים װאָלט דעם רב ניט געצװאונגען, װאָלט ער צו מיר דיזען בריעף ניט געשריבען, און װי שװער עס װעט פאַר מיר זיין צו ענט־זאָגען, װעל איך עס מוזען טהאָן.

— יעצט װעלען אַלע טעמפּעל ריטער װיסען, װער עס איז זייער אמת'ער שונא — האָט רודאָלף אויסגערופען. — איך זאָג דיר צום לעצטען מאָל: בעזין זיך גוט, איידער דו מאַכסט דעם ענטגילטיגסטען באַשלוס.

— איך האָב שוין מיין באַשלוס געמאַכט — האָט יהודה הלוי אויס־גערופען. — קיין איינציגער פוס באָדען פון שפּאַניען װעט ניט אַריבערגעהן צו די טעמפּעל ריטער! אַזוי לאַנג װי עס װענדעט זיך אין מיר.

— דאַן װעט דאָס בלוט פון דיינע ברידער אין ירושלים פאַלען אויף דיין קאָפּ! — האָט רודאָלף געזאָגט. — מיר האָבען דיר גענוג געװאָרענט.

— גאָט װייס װער עס איז דער שולדיגער! — האָט יהודה הלוי גע־זאָגט און יעצט קענסטו געהן, האָט רבי יהודה הלוי אויפגעעפענט די טהיר.

דערװייל איז אַריינגעקומען אין צימער הדסה. זייערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט און הדסה האָט אויסגערופען „אח"! און זיך צוריקגעצויגען עטליכע טריט.

— פאָטער, אָט דער מאַן איז דאָך געװען דער װעלכער איז מיר יענע נאַכט באַפאַלען! האָט זי אויסגערופען מיט אַ ציטערענדע שטימע.

— איך װייס, מיין טאָכטער! — האָט יהודה הלוי זי צוגעהאַלטען ביי דער האַנט — אָבער יעצט האָסטו ניט װאָס מורא צו האָבען. — װען דער קעניג װעט װיסען פוןביידע זאַכען, װעלען שוין די טעמפּעל ריטער פאַרלירען זייער רעכט זיך צו געפינען אין טאָלעדאָ. פאַרשטעהסטו, הדסה, איך האָב דעם קעניג ניט געװאָלט דערצעהלען װעגען די אומװירדיגע מעשים פון די טעמפּעל ריטער. יעצט אָבער, אַז זיי זוכען אַנדערע אונריינע מיטלען כדי צו דערגרייכען זייער ציעל, װעל איך אַלעס דערצעהלען דעם קעניג, זאָל ער װיסען, װאָס פאַר אַ געפאַהר די טעמפּעל ריטער װאָלטען געװען פאַר דעם פרידען פון אונזער לאַנד.

רודאָלף איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זײַן פּלאַץ. ער האָט נאָך אַזאַ בילד שעהנע מיידעל ניט געזעהן. יעצט איז עס שוין ביי איהם קיין וואונדער ניט געווען, וואָס ארטהור איז אין איהר פארליעבט... ווען ער האָט אָבער געהערט יהודה הלוי'ס לעצטע רייד, איז ער צו זיך געקומען און האָט זיך געלאָזען צו דער טהיר.

— איך האָב ניט מורא פאר דעם, וואָס דו וועסט דערצעהלען דעם קעניג — האָט רודאָלף געזאָגט. — דו פארגעסט, אז די קרייצציגער און די טעמפּעל ריטער זיינען יעצט איין גרויסע מאַכט און אַלע קעניגע רעכע־נען זיך מיט זיי. דער שפּאַנישער קעניג וועט קיין שלעכטעס ניט טהאָן איינעם, וועלכער איז געשיקט געוואָרען ביי דעם הויפּט מייסטער פון טעמפּעל אָרדען און ביי דעם הייליגען בישאָף פון ירושלים. מיר טעמפּעל ריטער געניסען פולע פרייהייט אין אַלע קריסטליכע לענדער. און טראָץ דעם וואָס אין דער קריסטליכער שפּאַניען געפינט זיך אַ אידישער מיניסטער, וועלען מיר אונזער רעכט ניט פארלירען.

רודאָלף איז אַרויס פון יהודה הלוי'ס הויז מיט גרויס צאָרן. ער האָט געזעהן אז ער קען שוין גאָר ניט אויפטהאָן מיט יהודה הלוי'ן.

די איינציגע האָפנונג, וואָס איהם איז פארבליבען איז געווען ארטהור, ער וועט איהם מוזען קומען צו הילף. יעצט אז ער וויס אז ארטהור איז פארליעבט אין זיין טאָכטער, וועט ער איהם קענען צווינגען, ער זאָל פאר דעם טעמפּעל אָרדען עפּעס טהאָן. ווען ניט וועט ער קענען איבערגעבען יהודה הלוי'ן און זיין טאָכטער, אז די עצה צו נעהמען הדסה'ן געפאַנגען, שטאַמט טאַקע פון ארטהור'ן.

רודאָלף האָט קיין צייט ניט פארלוירען. ער איז באַלד אוועק צו ארטהור'ן און איהם איבערגעגעבען אַלעס וואָס יהודה הלוי האָט מיט איהם גערעדט.

— איך האָב אויף דיר געלעגט זעהר פיעל האָפנונג! — האָט רודאָלף זיך צו איהם אָפּגערופען — און יעצט מוז איך זיין ענטטוישט. דו האָסט פאר מיר גאָר ניט געטהאָן. דו זעהסט דאָך, אז דער קעניג אַלפאַנזאָ געהט אויף אַ קרומען וועג. מיט דעם וואָס ער האָט אַ אידישען מיניסטער און אין זיינע הענט האָט ער געגעבען די מאַכט צו פארהאַנדלען מיט אונז, קריסטען, דאַמיט אַליין האָט ער באַליידיגט דעם טעמפּעל אָרדען. יעצט אַז מיר האָבען גאָר ניט אויסגעפירט, וועט דיזע באַליידיגונג נאָך שטאַרקער ווערען. די טעמפּעל ריטער וועלען אין דעם ניט שווייגען.

— מיר האָבען אַ רעכט דערצו — דאָס לאַנד געהערט דאָך צו אונז מיט דער צוואה פון דעם פריהערדיגען קעניג, אָבער עס איז געווען אונזערע פּרינציפּען צו פיהרען מלחמות געגען קריסטליכע מלוכות, און דעריבער וואָלט איך דיר געראַטהען דו זאָלסט זעהן אנווענדען אַלעס וואָס דו קענסט צו ווירקען אויף דעם שמוציגען אידען, יהודה הלוי, ער זאָל דורכקומען מיט מיר. דו מוזט זעהן צוצוברעכען זיין עקשנות.

— אָבער ווי אַזוי קען איך דאָס טהאָן! — האָט ארטהור זיך אָפּגערו־

פען. — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיינע אייגענע שוועריגקייטען מיט איהם. איך זוך אַליין צו געפינען חן אין זיינע אויגען, ער זאָל ניט זיין דאַגעגען איך זאָל הייראַטען מיט זיין טאָכטער. און אַזוי שנעל ווי איך קריג זיין צושטימונג און האָב מיט איהר חתונה, וועל איך זי ברייננען אין קלויסטער צו פעטרוס'ן און ער וועט זי אָפּ'שמד'ען פאַר אַ קאַטוי־ליקין. יעצט אָבער טאָר איך דערפון ניט ריידען מיט איהר. איך וועל זי פריהער מוזען אריינקריגען אין מיין רשות... און שטעל זיך פאָר, אַז איך זאָל זיך נעהמען איינשטעלען פאַר דעם טעמפּעל אָרדען, וועל איך דען ניט אַלעס פאַרלירען... ניין, דו דאַרפסט יעצט פון מיר גאָר ניט פאַרלאַנגען. איך טאָר ניט פאַרלירען די שעהנע הדסה'ן. מיין ליבע צו איהר ווערט שטאַרקער מיט יעדען טאָג. איך קען פון קיין זאַך ניט טראַכטען בלויז פון דעם ווי אַזוי זי צו קריגען פאַר מיין פרוי און דערנאָך זי מאַכען פאַר אַ קריסטין.

— איך האָב זי היינט צום ערשטען מאָל דערזעהן! — האָט רודאָלף געזאָגט. — דאַן ווען איך האָב זי געזאָלט פאַנגען איז געווען גוט פינסטער און איך האָב איהר פנים ניט געקענט באַמערקען. היינט אָבער, האָב איך איהר פנים געזעהן, און איך בין גאַרניט איבערראַשט אַז דו ביזט אין איהר פאַרליבט.

— האָסטו ווען עס איז געזעהן אַזאַ וואונדערבאַרע שעהנהייט! — האָט ארטהור אויסגערופען מיט באַגייסטערונג.

— איך בין זיך מודה, אַז אַזאַ שעהנע ווי זי איז, האָב איך נאָך ניט געזעהן — האָט רודאָלף געענטפערט. — אָבער דאָך גלויב איך ניט, אַז דו וועסט זי קענען קריגען, אויב דו וועסט מיר ניט ארויסהעלפען.

— איך פאַרשטעה ניט וואָס דו מיינסט — האָט איהם ארטהור אָנגע־קוקט מיט ערשטוינונג.

ווען הדסה האָט מיך דערזעהן, האָט זי מיך גלייך דערקענט. זי האָט אויסגערופען צו איהר פאָטער, אָנצייגענדיג אויף מיר מיט איהרע פינגער, אַז איך בין עס דער מאַן וועלכער האָט זי געוואָלט יענע נאַכט נעהמען געפאַנגען. דאַן האָט איהר יהודה הלוי געענטפערט, אַז ער ווייס עס און אַז ער וועט דערצעהלען דעם קעניג וועגען דעם. ער וועט איהם דערצעהלען, אַז איך האָב געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַנגען זיין טאָכטער, כדי איהם צו צווינגען ער זאָל צושטימען אָפּצוגעבען אראַגאַניען פאַר דעם טעמפּעל אָרדען. און ער וועט איהם אויך דערצעהלען וועגען דעם בריעף וואָס דער רב פון ירושלים האָט געצוואונגענערהייט צו איהם געשריבען. יעצט איז דיין פליכט עס צו פאַרמיידען ער זאָל דעם קעניג גאַרניט דערצעהלען פון דעם.

— ווי אַזוי וועל איך קענען ווירקען אויף איהם — האָט ארטהור געזאָגט. — דו ווייסט דאָך אַז יעצט איז פאַר מיר נאָך שווערער ווי פריהער פון איהם צו פאַרלאַנגען זאַכען וואָס איהם זיינען ניט צום האַרצען.

— אָבער וואָס וואָלסטו, צום ביישפּיעל, געזאָגט צו דעם, אַז דער

קעניג און יהודה הלוי צוזאמען מיט זיין טאָכטער זאָלען זיך דערוויסען אז דו ביזט עס געווען דער, וועלכער האָט מיר געראטהען איך זאָל פאנגען זיין טאָכטער, כדי איהם צו קענען צווינגען ער זאָל מיר נאָכגעבען.

— אָבער דו וועסט דאָך מיר ניט פארראטהען! — האָט ארטהור זיך אָפּגערופען.

— איך האָב זיך דאָן אויף דיר פארלאָזען. איך האָב אָנגענומען דיין עצה און איך בין דורכגעפאלען. און יעצט איז דיין פליכט מיך פון דער אונאנגענעהמער לאַגע ארויסצונעהמען. דו ווייסט דאָך, אז ווען דער מייסטער פון טעמפעל אָרדען וועט אויסגעפינען, אז איך בין דורכגעפאלען צוליב דעם וואָס איך האָב ניט ריכטיג געהאנדעלט, וועל איך פארלירען מיין אמט און מעגליך אז איך וועל פון איהם פאר דעם באשטראָפט ווערען. און איך וויל אז דו זאָלסט מיר ארויסהעלפען.

— און אויב איך וועל עס פאר דיר ניט קענען טהאָן? — האָט ארטהור איהם געפרעגט.

— דאָן קענסטו ערוואַרטען, אז איך וועל אַלעס דערצעהלען— האָט רודאָלף צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. זאָלען אַלע וויסען אז איך בין אין דעם אליין אין גאנצען ניט שולדיג. איך האָב גענומען דיין עצה, און דו אַלס דעם קעניג'ס שוואָגער און זיין מיניסטער האָסטו באדארפט פאָראויס־זעהן, אז דאָס איז ניט קיין גוטער פּלאָן, אז מען קען דורכפאלען.

— אָבער דו ווייסט דאָך אז איך קען פאר דיר גאָר ניט טהאָן — האָט ארטהור געזאָגט עטוואָס צוטומעלט. — אויב דו וועסט וועלען צוואַ־וואַרטען ביז וואנען איך וועל זי האָבען אין מיין רשות, דאָן וועל איך קענען פועל'ן ביי איהר אז זי זאָל ווירקען אויף איהר פאָטער. יעצט אָבער, וועל איך בלויז קאַליע מאַכען, פאר זיך, און פאר דיר וועל איך גאָר ניט אויפטהאָן.

— וואָס איך וויל איז אז דו זאָלסט זעהן אָפּהאַלטען יהודה הלוי'ן פון דערצעהלען דעם קעניג, אז איך האָב אָנגעווענדעט אַזוינע מיטלען, און דאָס דאַרפסטו טהאָן ניט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב זיך אליין. ווייל אַזוי שנעל ווי דער קעניג וועט מיר שיקען רופען און מיר פאָרוואַרפען וועגען דעם, וועל איך דאָן זיין געצוואונגען איהם אַלעס צו דערצעהלען, און דאָס גלויב איך, וועט דיר אריינברייננגען אין אַ גרעסערער פארלעגענ־הייט ווי מיר. אויסער דעם, האָב איך מורא אז ווען הדסה וועט אויסגעפינען, אז דו ביזט געווען דער יעניגער, וועלכער האָט מיר געגעבען דעם פּלאַן זי צו פאנגען, וועט זי זיכער מעהר ניט וועלען דיך אָנקוקען און במילא וועסטו זי פארלירען. דעריבער איז מיין עצה, אז דו זאָלסט זעהן גלייך האנדלען און אָנווענדען אַלע דיינע כוחות אָפּצוהאַלטען יהודה הלוי'ן ער זאָל דעם קעניג וועגען דעם גאָר ניט דערצעהלען. דו וועסט שוין גע־פינען אַן אויסוועג. בפרט ווען דו וועסט וויסען אז דו טוסט עס צוליעב דיין אייגענער טובה.

— איך וועל זעהן עפּעס צו טהאָן — האָט איהם ארטהור פאַר־שפּראָכען. איך וועל אַ טראַכט טהאָן וועגען דעם.

— איידער דו וועסט זיך דערטראַכטען, דערוויילע וועט שוין דער קעניג וויסען פון דעם! — האָט רודאָלף געזאָגט מיט אַן אומרוהיגע שטימע.

— אין דריי טעג ארום וועט פאָרקומען אַ קעניגליכע ראַטה פון אַלע מיניסטאָרען און ביז דאַן וועט יהודה הלוי דעם קעניג ניט זעהן. איך וועל מיט איהם ריידען אַ טאָג פאַר דער פאַרזאַמלונג און פון איהם ארויסקרי־גען וואָס ער האָט צו זאָגען דעם קעניג און דאַן וועל איך איהם אָפּריידען דערפון. איך וועל איהם זאָגען, אַז אַלס זיינען אַ גוטער פריינד, ראַטה איך איהם, דערווייל ניט צו דערצעהלען דעם קעניג וועגען דיר און וועגען דעם בריעף.

— איך האָף אַז דו וועסט אויף איהם ווירקען. ווארום, אויב ניט, וועלען זיין טרויעריגע פאָלגען פאַר אונזביידען.

עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז איך וועל ביי איהם פועל'ן — האָט ארטהור געזאָגט. — איך ווייס ווי אַזוי צו ריידען צו איהם. אָבער איידער איך געה עס טהאָן, פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט מיר צושווערען ביי דיין הייליגען צלם, אַז דו וועסט מעהר קיינמאָל קיינעם דערצעהלען אַז איך האָב דיר געראַטהען צו נעהמען הדסה'ן געפאַנגען.

— איך זאָל דיר צושווערען! — האָט רודאָלף אויסגערופען מיט פאַרביטערונג — פאַרוואָס זאָל איך עס טהאָן! איך וויל ניט זיין צו דיר געבונדען מיט אַ שבועה. דו וועסט עס טהאָן אפילו אָהן אַ שבועה.

— איך האָב געגלויבט אַז מיר וועלען בלייבען גוטע פריינד, צום סוף זעה איך, אַז דו האָסט פאַרלוירען דיין צוטרוי אין מיר! דו האָסט באַ־דאַרפט וויסען, אַז אַלס אַ פרומער קאַטוילִיק בין איך אימער געווען אַ גוטער פריינד פון די קרייצטרעגער. איך האָב אַלע מאָל געוואָלט אַז מיין שוואָגער, דער קעניג זאָל ווילקאָמען די טעמפּעל ריטער אין שפּאַניען און טאָקע דעריבער בין איך געווען אויסען, אַז יהודה הלוי זאָל נאָכגעבען אַלע פאָדערונגען פון דעם טעמפּעל אָרדען און איך האָב דיר געראַטהען עס צו נעהמען זיין טאָכטער געפאַנגען. און איך זאָג דיר נאָך יעצט, אַז ווען דיר וואָלט געלינגען זי צו פאַנגען וואָלסטו געקענט אַלעם דורכפיהרען, אָבער קיינער איז אין דיין דורכפאַל ניט שולדיג, בלויז דו אַליין. ווען דו וואָלסט דאַן מיטגענומען אַלע דיינע טעמפּעל ריטער, וועלכע זיינען מיט דיר געקומען, וואָלסטו זיך ניט געדאַרפט אונטערגעבען צו איינעם וועלכער איז שטאַרקער פון דיר. אַלע צוזאַמען וואָלטען איהם געוויס בייגע־קומען. נאָר יעצט וויל איך פון אַלעם פאַרגעסען. איך האָב דיר די עצה געגעבען, איידער איך האָב זי אַליין געזעהן. יעצט, האָב איך זי ליעב און איך זוך מיטלען ווי אַזוי צו געווינען איהר פאָטער'ס צושטימונג און אויך הדסה'ס ליעבע, און איך וואָרען דיך, אַז אויב דו וועסט מיט עפּעס צו־שטערען מיינע פּלענער, אויב דורך דיין ריידען וועל איך פאַרלירען הדסה'ן

וועסטו זעהר שלעכט אָפּשניידען.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל ניט זיין געצוואונ־גען וועל איך דאָס ניט טהאָן. אָבער אויב יהודה הלוי וועט דערצעהלען דעם קעניג, וועל איך דאָך זיין געצוואונגען צו פאַרטהיידיגען זיך.

— זאָרג נישט וועגען דעם, איך וועל זיך זעהן מיט יהודה הלוי׳ן איידער ער וועט זעהן דעם קעניג און איך וועל שוין אויף איהם ווירקען אַז ער זאָל דעם קעניג גאָרניט דערצעהלען. אָבער ווען דו וואָלסט מיר געשוואָרען, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען, אַז איך האָב דיר גע־ראטהען צו פאַנגען יהודה הלוי׳ס טאָכטער, וואָלט איך אויך געזוכט ווי וויט מעגליך דיר צו העלפען דערגרייכען דעם צוועק צו וואָס מען האָט דיר אַהער געשיקט.

— אַזוי לאַנג ווי יהודה הלוי האָט צו זאָגען וועגען דעם, איז קיין האָפענונג ניטאָ, אַז מיר זאָלען אויספיהרען. סיידען דורך מלחמה, און אַזוי ווי דאָס איז אומעגליך, זעה איך ניט איין ווי אַזוי דו וועסט אונז קענען העלפען, אויב דער בריעף פון דעם רב פון ירושלים האָט איהם ניט באַוואויגען צו ענדערען זיין מיינונג, וועסטו געוויס עס ניט באַווייזען.

— אָ, ווען מיר וועט געלינגען צו קריגען הדסה׳ן, דאַן וואָלט איך געקענט אויפטהאָן פיעלע זאַכען. דורך זיין טאָכטער וואָלט איך דער־גרייכט אַלעם וואָס שיינט צו זיין אומעגליך.

— איך זאָג דיר, דעם אמת, ארטהור, אַז איך צווייפעל זעהר שטאַרק אויב דיר וועט געלינגען צו קריגען הדסה׳ן פאַר אַ פרוי. דו ביזט ביי זיך גענאַרט... סיידען דו זאָלסט זיך פריהער לאָזען „אידישען".

— אויב אַזוי קענסטו מיך ניט! — האָט ארטהור מיט שטאָלץ אויס־גערופען. — זינט איך געדענק האָב איך שטענדיג געקראָגען אַלעם וואָס איך האָב געוואָלט. און איך וועל דיר באַווייזען, אַז איך קען אויך קרי־קען הדסה׳ן.

— דאָס וואָלט איך וועלען זעהן! —האָט רודאָלף אַ שמייכעל געטהאָן.

— דאָס וועסטו זעהן איין גיכען, — האָט ארטהור געזאָגט.

ק א פ י ט ע ל צ ע ה ן

אין טאָלעדאָ זיינען אָנגעקומען די אידישע סוחרים, וועלכע זיינען געפאָהרען צוזאַמען מיט אברהם אבן עזרא, וועלכער האָט זיי מיט זיין קלוגהייט געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט.

פון אָנפאַנג רייזע האָבען זיי געמיינט, אַז ער איז אַ מאַכמעדאַנער, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אויף אַזאַ וואונדערבאַרען אופן אויסגערעכענט ווי אַזוי צו ראַטעווען די אידען מען זאָל זיי ניט אריינוואַרפען אין ים, האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז ער איז אַ איד.

אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען געווען אויפ׳ן שיף האָבען זיי מורא געהאַט צו ריידען וועגען דעם אפילו צווישען זיך, זיי האָבען געוואָלט אַז סיי די

קריסטען און סיי מאַכמעדאַנער זאָלען גלויבען אַז ער איז ניט געווען אויסען צו רעטען די אידען, אַז דאָס איז פאָרגעקומען דורך אַ צופאַל. ווען אָבער זיי האָבען זיך דערנעהענטערט צום לאַנד האָבען זיי געגעבען אָנצוהערענים איינער צום צווייטען, אַז זייער רעטער איז געווים אַ איד. איינער האָט זאָגאַר געזאָגט, אַז ער האָט געזעהן, ווי ער האָט געלעגט תפילין.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויפ'ן לאַנד און די רייזענדע האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערטהיילען אין פאַרשיעדענע ריכטונגען, האָבען די אידען נאָכגעפאָלגט זייער רעטער. זיי האָבען באַמערקט אַז ער געהט ניט מיט די מאַכמאַדאַנער, זיינען זיי צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט.

— זאָל דיר אונזער גאָט, דער גאָט פון ישראל באַלוינען פאַר דיין חסד וואָס דו האָסט מיט אונז געטהאָן. מיר ווייסען, אַז דו ביזט אַ איד און מיר וואָלטען דיר וועלען באַלוינען, ווייל מיר ווייסען, אַז אויב ניט דו, וואָלט מען אונז אין ים אַריינגעוואָרפען.

— גאָט האָט דעם נס באַוויזען! — האָט זיי אברהם געענטפערט — ווען גאָט וואָלט ניט געוואָלט, וואָס וואָלט איך געקענט אויפטהאָן.

— אָבער זאָג אונז ווער דו ביזט און וואוהין דו געהסט, פיליכט וועלען מיר דיר קענען ווען עס איז אָפדינען פאַר דיין גנאָדע.

— איך בין אַ פשוט'ער איד פון טאָלעדאָ! — האָט ער זיי געענט־פערט. און איך האָב ניט פאַרדינט, אַז איהר זאָלט מיר דאַנקבאַר זיין.

— ניין, מיר מוזען וויסען ווער דו ביזט, ווייל מיר ווילען, אַז אַלע אידען זאָלען וויסען, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם דו ביזט, ווי אַזוי דו האָסט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן אויסגערעכענט אַז וויפיעל מאָל מען זאָל ניט צעהלען, וועט דער ניינטער זיין אַ מאַכמעדאַנער.

— אויף דעם איז פאַראַן אַ פסוק — האָט ער זיי געזאָגט מיט אַ שמייכעל און ער האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון זיי ביז וואַנען ער איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען.

די אידישע סוחרים האָבען זיך זעהר גענומען צום הארצען וואָס זייער רעטער איז פאַרשוואונדען געוואָרען. זיי האָבען באַשלאָסען, אַז ווען זיי וועלען אָנקומען אין טאָלעדאָ, וועלען זיי זיך ווענדען צו יהודה הלוי'ן, פיליכט וועט ער זיך אָנשטויסען ווער יענער וואונדערבאַרער איד איז געווען. און פיליכט וועט ער זיי ערקלעהרען ווי אַזוי ער האָט עס געקענט אַזוי גענוי אויסרעכענען.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ האָבען זיי זיך אָפגעשטעלט אין אַ אידישע קרעטשמע. זיי האָבען זיך נאָכגעפרעגט אויף יהודה הלוי'ן. דער קרעטשמער האָט זיי געזאָגט, אַז יהודה הלוי איז זעהר גאַסטפריינדליך און ער וועט זיי גאַנץ פיין אויפנעהמען. זאָלען צוויי פון אונז אַוועקגעהן צו איהם און דערצעהלען די גאַנצע מעשה, פיליכט וועט ער אונז אַלעם ערקלעהרען.

צוויי עלטערע סוחרים זיינען אויסגעקליבען געוואָרען צו געהן צו

יהודה הלוי׳ן. און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך צוויי טעג אויסגערוהט, זיינען זיי צו איהם אוועק.

יהודה הלוי האָט זיי גאַנץ פיין אויפגענומען. ער האָט געהייסען אריינקומען אין זיין צימער.

זיי האָבען זיך געזעצט אויף שטוהלען נעבען יהודה הלוי׳ס פּלאַץ.

נאָכדעם ווי ער האָט זיי געגעבען שלום עליכם האָט ער זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען און פון וואנען זיי קומען.

— מיר זיינען סוחרים פון דמשק! — האָט דער עלטערער סוחר זיך אָפּגערופען — מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַ שיף וואָס עס איז ארויסגעפאָהרען פון ארץ ישראל. געוועהנליך די שיף איז געווען פול מיט קריסטען און מאכמעדאנער, כדי זיך ניט צו ווארפען די קריסטען צופיעל אין די אויגען, האָבען מיר ארום פופצעהן אידישע סוחרים באשלאָסען זיך צו געפינען אין דעם אָרימען טהייל פון שיף, וואו עס זיינען געווען מאכמעדאנער אין דעם זעלבען צאָהל, בערך. פּלוצלונג האָט אויפ׳ן ים אויסגעבראָכען אַ שטורעם. די כוואַליעס האָבען די שיף געשליידערט פון זייט צו זייט. עס האָט זיך געדוכט אז מיר אַלע וועלען אונטערגעהן צוזאַמען מיט דער שיף. באלד אָבער איז באוואוסט געוואָרען, אז דער קאַפּיטאַן האָט באשלאָסען אריינצואווארפען צעהן פון די פּאַסאַזשירען אין ים. געוועהנליך דער קריסטליכער קאַפּיטאַן וועט דאָך קיין קריסט ניט אריינוואַרפען אין ים, איז געבליבען אז מען זאָל אריינגעהן דאָרט וואו די אידען און מאכמעדאנער האָבען זיך געפונען און פון זיי אויסקלייבען צעהן מענשען און אריינוואַרפען אין ים.

— עס פאַרשטעהט זיך, אז די אידען זיינען ביי די קריסטען אַ סך מעהר פאַרהאַסט ווי די מאכמעדאנער, און ווען די מאכמעדאנער האָבען געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, אז ער זאָל אויסקלייבען צעהן אידען, איז ער געווען גרייט זיי צו פאָלגען... עס האָט באלד אויסגעבראָכען אַ געוויין צווישען די אידען. מיר האָבען גענומען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן קאַפּיטאַן, אז מיר זיינען אַלע גלייך און אויב עס איז דער ווילען פון גאָט, אז צעהן מענשען זאָלען דערטרונקען ווערען אין ים, זאָל ער איינטהיילען גלייך אויף גלייך: פינף פון די מאכמעדאנער און פינף פון די אידען. ווען די מאכמעדאנער האָבען עס דערהערט, האָבען זיי אָנגעהויבען שרייען און ליארעמען: ניין, בלויז אידען זאָל מען אריינוואַרפען אין ים. ווארום אויב מען וועט פון זייערע אויך טויטען וועלען די מאכמעדאנער זיך אָפּרעכענען מיט די קריסטען.

עס האָט שוין געהאַלטען דאביי, אַז דער קאַפּיטאַן זאָל נעהמען צעהן אידען און זיי דערטרינקען. ווען פּלוצלונג איז ארויסגעקומען אימיצער אויף וועמען אַלע האָבען געמיינט, אז ער איז אויך אַ מאכמעדאנער און ער האָט זיך אָפּגערופען צום קאַפּיטאַן:

— איך האָב אַ פּלאַן, וואָס איך האָף, אז עס וועט צופרידענשטעלען אַלעמען:

— וואָס איז דיין פּלאַן? — האָט דער קאַפּיטאַן איהם געפרעגט.

— ווי איך זעה געפינען זיך אָט־דאָ אַן ערך פון דרייסיג מענשען, זאָלען זיי זיך אויסשטעלען אין איין רייה און מען זאָל זיי אָנפאַנגען צעהלען איינר צוויי דריי פיער, ביז ניין, און דעם ניינטען זאָל מען אריינוואַרפען אין ים, אַזוי זאָל מען כסדר צעהלען און צעהלען אלע דעם ניינטען אריינוואַרפען ביז מען וועט האָבען אריינגעוואָרפען צעהן מענשען.

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגענומען זיין עצה און ער האָט איהם געהייסען אויסשטעלען די מענשען אין איין רייה. יענער מאַן האָט אַזוי געטהאָן. ער האָט אויסגעשטעלט די אידען און די מאַכמעדאַנער אַזוי, אין אַזאַ סדר, אין אַזאַ אָרדענונג, אַז דער ניינטער איז דורכאויס אויסגעקומען אַ מאַכמאַדאַנער. דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעצעהלט איינמאָל ביז ניין און דעם ניינטען, אַ מאַכמעדאַנער אריינגעוואָרפען אין ים. דערנאָך האָט ער ווידער געצעהלט ביז ניין און דער ניינטער, אַ מאַכמעדאַנער, אריינגע־וואָרפען אין ים, און אַזוי האָט ער געצעהלט ביז וואַנען ער האָט אריינ־געוואָרפען אין ים צעהן מאַכמעדאַנער און קיין איין איינציגען אידען... מיר האָבען זיך אַלע געוואונדערט ווי אַזוי ער האָט אַזוי קונציג אויס־גערעכענט. בעת מעשה האָט מען אויסגערעכענט, אַז עס איז בלויז אַזאַ צופאַל, ווייל מען האָט איהם ניט חושד געווען, אַז ער איז אַ איד, אָבער ביסלעכווייז, אַז מען האָט גענומען אין דעם אריינטראַכטען, האָט מען געזעהן וואָס פאַר אַ געניאַליטעט עס ליעגט אין דעם. ער האָט אונז פּשוט מיט זיין גרויס חכמה געראַטעוועט צעהן אידען פון אַ זיכערען טויט. יעצט אַז מיר האָבען אויסגעפונען אַז ער איז אַ איד, זיינען מיר געקומען דיך פרעגען פילייכט ווייסטו ווער ער איז.

— ווייסט איהר דען ניט זיין נאָמען?

— ניין, ער האָט אונז זיין נאָמען ניט געזאָגט. אַלעס וואָס מיר האָבען זיך נאָכהער דערוואוסט איז, אַז ער איז אַ איד פון טאָלעדא!

— אויב אַזוי איז עס געווים דער יונגער אברהם אבן עזרא! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען — איך ווייס אַז ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון אַ רייזע אויף אַ שיף און ער איז זיכער געווען מיט אייך אויף דער שיף.

— יע, אַזוי אויסצורעכענען דאַרף מען זיין זעהר אַ גרויסער געלערנ־טער און חכם! — האָט דער צווייטער פון די סוחרים געזאָגט.

— בלויז אַזאַ געלערנטער און חכם ווי אברהם אבן עזרא האָט געקענט אַזוי אויסרעכענען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט. — איך האָב נאָך קיין געלעגענהייט ניט געהאַט זיך מיט איהם צו זעהן, כאָטש ער געפינט זיך אין טאָלעדא, אָבער צוליעב געוויסע אורזאַכען קען ער ניט קומען אַהער פאַר אַ קורצע צייט אָבער איך האָף, אַז איר וועט זיך מיט איהם אין גיכען זעהן. מעגליך, אַז איך וועל זיך זעהן מיט זיין יונג, און איך וועל

איהם אָנפרעגען וועגען דער זאַך און איך וועל אייך לאָזען וויסען אויב דאָס איז ווירקליך געווען אברהם אבן עזרא.

אין אייניגע טעג שפּעטער, ווען דער יונג פון אברהם אבן עזרא איז געקומען צו יהודה הלוי'ן צו קריגען ביי איהם די אויסקינפטע וועגען דער צווייטער פאַרהאַנדלונג פון די טעמפּעל ריטער, האָט איהם יהודה צוזאַמען מיט דעם ענטפער אויך אין א בריעף אָנגעפרעגט ער זאָל איהם ערקלערען ווי אזוי ער האָט אויסגערעכענט אזוי פּינקטליך אז וויפיעל מאָל ער זאָל צעהלען זאָל קיין איד ניט זיין דער ניינטער. ווי אזוי האָט ער אויסגעשטעלט די מאַכמעדאַנער און די אידען אין א רייהע אז עס זאָל קיין איינציגער אידישער קרבן ניט פאַלען.

רבי יהודה הלוי האָט דערצעהלט זיין טאָכטער און זיין פרוי וועגען דעם ווי אזוי אברהם אבן עזרא האָט מיט זיין חכמה געראַטעט צעהן אידען פון דערטרונקען צו ווערען.

— ווי עס ווייזט אויס איז ער זעהר קלוג און געלערענט אויסער דעם וואָס ער איז א דיכטער! — האָט זיין פרוי געזאָגט.

— געוויס איז ער זעהר געלערענט. צו מיר האָבען דערגרייכט אייניגע פון זיינע חבורים און איך זאָג דיר אז ער האָט אַן אָפענעם מוח.

— דו זעהסט דאָך האָט זי זיך אָפּגערופען מיט פאַרדרוס — אזא וויכטיגער יונגער מאַן ווי אברהם אבן עזרא באַזוכט ניט אונזער היים, אָבער אזא אומווירדיגער מאַן ווי ארטהור איז געוואָרען א גאַנץ אָפטער באַזוכער אין אונזער היים. איך ווייס אז הדסה איז זעהר שטאַרק אומצופרידען מיט זיינע באַזוכען, ניט אמת מיין טאָכטער? וואָלט דען ניט געווען בעסער, אז אברהם אבן עזרא וואָלט באַזוכט אונזער הויז, אנשטאָט ארטהור'ן?

א רויטקייט האָט באַגאָסען הדסה'ס פּנים. איהרע געדאַנקען זיינען גאָר געווען פאַרנומען מיט דעם יונגען מאַן, וועלכער האָט דאַן איהר לעבען געראַטעט. זי האָט פון איהם געטראַכט טאָג און נאַכט. זי האָט געהאָפט אז ער וועט נאָך ווען עס איז צוריקקומען. זיין שטימע קלינגט נאָך אין איהרע אויערען. זי איז אין איהם פאַרליעבט. כאָטש זי האָט זיין פּנים ניט גוט געזעהען אין דער פינסטערניש פו דער נאַכט... ער האָט איהר פאַרשפּראָכען ווען ס'איז צו קומען, אָבער ס'איז שוין באַלד א יאָהר און זי וואַרט אויף זיין קומען מיט דער גרעסטער אומגעדולד און ער איז ניטאָ.

הדסה האָט זיך געשעהמט צו דערצעהלען פאַר איהרע עלטערען אז זי האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון יענעם יונגען מאַן, וועלכער האָט זי געראַטעט פון רודאָלף'ס הענט. און יעצט אז איהר מוטער האָט דערמאָנט אברהם אבן עזרא, איז זי געבליבען גלייכגילטיג. אמת, ער מוז זיין אַן אויסערגעוועהנליכער יונגערמאַן, ער איז קלוג און געלערענט, אָבער זי האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהן. זי איז קיינמאָל מיט איהם ניט געקומען אין באַריהרונג. קען זי דאָך פון איהם ניט האָבען קיין

געפיהלען... און וואָס אנבאַלאַנגט ארטור'ן, האָסט זי איהם זעהר, אָבער זי ווייזט איהם ארוים פריינדשאַפט, ווייל זי וויל ניט אַז איהר פאָטער זאָל האָבען א שטאַרקען שונא אין פאַלאַץ. זי טהוט עס בלויז צוליעב דעם. ניט איין מאָל האָט ער מיט איהר גערעדט וועגען זיין שטאַרקער ליעבע צו איהר און זי האָט איהם אָפענהערציג געזאָגט, אַז צווישען זיי קען קיינמאָל גאָרניט פאָרקומען. ווען ער וואָלט געהאַט עטוואָס זעלבסטווירדע, וואָלט ער אין גאַנצען אויפגעהערט צו קומען, אָבער ווי עס ווייזט אויס באַגרייפט ניט זיין גויאישע קאָפּ איהרע רייד. ער קומט גאַנץ אָפט געגען דעם ווילען פון איהר און פון דער מוטער. זי איז געצוואונגען ארויסצוקומען צו איהם מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפּען.

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט מיין טאָכטער? — האָט די מוטער מיט א שטימע פון אומרוהיגקייט געזאָגט — ביזטו דען צופרידען מיט ארטהור'ס קומען?

— אה, מוטער, דו ווייסט דאָך ווי אומצופרידען איך בין מיט זיינע באַזוכען. זיינע רייד זיינען מיר דערווידער. אָבער וואָס קען איך טהאָן, ווען ער קומט אַריין צו אונז אין הויז! קען איך איהם דען ארויסטרייבען, קען איך איהם באַהאַנדלען אזוי אַז ער זאָל זיך פיהלען באַליידיגט?

— עס איז אין גאַנצען דיין שולד! — האָט זי זיך געווענדט צו איהר מאַן. דו האָסט באַדאַרפט מאַכען א סוף צו זיינע באַזוכען ביי אונז אין הויז.

— דו דאַרפסט ניט זיין שטאַרק באַזאָרגט וועגען דעם, מיין טייערע פרוי, — האָט יהודה הלוי איהר געענטפערט — דו ווייסט אַז ביז ניט לאַנג האָב איך פאַררעכענט ארטהור'ן פאַר מיין גרעסטען שונא אין פאַלאַץ, כאָטש איך האָב ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען, פונדעסטוועגען איז זעהר ניט אנגענעהם צו האָבען אזא שונא, בפרט ווען ער איז דעם קעניג'ס שוואָגער. יעצט אָבער, אַז ער איז געוואָרען מיין בעסטער פריינד, און ער קומט מיך באַזוכען אין הויז, פאַרוואָס זאָל איך פאַר איהם מיינע טיהרען פאַרמאַכען?

— און דו מיינסט אודאי, אַז ער קומט דיך באַזוכען, אָדער צוליעב דיין פרנדשאַפט קומט ער אָהער אזוי אָפט! איך קען ניט פאַרשטעהן ווי אזוי דו ביזט אזוי גענאַרט ביי זיך? — האָט זיך זיין פרוי אָפּגערופען ווען הדסה האָט אויף א ווייַלע פאַרלאָזען דעם צימער — ארטהור קומט צו אונז ווייל ער איז פאַראינטערעסירט אין אונזער טאָכטער. איך ווייס, א מוטערס הארץ פאַרשטעהט און פיהלט... און אויב דו וועסט עס אזוי לאָזען געהן וועט פאַר אונז אַלעמען ארויסקומען אונאַנגענעהמעס.

— דו האָסט דאָך אַליין נאָר וואָס געהערט אַז הדסה האָסט איהם און זיינע רייד זיינען איהר דערווידער. און בפרט ווען ארטהור אַליין איז א פאַרברענטער קאַטוילִיק און רער טראַכט געוויס ניט וועגען דעם.

— דיינע געדאַנקען שוועבען ארום אין די הויכע וועלטען יהודה. דו פאַרטיפסט זיך אין דיינע פילאָזאָפישע ווערק און אין דיינע ליעדער, און

דו זעהסט ניט וואָס עס קומט פאַר דאָ, פאַר דיינע אויגען. איך ראַטה דיר, אַז דו זאָלסט זעהן צו דערוויטערען אַרטהור׳ן. איך ווייס אויך אַז זי קען אַרטהור׳ן ניט דולדען. איך ווייס, אַז איהרע געדאַנקען זיינען יעצט פאַר־נומען מיט יענעם אומבאַקאַנטען יונגענמאַן וועלכער האָט זי געראַטעוועט.

— פון וואַנען דריינגסטו עס?

— ווייל זי רעדט גאַנץ אָפט פון איהם און איך קען דערקענען פון איהרע רייד אַז זי טראַכט פון איהם גאַנץ אָפט. אָבער דו אַליין זעהסט דאָך, אַז יענער יונגערמאַן איז ווי אין וואַסער אריין. ניט ער קומט, ניט מען הערט פון איהם, און ניט מיר ווייסען ווער ער איז. און אַז עס וועט אַוועקגעהן נאָך אַ צייט און ער וועט ניט קומען, וועט הדסה אָנהויבען איהם צו פאַרגעסען, און אין דערזעלבער צייט וועט אַרטהור וועט קומען אַזוי אָפט און זי וועט זיין געצוואונגען אויפצונעהמען איהם מיט פריינד־ליכקייט, דאַן וועט ער עס מיספאַרשטעהן און ער וועט ווערען מעהר צודרינגליך מיט זיינע רייד, און די פאָלגען וועלען זיין טרויעריגע.

— מיר קענען זיך פאַרלאָזען אויף אונזער טאָכטער אַז זי וועט ווייסען ווי צו האַנדלען מיט טאַקט!... — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען און איך וועל זעהן ווי וויים מעגליך איהם צו ענטמוטיגען פון צו באַזוכען אונזער הויז צו אָפט.

— דו האָסט באַדאַרפט הערען ווי נאָר ער קומט אריין פרעגט ער זיך נאָך אויף הדסה׳ן, אַ מחותן איז ער געוואָרען מיט איהר! און ווען מען זאָגט איהם אַז זי איז ניטאָ, איז ביי איהם רעכט אָפּצואוואַרטען שטונדען לאַנג. ניין, איך וויל ניט אַז ער זאָל קומען!

— מיר וועלען איהם ניט קענען זאָגען, אַז ער זאָל אין גאַנצען אויפ־הערען צו קומען צו אונז. עס וועט דאַרפען דויערען אַ היפּשע צייט ביז וואַנען ער וועט זיך ביסלעכווייז אָפּגעוואוינען.

— איך האָב אַ פּלאַן! — האָט זי זיך אָפּגערופען — איך וועל אַוועק־שיקען הדסה׳ן אויף אייניגע טעג צו מיין מומען. זאָל ער קומען און זי ניט געפינען עטליכע טעג, וועט ער שוין אין גאַנצען אויפהערען צו קומען.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען — זאָל זי אַוועקגעהן אויף אַ קורצע צייט.

— איך וועל זיך דורכריידען מיט הדסה׳ן — זי וועט זיכער צו־שטימען צו דעם.

— און אין דערזעלבער צייט וועל איך זעהן צו ריידען מיט אַרטהור׳ן און אָנדייטען ער זאָל אַזוי אָפט ניט קומען, כדי מען זאָל ניט ריידען.

דעם זעלבען טאָג האָט זיך אברהם אבן עזרא׳ס שליח אומגעקעהרט און האָט געבראַכט אַ תשובה צו יהודה הלוי׳ס פראַגע.

— באַלד וועלען מיר זעהן ווי אַזוי ער האָט עס געטהאָן? — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען צו זיין טאָכטער און פרוי נאָכדעם ווי ער האָט דעם יונג אַוועקגעשיקט.

ער האָט אויפגעעפנט דעם בריוו און ער האָט דאָרטן געפונען אָנגעשריבן פאָלגנדעס:

„אין דיעזען פסוק געפינט זיך דער ענטפער צו דיין פראגע: „דוד המלך בא אל גבול אדמת ארנון בכה בכיה גדולה, אבשלום בני בני אמר".

רבי יהודה הלוי האָט עס פאַרגלייענט פאַר זיין פרוי און טאָכטער און זיי האָבן זיך אַלע געוואונדערט וואָס עס באַדייט.

וואַרט אַ ווײַלע! — האָט רבי יהודה הלוי געזאָגט און אַ קנייטש געטהאָן מיט זיין שטערן. וואַרט, די סוחרים האָבן מיר געזאָגט אַז עס זיינען געוועזן פופצעהן אידען און פופצעהן מאַכמעדאַנער. אַה, יעצט פאַרשטעה איך ווי אַזוי ער האָט אויסגעשטעלט די אידען און די מאַכמעדאַנער אַזוי, אַז דער נײַנטער זאָל קיינמאָל ניט אויספאַלען אויף אַ אידען.

ער האָט גענומען אַ פעדער און אַ פאַפּיער און ער האָט אָנגעשריבן די פאָלגענדע ציפערען:

011001000110010111011000001111

— אָט דאָס מיינט אברהם אבן עזרא מיט דעם פסוק — האָט יהודה הלוי אויסגערופען און זיי גענומען ערקלערען די גאַנצע באַדייטונג:

די „איינסען" זיינען געוועזן די אידען און די נולען — די מאַכמעדאַנער, און ער האָט זיי אויסגעשטעלט לויט דעם פסוק, לויט דעם צאָהל פון די ערשטע אותיות. צום ביישפּיל: „דוד" דער ערשטער אות איז א"ד וואָס מיינט פיער, האָט ער אוועקגעשטעלט פיער אידען. „המלך" האָט אַ ה"א וואָס מיינט פינף האָט ער אוועקגעשטעלט פינף מאַכמעדאַנער. ב"א — אַ ב' באַטרעפט צוויי — האָט ער אוועקגעשטעלט צוויי אידען. אל — א' באַטרעפט איינס — איין מאַכמעדאַנער, „גבול" — ג' דריי — דריי אידען. „אדמת" א' — איין מאַכמעדאַנער. „ארמון" א' — איין איד. „בכה" — ב' — צוויי מאַכמעדאַנער. „בכיה" — ב' — צוויי אידען. „גדולה", ג' — דריי מאַכמעדאַנער, „אבשלום", א' איין איד. „בני", ב' — צוויי מאַכמעדאַנער, „בני", ב' — צוויי אידען. „אמר", א' — איין מאַכמעדאַנער.

נאָכדעם ווי יהודה הלוי האָט אויסגעשטעלט די ציפערען האָבען זיי אָנגעהויבען צעהלען, און ווירקליך, וויפיעל מאָל זיי האָבען געצעהלט אין דער נײַנטער צאָהל געפאַלען אויף אַ מאַכמעדאַנער.

— אָה, ווי וואונדערבאַר קלוג און אויסגערעכענט אברהם אבן עזרא איז — האָט הדסה אויסגערופען מיט גרויס באַגייסטערונג. ווען ניט זיין שאַרפער מוח און קלוגער איינפאַל וואָלטען יעצט צעהן אידען דערטרונקען געוואָרען.

— יע, ער האָט פיעלעס אויפגעטהאָן פאַר זיין פאָלק! — האָט יהודה הלוי געזאָגט, און דאָס וואָס ער וואונדערט אַרום אַזוי אָפט און איז נעוונד, איז עס אויך מיט דער כוונה צו העלפען אונזערע ברידער.

— איך בעט דיר יהודה, — האָט זיך זיין פרוי צו איהם אָפּגערופען,

בעט איהם ער זאָל קומען צו אונז אויף אַ באַזוך כאָטש איינמאָל — איך וואָלט געוואָלט אָנקוקען זיין פּנים.

— ווייסטו דען ניט אַז איך האָב איהם שוין איינגעלאַדען עטליכע מאָל, אָבער ער טאָר זיך ניט באַווייזען אין מיין הויז אַזוי לאַנג ווי די טעמפּעל ריטער געפינען זיך אין טאָלעדאָ. דו ווייסט דאָך אַז זיי האָבען זיך מיט איהם שוין איינינע מאָל געטראָפען. און ווען אימיצער פון זיי זאָל איהם אין הויז זעהן וועלען זיי איהם דאַן פאַרדעכטיגען און דאָמיט צושטערען די פּלענער צו העלפען אונזערע ברידער אין ירושלים.

ווען דער טאָג איז געקומען און יהודה הלוי האָט געדאַרפט געהן צום קעניג אין פּאַלאַץ, איז איהם ארטהור אנטקעגען געקומען און איהם פריינדליך באַגריסט.

— עס איז גוט וואָס איך האָב דיר געטראָפען, מיין פריינד, — האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען — איך וואָלט וועלען ריידען מיט דיר וועגען עפּעס, און איך גלויב אַז עס איז נאָך פאַראַן צייט. דער קעניג וועט אַזוי פריה ניט קומען. ארטהור האָט אוועקגעשפּאַצירט מיט יהודה הלוי'ן. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען, נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

איך האָב זיך געזעהן דאָ ניט לאַנג מיט רודאָלף'ן. ער איז צו מיר געקומען בעטען איך זאָל איהם ארויסהעלפען. איך האָב איהם גוט אויס־גערעדט פאַר זיין שלעכטער אויפפיהרונג. ער האָט מיר אויך געזאָגט וועגען אַ בריעף וואָס דער ירושלים'ער רב האָט צו דיר געשריבען.

— יע, ווי איך פאַרשטעה האָט דער דאָרטיגער בישאָף איהם גע־צוואונגען אַזוי צו שרייבען — ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות. ער האָט געמיינט אַז ווען ער וועט מיר סטראַשען דאָס ער וועט פאַרניכטען די אידען פון ירושלים, וועל איך זיכער בייטען מיין מיינונג און צוליעב דעם פאַרראַטען מיין קעניג און פאָטערלאַנד. אָבער איך האָב איהם געזאָגט, אַז אפילו ווען איהם וואָלט זיך איינגעבען צו פאַנגען מיין טאָכטער, וואָלט איך אַנדערש ניט געהאַנדעלט. און יעצט האָב איך באַ־שלאָסען צו דערצעהלען דעם קעניג אַלעס וואָס ער האָט געטהאָן. זאָל דער קעניג וויסען אויף וואָס די טעמפּעל ריטער זיינען פעהיג. און ער וועט דאַנקען גאָט, וואָס איהם איז אַ געדאַנק אריינגעפאַלען ניט צו דער־לאָזען אַז זיי זאָלען זיך באַפעסטיגען אין שפּאַניע.

— איך ווייס ניט אויב עס איז ראַטהזאַם אַז דער קעניג זאָל פון דעם וויסען! — האָט ארטהור געזאָגט — איך קען מיין שוואָגען גאַנץ גוט. ווען ער וועט הערען פון דעם וועט אין איהם ברענען זיין צאָרן. ער וועט זיכער וועלען באַשטראָפען די טעמפּעל ריטער און דערמיט וועט ער אריינגעצויגען ווערען אין אַ קאַמף מיט די טעמפּעל ריטער. דער גרויס־מייסטער וועט דאַן אויפרייצען אַלע קריסטליכע לענדער געגען שפּאַניען. ער וועט טענה'ן אַז ניט נאָר וויל דער קעניג אַלפאָנזאָ דער אַכטער ניט אָפּגעבען אראַגאַניען צו דעם טעמפּעל אָרדען צו וואָס עס איז באַרעכטיגט

לויט דער צוואה פון דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג, אָבער אַז ער באַשטראָפט נאָך זיינע שלוחים, די טעמפּעל ריטער. דאַריבער איז מיין עצה אַז אַזוי ווי דו האָסט שוין ביז איצט געשוויגען, אַזוי זאָלסטו ווייטער איהם גאָר־ ניט דערצעהלען.

— איך קען אויך דעם קעניג! — האָט יהודה הלוי געענטפערט — און איך בין זיכער אַז נאכהער ווי איך וועל איהם אַלעם דערצעהלען, און פון איהם פאַרלאַנגען ער זאָל רודאָלף'ן ניט באַשטראָפען פאַר דעם, ער זאָל בלויז האַלטען אַן אויג אויף איהם אַזוי לאַנג ווי ער געפינט זיך אין טאָלעדאָ צוזאַמען מיט די אַנדערע טעמפּעל ריטער, וועט ער דאָס טהאָן. עס וועט דאָך ניט שאַדען, ווען דער קעניג וועט איהם אויסמוסר'ן וועגען דעם אַביסעל. זאָל ער ניט מיינען אַז ער קאָן דאָ טהאָן וואָס ער וויל און קיינער וועט דערפון ניט וויסען. איך גלויב אַז עס איז שוין צייט אַז דער קעניג זאָל וויסען, וואָס פאַר אַ מעטאָדען ער ווענדט אָן כדי צו דער־ גרייכען זיין ציעל.

— איך גלויב אָבער, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער ווען דו וועסט עס ניט דערצעהלען דעם קעניג, בפרט ווען רודאָלף איז אַליין געקומען מיר בעטען. פאַרשטעהסט, מיט גוטען וועל איך זעהן צו פּועלן ביי איהם, ער זאָל פאַרלאָזען טאָלעדאָ, אָבער ווען עס וועט זיך שוין האַנדלען אין עקשנות — וועט ער זיך איינשפּאַרען, און וועט דאָ פאַרבלייבען, וויסענדיג, אַז ער האָט די שטיצע פון דעם גאַנצען טעמפּעל אָרדען הינטער זיך — האָט אַרטהור געזאָגט צו יהודה הלוי'ן.

— מיך אַרט ניט, אַז ער וועט דאָ פאַרבלייבען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט. — אַזוי לאַנג ווי איך ווייס ווי געפעהרליך ער איז, וועל איך שוין וויסען ווי אַזוי זיך פון איהם צו היטען.

— פונדעסטוועגען גלויב איך, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר אַלעמען, אויב ער און די טעמפּעל ריטער וועלען פאַרלאָזען טאָלעדאָ, און איך בעט דיך, טו מיר די געפעליגקייט און דערצעהל ניט דעם קעניג וועגען איהם.

— וואָס פאַר אַן אונטערשייד וועט עס מאַכען צו דיר? — האָט איהם רבי יהודה הלוי אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. איהם איז שווער געווען צו פאַרשטעהן פאַרוואָס ער זאָל זיך אַזוי פיעל איינשטעלען פאַר איהם. סיידען ער איז זעהר שטאַרק באַפריינדעט מיט רודאָלף'ן.

טאַקע קיין אונטערשייד ניט! — האָט דער ביטערער אַרטהור זיך געזוכט אַרויסצודרעהען — אָבער איך וויל דיר זאָגען, אַז איך בין געוואָרען זעהר אַ שטאַרקער פריינט פון דיין משפחה, און איך וויל דיין גאַנצער משפחה פאַרהיטען פון אומאַנגענעמליכקייטען.

— אויב רודאָלף איז אַ געפאַהר פאַר די פרידליכע איינוואוינער פון טאָלעדאָ, איז דאָך פאַראַן אַ גרעסערע אורזאַך, אַז דער קעניג זאָל דערפון וויסען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט — זאָל ער וויסען אויף וואָס די טעמפּעל ריטער זיינען פעהיג.

— פאַרשטעהסטו, עס וואָלט פּיליכט געווען גוט ווען דער קעניג וויים דערפון, אָבער ווי איך פאַרשטעה, וועט ער איהם גלייך שיקען רופען און זוכען איהם צו באַשטראָפען, און איך וואָלט זעהר געוואָלט פאַרהיטען עס זאָל ניט קומען צו אַן אָפענעם אויסברוך צווישען דעם קעניג און די טעמפּעל ריטער.

— דאָס וועל איך שוין זעהן, אַז עס זאָל פאַרהיט ווערען. איך וועל בעטען דעם קעניג, אַז ער זאָל זיך ניט ווייסענדיג מאַכען, און אַז ער זאָל רודאָלף'ן אַפילו ניט פאָרוואַרפען וועגען דעם.

— איך בעט דיר, מיין פריינד, טו עס פון מיינעטוועגען! — האָט אַרטהור איהם געבעטען — איך קען עס דיר יעצט ניט ערקלערען, אָבער איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז דערוויילן זאָל דער קעניג פון דעם ניט וויסען! און איך וועל דערוויילן זעהן, אַז רודאָלף און די אַנדערע זאָלען אויף אַ פרידליכען אופן פאַרלאָזען אונזער לאַנד!

— איך וועל דעם קעניג ניט דערצעהלען וועגען דעם וואָס ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַנגען מיין טאָכטער, אָבער וועגען דעם בריעף וואָס ער האָט מיר געבראַכט פון דעם רב פון ירושלים, וועל איך איהם מוזען דערצעהלען, ווייל ער וועט דאָך וועלען וויסען אויף וואָס פאַר אַ גרונד זיינען די טעמפּעל ריטער ווידער אַהער געקומען נאָכדעם ווי איך האָב זייער פאַרלאַנג צום ערשטען מאָל צוריקגעוויזען.

— זעהסטו, וועגען דעם אַרט מיר ניט. דער קעניג קען דאָך צו רודאָלף'ן פערזענליך קיין טענות ניט האָבען. ער איז דאָך געשיקט געוואָרען פון דעם ירושלים'ער בישאָף.

— נו, אַזוי וועט עס בלייבען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט — איך פון מיין זייט וועל דעם קעניג גאָר ניט דערצעהלען וואָס רודאָלף האָט געטהאָן דאָ צום ערשטען מאָל ווען ער איז געקומען אין טאָלעדאָ, סיידען דער קעניג וועט האָבען געהערט פון אימיצען אַנדערש, און ער וועט מיר פרעגען, דאַן וועל איך דאָך זיין געצוואונגען איהם צו דערצעהלען.

— אויב דו וועסט איהם ניט דערצעהלען, וועט ער דערפון קיינמאָל ניט וויסען! — האָט אַרטהור געזאָגט.

— דו דאַרפסט ניט מיינען, אַז דאָס איז אַ סוד אין טאָלעדאָ, פיעל מענשען ווייסען דערפון, און פון וואַנען קענען מיר זיין זיכער, אַז דער זעלבער יונגער מאַן, וועלכער האָט זי פון רודאָלף'ס הענט געראַטעוועט איז ניט קיין אַריינגעהער אין דעם קעניג'ס פּאַלאַץ, און ער אַליין וועט עס איהם דערצעהלען.

— אויב יענער האָט עס ביז יעצט ניט געטהאָן וועט ער שוין מעהר ניט דערצעהלען, און וואָס אַנבאַלאַנגט אַנדערע, וועט קיינער ניט וואַגען צו דערצעהלען דעם קעניג, אויב זיי באַלאַנגען ניט צום פּאַלאַץ.

— גוט, יעצט האָסטו מיין וואָרט, אַז איך וועל קיין וואָרט ניט דערמאָנען וועגען רודאָלף'ס ערשטען פאַרברעכען, סיידען דער קעניג וועט מיר בעטען איך זאָל איהם דערצעהלען.

— איך דאַנק דיר זעהר מיין פריינד! — האָט אַרטהור געדריקט זיין האַנט — יעצט זעה איך, אַז דו ביזט מיין בעסטער פריינד, און איך האָב נאָך שטאַרקערע געוויסענסביסע וואָס איך האָב דיר פריהער אַזוי מיס־פאַרשטאַנען און בין גאַנץ אָפט אַרויסגעטראָטען אַלס דיין געגנער. איך האָף, אַז דו האָסט מיר שוין לאַנג מוחל געווען פאַר דעם, און איך מוז דיר באַדאַנקען פאַר דעם פאַרגעניגען וואָס איך האָב, ווען איך באַזוך דיין הויז... עס איז זעלטען צו געפינען אַזא הויז, וואָס פאַראייניגט חכמה, געלערענקייט און שעהנקייט. יע, איך בין זיך מודה, אַז צו פאַרברייננגען אַ קורצע ווייַלע מיט דיין אויסערגעוועהנליכע שעהנע טאָכטער און הערען איהרע קלוגע רייד, איז פאַר מיר אַ גרעסערער פאַרגעניגען ווי צו געפינען זיך אויף אַ פאַרוויילונג אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ.

זעהר אומרוהיג איז יהודה הלוי געווען פון אַרטהור'ס רייד. יעצט זעהט ער, אַז זיין פרוי איז אין גאַנצען ניט אומגערעכט, ווען זי איז אומצופרידען מיט אַרטהור'ס באַזוכען. אָבער ווי אַזוי קען ער איהם פאַר־באָטען צו קומען צו איהם אין הויז... ער וועט דאָך דאַן מוזען מיט איהם אָפּברעכען אין גאַנצען... עס וועט מיינען, אַז ער וועט איהם ווערען אַ גרעסערער שונא ווי פריהער. ניין, צו דעם דאַרף עס ניט קומען. ער וועט זיך געוויס נויטיגען אין זיין פריינדשאַפט. ער וועט מוזען זיין זעהר פאַר־זיכטיג ווי ער רעדט צו איהם. מעגליך, אַז ווען הדסה וועט אַוועק אויף עטליכע טעג צו איהר מומען, און ער וועט זי ניט טרעפען אין דערהיים, וועט ער אין גאַנצען אויפהערען צו קומען.

דערווייל האָט יהודה הלוי באַשלאָסען מיט איהם גאָרניט ניט צו ריידען וועגען דעם. ווען די געלעגענהייט וועט קומען, וועט ער איהם געבען צו פאַרשטעהן, אַז ער האָט ניט וואָס צו טראַכטען וועגען דעם.

זיי זיינען ביידע אַוועק צום פּאַלאַץ, דער קעניג איז שוין דאָרטען געווען, אויך אייניגע פון די מיניסטאָרען האָבען פאַרנומען זייערע פּלעצער.

ווען יהודה הלוי און אַרטהור זיינען אַריינגעקומען צוזאַמען אין דעם טראָהן צימער, האָט זיך אַ צופרידענער שמייכעל באַוויזען אויף דעם קעניג'ס ליפּען.

זיי האָבען זיך ביידע פאַר דעם קעניג פאַרנייגט.

— ווען אימיצער וואָלט צו מיר געקומען און געזאָגט מיט אַ יאָהר צוריק, אַז אַרטהור וועט ווערען דיין איבערגעבענסטער פריינד און פאַר־העריר, וואָלט איך יענעם אַנגעקוקט ווי משוגע! — האָט אַלפאָנזא זיך געווענדעט מיט אַ שמייכעל צו יהודה הלוי'ן — איך מוז אייך ביידען זאָגען, אַז עס פאַרשאַפט מיר פיעל פאַרגעניגען צו זעהן, אַז איהר ביידע זייט געוואָרען גוטע פריינד. יעצט ווייס איך, אַז איך וויל קענען אַ סך מעהר אויפטהאָן, ווייל עס איז אימער בעסער ווען צווישען די מיניסטאָרען הערשט פרידען... ביז יעצט איז מיין שוואָגער אַרטהור געווען דיין געגנער, וואָס דו האָסט מיר געראַטהען איז ער געווען דאַגעגען. עס איז מיר זעהר שווער אָנגעקומען איהם איבערצוציינגען, אַז דו ביזט גערעכט, און ווען

איך טו וואָס דו ראַטהסט מיך, בין איך ערפאָלגרייך. ער איז אימער געווען אויף דיר אַנגעשטויסען און ברוגז. און דעריבער איז טאָפּעלט מיין פרייד, ווען איך זעה, אַז פון אַ פיינד איז ארטהור געוואָרען דיין פריינד. איך בין זיכער, אַז יעצט וועט איהר ביידע ארבייטען פאַר דער טובה פון מיין לאַנד.

— אויסצוגעפינען אַ קלוגען און געלערענטען מענשען, נעהמט ניט לאַנג! — האָט ארטהור געזאָגט מיט אַ חניפה. אין מיין גאַנצען לעבען האָב איך נאָך פון קיינעם אַזוי פיעל ניט געלערענט, ווי איך האָב עס געטהאָן אין דער קורצער צייט פון מיין פריינדשאַפט מיט יהודה הלוי'ן.

— נו, יעצט זעהסטו ווער איז געווען גערעכט! — האָט אלפאָנזאָ געלאַכט. דו געדענקסט, אַז דו פלעגסט שטענדיג ריידען שלעכטעס אויף יהודה הלוי'ן, דו האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל איהם ערוויַיטערען פון פאַלאַץ. דו האָסט מיר פאָרגעוואָרפען פאַרוואָס איך האָב געמאַכט אַ אידען פאַר מיין הויפּט מיניסטער, איך ווייס אויך, אַז ווען דו פלעגסט זעהן, אַז דיינע רייד האָבען אויף מיר קיין ווירקונג ניט, פלעגסטו פּרובירען ריידען מיט דיין שוועסטער, מיט דער האָפענונג, אַז פיללייכט וועט זי אויף מיר ווירקען. די קעניגין האָט מיר אַלעס איבערגעגעבען. און דו אַליין ווייסט צוגעבען, אַז דיין שוועסטער האָט זעהר קלוג געהאַנדעלט, וואָס זי האָט באַשלאָסען זיך ניט צו מישען אין אַזעלכע ענינים. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ פאַראורטייל געגען יהודה הלוי'ן, וויל ער איז אַ איד. זי אָבער האָט מיר געזאָגט, אַז אין מלוכה דאַרף רעליגיע שפּיעלען זעהר אַן אומבאַדייטערנע ראָלע. און אַז אַזאַ קלוגער און געלערענטער מאַן ווי יהודה הלוי, איז אַ גרויסער געווינס פאַר דער מלוכה. ניין, ארטהור, די קעניגין האָט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז דער רעליגיעזער האַס זאָל איינגעוואָרצעלט ווערען אין איהר נשמה, מיט דעם איז זי פולשטענדיג איינשטימיג מיט מיר, און דעריבער מוז איך זאָגען, אַז איך בין שטאַרק צופרידען, וואָס איך האָב זיך ניט געלאָזט פאַרדרעהען פון די טעמפּעל ריטער, זיי זיינען ביגאָטען און זיינען זעהר פריינדליך געשטימט צו אַלע וועלכע גלויבען ניט אַזוי ווי זיי.

— און יעצט בין איך אויך צופרידען, אַז עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזען! — האָט ארטהור צוגעגעבען.

— געדענקסטו, וואָס פאַר אַ שטאַרקער אָנהענגער דו ביזט געווען פון דעם טעמפּעל אָרדען — האָט דער קעניג געזאָגט צו ארטהור'ן — דו האָסט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זעהן דורכקומען מיט זיי, דו ביזט אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט און מיר געזאָגט, אַז דער טעמפּעל אָרדען איז באַרעכטיגט צו דעם לאַנד אראַגאָניען. דו האָסט מיר געוואָרענט, אַז איך זאָל די פאַרהאַנדלונגען ניט איבערגעבען אין די הענט פון יהודה הלוי. און יעצט גיסטו אַליין צו, אַז איך האָב ריכטיג געהאַנדעלט. אָבער ווי עס ווייזט אויס, זיינען די טעמפּעל ריטער נאָך אַלץ ניט צופרידען מיט דעם וואָס מען האָט זיי ענטזאָגט און זיי זיינען ווידער אָהער געקומען.

זאָג מיר יהודה הלוי, אויף וואָס פאַר אַ גרונד זיינען די טעמפּעל ריטער ווידער אהערגעקומען מיט דיר צו פאַרהאַנדלען, האָסטו זיי דען ניט דייטליך ערקלערט צום ערשטען מאָל, אַז זיי ווילען קיינע אויסזיכטען ניט האָבען צו קריגען אַן אייל פון שפּאַניען פאַר זייער טעמפּעל אָרדען.

— יאָ, דאָס האָב איך דאָך גאַנץ דייטליך צו זיי ערקלעהרט, אָבער דער בישאָף פון ירושלים האָט געגלויבט אַז איהם וועט געלינגען מיר צו צווינגען איך זאָל זיך אונטערגעבען. האָט ער ארויסגעגעבען אַ גזרה ארויסצוטרייבען אַלע אידען פון ירושלים, אויב איך וועל זיך ניט אונ־טערגעבען. ער האָט געצוואונגען דעם רב פון ירושלים ער זאָל מיר אָנשרייבען אַ בריעף און זאָל מיר בעטען אין נאָמען פון אַלע מיינע אומגליקליכע ברידער, איך זאָל זיין צום גונסטען פון דעם טעמפּעל אָרדען.

יהודה הלוי האָט ארויסגענומען דעם בריעף און עס געצייגט דעם קעניג.

— אויב דער קעניג פאַרלאַנגט וועל איך עס פאַר איהם איבערזעצען.

— גוט, זעץ איבער דעם בריעף איך וויל וויסען אויף וואָס דער בישאָף אין ירושלים איז פעהיג.

יהודה הלוי האָט איבערזעצט דעם בריעף און ווען ער האָט געענדיגט האָט איהם דער קעניג געפרעגט:

— און וואָס איז געווען דיין ענטפער צו רודאָלף׳ן?

— איך האָב איהם געענטפערט אַז ווען מיין אייגען לעבען און דאָס לעבען פון מיין איינציגער טאָכטער זאָל זיין אין געפאַהר, וועל איך אַנדערש ניט האַנדלען, אויב איך געפין אַז מיין ערשטער באַשלוס איז געווען פאַר דעם וואָהלזיין פון מיין פאַטערלאַנד, וועל איך עס ניט פאַרראַטען צוליעב דעם וואָס אַ בישאָף פון אַ גאַנץ ווייטע לאַנד וועט סטראַשען דאָרט מיינע הילפלאָזע און אומגליקליכע ברידער.

— זעהר גוט, יהודה הלוי, האָסטו געטהאָן, יעצט זעה איך אַז איך קען זיך אויף דיר פאַרלאָזען מיט אַלעס, און וואַרט, איך בין נאָך ניט פאַרטיג מיט די טעמפּעל ריטער, איך וועל זאָגען רודאָלף׳ן אַז עס איז זעהר געמיין פון איהם און פון דעם בישאָף אָנצוגאָווענדען אַזעלכע ניט שעהנע מיטלען, איך וועל איהם געבען אָנצוהערעניש, אַז ער דאַרף מעהר אין מיין לאַנד ניט פאַרבלייבען, און אַז ער זאָל מעהר אהער ניט קומען פאַרהאַנדלען, ניט ער און ניט קיין אַנדערע פון די טעמפּעל ריטער! ניט אומזיסט קען איך קיינמאָל ניט ווערען קיין אָנהענגער פון די קרייץ טרעגער, ווייל זיי זיינען אַלע פאַלש און זייער איינציגער וואונש איז צו רויבען און מאָרדען די הילפלאָזע און שוואַכע.

— פון דעסטוועגען דאַרפסטו אַזוי ניט ריידען וועגען די טעמפּעל ריטער! האָט אַרטהור זיך שוין מעהר ניט געקענט באַהערשען — איך בין זיך מודה אַז רודאָלף און דער בישאָף האָבען ניט ריכטיג געהאַנדעלט, דאָך קען מען ניט באַשולדיגען אַלע קרייצטרעגער און טעמפּעל ריטער וועלכע טוען עס ניט פאַר זייערע אייגענע נוצען. זיי קעמפען פאַר דעם

האר יעזוס קריסטוס. זיי ווילען באפרייען דאָס גאנצע הייליגע לאנד פון די אומגלויביגע מאכמעדאנער, און איך מוז דיר זאָגען, גנעדיגער קעניג, אַז אין יעדען קריסטליך לאנד געפינען זיך פיעלע אַנהענגען פון די טעמפעל ריטער און זייער מאכט איז גרויס. מיין עצה איז, דעריבער אַז דו זאָלסט עס אין גאנצען פארשווייגען און זיך ניט וויסענדיג מאכען, כדי זיך ניט ארייןצופלאָנטערן אין זייער אַ ניט געווינשטע לאגע. בין איך ניט גערעכט, יהודה הלוי?

— יאָ, עס לוינט זיך ניט צו מאכען אַ ווערען דערפון! — האָט יהודה הלוי צוגעגעבען. זיי זאָלען נאכהער ניט קענען קומען מיט קיין טענות אַז מען האָט זיי באליידיגט.

— אָבער איך קען ניט דערלאָזען אַז אַזעלכע זאכען זאָלען אָנגעהן אין מיין לאנד, עס קומט אויס אַז יעדער איינער פון די טעמפעל ריטער וועט מאכען אַ פארזוך ארויסצוקריגען פון מיינע דינער דאָס וואָס זיי גלוסט זיך. איך וועל איהם ניט באשטראָפען, אָבער איך וועל איהם שיקען רופען און איהם זאָגען אַז פאר פאָרשטעהער פון דעם טעמפעל אָרדען פאַסט ניט אָנצואווענדען אַזוינע מיטלען, צו דערגרייכען זייער ציעל. זאָלען זיי וויסען אַז דורך דעם וועלען זיי ווינציג וואָס געווינען.

ארטהור האָט מעהר ניט געוואָלט ריידען וועגען דעם, ער האָט ניט גע־וואָלט ארויסצייגען אַז ער איז אַזוי פאראינטערעסירט, כדי קיין חשד זאָל אויף איהם ניט פאלען. ער האָט בלויז געהאָפט אַז ווען רודאָלף וועט גערופען ווערען צום קעניג, זאָל ער פארשטעהען אַז ער האָט אָנגעווענדעט אלעם וואָס אין זיין מאכט איז געווען, אַז יהודה הלוי זאָל דעם קעניג ניט דערצעהלען וועגען זיין פארזוך צו פאנגען זיין טאָכטער.

קאפיטעל עלף

דער פירשט פון וואלענסיע האָט געהאט איין גרויסען וואונש, און דאָס איז זיין אדאָפטירטער זוהן יאָהאַן זאָל ווערען איינער פון די קארדינאלען פון רוים.

צוליעב דעם צוועק האָט ער איהם צוגעגרייט די גאנצע צייט. ער האָט פאר איהם געהאלטען לעהרער פון די הייליגסטע געלערנטע און ווען ער האָט געזעהען אַז יאָהאַנ׳ס חכמה און גרויסקייט אין דער קריסטליכער רעליגיע וואקסט מיט יעדען טאָג, האָט ער איהם גענומען צורייד̈ען ער זאָל אָפּרייזען אין רוים.

— דאָרטען, מיין זוהן, האָב איך זעהר פיעל גוטע פריינד און זיי וועלען דיך שטארק מקרב זיין. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אַז מיט דיין גרויס חכמה און שארפען מח וועסטו געפינען חן אין די אויגען פון פאפסט, און די קארדינאלען, זיי וועלען דיר זעהר באפריינדען.

יאָהאַן האָט אָבער קיין שטארקען חשק ניט געהאט אָפּצורייזען קיין

רוים. ער האט אלץ געזוכט אפצולייגען זיין רייזע, ביז וואנען דער פירשט איז צו איהם צוגעשטאנען.

— אויב דו גלויבסט אז מען וועט דיר דארטען אין רוים ניט אויפ־נעהמען ווי געהעריג איז, וועל איך מיט דיר אהין אפרייזען. איך בין זיכער אז דו מיט דיין פרומקייט און געלערענטקייט וועסטו מאכען א רושם אויף אלע גייסטליכע פון רוים. איך האב דארטען צוטריט צום פאפסט און איך וועל איהם בעטען ער זאל מיט דיר פארברייננגען א שטיקעל צייט, און דאן וועט ער זיך איבערציינגען אז דו שטעהסט העכער פון אלע אנדערע גייסטליכע אין רוים.

— איך האב געהערט אז דער יעצטיגער פאפסט, גריגארי דער זיבע־טער, איז ניט איבעריג גאסטפריינדליך! — האט יאהאן א זאג געטאן.

— ער איז ניט גאסטפריינדליך צו דעם דייטשען קעניג הענרי דעם פערטען און צו די פרינצען פון די דייטשע פראווינצען — האט דער פירשט געענטפערט — אבער צו מיר איז ער זעהר פריינדליך געשטימט. איך האב איהם געשטיצט מיט געגוג געלד די גאנצע צייט.

יאהאן האט זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע, און איידער ער האט אפגערייזט האט ער באשלאסען צו האבען א געשפרעך מיט דער אלטער און קראנקער מארגעריטא. ער האט געוואוסט אז איר איהר הארצען טראגט זי זיך ארום מיט א סוד וועגען איהם, ער האט שוין לאנג עס געוואלט פון איהר ארויסקריגען, אבער ווי נאר ער פאנגט אן מיט איהר צו ריידען וועגען דעם אזוי באווייזען זיך טרעהרען אין איהרע אויגען און זי צובליפעט זיך. און ער געהט אוועק פון איהר מיט ליידיגען. יעצט איז מארגעריטא קראנק. דער אלטער גלח געפינט זיך נעבען איהר, זי האט זיך פאר איהם געוויס מתודה געווען, אבער ער וועט דאך ניט קענען פארלאנגען אז ער זאל איהם דעם סוד אנטדעקען, א גלח טאר ניט ארויסגעבען די סודות וואס עס איז איהם אנפארטרויט געווארען. ער האט דאריבער געווארט פאר א געלעגענהייט אליין אריינצוגעהן צו איהר און מיט איהר ריידען. ער האט געהערט פון דאקטאר'ס מויל אז איהרע שטונדען זיינען געצעהלטע און ער איז צו איהר גלייך אריין אין צימער, דארטען האט ער געטראפען דעם גלח און נאך איינינע גייסטליכע. ער האט זיך צו זיי געווענדעט אז זיי זאלען פארלאזען דעם צימער אויף א קליינער ווייל'ע, ווייל ער וויל זי עפעס פרעגען.

זיי זיינען ארויס און יאהאן איז געבליבען אליין מיט דער גוסס'ע מאר־געריטא. זי האט אויף איהם געקוקט מיט איהרע קראנקע אויסגע־לאשענע אויגען.

— מארגעריטא! — האט זיך יאהאן אריבערגעבויגען צו איהר, יעצט איז געקומען די צייט אז דו זאלסט מיר דערצעהלען אלעס וואס דו ווייסט וועגען מיר, איך געדענק נאך דיר, ווען איך בין א קליין קינד געווען, און געוויס ווייסטו אלעס וועגען מיר. איך פארשטעה אז אין דיין הארצען

האָלסטו פאַרבאָרגען דעם סוד, יעצט איז די צייט אַז דו זאָלסט מיר אַלעס דערצעהלען.

— איך... איך — האָב אַלעס דערצעהלט... — האָט זי מיט אַ שוואַכע קוים הערבאַרע שטימע אַרויסגעשטאַמעלט — איך האָב אַלעס דערצעהלט דיין פריינד אברהם אבן עזרא... ער האָט מיר צוגעשוואוירען דיר ניט צו דערצעהלען אַזוי לאַנג ווי איך לעב, און ווען גאָט וועט מיך צו זיך צונעה־מען, וועט ער דיר קענען אַלעס ענטדעקען. איך בין צו שוואַך צו ריידען און דיר דערצעהלען, דו וועסט פרעגען דיין פריינד...

מאַרגעריטאַ'ס שטימע איז שוואַכער געוואָרען, זי האָט נאָך עפּעס אַרויסגערעדט אָבער עס איז געווען אומפאַרשטענדליך. יאָהאַן האָט איינ־געזעהן אַז זי געהט אויס, האָט ער שנעל אַריינגערופען דעם גלח און די איבעריגע. עס האָט געדויערט אייניגע מינוטען און מאַרגעריטאַ האָט אויסגעהויכט איהר נשמה.

יעצט האָט יאָהאַן גענומען טראַכטען פון זיין פריינד אברהם אבן עזרא, ער ווייס זיין סוד, ווען ער וואָלט זיך מיט איהם יעצט געקענט זעהן, וואָלט ער שוין פון איהם אַלעס אַרויסגעקראָגען, אָבער זיין פריינד איז דאָך יעצט אַוועק אויף אַ געפעהרליכע רייזע נאָך ירושלים, ווער ווייס ווען ער וועט זיך מיט איהם קענען זעהן. און בפרט יעצט, ווען ער דאַרף אַפּרייזען נאָך רוים.

גלייך נאָכדעם ווי מאַרגעריטאַ איז געשטאָרבען האָט יאָהאַן צוזאַמען מיט זיין אַדאָפּטירטען פאָטער, דער פירשט פון וואַלענסיע אָפּגערייזט נאָך רוים.

— פון אַלע מיינע פריינד וואָס איך האָב זיך ערוואָרבען אין דער היים; — האָט זיך יאָהאַן אָפּגערופען צום פירשט ווען זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון רוים איז מיר אַם מעהרסטען נאָהענטער צום האַרצען אברהם אבן עזרא, כאָטש ער איז אַ איד, דאָך פיהל איך אַ צוגעבונדענקייט צו איהם. איך האָב נאָך קיינמאָל די געלעגענהייט ניט געהאַט צו ריידען מיט אַ מעהר קלוגערען און מעהר פאַרנינפטיגען מאַן ווי ער.

— ווען מיר וועלען אָנקומען אין רוים, וועסטו אויסגעפינען אַז דאָרטען געפינען זיך אַ סך קליגערע און מעהר געלערענטע מענשען! — האָט דער פירשט איהם געזאָגט — דאָרטען וועסטו האָבען צו טהאָן בלויז מיט הייליגע און גייסטליכע. דו וועסט פאַרגעסען דיין אידישען פריינד, איך ווייס אַז אברהם אבן עזרא איז אַ דיכטער און ער איז קלוג, אָבער מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען אַז ער איז אַ איד, ער שטאַמט פון יענעם פאָלק וואָס האָט געקרייציגט אונזער האַר יעזוס קריסטוס.

— זאָגט דען ניט דער הייליגער בוך פון משה אַז קינדער דאַרפען ניט אָפּקומען פאַר די זינד פון זייערע פאָטערס, מיר דאַרפען ניט באַשול־דיגען די אידען וועלכע האָבען קיין אַנטהייל אין דיעזען פאַרברעכען געהאַט!

— אָבער מיט דעם אַליין וואָס זיי זיינען אומגלויביגע און זיי לעס־טערען אונזער האַר יעזוס'ן, דאַרפען מיר זיך פון זיי דערווייטערען. — האָט דער פירשט געזאָגט — עס שאַדעט קיינמאָל ניט צו פאַרברייננגען

מיט אַזאַ קלוגען און געלערענטען ווי אברהם אבן עזרא איז, און דעריבער האָב איך ערמוטהיגט זיין קומען צו מיר. איך האָב איהם זאָגאַר געגעבען אַ גוטע אויפנאַהמע. אָבער יעצט אַז דו געהסט פארבלייבען אין רוים, דאַרפסטו וועגען איהם גאָר ניט דענקען. איך בין זיכער אַז דו מיט דיין קענטניס און לאָגישען שכל וועסטו דערגרייכען די העכסטע שטופע. דו וועסט נאָך ווערען אַ קאַרדינאַל און דעריבער טאָרסטו אויף זיך קיין פלעק ניט האָבען. און אין רוים ווען איינער איז באַפריינדעט מיט אַ אידען, איז עס אַ חסרון.

— אָבער איך האָב געלערענט אַז פיעלע פון די פריהערדיגע פאַפסטען האָבען געהאַט אידישע פריינד, און זיי האָבען געטהאָן פיעלע טובות צו די אידען.

— דאָס האָט אַלעס געקענט פאַסירען אַמאָל, אָבער ניט יעצט! — האָט דער פירשט איהם געענטפערט — יעצט זינט די באַוועגונג פון די קרייציגע, ווען די גאַנצע קריסטליכע וועלט קוקט אַרוים אויף דעם ווי אַזוי צו באַזיגען די אומגלויביגע מאַכמעדאַנער. די טעמפעל ריטער פאַרהאַנדלען מיט קעניגע צו פאַרשטאַרקען זייער מאַכט. אין אַזאַ צייט וועט קיינער זיך ניט וועלען באַפריינדען מיט די אידען, וועלכע זיינען שטענדיג מתפלל אויף אונזער מפּלה. זיי פרעהען זיך ווען די מאַכמעדאַנער זיעגען.

— זיי האָבען אַ געניגענדע אורזאַכע זיך צו פרעהען אויף דעם, ווייל ווייסטו דען ניט פאַטער וויפיעל צרות די קרייצטרעגער האָבען אָנגעטהאָן צו די הילפלאָזע אידען, אין דער צייט וואָס זיי פלעגען דורכרייזען די שטעדט וואו אידען געפינען זיך, וויפיעל אידיש בלוט עס איז פאַרגאָסען געוואָרען זינט דער ערשטער קרייצצוג.

— אָבער דאָס איז געטהאָן געוואָרען צו באַשיצען די קריסטליכע רעליגיע. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען, האָבען די קרייצטרעגער גע־מאָרדעט דאָן, ווען מען האָט זיי געזאָגט אַז די אידען מאַכען חוזק פון אונזער רעליגיע.

— אפילו ווען דאָס וואָלט געווען אמת, איז עס ניט גענוג אַז מען זאָל פאַרגיסען בלוט און שעכטען פרויען און קליינע אומשולדיגע קינדער, בפרט ווען עס לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אַז די אידען זאָלען אין אַ צייט ווען זיי זעהען אַז די קרייצטרעגער מאַרשירען דורך זייער שטאָדט, חוזק מאַכען פון אונזער רעליגיע. געוויס פלעגט אויסטראַכטען זייער אַ פאַר־ביסענער שונא, אַ בילבול אויף אַ אידען, און דאָס איז שוין געווען גענוג מען זאָל גאַנצע אידישע קהילות פאַרניכטען.

— איך זאָג ניט אַז זיי זיינען געווען גערעכט ווען זיי האָבען גע־שאָכטען אידען אָהן אַ משפט, אָבער עס איז דאָך געווען אין צייט פון מלחמה, די קרייצטרעגער האָבען געוואוסט אַז אָדער זיי זיעגען אָדער זיי ווערען פאַרניכטעט, און אויסער דעם גיעב איך צו אַז צווישען די קרייצ־טרעגער האָבען זיך געפונען אומווירדיגע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אומ־געבראַכט אומשולדיגע מענשען. יעצט אָבער גלויב איך, אַז עס וועט מעהר

אזעלכעס ניט געשעהן, דער פאפסט גריגארי דער זיבעטער זוכט ווידער צו ארגאניזירען די טעמפעל ריטער און די קרייצטרעגער זיי זאלען מיט פאראייניגטע שטארקע כוחות מאכען נאך א צוג אויף די מאכמעדאנער און פו זיי אוועקנעהמען גאנץ פאלעסטינא, דיזע הייליגע לאנד מוז זיך אין גאנצען געפינען אין די קריסטליכע הענד, און געוויס וועט דער פאפסט זיך בעראטהען מיט פיעלע געלעהרענטע גייסטליכע, איך האף אז דו וועסט אויך זיין איינער פון די וועלכע וועלען זיין פלאן אונטערשטיצען, וויל בלויז דורך דעם וועסטו געפינען חן אין זיינע אויגען.

— ניין, דאס קען איך דיר ניט פארשפרעכען, פאטער! — האט יאהאן זיך אפגערופען — אויב מיין געוויסען וועט זיין געגען דעם, וועל איך געוויס ארויסזאגען מיין ריכטיגע מיינונג.

— איך בין זיכער, אז ווען דו וועסט זיך געפינען א קורצע צייט אין דער הייליגער אטמאספערע פון רוים, וועסטו אין גאנצען אנדערש ריידען! — האט דער פירשט געזאגט — אין וואלענסיע האסטו ניט געהאט צופיעל גייסטליכע פריינד, וועלכע זיינען געשטאנען העכער פון דיר. אין רוים אבער, ווען דו וועסט אריינטרעטען אין וואטיקאן וועסטו אויסגעפינען אז דארטען שטעהען די מענשען א סך העכער פון דיר און דו וועסט פארגעסען אן דיין אידישען פריינד.

— פונדעסטוועגען פארלאנג איך פון דיר, פאטער, אז אין פאל אברהם אבן עזרא וועט קומען אין וואלענסיע און זיך נאכפרעגען אויף מיר, זאלסטו איהם זאגען וואו איך געפין זיך און אין מיין נאמען איהם הייסען קומען אהער אין רוים. פארשטעהסטו מיך, איך האב מיט איהם צו ריידען וועגען זעהר א וויכטיגער זאך. און איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן.

— איך פארשטעה ניט וואס פאר א וויכטיגע זאך עס גיעבט צווישען דיר און איהם — האט דער פירשט אויף יאהאנען געקוקט מיט פארדעכטיגע בליקען.

ער האט זיך דערמאנט, אז דער גלח האט איהם איינמאל אנגעדייטעט אז מארגאריטע רייסט זיך איהם צו דערצעהלען וועגען זיין פארגאנגענהייט, און פיליכט האט דאס, וואס ער וויל זיך זעהן מיט דעם אידען אברהם, עפעס צו טהאן מיט דעם סוד... ניין, עס קען ניט זיין! — האט דער פירשט צו זיך געזאגט — זי האט פאר קיינעם ניט ענטדעקט.

— דו האסט פיעלע מאל אליין צוגעגעבען אז דער הויפט מיניסטער פון שפאנישן קעניג, דער איד יהודה הלוי און אברהם אבן עזרא, זיינען צוויי גרעסטע געלערנטע פון שפאניען, און דעריבער וואלט איך זעהר ניט געוואלט אפברעכען מיין פריינדשאפט מיט אברהמ׳ן וויל איך קען פון איהם זעהר פיעל געניסען. ווען עס קומט פאר א דעבאטע וועגען אונזער רעליגיע און דער אידישער, קען איך בעסער וויסען זייער מיינונג.

— אויב עס איז אזוי דיין וואונש וועל איך דאס גערן ערפילען! — האט דער פירשט זיך אפגערופען צו יאהאנ׳ען. — אזוי שנעל ווי ער וועט קומען אין וואלענסיע און זיך נאכפרעגען אויף דיר וועל איך איהם זאגען

וואו דו געפינסט זיך און אַז דו ביזט זעהר נייגעריג זיך מיט איהם צו זעהן.

אין רוים האָט זיך זעהר שטאַרק געטומעלט. עס איז באַקאַנט געוואָרען אַז צווישען דעם פּאַפּסט גריגאָרי דער זיעבעטער און דעם דייטשען קעניג הענרי דער פערטער, האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסע מחלקה.

דער פּאַפּסט האָט געזוכט אויסצואיבען זיין איינפלוס איבער זיינע נאָכפאָלגער אין דייטשלאַנד און דער קעניג האָט ניט געוואָלט זיך טיילען מיט זיין מאַכט. ער האָט דעריבער געענטפערט דעם פּאַפּסט אַז ער האָט קיין רעכט ניט זיך צו מישען אין זיינע אינערליכע ענינים, און ווען גריגאָרי דער זיבעטער האָט געשיקט שלוחים, האָט דער קעניג זיי צוריקגעשיקט מיט לײדיגען.

דער פּאַפּסט איז זעהר אויפגערעגט געוואָרען פון דעם קעניג'ס האַנדלונג און ער האָט איהם אַריינגעלייגט אין חרם.

אין אָנפאַנג האָט זיך דער דייטשער קעניג אויסגעלאַכט פון דעם פּאַפּסט'ס חרם. באַלד אָבער האָט ער איינגעזעהן אַז אויב ער וועט ניט ווירקען אויף דעם פּאַפּסט ער זאָל מבטל מאַכען זיין חרם וועט זיך דער באָדען אונטער זיינע פיס נעהמען וואַקלען. ער האָט באַמערקט אַז די פּרינצען פון פאַרשיעדענע שטעדט קעהרען זיך אָפּ פון איהם, און עס וועט ניט לאַנג נעהמען און ער וועט זיין אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. דאָס פאָלק וועט אויך האַלטען מיט דעם פּאַפּסט און דאָס קאָן נאָך איהם קאָסטען זיין טראָהן. ער האָט דעריבער באַשלאָסען זיך איבערצובעטען מיט דעם פּאַפּסט, און איהם בעטען ער זאָל פון איהם אַרונטערנעמען דעם חרם. ער האָט באַלד אַוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים זיי זאָלען איבערגעבען דעם פּאַפּסט אַז ער האָט חרטה וואָס ער האָט אַזוי געהאַנדעלט און ער פאַרלאַנגט אַז ער זאָל איהם מוחל זיין.

דער פּאַפּסט האָט דעם קעניג געענטפערט דורך זיינע שלוחים אַז ער וועט איהם ניט מוחל זיין סיידען אַז ער אַליין זאָל קומען אין רוים און בעטען ביי איהם מחילה.

ווען די שלוחים האָבען דעם קעניג איבערגעגעבען דעם פּאַפּסט'ס באַדינגונגען, איז ער געבליבען אין גרויס פאַרלעגענהייט. פון איין זייט האָט איהם זיין שטאָלץ ניט דערלאָזט ער זאָל קומען צום פּאַפּסט בעטען מחילה און פון דער צווייטער זייט, האָט ער איינגעזעהן אַז דער חרם וואָס איז אויף איהם אַרויפגעלייגט געוואָרען האָט איהם קיין גוטעס ניט געבראַכט. די פּרינצען וועלכע זיינען געווען זיינע אונטערטאַנען און האָבען איהם געצאָהלט אַ געוויסען צינז, האָבען אויפגעהערט צו קומען צו איהם, און אויב עס זאָל זיך פאַרציהען לענגער וועלען זיי זיך אין גאַנצען דערווייטערען און אין זיין לאַנד וועט אויסברעכען אַ רעוואָלוציע. דאַן קען ער נאָך צוזאַמען מיט זיין טראָהן פאַרלירען אויך זיין לעבען.

הענרי דער פערטער האָט דעריבער באַשלאָסען זיך צו ערנידעריגען און אָפּרייזען נאָך רוים און פערזענליך בעטען מחילה ביי דעם פּאַפּסט. ער האָט באַלד מיטגענומען איינינע פון זיינע געטריע באַאַמטע און איז מיט

זיי אוועק נאָך רוים. ער איז אוועק צום וואטיקאן און דאָרטען געלאָזט מעלדען דעם פּאַפּסט אַז ער איז געקומען נאָכגעבען זיין פּאַרלאַנג און ער וועט פּערזענליך איהם בעטען פאַרצייהונג.

דעם פּאַפּסט'ס צאָרן און שנאה צו איהם איז דורכדעם ניט קלענער גע־וואָרען. יעצט, אַז ער האָט געזעהען אַז דער מעכטיגער דייטשער קעניג האָט מורא פאַר איהם, האָט ער באַשלאָסען זיך נאָך מעהר אָן איהם נ:קם צו זיין.

— איך וויל איהם ניט זעהן! — האָט ער זיך אָפּגערופען צו די מענ־שען וועלכע זיינען איהם געקומען אָנזאָגען אַז דער קעניג איז געקומען — איידער ער וועט קענען מיך זעהן וועט ער מוזען שטעהן אַ באָרוועסער אויף זיינע קניע, אָנגעטהאָן אין אַ העמד וואָס זינדיגע טהוען אָן ווען זיי ווילען תשובה טהאָן. ניט איין טאָג וועט ער דאַרפען אַזוי שטעהן, נאָר גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט און ערשט דאַן וועל איך איהם מוחל זיין און אַרונטערנעהמען פון איהם דעם חרם.

ווען דער קעניג האָט עס דערהערט איז ער אויפגעציטערט געוואָרען פון צאָרן און אויפרעגונג. ער האָט גלייך געוואָלט פאַרלאָזען רוים און זיך צוריקקעהרען. זיינע באַגלייטער אָבער האָבען איהם געוואָרענט.

— מיר זיינען אַריין אינווייניג און מיר האָבען געזעהען מיט וואָס פאַר אַ פּוֹרכט און כבוד די גרעסטע מענשען שטעהען פאַר דעם פּאַפּסט. מיר האָבען ווירקליך געקענט זעהן אַז די געטליכקייט רוהט דאָרטען — האָט איינער איהם געזאָגט — און דעריבער איז מיין עצה אַז דו זאָלסט זעהן דורכצוקומען מיט דעם פּאַפּסט, ווייל קיין קעניג וועט ניט קענען באַהויפּטען זיך געגענצושטעלען געגען איהם.

— אָבער ווי אַזוי וועל איך זיך קענען ערנידעריגען, מען וועט דאָך פון מיר מאַכען חוזק! — האָט דער קעניג געזאָגט און די טרעהרען האָבען איהם אין האַלז געדריקט.

— עס וועט אָבער זיין בעסער צו ליידען דריי טעג שאַנדע און ערני־דערונג איידער צו ליידען דעם גאַנצען לעבען! — האָט איהם אַ צווייטער גע'עצה'ט — און איך גלויב אַז דאַמיט וואָס דו וועסט נאָכגעבען דעם פּאַפּסט'ס פאַרלאַנג וועסטו געווינען סימפּאַטיזירער און דער פּאַפּסט וועט פאַרלירען אַ סך פון זיינע פריינד און אָנהענגער צוליעב דעם.

אַ קורצע ווייל האָט זיך דער קעניג געקוויינקעלט. אָבער ער האָט געזעהן אַז קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר איהם ניט. ער וועט זיך מוזען בויגען און טהאָן דעם פּאַפּסט'ס פאַרלאַנג.

— איך וועל טהאָן ווי ער האָט מיר געהייסען! — האָט דער קעניג מיט אַ טרויעריגער שטימע געזאָגט.

ווען האָט דעם פּאַפּסט איבערגעגעבען אַז דער קעניג געהט איין אויף זיינע באַדינגונגען, האָט ער געהייסען ברענגען פאַר איהם אַ העמד געמאַכט פון גראָבע לייווענד און ער האָט אָנגעזאָגט אַז ער וועט ניט מוזען אונטערברעכען זיין שטעהן אויף די קניע פאַר די גאַנצע דריי טעג

בלויז איינינע שטונדען דורך דער נאַכט וועט איהם ערלויבט זיין זיך צוצולייגען אויף דעם שטיינערנעם באָדען נעבען זיין טיהר, און ערשט דאַן ווען ער וועט אַלעס פינקטליך דורכפיהרען, וועט ער ארונטערנעהמען דעם חרם פון איהם.

מיט אַ צובראָכענעם געמיטה איז דער שטאָלצער קעניג אַוועק צו דער טיהר פון דעם פּאַפּסט'ס פּאַלאַץ, מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער אויף זיינע קעניגליכע בגדים ארויפגעצויגען די העמד פון גראָבער ליי־ווענד. זיין פּנים איז געווען בלאַס. ער האָט זיך געטרייסעלט פון אויפ־רעגונג, נעבען איהם זיינען געגאַנגען זיינע באַגלייטער און האָבען שטי־לערהייט געוויינט.

א חוץ דעם קעניג'ס באַגלייטער זיינען איהם נאָכגעגאַנגען פיעלע וויכ־טיגע לייט פון רוים, וועלכע זיינען אויך ניט איבעריגס געווען צופרידען מיט דעם פּאַפּסט'ס גזרה אויף דעם מעכטיגען קעניג.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער פירשט פון וואַלענסיע און יאָהאַן זיינען אָנגעקומען אין רוים. ווען זיי האָבען דערהערט וועגען דעם פּאַפּסט'ס גזרה אויף דעם קעניגס הענרי דעם פערטען, זיינען זיי געבליבען ווי צעטומעלט.

— געוויס מוז זיין דעם קעניג'ס זינד זעהר גרויס אַז דער הייליגער פּאַפּסט האָט אויף איהם אַזאַ גזרה ארויפגעלייגט — האָט זיך דער פירשט אָפּגערופען צו יאָהאַנ'ען — ער וויל איהם דורכדעם אַ גרויסע טובה טהאָן, כדי מען זאָל איהם אויך מוחל זיין אין הימעל.

יאָהאַנ'ען האָט עס שטאַרק פּאַרדראָסען. ער האָט גענומען נאָכפרעגען ביי פאַרשיעדענע מענשען וואָס עס איז פאַרגעקומען צווישען דעם קעניג און דעם פּאַפּסט. ער האָט אָבער ביי קיינעם ניט געקענט דערגעהן קיין טאָלק.

באַלד האָט יאָהאַן אויסגעפונען אַלע איינצעלהייטען פון איינעם פון די קאַרדינאַלען וועלכער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם פירשט פון וואַלענסיע.

פריהער האָט דער קאַרדינאַלביידען זעהר פיין עמפּפאַנגען. דער פירשט האָט איהם דערצעהלט פון דער גרויסקייט פון זיין זוהן יאָהאַן און ער האָט פון איהם פאַרלאַנגט אַז ער זאָל זיך פאַר איהם משתדל זיין ביים פּאַפּסט.

— איך וואָלט דיר געראַטען יעצט ניט צו קומען צום פּאַפּסט — האָט דער קאַרדינאַל זיך אָפּגערופען צום פירשט — ער איז יעצט אין אַ שלעכטע שטימונג. האָסטו דען ניט געהערט וואָס ער האָט געטהאָן צו דעם קעניג פון דייטשלאַנד.

— מיר האָבען עפּעס יע געהערט, אָבער ניט אין גאַנצען! — האָט דער פירשט געזאָגט — איך בעט דיר דערצעהל אונז וואָס עס איז פאַרגעקומען?

— איך ווייס אַז עס טראָגען זיך אַרום פאַרשיעדענע קלאַנגען. אָבער קיינער ווייס ניט דעם גאַנצען אמת. איך בין אָבער דערביי געווען ווען ער האָט צום ערשטען מאָל זיינע שלוחים געשיקט צו דעם קעניג. יע, ווען איהר וועט צוקומען יעצט צו דער טיהר וואָס פיהרט צו דעם פּאַלאַץ פון פּאַפּסט וועט איהר דאָרט טרעפען דעם קעניג שטעהענדיג אויף זיינע קניע אָנגעטהאָן אין אַ פּראָסטע העמד. ער שטעהט שוין אַזוי דעם צווייטען טאָג, און וועט אַזוי דאַרפען שטעהן ביז דריי טעג וועלען פאַריבער און ערשט דאַן וועט דער פּאַפּסט אַרונטערנעהמען דעם חרם פון איהם.

— אָבער וואָס האָט דער קעניג אַזוינס געטהאָן וואָס האָט פאַראורזאַכט אַזאַ שוידערליכען שטראָף ? ! — האָט יאָהאַן איהם געפרעגט.

— עס איז געווען אַ פראַגע פון מאַכט, צווישען דעם קעניג און דעם פּאַפּסט און דער לעצטער האָט געזיעגט — דער פּאַפּסט האָט געפּלאַנעוועט צו אָרגאַניזירען נאָך אַ קרייץ־צוג נאָך פּאַלעסטינע. ער האָט געוואָלט אויסאיבען זיין גאַנצע מאַכט אויף די בירגער פון דייטשלאַנד. דער קעניג האָט געוואָלט אָנהאַלטען זיין מאַכט איז צווישעןביידען אַרויסגעקומען אַ מחלוקת און דער פּאַפּסט האָט זיך באַנוצט מיט זיין וואַפען און אַריינגעלייגט העגרי דעם פערטען אין חרם, און ווי עס ווייזט אויס האָט זיך דער קעניג דערשראָקען און האָט געשיקט שלוחים איהם בעטען ער זאָל אַרונטערנעהמען דעם חרם. דער פּאַפּסט האָט ניט געוואָלט סיידען ער וועט קומען פערזענליך און איהם בעטען מחילה. דער קעניג האָט אַזוי געטהאָן. אָבער דער פּאַפּסט האָט ניט געוואָלט אַרונטערנעהמען דעם חרם סיידען דער קעניג זאָל שטעהן פאַר זיין טיהר אויף זיינע קניע פאַר דריי טעג און דריי נעכט.

— אָ, עס איז זעהר אַ גרויזאַמע שטראָף — האָט יאָהאַן אויסגערופען מיט פאַרדרוס — אַזוי שנעל ווי דער קעניג האָט אַרויסגעצייגט אַז ער האָט חרטה און וויל תשובה טהאָן האָט ער איהם באַדאַרפט באַלד מוחל זיין. דעם פּאַפּסט'ס האַנדלונג איז זעהר ניט קריסטליך !

— אָבער יאָהאַן ! — האָט דער פירשט איהם פאַרגעוואָרפען — ווי אַזוי וואַגסטו צו ריידען אַזעלכע רייד נעגען דעם הייליגסטען פון אַלע קריסטען, דער וועלכער פאַרנעהמט דעם שטוהל פון סאַן פּעטער ?

— ווי איך זעה איז דיין זוהן יאָהאַן זעהר בראַוו, און עהרליך. ער האָט מיט דעם אַליין געפונען חן אין מיינע אויגען. ער איז גערעכט, דער פּאַפּסט האָט ווירקליך ניט קריסטליך געהאַנדעלט.

— אָבער עס איז ניט פאַר אונז צו אורטיילען ! — האָט דער פירשט געזאָגט — ווער ווייס אויב דער הייליגער פּאַפּסט איז ניט אויסען די טובה פון דעם קעניג.

— ער וועט אָבער זיך דאַמיט טהאָן אַ גרעסערע רעה — האָט דער קאַרדינאַל ווי צו זיך געזאָגט. — אָבער לאָמיר מעהר דערפון ניט ריידען. איך וויל זיך דורכריידען מיט דיר יאָהאַן, ווייל דיין פאָטער, מיין פריינד, האָט מיר איבערגעגעבען דעם צוועק פון דיין קומען אין רוים. קום לאָמיר

אריין אין מיין צימער.

זיי האָבען זיך ענטשולדיגט פאַר דעם פירשט און זיי זיינען ביידע אריינגעגאַנגען אין צווייטען צימער.

א היבשע ווייל האָבען זיי ביידע פאַרבראַכט אין א געשפּרעך. דער קאַרדינאַל האָט באַלד איינגעזעהען אז יאָהאַן באַזיצט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ער האָט אַן אָפענעם מוח און זיין וויסענשאַפט איז גרענצלאָז.

ער האָט מיט איהם גערעדט וועגען רעליגיע און ער האָט זיך געוואונדערט צו הערען אז ניט נאָר איז יאָהאַן געלערענט אין אַלעם וואָס האָט א שייכות צו קריסטענטום, נאָר ער איז אויך באַהאַוונט אין די לעהרעס פון די אַנדערע צוויי רעליגיעס — יודענטהום און מאַכמעדאַניזם. זיינע קלוגע לאָגישע רייד האָבען איהם באַצויבערט.

— איך זעה אז איך קען מיט דיר גאַנץ אָפען ריידען! — האָט דער קאַרדינאַל זיך אָפּגערופען צו איהם — איך האָף אז גאָר אין גיכען וועסטו פאַררעכענט ווערען איינער פון אונז, כאָטש דו ביזט נאָך גאָר יונג, פונדעסטוועגען זעה איך אז מיר אַלטע קאָנען זעהר פיעל פון דיר לערנען. איך וועל דיר פאָרשטעלען פאַר די איבעריגע קאַרדינאַלען און איך בין זיכער, אז זיי וועלען זיך טיילען מיט מיין מיינונג וועגען דיר. דו וועסט שוין פאַרבלייבען אין רוים און איך האָף אז גאָר אין גיכען וועסטו זיין געקליידעט אין די קליידער פון א קאַרדינאַל. דו וועסט ברענגען פיעלע נוצען צו דער קירכע. פיליכט וועסטו דאַן איינזעהען נאָך מעהר ווי יעצט אז דער פּאַפּסט גריגאָר דער זיבעטער איז ניט ווירדיג צו זיצען אויף דעם שטוהל פון הייליגען פּעטער.

— איך בין זיך מודה אז פאַר מיר איז עס געווען זעהר א גרויסע איבערראַשונג, ווען איך האָב געהערט וואָס דער פּאַפּסט האָט געטהאָן צו דעם קעניג הענרי דעם פערטען. איך קען אויך ניט פאַרשטעהן ווי אזוי אזא מעכטיגער קעניג האָט זיך געלאָזט ערנידעריגען און אָננעהמען אזעלכע שווידערליכע באַדינגונגען.

— דער פּאַפּסט האָט אויף הענרי'ן געטראָגען אַן אַלטע שנאה. ער האָט געוואוסט וואָס פאַר א מאַכט ער באַזיצט און האָט געוואָלט אז אַלע קעניגע זאָלען זיך פאַר איהם בויגען, און ווירקליך האָט אזוי פּאַסירט. זיין וואָרט איז געווען א הייליגטום און קיינער האָט ניט געוואגט ווידער צושפּעניגען זיין מויל. דער פּאַפּסט האָט ניט געקענט דולדען וואָס די אידען אין פיעלע לענדער האָבען זיך דערשלאָגען צו וויכטיגע עמטער. ער האָט דעריבער אַרויסגעגעבען א באַפעהל צו די קעניגע אז זיי זאָלען ניט דערלאָזען אז א איד זאָל האָבען די מעגליכקייט צו הערשען איבער א קריסט. די קלענערע מלכים און פּרינצען האָבען געטהאָן דעם פּאַפּסט'ס ווילען מיט פאַרגעניגען. אָבער הענרי דער פערטער האָט איינגעזעהן אז די אידען ברייגנען פיעלע נוצען פאַר זיין לאַנד. ער האָט זיך אויך דערוואוסט אז אין דעם פּאַלאַץ פון אַלפאָנזאָ דעם קעניג פון שפּאַניען געפינט

זיך אַ אידישער הויפּט מיניסטער, וועלכער האָט געבראַכט אַ ברכה פאַר׳ן לאַנד, האָט ער זיך ניט געמאַכט וויסענדיג און באַהאַנדעלט די אידען אַזוי ווי די קריסטען. איבערהויפּט האָבען די אידען פון דער שטאָדט וואָרמס גענאָסען אַלע פּריוויהייטען, און ווען דער פּאַפּסט האָט זיך דערוואוסט, האָט ער פון גרויס צאָרען באַשלאָסען אַריינצוליינען דעם פערטען אין חרם. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט אויסגערופען אַ חרם אויף איהם. די אַרומיגע קלענערע מלוכות האָבען זיך גענומען דערווייטערען פון קעניג צוליעב דעם חרם און זיי זיינען געוואָרען פיינדליך געשטימט צו איהם. דער פּאַפּסט האָט שוין געזעהן אויפצורייצען זיי געגען איהם. דער קעניג האָט איינגעזעהן אַז איהם איז קיין אַנדער ברירה ניט פאַרבליבען ווי צו בעטען מחילה ביי דעם פּאַפּסט און ער האָט אַזוי געטהאָן. אָבער דער פּאַפּסט האָט יעצט געזוכט זיך נוקם צו זיין אָן איהם און באַהאַנדעלט איהם אויף אַזאַ שענדליכען אופן. איך ווייס אַז עס פּאַסט ניט פאַר דעם גרעסטען גייסטליכען פיהרער אַזוי צו האַנדלען. און איך בין צופרידען אַז דו האָסט אויסגעדריקט די זעלבע מיינונג וועגען דעם.

— איך זעה ניט איין פאַר וואָס אַ קעניג זאָל ניט האָבען קיין רעכט צו ערהויבען אַ אידען וועלכער איז ווירדיג און נוצבאַר פאַר׳ן לאַנד. אַזוי לאַנג ווי זיי מישען זיך ניט אין רעליגיעזע ענינים.

— מיר וויסען אַלע, אַז די אידען האָבען געקרייציגט קריסטוס׳ן און באַהאַלטענערהייט שפּאָטען זיי און לאַכען פון אונזער רעליגיע. אָבער אין גאַנצען באַשולדיגען זיי דאַרפען מיר אויך ניט, ווייל נאָך אַלעמען האָבען זיך די אידען זעהר פיעל אָנגעליטען פון אונז קריסטען. דער פּאַפּסט אָבער טראַכט פון אַ פּלאַן זיי אין גאַנצען צו פאַרניכטען, צוליעב דעם צוועס האָט ער געוואָלט אַז די קרייציגער זאָלען האָבען דאָס רעכט צו טהאָן אין אַלע קריסטליכע לענדער וועלכע זיינען איהם אונטערוואָרפען וואָס זיי געפעלט.

— איין זאַך בין איך זיכער אַז ער וועט גאָר ניט קענען טהאָן מיט דעם שפּאַנישען קעניג! — האָט יאָהאַן געזאָגט — זיין הויפּט מיניסטער יהודה הלוי איז ביי איהם זעהר חשוב און געשעצט און ער פיהלט אַז ער האָט באַרייכערט און באַפעסטיגט זיין לאַנד.

— דאָ ניט לאַנג האָט דער פּאַפּסט דערגרייכט אַן אָנקלאַגע געגען דעם שפּאַנישען קעניג פון דעם טעמפּעל־מייסטער און דער פּאַפּסט האָט אָנגעשריבען אַ בריעף צום קעניג וואָס ער וועט עס נאָך די טעג אָוועקשיקען. דאָס בריעף געפינט זיך ביי אונז. אויב דו ווילסט וועל איך עס דיר ציינען. ער וויל עס שיקען דורך אַ בישאָפּ, וועמען ער האָט באַשטימט צו זיין איבער דער שפּאַנישער קירכע. אָבער ווי עס ווייזט אויס וויל אַלפאָנזאָ ניט דערלאָזען אַז אַ פרעמדער בישאָפּ זאָל אויסאיבען אַן איינפלוס איבער די קירכען פון שפּאַניען. אַט וועל איך דיך ציינען דעם בריעף. דער בישאָפּ, וועלכער וועט דעם בריעף אָוועקשיקען, וואַרט אויף אַ שיף. דערווייל איז דער בריעף פאַרבליבען ביי מיר.

דער קאַרדינאַל האָט אַרויסגענומען דעם בריעף, עס אויפגעעפענט און עס איבערגעגעבן צו יאָהאַן, וועלכער האָט געלעזען פאָלגענדעס:

„צו אַלפאָנזאָ, קעניג פון שפּאַניען:

„איך פיהל די נויטווענדיגקייט דיר צו גראַטולירען פאַר דעם פאָרטשריט וואָס דו האָסט אין דיין לאַנד געמאַכט און אויך פאַר דיין באַריהמטקייט. אין דער זעלבער צייט בין איך געצוואונגען דיר פאָרצוואַרפען פאַר וואָס דו האָסט ערלויבט אין דיין לאַנד אַז די אידען זאָלען הערשען איבער די קריסטען. איך האָב געהערט אַז דיין ערשטער בעל יועץ איז אַ איד און ער איז אַ קנאַפּער פריינד צו די קריסטען, און עס איז דעריבער ניט ריכטיג אַז די קריסטען פון דיין לאַנד זאָלען זיין אונטערגעוואָרפען דער הערשאַפט פון אַ אידען. יאַ, אונטערצוואַרפען קריסטען אונטער דעם יאָך פון אידען איז די זעלבע זאַך ווי צודריקען די קירכע פון קריסטוס'ן און דערהויבען דעם שטן'ס שטול פון די אידען, צו ווינשען צופרידענשטעלען די שונאים פון קריסטוס איז אַזוי גוט ווי אומצופריעדען שטעלען קריסטוס'ן אַליין".

פאַפּסט גריגאָרי דער זיבעטער.

— איך גלויב ניט אַז זיין בריעף וועט האָבען אַ ווירקונג אויף דעם שפּאַנישען קעניג! — האָט יאָהאַן געזאָגט — ווי איך האָב געהערט האָט ער זעהר פיעל צוטרויען צו יהודה הלוי'ן.

— געוועהנליך האָט אַלפאָנזאָ קיין אורזאַכע ניט זיך צו שרעקען פאַר דעם פאַפּסט חרם. און ער ווייסט דאָס. דעריבער שרייבט ער צו איהם מיט אַזאַ ווייכען טאָן. אַלפאָנזאָ איז שטאַרק גענוג און האָט קיין מורא ניט פאַר שכנים'שע פעלקער. דער פאַפּסט וואָלט ניט געוואַגט איהם אַריינצוליינען אין חרם. און אַפילו יעצט, זאָגט מיר מיין האַרץ אַז קיין גוטע פאָלגען וועלען ניט זיין פון דאָס וואָס ער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם דייטשען קעניג. די נייעס ווי אַזוי העגרי דער פערטער שטעהט אויף זיינע קניע נעבען דעם פאַפּסט'ס טיהר אָנגעטהאָן אין אַ העמד פאַר זינדיגע איז בליץ שנעל פאַרשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ רוים, טויזענדע מענשען קומען אָנצוקוקען ווי אַזוי אַ מעכטיגער קעניג ווערט אַזוי גרויזאַם באַהאַנדעלט פון אַ פאַפּסט וועמעס עובדא איז צו פּרעדיגען בריעדערליכקייט און מענשליכקייט. קוק אַרויס דורך מיין פענסטער אין יענער ריכטונג וואו עס איז דער אַריינגאַנג צום פאַפּסט'ס פּאַלאַץ. זעהסטו דאָרטען אין דרויסען שטעהן טויזענדע מענשען, יעדער איז נייגעריג צו כאַפּען אַ קוק אויף דעם קעניג וועלכער האָט זיך אַזוי געלאָזט דערנידעריגען. זעהסטו דעם אויסדרוק אויף זייערע פּנים'ער, ווי זיי ציהען מיט זייערע אַקסלען פון רערשטוינונג. וועט ער נאָך אַזאַ אויפפיהרונג קענען פּרעדיגען צום פאָלק די קריסטליכע פּרינציפּען, וועלען זיי צו איהם זיך צוהערען? יאָהאַן האָט באַמערקט די פאַרביטערונג וואָס עס איז געוועזן אויסגעגאָסען אויף דעם קאַרדינאַל'ס פּנים. ער האָט געזעהן מיט וואָס פאַר אַן ענטריסטונג ער רעדט פון דעם פאַפּסט'ס מעשים און האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז דער קאַרדינאַל מוז זיין איינער פון זיינע גרעסטע געגנער.

דער נייגעריגער המון וואָס איז צוגעצויגען געוואָרען צו דעם פאַפּסט׳ס פּאַלאַץ איז געוואָרען גרעסער. אַלע האָבען זיך געשטופּט אַהין. יעדער איז געווען נייגעריג צו זעהן ווי דער מעכטיגער קעניג שטעהט שוין באַלד דריי טעג אויף זיינע קניע אין אַ פראָסטער העמד.

די וועלכע האָבען געקענט אַריין אינעווייניג האָבען באַמערקט ווי דעם קעניג׳ס פיס זיינען געשוואָלען געוואָרען. זיינע אויגען זיינען רויט און געשוואָלען געוואָרען פון וויינען. זיין פּנים איז אַזוי אויסגעצערט געוואָרען אַז עס איז געווען אַ שרעק צו קוקען אויף איהם.

יעדער איינער וועלכער האָט דעם קעניג צוגעזעהן אין אַזאַ שוידער־ליכען צושטאַנד האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, איבערהויפּט האָ־בען ביטער געוויינט דעם קעניג׳ס באַגלייטער און זיינע איבערגעגעבענע פריינד.

איינינע פון זיי זיינען צו איהם צוגעגאַנגען און האָבען פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך אויפשטעלען און צוריקרייזען אַהיים.

— זאָלען אַלע וויסען ווי גרויזאַם דער פאַפּסט איז און זיין חרם וועט אַלץ איינס קיין ווירקונג ניט האָבען! — האָט איינער פון זיינע נאָהענטע צו איהם זיך אָפּגערופען.

— ניין! איך וועל שוין אַזוי אויסשטעהן ביז גאַנצע דריי טעג! — האָט דער קעניג קוים געענטפערט. איך טאָר זיך ניט צוריקקעהרען אַז דער חרם וועט ניט זיין פון מיר אַרונטערגענומען.

— אָבער מיין האר קעניג דו וועסט דאָך קראַנק ווערען אויב דו וועסט עס פאָרטזעצען — האָט אַ צווייטער איהם געזאָגט.

— איך פיהל זיך שוין קראַנק! — האָט העגרי דער פערטער טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ — מיינע פיס זיינען געשוואָלען און איך פיהל אַ וועהטאָג איבער מיין גאַנצען קערפּער. אָבער קען איך דען יעצט עס אויפגעבען און זיך צוריקקעהרען אַהיים מיט׳ן חרם? האָט איהר אַלע מיר ניט געראַטהען איך זאָל זיך לאָזען בויגען אונטער דעם ווילען פון פאַפּסט? איך האָב אייך געפאָלגט.

— מיר האָבען געמיינט, אַז ווען דער פאַפּסט וועט זעהן אַז דו גיסט זיך אונטער מיט׳ן גאַנצען הארצען אַז דו ביסט אפילו גרייט צו טהאָן אַזאַ ערנידעריגענדע און שוידערליכע זאַך, וועט דער פאַפּסט האָבען איינזע־העניש מיט דיר און ער וועט דיין שטראָף פאַרגרינגערען! ווער וואָלט ערוואַרטעט פון איהם אַזאַ גרויזאַמקייט אין נאָמען פון יעזוס׳ן?!

— איצט איז ניט די צייט דערפון צו ריידען! — האָט דער קעניג געענטפערט. היינט איז דער דריטער און לעצטער טאָג. גאָט זאָל מיר געבען כח עס אַריבערצוטראָגען, און דאַן האָב איך אַז דער פאַפּסט וועט צו־פריעדען זיין און פון מיר דעם חרם אַרונטערנעהמען.

דער פאַפּסט האָט יעדע ווייל־ע אַרויסגעשיקט איינעם פון זיינע באַ־דיענער צו זעהן אויב דער קעניג פיהרט אויס אין גאַנצען זיין באַפעהל. און ווען דער דיענער האָט געטראָפען איינינע פון דעם קעניג׳ס באַגלייטער ריידענדיג מיט איהם, האָט ער דאָס זיי פאַרבאָטען.

— דער הייליגער פאפסט האט ארויפגעלייגט די שטראף אויף דעם קעניג און ער דארף עס אויספיהרען אליין. קיינער טאר זיך מיט איהם ניט געפינען. ווייל דאס וואלט זיין שטראף פארגרעסערט. ער מוז זיין איינזאם און שטעהן אויף די קניע, קיינער האט קיין רעכט ניט אהער צוצוקומען און איהם שטערען.

מיט ארונטערגעלאזענע קעפ האבען דעם קעניג'ס באגלייטער פארלאזען דעם פלאץ. זיי האבען אלע געווארט אין דרויסען ביז וואנען די צייט וועט פאריבער און זיי וועלען קענען צוריקרייזען מיט דעם קעניג נאך זיין לאנד.

אין גאנץ רוים און ארום האט מען ניט אויפגעהערט צו ריידען פון דער פאסירונג. די קארדינאלען און די הייליגע בישאפען האבען געפיהלט זעהר ערשיטערט פון דעם פאפסט'ס האנדלונג. איבערהויפט איז די אויפרעגונג געגען דעם פאפסט געווען גרויס, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט אז ווען די דריי טעג זיינען פאריבער און דער פאפסט האט שוין ערלויבט דעם קעניג זיך אויפשטעלען אויף זיינע פיס און קומען צו איהם, האט דער קעניג פון גרויס וועהטאג זיך ניט געקענט אויפשטעלען און איז געפאלען אין חלשות. מען האט איהם קוים דערמינטערט, און ווען מען האט דעם פאפסט געזאגט אז עס איז דעם קעניג שווער צו שטעהן אויף די פיס, האט ער אויסגערופען מיט א גלייכגילטיגע שטימע:

— זאל מען איהם אריינטראגען צו מיר אין א בעטעל.

די קארדינאלען זיינען געווען אנוועזענד, ווען איניגע האבען דעם קעניג א קראנקען, א צובראכענעם, אריינגעטראגען אויף א בעטעל צום פאפסט אין פאלאץ.

דער פאפסט האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און ארייגעטונקט זיין האנט אין „הייליגען" וואסער וואס איז געווען אין א גאלדענעם קריגעל און א שפריץ געטהאן אויף דעם קעניג, און א מורמעל געטהאן:

— דער חרם איז פון דיר ארונטער גענומען געווארען. יעצט קענסטו זיך צוריקקעהרען צו דיין לאנד!

דער קעניג האט א וואונק געטהאן צו זיינע באגלייטער אז מען זאל איהם פון דארטען ארויסטראגען.

זיי האבען איהם ארויסגעטראגען שווייגענדיג פון פאפסט'ס פאלאץ. זעהר א גרויסער המון האט זיך פארזאמעלט אין דרויסען. די פאליציי-לייט האבען אבער זיי פאנאנדערגעטריבען.

דער קארדינאל וועלכער איז געווען דער פריינד פון דעם פירשט פון וואלענסיע איז צוגעקומען צום קעניג'ס בעטעל. ער האט אויפגעהויבען זיין צלם און האט איהם געבענשט.

— אין אונזערע אויגען ביזטו פאררעכענט ווי א הייליגער מארטירער! — האט ער געזאגט צום קעניג — זאל דער הייליגער גייסט דיך אימער באגלייטען. דו האסט ארויסגעוויזען גרויס העלדישקייט. אלע פארעהרען דיין מוטה. דא אין רוים געפינט זיך יעצט דער פירשט פון דעם לאנד וואלענסיע, ער איז א מעכטיגער פירשט און זיין זוהן וועט געוויס

ווערען איינער פון די קארדינאלען. ער האָט פון מיר געבעטען איך זאָל דיר פרעגען אויב ער קען צוקומען צו דיר מיט זיין זוהן און דיך באַגריסען.

א לייכטער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף דעם קעניג׳ס פנים און ער האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אלס א צייכען אז ער שטימט צו. דער קארדינאל האָט געהייסען די וועלכע האָבען די בעטעל געטראָגען זיך אָפּ־צושטעלען, און באלד זיינען צו דעם קעניג צוגעקומען דער פירשט פון וואלענסיע און יאהאן. זיי האָבען זיך ביידע פארנייגט פאר איהם.

דער קעניג האָט זיך באַמיהט צו זעצען אָבער דער פירשט האָט איהם געבעטען ער זאָל זיין רוהיג.

— דו מוזט זיך אויסרוהען איינינע טעג איידער דו וועסט קענען אָפּ־רייזען פון דאנען — האָט דער פירשט איהם געזאָגט.

— איך וויל דאָ מעהר קיין איבעריגען טאָג ניט פארבלייבען. — האָט דער קעניג קוים ארויסגערעדט — איך וויל וואָס שנעלער אָפּרייזען פון דאנען.

— איך פארשטעה און סימפאטיזיר מיט דיינע געפיהלען, מיין האר קעניג! — האָט דער פירשט איהם געזאָגט — אָבער דו קענסט ניט איינ־שטעלען דיין לעבען אין געפאהר, דו וועסט זיך מוזען אויסרוהען איינינע טעג, ביז וואנען דו וועסט האָבען די מעגליכקייט זיך אויף דיינע פיס צו שטעלען.

— אויב איך בין ניט געשטאָרבען פון די דריי טעג פון פייניגונגען און וועהטאָגען, האָף איך אז איך וועל שוין ווייטער לעבען! — האָט דער קעניג געזאָגט.

— דו דארפסט ניט פארגעסען, מאיעסטעט, אז אויפ׳ן וועג דארף מען נאָך מעהר זיין געהיט. איך בעט דיך, בלייב דאָ נאָך איינינע טעג, ביז וואנען דו וועסט צוריק געווינען דיינע פארלאָרענע קרעפטען. איך אליין בין יעצט א גאסט אין רוים. אָבער איך האָב פיעלע באַקאנטע און גוטע פריינד. איינער פון מיינע בעסטע פריינד, האָט מיר אָפּגעגעבען זיין שלאָס פאר זיך אליין. אזוי לאנג ווי איך וועל פארבלייבען שטעהן. איך וויל האָבען די עהרע דיך אהין איינצולאדען פאר איינינע טעג. איך האָב מיט זיך מיין לייב דאָקטאָר וועלכער איז באַריהמט פאר זעהר א גוטען דאָקטאָר. ער וועט זעהן אז דו זאָלסט זיך פיהלען געזונד. קום, איך בעט דיר, גנעדיגער קעניג, טו מיר אָן דעם כבוד און פארבלייב מיט דיינע מענשען אין דעם שלאָס וואו איך געפין זיך. איך פארזיכער דיר אז קיינער וועט דיך ניט באַלעסטיגען. דו וועסט זיך גוט אויסרוהען, דו וועסט צוריקגעווינען דיינע קרעפטען און דאן וועסטו אָפּרייזען נאָך דיין לאנד.

דער קעניג האָט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אלס א צייכען אז ער שטימט צו און זיי האָבען אוועקגעטראָגען איהם צו דעם שלאָס וואו דער פירשט פון וואלענסיע און יאהאן האָבען זיך אויפגעהאלטען.

זיי זיינען אלע צוגעקומען צום שלאָס. דעם קעניג׳ס באַגלייטער האָבען שטילערהייט געוויינט ווען זיי האָבען באַמערקט ווי דער קעניג ליגט אזוי הילפלאָז אין וועהטאָג.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין שלאָס, האָט דער פירשט אָפּגעגעבען דעם קעניג זיין בעסטען צימער און דער דאָקטאָר האָט פאַרבאַנדאַזשירט זיינע געשוואָלענע פיס.

אויף מאָרגען האָט זיך שוין דער קעניג געפיהלט אַ סך בעסער. ער האָט זיך שוין געקענט אויפשטעלען אויף אַ קליינע ווייל. ער האָט פאַרבראַכט אין אַ פריינדליכען געשפּרעך מיט דעם פירשט און יאהאנען.

— זיי וויסען — האָט דער פירשט זיך אָפּגערופען צום קעניג — אַז דער פּאַפּסט האָט זיך געטהאָן דאמיט מעהר שאַדען ווי דיר. אַלע קאַרדינאַלען זיינען אויפגעבראַכט געוואָרען אויף איהם, און דאָס וועט איהם אויך קיין גוטעס ניט טאָהן, ווען די זאַך וועט פון אַלעמען באַוואוסט ווערען. קיין פיעל כבוד וועט עס איהם אויך ניט פאַרשאַפען.

— איך וויים אַז דאָס פאָלק איז יעצט מיט מיר! — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען — איך וועל עס איהם ניט שענקען! עס קען זיין אַז ער האָט געמיינט דאמיט צו פאַרגרעסערען זיין מאַכט. אָבער איך וועל ניט שווייגען ביז וואַנען זיין מאַכט וועט אין גאַנצען געבראָכען ווערען.

צוויי טעג האָט זיך דער קעניג אויסגערוהט אין דעם שלאָס פון דעם פירשט און ווען ער האָט זיך שוין געפיהלט קרעפטיגער האָט ער באַדאַנקט דעם פירשט און יאָהאַנען און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

דער קאַרדינאַל האָט איינגעלאַדען יאהאנען אויף איינעם פון די פאַרזאַמלונגען פון די קאַרדינאַלען. ער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר די איבעריגע.

— ער איז דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַלענסיע וועלכער איז מיין בעסטער פריינד. איך האָב מיט איהם פאַרבראַכט אַ היבשע ווילע און איך האָב זיך איבערצייגט אַז מיר האָבען זעהר פיעל פון איהם צו לערנען. גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַן אָפענעם מוח, עס איז פאַר איהם קיין זאַך ניט פאַרבאָרגען. איך וואָלט דאריבער פאָרגעשלאָגען אַז ער זאָל רעקאָמענדירט ווערען צו זיין אַ קאַרדינאַל, און זאָל ער זיך שטענדיג געפינען צווישען אונז. יעצט וועל איך איהם בעטען אַז ער זאָל פאַר אונז זאָגען עטליכע ווערטער.

יאהאן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ. האָט אויפגעהויבען זיין גאָלדענעם צלם וואָס ער האָט אויף זיין האלז געטראָגען און האָט איהם דריי מאָל אַ קוש געטהאָן, נאכהער האָט ער גערעדט. ער האָט זיי ערקלעהרט די טיפקייט פון רעליגיאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט מענשליכקייט. ער האָט באַצויבערט זיינע צוהערער מיט זיינע רייד.

נאכהער ווי ער האָט געענדיגט, זיינען אַלע געבליבען זיצען פאַרגאַפט און ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער. יעדער האָט אויף איהם געקוקט מיט בליקען פון אכטונג און אָפּשאַצונג. זיי האָבען באַמערקט דעם פייער וואָס איז אין זיין שטימע. זיי האָבען געזעהען אַז אויסער דעם וואָס זיין גייסט איז אַזוי דערהויבען און ענטוויקעלט, באַזיצט ער אויסערגעוועהנליכער געטליכע שעהנקייט. עס איז ביי זיי גאָר קיין צווייפעל ניט געווען אַז ער פּאַסט זיך צו זיין אַ קאַרדינאַל און זיי האָבען איהם איינשטימיג

אָנגענומען אַלס איינער פון די קאַרדינאַלען. גלייך נאָכדעם האָבען זיי איבערגעגעבען דעם פּאַפּסט ווענען זייער אויסוואַהל און ער האָט אויך נאָך אַ קורצען געשפּרעך מיט יאָהאַנען צוגעשטימט.

זעהר גליקליך און צופרידען האָט זיך געפיהלט דער פירשט פון וואַ־לענסיע. ער האָט דערצו די גאַנצע צייט געשטרעבט אַז זיין אַדאָפּטירטער זוהן זאָל ווערען אַ הייליגער קאַרדינאַל און יעצט איז זיין וואונש ערפילט געוואָרען. ער ווייס אַז פון יעצט אָן וועט דער הייליגער גייסט רוהען אין זיין לאַנד און איהם באַגליקען וואוהין ער וועט זיך קעהרען.

עס איז איהם געווען גאַנץ שווער זיך צו געזעגענען מיט יאָהאַנען, וועלכער איז איהם געווען באַליעבט ווי ער וואָלט ווירקליך געווען זיין אייגענער זוהן. ער איז געווען איינגעלאַדען צוזאַמען מיט יאָהאַנען דעם יונגען קאַרדינאַל אין דעם הויז פון דעם קאַרדינאַל וועלכער איז געווען אַן אַבשיעדס מאַלצייט און דער אַלטער קאַרדינאַל האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— וואויל איז דיר, מיין פריינד, וואָס דו האָסט דערלעבט אַז דיין זוהן יאָהאַן זאָל ווערען אַ הייליגער קאַרדינאַל. ער איז נאָך גאַנץ יונג און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נים אַז ער וועט אונז אַלעמען אריבער־שטייגען מיט זיין חכמה און געלערענטקייט. יעדער איינער וועלכער ווערט אַ קאַרדינאַל, בייט אום זיין איינפאַכען נאָמען אויף אַ הייליגען נאָמען, און מיר האָבען אַלע באַשלאָסען איהם צו רופען מיט'ן נאָמען אדם דעזיידעריוס, אַנשטאַט יאָהאַן, און איך האָף אַז דער נאָמען וועט אויך איהם צוגעבען מעהר הייליגקייט און גרויסקייט.

— איך בין זעהר גליקליך אַז איך האָב דערלעבט עס צו זעהען מיט מיינע אויגען! — האָט דער פירשט געזאָגט — איך האָב שטענדיג גע־זעהען אַז דער הער יעזוס פיהרט מיך אין דעם ריכטיגען וועג, ער האָט מיר געגעבען אַזאַ זוהן מיט וועמען איך קען זיין שטאָלץ. עס איז מיר זעהר שווער איהם יעצט צו פאַרלאָזען. אָבער איך האָף אַז גאָט וועט מיר געבען כוח איך זאָל קענען יעדען יאָהר קומען אין רוים זיך מיט איהם צו זעהען.

דער פירשט האָט איבערגעלאָזען אַ גרויסע סומע געלט פאַר די קירכען פון רוים און האָט זיך געזעגענט מיט זיין זוהן און אַלע זיינע גוטע פריינד און האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין וואַלענסיע. די גאַנצע וועג האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהם. פאַר זיינע אויגען זיינען פאַרבייגעשוואומען אַלע פּאַסירונגען פון דעם ערשטען טאָג אָן ווען די אַלטע מאַרגאַרעטאַ האָט איהם אוועקגע'גנב'עט פון דעם רב'ס הויז, און ווי אַזוי דער גלח פון דער שטאָדט מאַינץ האָט איהם איבערגעגעבען דעם שעהנעם קלוגען קינד. ער איז דאַן געווען זיכער אַז פון דעם אידישען קינד, וועט אַרויסוואַקסען אַ גרויסער מאַן מיט וועמען די קריסטליכע וועלט וועט שטאַרק שטאָלץ זיין. יעצט זעהט ער אַז ער איז ביי זיך ניט געווען גע־נאַרט. ער האָט נאָך אַריבערגעשטיגען אַלע זיינע ערוואַרטונגען. אַ שמיי־

כּעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט איהם געבעטען אין פאַל אברהם אבן עזרא וועט קומען אין וואַלענסיע זיך נאָכצופרעגען אויף איהם, זאָל ער איהם שיקען נאָך רוים. געוועהנליך ער האָט איהם געמוזט צוזאָגען. אָבער ער טאָר איהם קיינמאָל ניט געפינען. מעגליך אַז ער וויים פון זיין סוד און ער וועט איהם וועלען אַלעס ענטדעקען. אָבער יעצט, ווען אַפילו ער זאָל זיך דערוויסען אַז ער געפינט זיך אין רוים וועט ער, דער איד אברהם, צו איהם אַזוי גרינג ניט קענען צוקומען, און אויסער דעם האָט מען דאָך זיין נאָמען געענדערט און ווי אַזוי וועט איהם גאָר איינפאַלען אַז אדם דעזיידעריוס איז זיין פריינד יאָהאַן, דאָס האָט איהם זעהר בארוהיגט, און ער האָט באַשלאָסען אַז ווען ער וועט אָנקומען אין וואַלענסיע, וועט ער קיינעם גאָר ניט דערצעהלען אַז יאָהאַן איז געוואָרען אַ קאַרדינאַל און געווים ניט אַז מען האָט זיין נאָמען געענדערט.

ווען דער פירשט איז געקומען אַהיים, און אַלע זיינע קרובים און פריינד זיינען איהם געקומען באַגריסען און זיך נאָכגעפרעגט אויף יאָהאַנען, האָט ער זיי געזאָגט:

— איך האָב יאָהאַנען איבערגעלאָזען אין רוים, ווייל ערשט זייענדיג דאָרטען, האָט ער זיך אַרומגעזעהען אַז עס פעהלט איהם נאָך זעהר פיעל צו קענען גרינדליך די קריסטליכע רעליגיע. ער וועט דאָרטען לערנען אויף ניגע יאָהר און נאָכהער וועט ער זיך צוריקקעהרען. דאָך פאַרלאַנג איך פון אייך אַז איהר זאָלט קיינעם ניט דערצעהלען אַז יאָהאַן געפינט זיך אין רוים. איהר ווייסט דאָך אַז ער האָט זעהר פיעל פריינד און באַקאַנטע פון פאַרשידענע לענדער, און ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וואו ער געפינט זיך וועלען זיי צו איהם קומען און דאָס וועט זיין זעהר אַ גרויסע שטערונג צו זיין שטודירען אין רוים, פאַרשפּרעכט איהר מיר?

אַלע האָבען איהם פאַרשפּראָכען אַז זיי וועלען קיינעם ניט דערצעהלען אַז יאָהאַן געפינט זיך אין רוים.

קאַפּיטעל צוועלף

נאָכדעם ווי אברהם אבן עזרא האָט צושטערט די פּלענער פון די טעמפּעל ריטער צום צווייטען מאָל, און געזעהן אַז יהודה הלוי זאָל זיך ניט שרעקען פאַר דעם בריעף פון דעם רב, פון ירושלים, ווען דער בישאָף האָט געצוואונגען צו שרייבען, און זאָל צוריקווייזען זייער פאָדערונג, האָט ער יעצט גענומען טראַכטען פון צו העלפען די אידען פון ירושלים.

דער איינציגער וועג ווי אַזוי מבטל צו מאַכען די גזרה פון דעם בישאָף, וועלכער האָט באַשלאָסען אַרויסצוטרייבען אַלע אידען פון ירושלים, אין פאַל יהודה הלוי וועט ניט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון דעם טעמפּעל אָרדען, איז ער זאָל זיך ווענדען צו זיין פריינד יאָהאַן פון וואַלענסיע. ער איז זיכער אַז דער פירשט און יאָהאַן האָבען אַ צוטריט צו דעם פּאַפּסט פון רוים און ווען ער וועט יאָהאַנען דערצעהלען די טרויעריגע לאַגע פון די

אידען פון ירושלים, וועט ער טהאָן אַלעס וואָס ער קען זיי צו העלפען. אויסער דעם וועט ער פּיליכט קענען איהם ענטדעקען דעם סוד וואָס מאַרגעריטאַ האָט איהם דערצעהלט און דערצו נאָך איהם אויסזאָגען אַז דער רב פון ירושלים איז זיין פאָטער. דאָן וואָלט ער שוין אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות צו העלפען די אידען. געוועהנליך דאָס וועט ער ניט אַזוי גיך קענען טהאָן, ווייל ער האָט דאָך צוגעשוואָרען מאַרגאַריטאַן אַז כל זמן זי וועט לעבען, זאָל ער דעם סוד פאַר קיינעם ניט ענטדעקען. יעדענפאַלס איז ער געווען זיכער אַז אפילו ווען יאהאַן זאָל גאַר ניט וויסען וועגען זיין אַפשטאַמונג, וועט ער זיך ניט ענטזאַגען צו העלפען אַ גאַנצע געמיינדע אידען וועלכע זיינען אין גרויס געפאַהר. ער וועט זיך שוין פאַר זיי משתדל זיין און ער וועט געוויס קריגען צוטריט צום פּאַפּסט און איהם בעטען אַז ער זאָל ניט דערלאָזען דעם בישאָף דורכצופיהרען זיין גזרה.

שטילערהייט האָט אברהם אבן עזרא פאַרלאָזען טאָלעדאָ און האָט אָפּגערייזט נאָך וואַלענסיע. זיינע געדאַנקען זיינען געווען אין גאַנצען מיט דער טרויעריגער לאַגע פון די אידען פון ירושלים. ער האָט געטראַכט אַז אויב גאָט וועט העלפען און איהם וועט זיך איינגעבען צו רעטען די אידען דורך יאהאַנען, וועט ער זיך צוריקקעהרען אין טאָלעדאָ און וועט שוין נעהמען טראַכטען פון זיין אייגענער צוקונפט.

ווי גרויס איז געווען זיין ענטוישונג ווען ער איז אָנגעקומען אין וואַלענסיע און ער האָט אויסגעפונען אַז יאהאַן איז דאָרטען ניטאָ. ער האָט זיך געגומען נאָכפרעגען ביי דעם אַלטען גלח און ער האָט איהם געענטפערט אַז ער וויים ניט וואוהין יאהאַן האָט אָפּגערייזט.

— און וואו איז די אַלטע מאַרגאַריטאַ? — האָט ער געפרעגט דעם גלח — פּיליכט ווייס זי וואו ער געפינט זיך.

דער גלח האָט זיך איבערגעצלמ'ט און אויסגערופען:

— די אַלטע מאַרגאַריטאַ איז שוין טויט איינינע מאָנאַטען!

יעצט איז אברהם'ס ענטוישונג נאָך גרעסער געווען. ווען ער טרעפט יאהאַנען וואָלט ער ערלויבט געווען איהם אַלעס צו דערצעהלען. ער וואָלט געווען פאַרזיכטיג. פריהער וואָלט ער איהם דערצעהלט אַלעס וואָס מאַרגאַריטאַ האָט איהם איבערגעגעבען און דאַן וואָלט ער געזעהען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף איהם. אויב ער דריקט אויס אַ וואונש צו וויסען אויב זיינע עלטערען לעבען נאָך און וואו זיי געפינען זיך, וואָלט ער איהם פאַרשפּראָכען צו העלפען זיי אויפזוכען, און ווען ער וועט זעהען אַז זיין האַרץ געהט אויס נאָך זיי מיט בענקעניש און צערטליכקייט וואָלט ער איהם אַלעס ענטדעקט, און געזאָגט אַז דער רב פון ירושלים איז זיין פאָטער.

אברהם האָט באַשלאָסען זיך צו ווענדען צום פירשט און פרעגען איהם וואו יאהאַן געפינט זיך. ער איז צו איהם צוגעקומען און געזאָגט:

— איך און דיין זוהן זיינען געווען זעהר גוטע פריינד. ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך קומען מיט איהם זעהן, און איצט, אַז

— מיין זוהן יאָהאַן רייזט איצט אַרום איבער פאַרשידענע לענדער — איך בין געקומען, האָב איך איהם, צו מיין באַדויערען, ניט געטראָפען. האָט דער פירשט איהם געזאָגט — דערווייל האָב איך נאָך אַליין פון איהם ניט געהערט און איך ווייס ניט וואו ער געפינט זיך.

— קענסטו מיר, מיין האַר, פיליכט זאָגען ווען ער וועט זיך אומ־קערען אַהיים?

— לויט ווי איך פאַרשטעה וועט ער אַזוי אַרומוואַנדערען אייניגע יאָהר. ער וויל אַרומרייזען פילע לענדער, זיך באַקענען מיט פאַרשידענע פעלקער, און וואו נאַר עס וועט מעגליך זיין, וועט ער די געצענדינער באַקעהרען צום קריסטענטום.

— האָט יאָהאַן מיר גאַרניט דערמאָנט? — האָט אַברהם איהם געפרעגט?

— איך ווייס, אַז ער האָט דיר פאַררעכענט פאַר איינעם פון זיינע בעסטע פריינד, אָבער דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען, אַז אַרומוואַנדערענדיג אין פאַרשידענע ווייטע לענדער, קען קיין רייד ניט זיין זיך צו טרעפען מיט אַלטע פריינד. דו וועסט שוין מוזען צוואַרטען ביז וואַנען ער וועט זיך צוריקקעהרען פון זיין רייזע, וואָס וועט געדויערען ניט ווייניגער ווי צוויי יאָהר און מעגליך דריי יאָהר.

אַברהמ'ס פנים איז בלאַס געוואָרען. אַזוי פיעל האָפענונג האָט ער אויף יאָהאַנען געלעגט, אַז ער וועט העלפען די אידישע געמיינדע פון ירושלים, און איצט זעהט ער אַז אַלץ איז פאַרפאַלען.

— מען טאָר זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזען אויף אַ בשר־ודם — האָט ער זיך אַליין פאָרגעוואָרפען — וואָס איז אַ מענש? היינט איז ער דאָ און מאָרגען קען פון איהם ווערען שטויב. די אידען אין ירושלים האָבען אַזויפיעל האָפענונגען געלעגט אויף איהם, און ער אַליין האָט דאָך אויף דיזען סמך געשריבען צו יהודה הלוי'ן, ער זאָל קיין אכט ניט לעגען אויף דעם בריעף וואָס דער רב פון ירושלים האָט צו איהם געשריבען. און איצט, דורך זיין אומפאָרזיכטיגקייט, וועט ער שטעלען אַ גאַנצע קהילה אידען אין געפאַהר.

מיט אַ טרויעריגען געמיטה האָט אַברהם פאַרלאָזען וואַלענסיע. ער האָט זיך זעהר שטאַרק געוואונדערט וואָס יאָהאַן האָט גאַרניט אָנגעזאָגט פאַר איהם דורך דעם פירשט. דעם לעצטען מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איהם געזעהן, האָט ער אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל פריינדשאַפט צו איהם. ער האָט איהם געבעטען ער זאָל צו איהם קומען און פאַרברענגען; ווען נאָר ער וועט האָבען אַ געלעגענהייט, און דאָ, אַז ער איז צו איהם געקומען צוליעב אַזאַ וויכטיגע זאַך, האָט ער איהם אין גאַנצען ניט געפונען.

אייניגע וואָכען האָט אַברהם אבן עזרא, אַרומגעוואַנדערט ביים ברעג ים, וואו ער האָט געטראָפען פילע רייזענדע אידישע סוחרים, וועלכע האָבען געוואַרט אויף אַ שיף וואָס וועט זיי פיהרען נאָך ארץ ישראל. ער האָט זיך באַקאַנט מיט זיי און ווען ער האָט דאַרטען געטראָפען אַ סוחר, אַז

עהרליכען אידען, אויף וועמען מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזען, האָט ער געוואונען זיין צוטרויען, און דאַן האָט ער איהם איבערגעגעבען אלץ וואָס עס האָט פּאַסירט אין ירושלים מיט׳ן בישאָף, און ער האָט פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל זיך אונטערנעמען איבערצוגעבען אַ בריעף צו דעם רב פון ירושלים.

— דו מוזט אָבער זיין זעהר פאָרזיכטיג, אַז קיינער זאָל ניט אויסגעפינען וועגען דעם בריעף, וואָרים אויב דאָס זאָל דערגעהן צו אונזערע שונאים דאַן איז די גאַנצע אידישע געמיינדע פון ירושלים אין דעם גרעסטען געפאַהר — האָט אברהם אבן עזרא איהם אָנגעזאָגט.

— געוויס וועל איך זעהר פאָרזיכטיג זיין! — האָט דער סוחר איהם געענטפערט — זיינען זיי דען ניט מיינע ברידער?

אברהם האָט אָנגעשריבען צום רב פאָלגענדען בריעף:

„הייליגער און ווירדיגער רב פון ירושלים:

„איך האָב געטהאָן אַ גרויסען פעהלער וואָס איך האָב זיך פאַרלאָזען אויף אַ בשר ודם, אַז ער וועט אונז קומען צו הילף. צו מיין גרויס באַדויערען האָב איך יענעם מאַן, וועלכער האָט זיך געוואָלט משתדל זיין פאַר אונז, ניט געטראָפען. מיר דאַרפען אָבער אונזער האָפענונג אין גאָט ניט פאַרלירען. ער וועט אונז קומען צו הילף, נאָר אין גאַנצען אויף אַ נס טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזען. איז דעריבער מיין עצה אַז דו אליין, רבי שמעון, זאָלסט אין געהיים פאַרלאָזען ירושלים און קומען נאָך רוים. דו זאָלסט זיך זעהן מיט דעם פּאַפּסט און פון איהם בעטען, אַז ער זאָל העלפען די אידען פון ירושלים, און אַז ער זאָל ניט דערלאָזען אַז דער דאָרטיגער בישאָף זאָל פאַרניכטען אַ גאַנצע געמיינדע אידען. מעגליך, אַז דעם פּאַפּסט׳ס הארץ וועט ווייך ווערען און ער וועט באַשיצען אונזערע ברידער. דערווייל איז דאָס די איינציגע האָפענונג. מעגליך, אַז איך אליין וועל אָפּרייזען נאָך רוים, כאָטש פאַר מיר איז עס געפעהרליך, מען זאָל מיך דאָרטען ניט דערקענען. איך וועל אויך זעהן טהאָן אַלעס וואָס נאָר מעגליך, זייענדיג אין שפּאַניען, און אַזוי שנעל ווי איך וועל הערען עפּעס לטובת די אידען, וועל איך דיר לאָזען וויסען. זאָל אונזער פאָטער אין הימעל באַשיצען און באַשירמען זיין פאָלק ישראל פון זיינע שונאים. אָמן.

אברהם אבן עזרא.“

ער האָט דעם בריעף פאַרזיגעלט און איהם איבערגעגעבען דעם סוחר און אליין האָט ער זיך אומגעקעהרט נאָך טאָלעדאָ.

זינט רודאָלף האָט אויסגעפונען, אַז ארטהור האָט ליעב די שעהנע טאָכטער פון יהודה הלוי, האָט ער איהם גענומען פאַרדעכטיגען, אַז ער אליין האָט דאָן, אין דער נאַכט ווען ער האָט געוואָלט זי פאַנגען, אונטערגעשיקט יענעם שטאַרקען יונגען מאַן, ער זאָל זי פון זיינע הענט אַרויסרעטען. ער האָט דעריבער אויף אַרטהורן געטראָגן אַ פאַרבאָרגענע שנאה

און ער האָט צו איהם מעהר קיין צוטרוי ניט געהאַט. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער האָט אַ בייטש איבער איהם, ווען ער זאָל נאָר זאָגען, אַז ער וועט איבערגעבען יהודה הלוי'ן אַז ער האָט איהם געגעבען די עצה צו צו פאַנגען זיין טאָכטער, וועט ער טהאָן אַלעס וואָס ער וועט פאַרלאַנגען פון איהם.

ארטהור האָט עס גאַנץ גוט געוואוסט, און ער איז שטענדיג געווען אין שרעק, ער זאָל אויף איהם ניט דערצעהלען איידער ער וועט קריגען הדסה'ן פאַר זיין פרוי. איהם איז גאַנץ שווער אָנגעקומען איבערצוריידען יהודה הלוי'ן ער זאָל דעם קעניג ניט דערצעהלען, אַז רודאָלף האָט איהם געוואָלט צווינגען זיך אונטערצוגעבען דורך דעם וואָס ער וועט פאַנגען זיין טאָכטער. אָבער דער קעניג ווייסט דאָך שוין וועגען דעם בריעף און ער וועט איהם געוויס פאַרוואָרפען וועגען דעם. און ער ווייסט וואָס עס קען פאַרקומען אין דער צייט פון זיין געשפּרעך.

— איך וועל מוזען וואָס שנעלער אַריינקריגען הדסה'ן! — האָט ער ביי זיך פעסט באַשלאָסען — ווען זי וועט ווערען זיין פרוי, דאַן וועט איהם שוין ניט אַרען אויב ער וועט דערצעהלען.

רבי יהודה הלוי און זיין פרוי האָבען גענומען באַגרייפען די ערנסטקייט פון דער זאַך. זיי האָבען זייער איינציגע טאָכטער אַוועקגעשיקט צו אַ קרובה פאַר אַ קורצע צייט, האָפענדיג אַז ווען ער וועט זי ניט זעהן פאַר איניגע וואָכען, וועט ער ביסלעכווייז זיך אָן איהר אין גאַנצען פאַרגעסען און וועט מעהר ניט קומען זי באַלעסטיגען. דאָס האָט אָבער אויך ווינציג וואָס געהאָלפען. אַזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעפונען אַז זי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון איהר באַזוך, האָט ער נאָך מעהר גענומען זי באַלעסטיגען. ער איז געוואָרען צודרינגליך. ער האָט זיך גענומען ערקלעהרען איהר אין ליעבע.

הדסה האָט זיך געפיהלט זעהר שטאַרק געערגערט פון זיינע באַזוכען. זי האָט איהם נאָך מעהר גענומען האַסען. זי איז אָבער געווען זעהר פאַרזיכטיג איהם ניט צו באַליידיגען, כדי איהם ווידער ניט צו מאַכען פאַר איהר פאָטער'ס שונא. ווי ווייט עס איז געווען פאַר איהר מעגליך איהם אויסצומיידען, האָט זי עס געטהאָן. זי האָט אויך ניט געוואָלט מצער זיין איהרע עלטערען און דערצעהלען זיי וואָס ער האָט צו איהר גערעדט.

איין מאָל, ווען יהודה הלוי איז געווען פאַרנומען אין פאַלאַץ מיט דעם קעניג, איז ארטהור געקומען אויף אַ באַזוך אין זיין הויז.

הדסה האָט איהם געזעהן אָנקומענדיג דורכ'ן פענסטער און זי האָט אָנגעזאָגט איהר דיענסט איהם איבערצוגעבען אַז זי געפינט זיך ניט אין הויז.

די דיענסט איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען און געזאָגט, אַז הדסה איז אַוועק אויף אַ באַזוך צו איהרע אַ פריינדין און זי האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט.

— געה זאָג דיין ווירטהין, אַז איך מיי ז' אומבאַדינגט זעהן, איך האָב זעהר וויכטיגעס מיט איהר צו רעדע'

— אָבער, המ... איך ווייס ניט וואו זי געפינט זיך — האָט די דיענסט נעענטפערט, און איז רויט געוואָרען.

— איך וועל דיר ציינען דעם צימער — האָט ארטהור מיט א שמייכעל געזאָגט, און אָנגעציינט אויף הדסה'ס צימער.

— אָבער איך זאָג דאָך דיר!

— דו דאַרפסט מיר ניט זאָגען, איך ווייס — האָט ארטהור איהר דערלאַנגט א מטבע — זאָג איהר, אז די זאך איז זעהר ערנסט און איך מוז זיך מיט איהר זעהן.

— איך קען ניט! איך קען ניט! — האָט זיך די דינסט נאָך אַלץ געקוויינקעלט.

ארטהור האָט אויף איהר געוואָרפען א שטרענגען בליק און די דיענסט האָט געזעהן, אז זי האָט קיין אנדער ברירה ניט און זי מוז איהם פאָלגען.

זי האָט זיך אומגעקעהרט צו הדסה'ן און זיך אָפּגערופען:

— איך האָב איהם געזאָגט, אז מיין הארינטע איז ניטאָ אין דער היים. וויזט אויס, אז ער האָט פארשטאַנען, אז דאָס איז ניט ריכטיג, און ער איז צו מיר צוגעשטאַנען, אז איך זאָל דיר זאָגען, אז ער מוז זיך אומבאַדינגט מיט דיר זעהן. ער האָט געזאָגט, אז די זאך איז זעהר ערנסט.

— געוויס האָט ער דערקענט לויט דיינע רייד, אז דו האָסט איהם ניט געזאָגט דעם אמת — האָט הדסה איהר געזאָגט — גוט, געה זאָג איהם, אז איך קום באַלד ארויס.

ווען הדסה איז אריינגעקומען אין צימער וואו ארטהור האָט געוואַרט — האָט זי איהם געטראָפען זיצענדיג פארזונקען אין זיינע געדאַנקען.

ער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט און זיך פארנויגט פאר איהר.

הדסה האָט איהם באַגריסט מיט א קאַלטען שמייכעל, זי האָט בייזיך באַשלאָסען, אז איין מאָל פאר אַלע מאָל וועט זי מוזען מאכען א סוף צו זיינע אָפטע וויזיטען און באַלעסטונגען.

ארטהור האָט געפיהלט אז זי איז זעהר ניט צופרידען מיט זיין איצטיגען באזוך. דעריבער האָט ער באַשלאָסען, אז ער וועט זעהן מיט איהר צו רעדען גאַנץ אָפען. ער איז אפילו געווען גרייט איהר צו זאָגען, אז ער וועט טאָן אַלץ וואָס זי וועט פון איהם פאַרלאַנגען. ער איז געווען זיכער, אז זי וועט פון איהם פאָדערען ער זאָל אָננעהמען דעם אידישען גלויבען. וואָס וועט ער פאַרלירען אויב ער וועט איהר פארשפּרעכען. נאָכדעם, אז זי וועט שוין זיין פאררעכענט פאר זיין פרוי, וועט ער קענען ענדערען זיין מיינונג. זי וועט דאָך נאָכהער ניט צווינגען.

הדסה האָט זיך צוגעזעצט אויף א שטוהל וואָס איז געווען אויף דער צווייטער זייט פון צימער. ארטהור אָבער איז צוגעגאַנגען און זיך געזעצט נעבען איהר.

א שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. הדסה האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. איהרע אויגען זיינען געווען געווענדעט אין אַן אַנדער ריכטונג.

— דו וועסט מיר ענטשולדיגען, רייצענדע בלום פון טאָלעדאָ — האָט

ער זיך אָפּגערופען צו הדסה׳ן — וואָס איך באַלעסטיג דיך אַזוי אָפט מיט מיינע באַזוכען — איך בין אָבער איצט געקומען צו רעדען מיט דיר וועגען זעהר אַן ערנסטע זאַך. איך האָף, אַז דו וועסט מיך פאַרשטעהן. איך האָב זיך שוין לאַנג געקליבען דיר עס צו זאָגען.

הדסה האָט איהם אָנגעקוקט מיט אומרוהיגע בליקען. זי פאַרשטעהט וואָס ער האָט איהר צו זאָגען, אָבער זי האָט באַשלאָסען, אַז זי וועט איהם אויסהערען כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכען אַ סוף צו זיינע אומגעווינשטע באַזוכען.

— איך האָב דיר שוין מיט אַ צייט צוריק ערקלעהרט — האָט אַרטהור זיך אָפּגערופען — אַז זינט איך האָב דיר דערזעהן, בין איך אינגאַנצען אַן אַנדער מענש געוואָרען. איך דערקען זיך אַליין ניט. אפילו מיין שוועסטער, די קעניגין, האָט עס שוין באַמערקט און זי האָט מיך געפרעגט וואָס האָט מיט מיר אַזוינס פּאַסירט, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַזאַ גרויסע ענדערונג אין מיר. איך האָב קיינעם וועגען דעם נאָך ניט געזאָגט, ווייל איך ערוואַרט פון דיר דיין ענדגילטיגען ענטפער.

— אָבער וואָס האָב איך צו טהאָן דערמיט? — האָט הדסה זיך אָפּגערופען.

— יע, דו געטליכע בלום, דו האָסט זעהר פיעל צו טהאָן דערמיט. איך האָב דיך זעהר ליעב. אָהן דיר איז מיין לעבען גאָר ניט ווערטה. איך בין גרייט אפילו צו ענדערען מיין רעליגיע צוליב דיר. איך בין גרייט אויף אַלץ, ווען איך זאָל נאָר הערען, אַז דו האָסט צו מיר דיזעלבע געפיהלען, דאַן קאָנסטו אַלץ פון מיר פאַרלאַנגען.

— איך בין זיכער, מיין האַר, אַז ווען דו וועסט זיך אין דעם גוט אַריינטראַכטען, וועסטו זעהן, אַז דו קענסט ניט זיין ערנסט אין דער זאַך.

— איך שווער דיר ביי דעם הייליגען יעזוס, אַז איך מיין אַלץ וואָס איך זאָג! האָט אַרטהור זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ.

קענסטו דען זיין ערנסט אין דעם, אַז דו ביזט גרייט צו ענדערען דיין רעליגיע, אין וואָס דו ביזט ערצויגען געוואָרען פון דיין קינדהייט אָן, וואָס איז געוואָרען אַ טייל פון דיין לעבען! אָה, ניין! דאָס איז אוממעגליך, מיר זיינען ביידע פון צוויי גאַנץ אַנדערע וועלטען. מיר זיינען אַזוי ווייט איינער פון צווייטען ווי מזרח פון מערב, און מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט באַגעגענען. דעריבער בעט איך דיך, מיין האַר, דו זאָלסט אָן מיר פאַרגעסען. זיינען דען ווינציג שעהנע מיידלאַך פאַראַן צווישען די קריסטליכע? דו ווייסט אַליין, אַז ווען דו וועסט דיין אמונה ענדערען וועסטו קיינמאָל ניט גליקליך זיין. דיינע פריינט און באַקאַנטע וועלען זיך פון דיר דערווייטערען.

— איך וועל אָבער דאַן האָבען איין איינציגען פריינט, און וועמען אַרט עס פאַר די אַנדערע פריינט. אָה, דו, שעהנע הדסה, זאָג מיר אַז דו שטימסט צו און איך וועל זיך שעצען דער גליקליכסטער אין דער וועלט. איך וועל אפילו ווערען אַ איד, אויב דאָס איז דער איינציגער אָפּהאַלט.

— ניין, דאָס איז ניט דער איינציגער אָפּהאַלט — האָט זיך הדסה

געזוכט אַרויסצודרעהען פון דעם פּלאָנטער — אפילו ווען דו וואָלסט זיך מגייר געווען, איז עס אויך אוממעגליך.

— פאַרוואָס וועט עס זיין אויך דאַן אוממעגליך? — האָט אַרטהור אויסגערופען מיט אַן אויפרעגענדע שטימע — בין איך דיר דען ניט אימ־שטאַנד גליקליך צו מאַכען. דו ווייסט דאָך מיין הויכען אַמט אין קעניג־ליכען פּאַלאַץ. און מיין יחוס איז דיר אויך געוויס באַקאַנט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז איך שטאַם פון זעהר אַן אָנגעזעהענע פירשטליכע משפחה, אויב ניט וואָלט דאָך דער קעניג ניט אויסגעקליבען מיין שוועס־טער פאַר אַ קעניגין. יע, דו וועסט מיט מיר גליקליך זיין. דו וועסט האָ־בען מיט וואָס צו שטאָלצירען, און איך בין זיכער, אַז ווען דו וואָלסט צו־געשטימט אָנצונעהמען מיין רעליגיע, דאַן וואָלסטו צו דער קעניגין ווי אַ שוועסטער פאַררעכענט געוואָרען, און דיר וואָלט קיין כבוד און גרויסקייט ניט געפעהלט. אָבער אויב דיר איז שווער צו ענדערען דיין רעליגיע און דיינע געוואוינהייטען, בין איך גרייט צו טהאָן וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר. איך וועל גלייך נאָכדעם ווי מיר וועלען פייערען אונזער חתונה, ווערען אַ איד. דאָס קען איך דיר צושווערען ביי דער היילינער מאַריאַ. איך וועל דיר ערקלעהרען פאַרוואָס איך וויל וואַרטען ביז נאָך דער חתונה. דו פאַר־שטעהסט, אויב איך וועל גלייך ווערען אַ איד, וועט זיך דער קעניג און מיין שוועסטער פיליכט ניט וועלען באַטייליגען אין אונזער שמחה, און דעריבער וואָלט איך געוואָלט, אַז זיי זאָלען ניט וויסען פון מיינע פּלענער ביז וואַנען איך וועל מיט דיר הייראַטען, און נאָכדעם וועל איך טאָן דיין ווילען.

— אָבער איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז עס איז אוממעגליך! און אפילו ווען דו וואָלסט גלייך זיך מגייר געווען, וואָלט אויך גאָרניט געקענט זיין צווישען אונז.

— אָבער פאַרוואָס?! — האָט אַרטהור אויסגערופען.

— ווייל איך בין שוין פאַר׳קנס׳ט צו אַ אידישען יונגענמאַן!

— דו ביזט פאַר׳קנסט?!

יע, שוין פון לאַנג. איך האָב זיך געקליבען דיר שוין פון אַ צייט צו זאָגען, אָבער איך האָב קיין געלעגענהייט ניט געהאַט.

אַרטהור׳ס פּנים האָט זיך געביטען קאָלירען. אַ ווײלע איז ער בלאַס געוואָרען, נאָכהער האָט זיין בלוט איהם אַ זעץ געטאָן אין געזיכט.

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגליך! — האָט ער אַרויסגעשטאַ־מעלט — ווען דו וואָלסט געווען פאַר׳קנס׳ט צו אַ אידישען יונגענמאַן, וואָלט איך דאָך איהם געוועזן באַגעגענט אין דיין הויז.

— ער קומט זעהר זעלטען צו מיר — האָט הדסה געזאָגט.

— אויב ער קומט זעלטען, דאַן האָט ער דיר דאָך ניט ליעב, און דאַרפסט איהם צוריקווייזען אָנשטאָדט מיך. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין וויליג צו ברענגען דעם גרעסטען קרבן אויף דעם מזבח פון מיין ליבע צו דיר, און וואָס פאַר אַ קרבן וועט יענער אידישער יונגערמאַן ברענ־גען פאַר דיר?

— ער וועט זיין אייגען לעבען מקריב זיין פאַר מיר! האָט הדסה מיט שטאָלץ געזאָגט.

— איך בין זיכער, אַז ווען עס וואָלט דערביי געהאַלטען, וואָלט ער זיך אָפּגעהאַלטען,. פילע מענשען האָבען זיך ליב צו באַריהמען — האָט אַרטהור געזאָגט — פאַר אַזאַ מאַן ווי איך צו ברענגען אַזאַ קרבן איז אַ סך מעהר פון יעדען אַנדער קרבן. בפרט אַז דו קענסט ניט זיין זיכער, אויב ער וואָלט ווירקליך זיין לעבען מקריב געווען.

— איך בין אין דעם זיכער. ווייל עס האָט טאַקע אַזוינס פּאַסירט?

— וואָס האָט פּאַסירט?

— עס האָט פּאַסירט) אַז ער האָט זיין לעבען אין געפאַהר איינגע־שטעלט כדי מיך פון טויט צו רעטען.

— ווען האָט עס פּאַסירט?

— ניט לאַנג צוריק.

— אויב אַזוי זאָג מיר ווער ער איז! — האָט אַרטהור אויסגערו־פען מיט אַן איבערזיכטיגע שטימע.

— דאָס איז אוממעגליך — האָט הדסה געענטפערט.

— אָבער שעמסטו זיך דען מיר צו זאָגען זיין נאָמען?

הדסה האָט געשוויגען, און אַרטהור האָט פאָרטגעזעצט:

— אָה, ניין. איך וועל דיר ניט אויפגעבען! איך בין זיכער, אַז עס איז נאָך ניט צו שפּעט! איך קען דיר פון מיינע געדאַנקען ניט אַרויס־שלאָגען. איך בין גרייט צו קעמפען פאַר דיר. איך וועל מיט איהם פיהרען אַ דועל, אָדער איך וועל דיר קריגען, און אויב ניט, אַרט מיר ניט אויב איך וועל זיין טויט. איך בעט דיר, זאָג מיר ווער ער איז און איך וועל איהם שיקען אַן איינלאַדונג צו קומען קעמפען מיט בלויזע שווערדען פאַר דיר. אויב ער האָט דיך באמת ליב, וועט ער דעם אָנבאָט אָננעמען.

— מיין געליבטער איז אַ איד און מיר אידען גלויבען ניט אין בלוט־פאַרגיסונג — האָט הדסה געזאָגט.

— אָבער דאָס וועט דאָך געטאָן ווערען צוליעב דיר, כדי דיר איבערצייזען וועמעס ליבע צו דיר איז שטאַרקער און ווער פון אונז ביי־דען איז מעהר ווירדיג דיך צו באַזיצען.

— דאָס ווייס איך אַליין — האָט הדסה געענטפערט — קיין זאַך אין דער וועלט וועט מיר ניט קענען באַוועגען צו ענדערען מיין מיינונג.

— אָה, ניין. איך וועל דיר ניט אויפגעבען! איך וועל דיר ניט אויפ־געבען! — האָט אַרטהור אָנגענומען הדסה'ן ביי דער האַנט און זי גע־וואָלט אַ קוש טאָן.

די טיר האָט זיך פּלוצלונג געעפענט און הדסה'ס מוטער איז אַריינ־געקומען. זי האָט באַמערקט ווי הדסה זוכט זיך אַרויסצודרייען פון זיינע הענט.

אַזוי שנעל ווי אַרטהור האָט דערזעהן איהר מוטער, האָט ער אָפּגע־לאָזען הדסה'ס האַנט. ער איז געבליבען שטעהן אין אַ פאַרלעגענהייט,

עטוואָס פאַרשעהמט. באַלד האָט ער ביי זיך געקראָגען מוטה און זיך צו איהר געווענדעט:

— איך בין אינגאַנצען אַנאַנדער מענש געוואָרען. איך בין געוואָרען אַ גרויסער פאַרעהרער און איבערגעבענער פריינד צו יהודה הלוי׳ן און זיין משפחה. איך בין וויליג צו טאָן אַלץ וואָס מעגליך, כדי צו געווינען דיין טאָכטער׳ס האַרץ. איך האָב זי ליעב און וואָלט זי געקאָנט זעהר גליקליך מאַכען...

— אָבער ווייסטו דען ניט, אַז דאָס איז אוממעגליך! — האָט הדסה׳ס מוטער קוים באַהערשט איהר צאָרן — ניט איך און ניט איהר פאָטער וועלען קיינמאָל דערצו ניט צושטימען.

— איך בין גרייט אפילו אומצובייטען מיין רעליגיע אויב דאָס איז דער איינציגער אָפּהאַלט! — האָט אַרטהור אויסגערופען און זיך אַ ווייל אַליין דערשראָקען פאַר זיינע רייד... — וואָס וועט ער טאָן אַז זי וועט פאַרלאַנגען פון איהם ער זאָל זיך מגייר זיין פאַר דער חתונה... ווען ער וועט זיך אַנטזאָגען עס צו טאָן, וועלען זיי איהם פאַרדעכטיגען, אַז ער זוכט זיי אָפּצונאַרען און דאַן וועט אַלץ זיין פאַרפאַלען.

— הדסה, האָסטו איהם מיט עפּעס ערמוטיגט? — האָט זיך די מוטער צו איהר טאָכטער געווענדעט.

— אָה, ניין. מוטער! — האָט זי אויסגערופען. און די טרערען האָבען זי געשטיקט אין האַלז — איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער זאָל אויף דעם ניט האָפען, ווייל עס איז אוממעגליך.

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז פאַר׳קנס׳ט צו אַ יונגען מאַן!

— האָט אַרטהור מיט אַן אויפרעגענדע שטימע — אָבער איך וועל זי ניט אויפגעבען. איך וועל אפילו קעמפען אַ דועל מיט איהם, אויב עס וועט נויטיג זיין! און איך קען אייך זאָגען, אַז אַרטהור האָט נאָך קיינ־מאָל ניט פאַרלאָרען אַ דועל.

הדסה און איהר מוטער האָבען געשוויגען. אַרטהור האָט פון זייערע בליקען פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילען, אַז ער זאָל זיי איבערלאָזען אַליין. ער האָט זיך העפליך פאַרנייגט און איז אַרויס פון צימער.

— איך, האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטעס וועט פון אַרטור׳ס באַזוכען ניט אַרויסקומען — האָט זיך די מוטער אָפּגערופען — איך האָב דיין פאָטען שוין פיעל מאָל געזאָגט, אַז ער זאָל זעהן, אַז אַרטהור זאָל אויפהערען צו זיין אַן אָפטער גאַסט אין אונזער הויז. איצט זעהסטו, אַז איך האָב געהאַט רעכט. די חוצפה פון אַזאַ ערל צו רעדען אַזעלכע רייד! אָבער זאָג מיר, הדסה, איז עס אמת וואָס דו האָסט איהם געזאָגט, אַז דו ביזט פאַר׳קנס׳ט צו אַ יונגען מאַן? ווער ער איז און פאַרוואָס ווייסען מיר ניט פון איהם?

— אָ, מוטער. איך האָב עס איהם בלויז אַזוי געזאָגט, כדי ער זאָל מיר אויפהערען צו באַלעסטיגען — האָט הדסה זיך אָפּגערופען.

— אָה, ווי איך ווינש, אַז עס זאָל אמת זיין — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ נידעריגע שטימע — עס איז שוין צייט... דו ביזט שוין

באַלד 20 יאָהר אַלט... ווי לאַנג ווענסטו וואַרטען? איך האָב שוין איינינע מאָל גערעדט מיט דעם פאָטער. איך ווייס ניט אויף וועמען זי וואַרט... די יונגעלייט וועלכע קומען אריין צו אונז געפעלען איהר ניט... און איך האָב מורא, פון צו לאַנג וואַרטען, וועט קיין גוטעס ניט ארויסקומען. ווען ארטהור וועט זיך איבערצייגען, אַז דו ביזט ווירקליך פאַר'קנס'ט וועט ער דיך צורוה לאָזען. איך האָב אַלץ געהאָפּט, אַז דער בראַווער יונגערמאַן, וועלכער האָט דיך פון די טעמפּעל־ריטער'ס הענט געראַטעט, וועט זיך לאָזען אנערקענען. ער וועט קומען אונז באַזוכען, אָבער עס איז שוין באַלד אריבער א יאָהר און ניט מען זעהט איהם און ניט מען הערט פון איהם. ווען דו וואָלסט איהם דאַן ניט אָפּגעלאָזען און צוגעשטאַנען ער זאָל אריינקומען צו אונז אין הויז, וואָלטען מיר דאָך אַמווייניגסטען געקענט אָנקוקען זיין פּנים.

— איך זעה איהם כמעט יעדע נאַכט אין מיין חלום — האָט הדסה געזאָגט — ער קוקט אויס אַזוי צערטליך און דאָך אַזוי העלדיש און בראַוו.

— דו ווייסט דאָך אפילו ניט ווי ער האָט אויסגעקוקט. דו ביזט געווען אַזוי אויפגערעגט און עס איז געווען זעהר פינסטער יענע נאַכט.

— אָבער זיין געשטאַלט איז מיר געוואָרען איינגעקריצט אין מיין זכרון ווי איך וואָלט איהם דייטליך געזעהן. איך בענק זעהר נאָך איהם, און יעדע נאַכט איידער איך געה שלאָפען, בין איך מתפלל צו גאָט, ער זאָל איהם צו מיר צושיקען... איך וועל איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען. און איך וועל וואַרטען אויף זיין קומען ביז די לעצטע טעג פון מיין לעבען.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטען! — האָט זיך די מוטער אויף איהר אָנגעבייזערט — אויב ער וואָלט געווען דיין באַשערטער וואָלט ער שוין געווים לאַנג צו אונז געקומען. ער ווייס דאָך ווער דו ביזט. ער וואָלט זיך זיכער געלאָזט דערקענען.

— פיליכט איז פאַראַן אַן אורזאַכע — האָט הדסה זיך אָפּגערופען — מעגליך, אַז עפּעס האָט פּאַסירט און ער קען ניט קומען. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דער פאָטער איז שוין זעהר נייגעריג צו זעהן דעם יונגען דיכטער און געלערנטען אברהם אבן עזרא. און כאָטש ער האָט זיך מיט איהם צונויפגעשריבען, פונדעסטוועגען האָט ער נאָך קיין געלעגענהייט ניט געהאַט זיך צו זעהן מיט איהם. אין זיינע בריעף צום פאָטער, האָט אברהם אבן עזרא אָנגעגעבען אַן אורזאַכע פאַרוואָס ער קען צו אונז ניט קומען. דעריבער קען דאָך זיין אַז אויך יענער יונגערמאַן, וועלכער האָט מיך געראַטעט פון טעמפּעל־ריטער'ס הענט, קען צוליב אַ געוויסע אורזאַכע ניט קומען, און איך בין זיכער, אַז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט ער זיך לאָזען אנערקענען.

— וואָס פאַר אַ גלייכעניש — האָט די מוטער געזאָגט — אברהם אבן עזרא דאַרף זיך אויסהיטען, מען זאָל איהם ניט דערקענען, ווייל ער

אין געווען מיט די טעמפּעל־ריטער אויף איין שיף. אָבער פאַרוואָס זאָס יענער יונגערמאַן ניט וועלען אַריינקומען צו אונז. ניט אַנדערש, אַז ער האָט זיך אינגאַנצען פאַרגעסען אָן דעם.

— און מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז ער וועט קומען — האָט הדסה ווייטער געזאָגט — איך וועל אויף איהם וואַרטען.

— אויב ער איז ביז איצט ניט געקומען וועט ער שוין ווייטער אויך ניט קומען — האָט די מוטער בייז אַ זאָג געטאָן — און ווען דו וועסט לענגער וואַרטען, קען נאָך חלילה, אַן אומגליק פּאַסירען. איצט, אַז אַרטהור איז געוואָרען אַזאַ אָפטער אַריינגעהער, וועט אוממעגליך זיין איהם צו דערוויטערען... סיידען מען זאָל איהם לאָזען גאַנץ אָפען פאַרשטעהן אַז זיינע באַזוכען אין אונזער הויז זענען אומגעוואונשען. דאָס אָבער קען ברענגען דערצו, אַז ער זאָל זיך שטאַרק באַליידיגען און ווידער ווערען דיין פאָטער'ס שונא. ער וועט נאָך זיין מעהר פאַרביטערט ווי פריהער, און וועט זוכען אונז אַלעמען שלעכט צו טאָן. דעריבער גלויב איך, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז דו זאָסט חתונה האָבען. ווען ער וועט זעהן, אַז דו ביזט פאַרהייראַט, וועט ער דיך צורוה לאָזען. ער וועט זיך אַרומזעהן, אַז ער האָט מעהר קיין אויסזיכטען ניט און ער שוין אַליין מעהר אַהער ניט קומען. יע, איך וועל זיך נאָך היינט דורכריידען מיט דיין פאָטער. מיר טאָרען לענגער ניט וואַרטען, עס זאָל חלילה קיין אומגליק ניט פּאַסירען.

אַ ווײַלע שפּעטער איז רבי יהודה הלוי געקומען אַהיים און נאָך אײדער ער האָט זיך געזעצט עסען זיין אָוועגט ברויט, האָט איהם זיין פרוי אַריינגערופען אין אַ באַזונדערען צימער.

— איך וועל דיר קיינמאָל ניט פאַרגעבען, וואָס דו האָסט דיין אייגענע טאָכטער אין אַזאַ געפאַהר געשטעלט! — האָט זי זיך מיט אַ בייזע שטימע אָפּגערופען צו יהודה הלוי'ן — מיט דיין גוטהאַרציקייט האָסטו נאָר וואָס אויף אונז אָן אומגליק געבראַכט.

— אָבער וואָס האָט פּאַסירט?! איז שוין יהודה געוואָרען עטוואָס צעשראָקען.

איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז מיר געפעלט ניט אַרטהור'ס צו אָפטע וויזיטען. און דו האָסט פּראָבירט איינריידען, אַז אַרטהור קומט אין אונזער הויז צוליעב זיין גרויסען פריינטשאַפט וואָס ער האָט פּלוצלונג געקראָגען צו דיר... יע, ער האָט געקראָגען גרויסע פריינטשאַפט, אָבער ניט צו דיר, נאָר צו אונזער טאָכטער!

— פון וואַנען דרינגסטו עס אַזוי?

— פון וואַנען? אַ שעהנע פראַגע! איך האָב אַליין מיט מיינע אויגען געזעהן, און מיט מיינע אויערען געהערט... איך נייג גאַנץ אָפט צו מיינע אויערען צו דער טהיר פון צימער וואו אַרטהור געפינט זיך, איך הער זיך אָפט צו צו זיינע רייד. אָבער דאָס וואָס איך האָב היינט געהערט,

האָט מיר באַוואויגען אויפצועפענען די טהיר און אריינצוקומען אין צי־מער וואו זיי געפינען זיך.

—וואָס האָט ער גערעדט צו הדסה'ן?

— ווען ער וואָלט נאָר גערעדט וואָלט שוין ניט אַזוי אויסגעמאַכט... ער האָט זיך אימער ליעב צו באַריהמען, און ווען ער רעדט גאַנץ נידעריג קען איך דען וויסען וועגען וואָס ער רעדט. צו מיינע אויערען פלעגט דערגרייכען בלויז איין וואָרט פון צעהן, אָבער דאָס מאָל האָב איך פון איהם געהערט קלאָרע דיבורים, ער האָט גערעדט גאַנץ הויך און מיט גרויס אויפרעגונג. איך הער ווי ער רופט אויס: „איך וועל דיך ניט אויפגעבען"! „איך וועל דיך ניט אויפגעבען"! און מיר האָט זיך אויך געדוכט, אַז איך הער אַזוי ווי מען וואָלט זיך געראַנגעלט, האָב איך ביי זיך באַשלאָסען, אַז יעצט איז די צייט צו עפענען די טהיר און זעהן וואָס דאָרטען טוט זיך... און וואָס מיינסטו האָבען מיינע אויגען דערזעהן?

— וואָס? האָט רבי יהודה הלוי געפרעגט און זיין פּנים איז בלאָס געוואָרען.

— איך האָב געזעהן ווי ער האַלט הדסה'ן ביי דער האַנט און וויל זי אַ קוש טאָן... און הדסה ראַנגעלט זיך מיט איהם און לאָזט זיך ניט...

יהודה הלוי איז אויפגערעגט געוואָרען ווען ער האָט עס דערהערט. זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט...

— אַ סוף מוז געמאַכט ווערען צו זיינע באַזוכען! — האָט ער גע־זאָגט.

— דו האָסט עס שוין לאַנג בעדאַרפט טאָן! — האָט זיין פּרוי זיך אָפּגערופען — איך האָב גלייך געקענט זעהן, אַז קיין גוטס וועט פון דעם ניט אַרויסקומען. אונזער טאָכטער איז אַ זעלטענע שעהנקייט און ווען מיר מאַכען ניט קיין צוים, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער חוצפּה'־דיגער אַרטהור וועט זיך אַליין נעמען דאָס רעכט און פרייהייט, ער גלויבט פיליכט, אַז ער טוט אונז דערמיט אַ טובה, וואָס ער דערנידעריגט זיך אַזוי און איז וויליג צו נעמען אַ אידיש מיידעל פאַר זיין פרוי!

— און וואָס האָט הדסה געטאָן?

— האָב איך דיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געראַנגעלט, און ווען איך קום ניט אַריין אין צייט, וואָלט ער זי אַנגערירט מיט זיינע אומריינע ליפּען.

גו וואָס האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט דיך פּלוצלונג דערזעהן!

— ער איז רויט געוואָרען און גענומען שטאַמלען, אַז ער איז ווי־ליג צו טאָן אַלץ כדי צו געווינען הדסה'ס האַרץ.

— אַזוי? האָט ער מיט דיר גערעדט גאַנץ אָפען!

— איך האָב אָבער מיט אַ שטרענגע שטימע אויסדריקליך איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגליך, אַז ניט איך און ניט דו וועלן קיינמאָל דערצו ניט צושטימען. זאָגט ער מיר, אַז ער איז גרייט אַפילו אומצוביי־טען זיין אמונה.

— וואָס? ארטהור איז גרייט צו ווערען אַ איד! עס איז אוממעגליך! איך קען איהם גאַנץ גוט, ער איז אַזאַ פאַנאַטישער קריסט און ער האַסט די אידען און די אידישע רעליגיע.

— איך בין ניט זיכער אויב ער איז געווען ערנסט, צי ניט ער האָט באַדאַרפט אליין שכל האָבען און פאַרשטעהן, אז ניט הדסה און ניט מיר וועלען אפילו טראַכטען וועגען דעם.

— מיין ניט, אז אזוי גרינג וועט דיר איצט אָנקומען פטור צו ווערען פון ארטהור׳ן. פאַרשטעהסטו מיך, הדסה האָט איהם די גאַנצע צייט פריינדליך באַהאַנדעלט, ווייל זי האָט געמיינט, אז דו פאַרלאַנגסט עס אזוי פון איהר!

— איך פאַרלאַנג עס פון איהר! איז שוין יהודה הלוי עטוואָס אין כעס געוואָרען — האָב איך דען אפילו אָנגעוואונקען צו איהר, אז זי דאַרף זיין פריינדליך צו איהם. איך בין בלויז געקומען אהיים און דערצעהלט אז ארטהור דעם קיניג׳ס שוואָגער און זיין אינגסטער מיניסטער האָט זיך איינגאַנצען צו מיר געענדערט. פריער איז ער געווען מיין ביטערסטער שונא און געגנער און פלוצלונג האָט ער גענומען ווערען פריינדליך צו מיר און אויסגעדריקט חרטה אויף אלץ וואָס ער האָט געטאָן און געזאָגט צו מיר.

— איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אז ער איז עפּעס אויסען מיט זיין פריינדליכקייט צו דיר! אַ מאַמעס האַרץ פיהלט בעסער און זעהט אזעלכע זאַכען וואָס אַ פאָטער וועט עס קיינמאָל ניט זעהן. איך האָב אָנגעהויבען צו פאַרדעכטיגען, אז ער זוכט הדסה׳ס פריינדשאַפט, ווייל גלייך נאָך דעם ווי הדסה איז איינגעלאַדען געוואָרען ביי דער קעניגין, און ער האָט געהאַט אַ געלעגענהייט זי צו זעהן, האָט ער גענומען ריידען צו דיר אזעלכע צערטליכע רייד.

— מעגליך, אז דו ביזט גערעכט!

— ניט מעגליך, נאָר איך בין זיכער גערעכט!

—און מיר האָט זיך געדוכט, אז ווען ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס רודאָלף האָט געוואָלט טאָן צו אונזער טאָכטער, האָט ער איינגעזעהן, אז ער און די איבעריגע טעמפּעל־ריטער זיינען אומגעווינשטע, און איך בין גערעכט וואָס איך גיב ניט נאָך זייער פאַרלאַנג און צוליעב דעם איז ער עס געוואָרען אזוי פריינדליך צו מיר!

— דאָס וואָס איך טענה דאָך שטענדיג צו דיר! — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופען מיט אַ בייזע שטימע — צוליעב דיינע ליעדער און דיינע ספרים פאַרנאַכלעסיגסטו דיין אייגענע משפּחה. דיר אַרט ניט וואָס עס וועט פּאַסירען צו מיר אָדער צו הדסה׳ן, אזוי לאַנג ווי דיר געלינגט צו געפינען אַ גראַם צו אַ ליעד אָדער אַ נייעם געדאַנק אין דיינע פילאָסאָפישע ספרים, ביזטו גליקליך, און ווייטער אַרט דיר ניט, הדסה׳ן וועט שוין באַלד ווערען 20 יאָהר און דו האָסט אפילו ניט אַ טראַכט געטאָן פון דעם, אז עס איז שוין צייט פאַר איהר חתונה צו האָבען. צו דיר

קומען אריין אזוי פיעל יונגע און חשוב'ע לייט, פאַרוואָס זאָלסטו ניט זעהן ווי אַלע פּאַטערס אויסצוקלייבען פון זיי אַ פּאַסענדען שדוך פאַר דיין טאָכטער?

— קען איך דען אויסקלייבען פאַר איהר? טאָמער געפעלט ער איהר ניט! זי אַליין דאַרף אויסדערוועהלען איהר צוקינפטיגען מאַן! — האָט יהודה הלוי געענטפערט.

—אויב דו וועסט וואַרטען ביז זי וועט דיר זאָגען וועמען זי האָט ליעב, וועט חלילה נאָכהער צו שפּעט זיין!

— פאַרוואָס זאָל זי טאַקע מיר ניט זאָגען ווער עס געפעלט איהר?

— זי האָט חלומות, זי טרוימט נאָך, אַז פיליכט וועט יענער וואונדערבאַרער מאַן, וועלכער האָט זי גערעטעט פון רודאָלף'ס הענט, נאָך קומען. ער וועט זיך לאָזען אנערקענען. יע, זי האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז זי טרוימט פון איהם טאָג און נאַכט.

— און מעגליך, אַז זי האָט רעכט. פיליכט איז ער דאָך איר באַשערטער און וועט נאָך ווען עס איז קומען און זיך לאָזען אנערקענען!

— דו רעדסט פונקט ווי דיין טאָכטער! קענסטו ניט זעהן, אַז דאָס איז געוועזען בלויז אַ צופאַל און אַז יענעם ליגט גאָר ניט אין זינען די גאַנצע געשיכטע, אויסערדעם פון וואַנען קענען מיר וויסען, אַז ער איז נאָך געוועזען אַ בחור. פיליכט איז ער געוועזען אַ פאַרהייראַטער מאַן? דעם בעסטען סימן האָבען מיר, אַז ער האָט זיך מעהר ניט באַוויזען, און עס איז דיין פליכט אַלס פּאָטער צו זעהן, אַז זי זאָל מעהר פון דעם ניט טראַכטען. יע, איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט וואָס שנעלער זעהן זי חתונה צו מאַכען, אַז ניט וועט נאָך חלילה אויף אונז קומען אַ אומגליק!

— עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען! האָט יהודה הלוי געענטפערט זיין פרוי — אַזוי לאַנג ווי הדסה האָסט איהם, וועט אַרטהור פאַר אונז קיין געפאַהר ניט זיין!

— אָט אַזוי ביזטו שטענדיג, דו ווילסט דעם געפאַהר ניט זעהן וויפיל מאָל דענקסטו וועט פּאַסירען ניסים! וואָס וועסטו טאָן צו דעם טאָמער טראָגט זיך אַרטהור אויך אַרום מיט פּלענער זיך אריינצוקריגען. לויט איך האָב איהם געהערט ריידען, וועט ער זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען ביז וואַנען ער וועט זיין ציעל דערגרייכען!

— נו, זעהסטו פאַר איהם האָב איך ניט וואָס מורא צו האָבען! וויבאַלד מיר וויסען זיינע כונות, וועלען מיר זיך קענען אויסהיטען פון איהם!

— און איך זאָג דיר, אַז דער איינציגער וועג איז צו זעהן זי חתונה צו מאַכען. ווען אַרטהור וועט זיך דערוויסען, אַז זי איז פאַרהייראַט, וועט ער זי צורוה לאָזען, און וועט זיך אינגאַנצען אָן איהר פאַרגעסען. און דעריבער זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט מעהר ניט אָפּלייגען און זעהן צו קריגען אַ חתן פאַר אונזער טאָכטער.

— ווי אַזוי קען איך פאַר איהר קריגען אַ חתן!

ווען דו וואָלסט געווען עטוואָס מעהר איבערגעגעבען צו דיין משפחה וואָלסטו שוין קיין שוועריגקייטען ניט געהאַט! איך ווייס, אַז פאַר פרעמדע איז דיר קיין זאַך ניט צו שווער צו טאָן. ווען אַ פרעמדער נויטבאַדערפטיגער איד קומט אַריין צו דיר אין הויז, ווייסטו ניט וואָס צו טאָן מיט איהם. ביי דיר איז רעכט צו פאַרשווענדן אַ גאַנצן טאָג און אַמאָל מעהר, אַבי דעם פרעמדען זאָל ניט אויסקומען צו ליידען. ווען עס קומט צו דיר אַ ליאַדע קבצן און בעטלער ווערסטו מיט איהם פאַר־בריינגען און איהם העלפען, דו ווערסט פאַר איהם מעהר זאָרגען ווי פאַר דיין טאָכטער!

— איך האָב הדסה׳ן אַזוי ליעב ווי דו האָסט זי ליעב, איז רבי יהודה נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען.

— ווען דו וואָלסט זי אַזוי ליעב געהאַט, וואָלסטו עטוואָס מעהר געטראַכט פון איהר און דו וואָלסט ניט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווען איך זאָג דיר, אַז עס איז שוין צייט פאַר הדסה׳ן חתונה צו האָבען! איך וועל דיר מאָרגען ניט אָפּלאָזען. איך וועל דיר ניט לאָזען גיין אין פּאַלאַץ, וואו דו ווערסט ניט זעהן, אַז אונזער טאָכטער זאָל קריגען אַ יונגען מאַן, וועלכער זאָל ווערט זיין צו זיין איהר מאַן און אונזער איידעם.

— ביי דיר איז גערעדט און געטאָן! דו מיינסט אַזוי שנעל קריגט מען דאָס אַ חתן.

— פאַר הדסה׳ן דאַרף ניט זיין צו שווער! זי איז געבענשט דאַנקען גאָט מיט שעהנהייט. זי איז קלוג און געלערענט און איך ווייס, אַז אין טאָלעדאָ געפינען זיך טויזענטער אידישע יונגע לייט וואָס וואָלטען זיך געשעצט גליקליך, ווען דו ערמוטיגסט זיי צו קומען אין אונזער הויז, — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופען.

— איז דען מיין הויז פאַרשלאָסען פאַר זיי?... און קומען דען ניט פיעלע מענשען מיך באַזוכען.

— יע, וועלכע מענשען קומען דיך באַזוכען, אָדער אַלטע פילאָזאָפען אָדער יונגע קבצנים און שנאָרער, וואָס זיי קוואַפען זיך, אַז איך זאָל זיי געבען אַ מאָלצייט! אָ, ניין, ניט אַזעלכע קענען פאַררעכענט ווערען פאַר מעגליכע חתנים, אָבער ווען דו וואָלסט אַרויסגעצייגט אַביסעל מעהר אינטערעס, וואָלסטו שוין צוגעזעהן, אַז אַנשטאַט די שנאָרער זאָלען קומען ווירדיגע און פיינע יונגע לייט צו אונז אין הויז!

דעם גאַנצען אָוועט האָט זיין פרוי יהודה הלוי׳ן דערקוטשעט און דערגאַנגען די יאָהרען. זי האָט צו איהם ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן, אַז ער מוז זעהן וואָס שנעלער חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער. איהרע רייד און איהר נעגען האָט יהודה הלוי׳ן אַזוי אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אַז ער האָט אויסגערופען מיט צאָרן!

— איך טו זיך אַ נדר, אַז דער ערשטער אומפאַרהייראַטער אידישער יונגערמאַן וואָס וועט מאָרגען אַריבערטרעטען מיין שוועל, וועט ווערען

הדסה׳ס חתן, אויב ער וועט נאָר צושטימען דערצו!

— אָה, מיין גאָט, וואָס האָסטו געטאָן!! — האָט די פרוי אויסגע־רופען, דו האָסט זיך אַ נדר געטאָן!

— יע, איך האָב זיך אַ נדר געטאָן, ווייל דו האָסט מיך פון געדולד ארויסגעבראַכט! — האָט יהודה הלוי געענטפערט און ער אליין האָט שוין חרטה געקראָגען אויף זיינע רייד. אָבער עס איז שוין געווען פאַר־פאַלען ער האָט ארויסגערעדט פון זיין מויל און ער קען זיין נדר ניט צוריקנעמען.

זיין פרוי האָט שוין אויך פאַרדראָסען וואָס זי האָט איהם אַזוי דער־קוטשעט. זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט זעהר פיעל אויף זיין קאָפּ. אַלע מלוכה אנגעלעגענהייטען דאַרף ער באַזאָרגען און זיין ארבעט איז זעהר פאַראַנטוואָרטליך... אויסער דעם איז ער נאָך געווען געווים הונגעריג. זי האָט זיך באַנאַרישט, וואָס זי האָט מיט איהם גערעדט איצט גלייך ווי ער איז געקומען. זי האָט איהם געדאַרפט פריהער געבען זיין אָוונט־ברויט און נאָכהער ווען ער וואָלט זיך געפיהלט זאַט און אויפגעלייגט, וואָלט זי מיט איהם זיך געמיטליך דורכגערעדט. יעצט אָבער, אַז האָט ארויסגערעדט אַזאַ נדר פון זיין מויל, וואָס וועט זי טאָן, טאָמער איז דער ערשטער אידישער באַזוכער אַן אומגעוויגשטער יונגערמאַן... אַ שוידער איז דורך איהר ליב, ווען זי האָט פון דעם אַ טראַכט געטאָן. זי איז געווען אין כעס אויף איהר מאַן פאַר זיין נדר. אָבער אין איהר האַרצען האָט זי ניט געקענט אין גאַנצען איהם באַשולדיגען, זי האָט אַליין אין דעם זיך געפיהלט אויף שולדיג!

קאַפּיטעל פערצעהן

אברהם אבן עזרא האָט יעצט געהאַט איין האָפענונג, אַז דער רב פון ירושלים, וועט ערהאַלטען זיין בריעף און וועט אָפּרייזען נאָך רוים זיך משתדל צו זיין ביי דעם פּאַפּסט אַז דער בישאָף פון ירושלים זאָל צוריק לאָזען די דאָרטיגע אידען, כאָטש ער האָט געהערט אַז דער יעצטיגער פּאַפּסט איז ווייט פון צו זיין אַ אידען פריינד. דאָך האָטער געהאָפט, אַז ווען דער גרייז גראָער רב וועט קומען אין רוים און איהם בעטען, וועט ער איהם שענקען אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז דערווייל דער איינציגער וועג. ער האָט אויך געוואָלט זיך דורכריידען מיט יהודה הלוי׳ן. אָבער ער וועט נאָך אַלץ דאַרפען זעהר פאַרזיכטיג זיין, אַז מען זאָל איהם ניט דערקענען, ער וועט אהין געהן אין אבענד, ווען עס איז טונקעל. און איידער ער וועט אריינגעהן אין זיין הויז, וועט ער זיך פריהער מוזען איבערצייגען אַז קיין פרעמדער געפינט זיך דאָרטען ניט.

אַזוי איז אברהם אבן עזרא אוועק יענעם אָבענד, ווען ארטהור האָט זיך דאָרטען געפונען. ווען ער איז צוגעקומען נאָהענט צום הויז, האָט ער פאַרשטאַנען אַז אַ פרעמדער געפינט זיך דאָרטען. ער איז דעריבער ניט אריין אינעווייניג, ער איז זעהר נייגעריג געווען צו וויסען ווער דער

פרעמדער איז, ער איז אריין אין הויף און ער האָט זיך אויף עפּעס גע־שטעלט אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אַריינקוקען אין דעם פענסטער וואו עס איז געווען ליכטיג, אָט האָט פאַר זיינע אויגען אַ בליאַסק געטהאָן דאָס וואונדערשעהנע פּנים פון הדסה'ן.

זיין האַרץ האָט אין איהם גענומען קלאַפּען, ווי רייצענד שעהן זי איז, זי איז נאָך שעהנער יעצט ווי זי איז געווען דאָס לעצטע מאָל ווען אין דעם זעלבען צימער מיט איהר... ער דערמאָהנט זיך, אַז זיין יונג האָט איהם איינמאָל געזאָגט אַז דער יונגער מיניסטער, דער ברודער פון דער קעניגין האָט פאַרבראַכט מיט יהודה הלוי'ס טאָכטער. איז עס מעג־ליך, אַז דאָס איז ער?... ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און אָנגע־שטרענגט זיינע אויגען אַ קוק צו טהאָן. יאָ, מעגליך אַז דאָס איז ער, ער האָט קיינמאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאַט זיך צו טרעפען מיט איהם אָבער לויט זיינע קליידער קען ער דערקענען, אַז ער איז ניט קיין איינפאַ־כער מענש.

אברהם האָט נאָך מעהר אָנגעשטרענגט זיינע אויגען, ער האָט געוואָלט זעהן דעם יונגען מאַן'ס פולען פּנים, דוכט זיך גאָר איהם, אַז ער האָט שוין דאָס פּנים געזעהן פריהער. וואו און אונטער וועלכע אומשטענדען האָט ער איהם געקענט זעהן? ער האָט געקנייטשט זיין שטערען זיך צו דערמאָנען. יאָ, ער דערמאָהנט זיך: דאָס איז דערזעלבער יונגערמאַן, וועמען ער האָט באַמערקט ריידענדיג מיט דעם טעמפּעל־ריטער, און איהם געגעבען די עצה, אַז אין דער נאַכט ווען יהודה הלוי'ס טאָכטער וועט זיך אומקעהרען פון דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגען, זאָל ער זי נעהמען געפאַנ־גען און דורך דעם צווינגען ער זאָל נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון דעם טעמפּעל אָרדען. יאָ, דאָס איז ער! דאַן, ווען ער האָט זיך אונטערגעהערט צו זייער געשפּרעך, האָט ער גאַנץ גוט באַמערקט זיין פּנים ביי דער ליכט פון דער לבנה. איהם האָבען זיי ביידע ניט געקענט זעהן, ווייל ער איז געשטאַנען באַהאַלטען הינטער אַ בוים, אָבער ער האָט דאַן גאַנץ גוט באַמערקט רודאָלף'ן און דעם פּנים פון דעם יונגען מאַן וועלכער געפינט זיך יעצט מיט הדסה'ן אין איין צימער. יעצט קען ער פאַרשטעהן אַז ער, דער פאַלשער יונג, האָט זיך פאַרליעבט אין הדסה'ן און ער האָט אַליין געוואָלט זי זאָל געפאַנגען ווערען, כדי ער זאָל קענען דורכפיהרען זיינע פּלענער זי אַריינצוקריגען... אָבער זאָל עס מעגליך זיין, אַז אויך הדסה איז צו איהם ניט גלייכגילטיג... ניין, דאָס קען ניט זיין, ער איז דאָך אַ קריסט! אָבער פאַרוואָס איז איהם ערלויבט צו פאַרברייגגען מיט הדסה'ן אין צימער. און ווי עס ווייזט אויס קומט ער צו איהר יעדען אבענד, ווייל דער יונג וועמען ער האָט געשיקט מיט אַ בריעף צו יהודה הלוי'ן, האָט דאָך איהם אויך דאָרט געזעהן...

אַ שטאַרקע אייפערזיכטיגקייט האָט אברהם אַרומגענומען, זיין ליבע צו איהר האָט אויפגעוואַכט, ער האָט זיך דערמאָהנט אַז יענע נאַכט ווען ער האָט פאַר איהר געקעמפּפט מיט דעם טעמפּעל־ריטער, ווי דאַנקבאַר זי

איז געווען צו איהם. איהר שעהנע צאַרטע שטימע קלינגט נאָך יעצט אין זיינע אויערען... ער גערענקט ווי זי האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל אַריינקומען צו איהר פּאָטער'ס הויז, כדי זי זאָל איהם זעהן און קענען ווי געהעריג דאַנקבאַר זיין... דאַן האָט ער ניט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסען ווער ער איז. אָבער זינט דאַן האָט ער פון איהר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. ער האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט ער זאָל קענען באַזוכען יהודה הלוי'ס הויז, ער האָט אַלץ געהאָפט אַז זיין פריינד יאָהאַן פון וואַלענסיאַ וועט העלפען זיינע ברידער אין ירושלים און ער וועט מעהר ניט דאַרפען מורא האָבען, אַז די טעמפּעל־ריטער וועלען זיי נאָכמעהר שעדיגען, ווען זיי וועלען אויסגעפינען, אַז ער איז געווען אין ירושלים יעצט אָבער איז ער ניט זיכער אויב עס וועט דעם רב רבי שמעון פון ירושלים געלינגען צו פּועל'ן, ביי דעם פּאַפּסט. ווען ער וואָלט בלויז זיך געקענט טרעפען מיט יאָהאַן'ען, אַלעס וואָס ער וואָלט באַדאַרפט טהאָן איז איהם אַריינרוימען דעם סוד, אַז דער רב רבי שמעון איז זיין פּאָטער און אַז מוז אָנווענדען אַלע זיינע קרעפטען איהם צו רעטען צוזאַמען מיט דער גאַנצער אידישער געמיינדע אין ירושלים, און דאַן וואָלט ער געקענט רוהיג זיין, דער בישוף וואָלט שוין געמוזט צוריקציהען זיין גזרה. אָבער יעצט הענגט אַלעס אין דער לופטען. ווער ווייס אויב דער פּאַפּסט גריגאָרי דער זיבעטער וועט גאָר וועלען אויפנעמען דעם רב פון ירושלים. און דעריבער מוז ער נאָך אַלץ זעהר פאָרזיכטיג זיין.

אברהם אבן עזרא האָט זיך עטוואָס העכער אויפגעהויבען און גענומען אַריינקוקען אין יענעם צימער. ער באַמערקט ווי אַרטהור'ס פּנים פלאַמט. ער רעדט און מאַכט באַוועגונגען מיט זיינע הענד צו הדסה'ן, אָט געהט ער צו נעהנטער צו איהר, ער נעהמט זי אָן ביי דער האַנד...

אברהם אבן עזרא איז גלייך אַרונטערגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ וואו ער איז געשטאַנען, דאַן איז עס אמת, וואָס דער יונג האָט איהם דערצעהלט, אַז הדסה פאַרברייננגט מיט דעם קעניג'ס שוואָגער אַרטהור. יעצט איז ער אין דעם איבערציינגט. ער האָט אַליין געזעהן מיט זיינע אויגען. כאָטש ער האָט אויך באַמערקט, אַז זי האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צוריקצוציהען איהר האַנד, אָבער ווען זי וואָלט ניט געווען צופרידען מיט זיינע באַזוכען וואָלט זי דאָך איהם געוויס ניט ערמוטהיגט.

מיט אַ טיפען צער און אַ טיעפער ענטטוישונג, האָט ער זיך גענומען צוריקקעהרען אַהיים, די אייפערזוכט האָט אין זיין הארצען געברענט. איין זאַך וואונדערט זיך איהם, ווי אַזוי האָט עס יהודה הלוי דערלאָזט אַז עס זאָל גאָר קומען דערצו. ניין, ער טאָר זיי ניט אורטיילן ביז וואַנען ער וועט אויסגעפינען אַלע איינצעלהייטען. פּלוצלונג איז איהם אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז ער קען באַזוכען יהודה הלוי'ס הויז פאַרשטעלטערהייט. ער ווייס, אַז זיינע טהירען זיינען שטענדיג אָפען פאַר וואַנדערענדע אָרימע לייט. ווען אַ פרעמדער אָרימאַן קומט צו איהם אין הויז האַלט ער איהם אָפּ עטליכע טעג... אויב אַזוי וועט ער זיך פאַרשטעלען פאַר אַן

אַרימאַן, וועלכער האָט דאָ אין טאָלעדאָ אַריינגעוואַנדערט פון אַ פּרעמדער לאַנד. ער וועט אַריינקומען צו יהודה הלוי'ן אין הויז און אז ער וועט איהם זאָגען, אַז ער איז אָרים און עלענד, וועט ער איהם זיכער הייסען בלייבען אויף עטליכע טעג אין זיין הויז„ דאַן וועט ער האָבען די מעגליכ־קייט אויסצוגעפינען אַלע איינצעלהייטען. ער וועט אומבאַמערקטערהייט אויספאָרשען די אורזאַכע פון ארטהור'ס אַפּטע באַזוכען און פון זיין פריינדשאַפט צו הדסה'ן.

דיעזער געדאַנק האָט אברהם'ן ניט אָפּגעלאָזען. יאָ, אַזוי וועט ער טהאָן, דערווייל וועט ער אויך האָבען אַ געלעגענהייט צו זעהן יהודה הלוי'ן.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה, האָט אברהם אבן עזרא זיך אָנגעטהאָן צעריסענע אַלטע קליידער. ער האָט באַשטויבט זיין פּנים און זיינע האָר פון קאָפּ, ער האָט זיך איינגעהילט אין טראַנטעס אַזוי, אַז קיינער האָט איהם ניט דערקענט. און איידער זיין פעטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער דאָס הויז פאַרלאָזען און מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון יהודה הלוי'ס הויז.

די גאַנצע נאַכט האָט הדסה'ס מוטער ניט געקאָנט שלאָפען פון אויפ־רעגונג און זאָרג, איהר מאַן'ס נדר האָט איהר שטאַרק באַאומרוהיגט, זי איז געוועזען אַזוי ווי איהר מאַן זעהר גאָטספאַרטיג און אַ נדר איז ביי איהר געוועזען זעהר הייליג. די איינציגע זאַך, וואָס זי וועט דאַרפען בעטען גאָט איז, אַז קיין אומפאַרהייראַטער יונגער אידישער מאַן זאָל צו זיי אין הויז ניט אַריינקומען, אַזוי שנעל ווי דער טאָג וועט פאַריבער געהן און קיינער וועט איהר שוועל ניט אַריבערטרעטען, וועט אַלעס רעכט ווערען, זיין נדר איז חל בלויז אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג, און מעהר ניט, זי האָט דערפון מעהר ניט געוואָלט ריידען מיט יהודה הלוי'ן, ער האָט זיך פאַרטיעפט אין זיינע ווערק און ער זיך אין גאַנצען פאַרגעסען אָהן זיין נדר. אָבער איהר האָט עס געעגבערט... זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, זאָל זי דערצעהלען איהר טאָכטער פון דעם, פאַרוואָס זאָל זי איהר אומזיסט מצער זיין, אפשר וועט גאָט געבען, אַז קיינער וועט אין זייער הויז היינט ניט אַריינקומען.

גאַנץ פריה איז רבי יהודה יענעם אוועק יענעם טאָג אין בית המדרש און זיין פרוי האָט זיך גענומען באַשעפטיגען מיט הויז אַרבעט. זי האָט יעדע ווייַלע געכאַפּט אַ קוק אין דרויסען, און זי האָט געזעהען, אַז קיינער קומט ניט אַריין איז זי געוועזען צופרידען און זיך ווייטער גענומען צו איהר אַרבייט.

פּלוצלונג דערהערט זי אַ גערויש, איהר האַרץ האָט אין איהר אַ צאַפּעל געטהאָן, זי איז שנעל צוגעלאָפען צו דער טהיר און זי איז נאָך אַ האָר געפאַלען אין חלשות. זי זעהט אַן אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער קבצן קומט איהר אַנטקעגען, זי האָט גלייך געוואָלט פאַרמאַכען די טהיר אין זיין פּנים, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז מיט דעם וועט זי באַגעהן אַ

זינד. וועט זי דען קענען צושליסען די טהיר פון אַן אָרימאַן, און אויסער־דעם וועט זי דען דערמיט אַלץ איינס ניט ברעכען איהר מאַן'ס נדר... גאָט וועט דאָך וויסען דעם אמת, אַז זי האָט מחלל געווען זיין נדר און ניט דערלאָזען אַריינצוקומען דעם פרעמדען אָרימאַן אין איהר הויז... מעגליך, אַז ער איז גאָר אַ פּאַרהייראַטער מאַן, און זי האָט זיך גאָרניט וואָס צו שרעקען פאַר איהם.

— ווער ביזטו און דאַרפסטו אין מיין הויז? — האָט זי דעם פרעמדען אַפרעג געטהאָן.

— איך בין אַן אָרימאַן! — האָט אברהם אבן עזרא געענטפערט.

—אָה, ענטשולדיגט מיר, איך האָב זיכער געמאַכט אַ טעות איך האָב געמיינט, אַז דאָ געפינט זיך דאָס הויז פון יהודה הלוי... איך האָב געהערט, אַז זיין הויז איז שטענדיג אָפען פאַר אָרימע און היימלאָזע.

— דאָס איז יהודה הלוי'ס הויז! — האָט זי געענטפערט — זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב צו דיר אַזוי גערעדט. איך בין געווען עטוואָס צעטראָגען, קום אַריין אינעווייניג!

דער אָרימאַן האָט אָפּגעטרייסעלט פון זיך די שטויב און איז אַריין אינעווייניג.

— אָה, זאָג מיר איך בעט דיר. — האָט זי האַסטיג זיך צו איהם אָפּגערופען — ביז פאַרהייראַט אָדער פּיליכט אַ בחור?

יעצט ווייס איך בלויז איין, אַז איך בין הונגעריג און מיעד פון אַזוי פיעל טעג וואַנדערען.

— אָט וועל איך דיר געבען עסען! — האָט זי געזאָגט — דערווייל זעץ דיך דאָרטען.

— איך וואָלט וועלען ארומוואַשען מיינע הענד, כאָטש איך בין ניט געלערענט, אָבער איך ווייס, אַז אָהן געוואַשען איז ניט רעכט צו עסען.

זי האָט איהם אַריינגעפיהרט אין קיך און איהם דערלאַנגט אַכלי מיט וואַסער, זי איז געווען אַזוי נערוועאיש און באַזאָרגט, אַז אירע הענד האָבען געציטערט.

וואָס וועט זיין, אַז ער איז טאַקע נאָך אַ בחור? זי האָט שוין גאָר מורא איהם צו פרעגען...

זי האָט איהם דערלאַנגט עסען, און פון איהם אירע אויגען ניט אַרונטערגענומען, ער שיינט צו זיין זעהר אָרים, זיין פּנים איז בעשטויבט, זיינע האָר צעשויבערט, אַ גרויל גייט איר אָן ווען זי באַטראַכט זיין הילוך...

— יעצט וועסטו מיר זאָגען ווער דו ביזט? — האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן עסען.

— און אַז איך וועל דיר זאָגען מיין נאָמען, וועסטו דען וויסען ווער איך בין! — האָט ער געזאָגט — איך קום פון אַ פרעמד לאַנד און אין מיין געבורטשטאָדט בין באַקאַנט אונטער'ן נאָמען דער שנאָרער!

— אָבער ביזטו פאַרהייראַט? האָסטו קינדער?! — האָט זי איהם ווידער גענומען פאַרוואָרפען מיט פראַגען.

— ווי קומט אַזא קבצן ווי איך צו זיין פאַרהייראַטה, איך האָב געהערט ווי קלוגע און געלערנטע לייט זאָגען, אז אַן אָרימאַן איז געגליכען ווי א טויטער, נו, קען דען א טויטער חתונה האָבען?...

— דאַן ביזטו נאָך א בחור! — האָט זי אויסגעשריען היסטעריש! אָה מיין גאָט! מיין גאָט!

— וואָס איז מיט דיר! וואָס פאַר אַן אונטערשיעד איז צו דיר, אויב איך בין פאַרהייראַטה צי ניט, איך בין דען דאָ געקומען זוכען א שידוך, אַלעס וואָס איך וויל איז א פּלאַץ אויסצורוהען מיינע מיעדע ביינער אויף עטליכע טעג און נאָכהער וועל איך פאָרטזעצען מיין וואַנדערען. איך האָב געהערט אין וועג, אז יהודה הלוי איז א מכניס אורח, דעריבער בין איך אהער געקומען, אָבער ווען איך וואָלט געוואוסט, אז מיין קומען אהער וועט פאַראורזאַכען אזוי פיעל גערודער וואָלט איך געזוכט אַן אַנדער פּלאַץ, אין טאָלעדאָ געפינען זיך פיעלע אידען, וועלכע וואָלטען געווען וויליג צו געבען אַן אָרימען וואַנדערער א נאַכט-לעגער און עטוואָס שפּייז.

אברהם האָט אויפגעהויבען זיין טאָרבע און ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געגאַנגען צו דער טהיר.

— וואוהין געהסטו? — איז זי איהם פאַרלאָפען דעם וועג.

ווי איך זעה ביזטו ניט איבעריגס צופרידען מיט מיין באַזוך, וועל איך געהן ערגיץ אַנדערשוואו, איך וויל דיר ניט פאַלען צו לאַסט.

— אָה, ניין, גיין געה ניט! דו קענסט יעצט ניט געהן. דו מוזט שוין צוואַרטען ביז וואַנען מיין מאַן יהודה לוי וועט זיך צוריקקהערען. זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב אזוי גערעדט צו דיר... אָ, ווען דו וואָלסט וויסען...

נו, אז דו ביזט יע צופרידען מיט מיין באַזוך, בין איך געוויס צופריעדען. איך האָף, אז איך וועל זיך קענען דאָ אויסרוען אויף עטליכע טעג. אין וועג האָב איך זיך באַגעגענט מיט פיעלע אָרימע לייט און זיי האָבען מיר געזאָגט, אז אויב איך וועל אָנקומען אין טאָלעדאָ, זאָל איך צום ערשטען באַזוכען יהודה הלוי'ס הויז, און איך וועל קיין חרטה ניט האָבען. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו לויבען זיין הויז. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אז זיי פלעגען פון דאַנען מיט לידיגען קיינמאָל ניט אוועקגעהן.

זי איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען. איהר פאַרצווייפלונג איז גרעסער געוואָרען מיט יעדער רגע. זי באַטראַכט דעם אָרימאַן, זיי פּנים איז באַשטויבט זיינע האָר זיינען צעשויבערט, זיינע קליידער און שיך זיינען צעריסען און פאַרלאַטעט. אויף זיינע פּלייצעס טראָגט ער א טאָרבע...

— אָט דער קבצן און שנאָרער וועט דאַרפען ווערען איהר טאָכטער'ס מאַן! — האָט זי געטראַכט, און אַ שוידער איז דורך איהר קערפּער. וואָס וואָס זאָל זי טהאָן?! יהודה הלוי האָט אַרויסגערעדט א נדר פון זיין מויל און יעצט ווי אַזוי וועט ער קענען זיין נדר צעניכשט מאַכען? דאָס וואָס

זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געשראָקען, איז געקומען. אַזוי ווי איהר האַרץ וואָלט איהר געזאָגט, אַז אַ קבצן וועט זיין דער ערשטער וואָס וועט אַרי־בערטרעטען איהר שוועל...

אַ געדאַנק איז איהר געקומען אויפ׳ן זינען, אַז זי זאָל דעם שנאָרער געבען איינינע דוקאַטען און איהם אוועקשיקען. זי וועט פון איהם פאַר־לאַנגען ער זאָל פאַרלאָזען טאָלעדאָ און זאָל זיך קיינמאָל אָהער ניט צוריק־קעהרען. ער וועט געוויס זיין צופרידען צו קריגען דאָס געלט און ער וועט אַזוי טהאָן. קיינער וועט דערפון ניט וויסען... באַלד אָבער האָט זי זיך אַליין דערשראָקען פון דעם געדאַנק... וועמען וועט זי נאַרען? גאָט ווייסט דאָך, אַז ער איז דאָ געוועזן. און דעם נדר האָט ער דאָך געטהאָן צו גאָט... אָה, ניין, זי טאָר עס ניט טאָן! גאָט וועט זי באַשטראָפען און חלילה ברייננען אומגליק אויף דער גאַנצער משפחה. זי וועט שוין וואַרטען ביז וואַנען יהודה הלוי וועט זיך צוריקקעהרען, פיליכט וועט ער געפינען אַן אויסוועג דערצו. דערווייל אָבער וועט זי הדסה׳ן גאַרניט דערצעהלען. זאָל זי זיך ניט מצער זיין. עס וועט זיין גענוג ווען זי וועט זיך דערוויי־סען פון דעם גרויסען „גליק״ וואָס איהר שטעהט פאַר, עטוואָס שפּע־טער...אָט דוכט זיך, קומט זי אָן! יע, זי הערט איהרע טריט!

די טיר האָט זיך געעפנט און הדסה איז אַריינגעקומען. זי איז געבלי־בען שטעהן פאַרוואונדערט, זי האָט געוואָרפען איהרע בליקען אויף דעם אָרימאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען צימער מיט זיין טאָרבע אויף די פּלייצעס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר מוטער וועמענס פּנים האָט געפלאַמט, און אין איהרע אויגען האָט זי דערקענט, אַז עפּעס אויסערגע־וועהנליכעס האָט דאָ פּאַסירט.

אַ קליינע ווילע האָט אַ שטילקייט געהערשט אין צימער.

אברהם אבן עזרא האָט באַטראַכט די וואונדערשעהנע און רייצענדע הדסה פון נאָהענט. זי האָט איהם אינגאַנצען באַצויבערט. ניין, ער האָט קיין חרטה ניט אויף דעם וואָס ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימען וואַנ־דערער... ער וועט דאָ פאַרבלייבען אין הויז אַזוי לאַנג ווי מעגליך, ביז וואַנען ער וועט דערגעהן דעם אמת וועגען אָרטהור׳ן. ער וועט זיך פּרוי־בער אין אַלץ מוזען איבערצייגען, איידער ער וועט קענען גלויבען אויף איהר אַזאַ זאַך. און אויב ער וועט זעהן, אַז עס איז טאַקע אמת, דאַן וועט ער פאַר יהודה הלוי׳ן אַלץ דערצעהלען. ער וועט איהם וואָרענען וועגען אָרטהור׳ן, אַז ער האָט געפּלאַנעוועט מיט אָרטהור׳ן צו פאַנגען הדסה׳ן...

די מוטער׳ס פאַרלעגנהייט איז געוועזן גרויס ווען הדסה איז אַריין אין צימער. איהר צונג איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרען צום גומען. ניין, זי טאָר דערווייל קיין זאַך ניט חושד זיין, ביז וואַנען איהר פאָטער וועט קומען.

— המ... מיין טאָכטער! — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט — דיזער אָרימער וואַנדערער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין טאָלעדאָ... ער זאָגט

אַז ער איז עלענד און האָט דאָ קיינע פריינד... ער וועט ביי אונז פאַר־בלייבען אויף עטליכע טעג... ער זאָגט, אַז זייענדיג אין וועג האָט ער גע־הערט פון דיין פאָטער'ס הויז. די אַנדערע אָרימע לייט האָבען איהם גע־זאָגט, אַז אין אונזער הויז וועט ער געפינען אַ נאַכט־לעגער און שפּייז. זעה, הדסה אַז ער זאָל זיך פיהלען באַקוועם, היים די דינסט אויסרייניגען פאַר איהם אַ צימער.

— גוט, מוטער! האָט הדסה געזאָגט — איך וועל זעהן, אַז אונזער גאַסט זאָל זיך בא אונז פיהלען היימיש! אָבער פאַרוואָס שטעהסטו מיט דייער טאָרבע אויף דיינע פּלייצעס, לאָז עס איבער דאָ און קום מיט מיר!

— האָט זי זיך צו אים געווענדט — דו וועסט זיך אָרומוואַשען און איך וועל פאַר דיר צוגרייטען עטוואָס שפּייז, ווייל ייי איך זעה, ביזטו מיעד און הונגעריג!

— איך דאַנק דיר, גנעדיגע טאָכטער פון רבי יהודה הלוי! — האָט דער פרעמדער זיך אַ נייג געטאָן — איך בין ניט ווירדיג גענוג, אַז דו זאָלסט זיך מטריח זיין צוליב מיר.

ווילסטו דען פאַרמיידען פון מיר די מצוה פון הכנסת אורחים? — האָט הדסה מיט אַ שמייכעל געזאָגט — אונזער זיידע אברהם פלעגט אין די גרעסטע היצען שטעהן אין דרויסען צו זעהן אויב אַן אורח געהט פאַרביי אום ער זאָל איהם קענען איינלאַדען צו זיך אין הויז, און אַז גאָט שיקט אונז צו אַן אורח אינהויז, איז קיין זאַך פאַר מיר ניט צו שווער צו טאָן פאַר איהם.

— געה, מיין טאָכטער וועט דיר אָנצייגען דיין צימער! — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען צו איהם, און זי האָט זיך אָנגעהאַלטען זי זאָל ניט אומפאַלען.

הדסה איז געגאַנגען פאָראויס און דער אָרימאַן איז נאָך איהר נאָכגע־גאַנגען. די מוטער האָט באַמערקט זיין הילוך. זי האָט יעצט גוט געקענט זעהן די צוריסענע שמאַטעס וואָס ער האָט געטראָגען, און דאָס האַרץ האָט איהר נאָך מעהר פאַרקלעמט: ווי אַזוי וועט זי קענען צוזעהן דעם צער פון איהר טאָכטער. צוליעב איהר פאָטער'ס נדר וועט זי זיין געצוואונגען צו הייראַטען אַ מאַן, וועלכער איז אַ שנאָרער און אַ בעטלער. ער מוז אויך געווים שטאַמען פון אַ נידעריגע משפּחה... אָבער זי אַליין איז אין דעם שולדיג. ווען זי וואָלט איהר מאַן אַזוי פיעל ניט געיאָדעט און דערקוטשעט, וואָלט עס דערצו ניט געקומען. זי האָט זיך אַוועקגע־זעצט, פאַרשטעלט איהר פנים מיט די הענט און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

באַלד איז אָנגעקומען יהודה הלוי און ווען ער האָט געטראָפען זיין פרוי מיט פאַרוויינטע אויגען, האָט ער זי מיט שרעק געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט?!

— דו האָסט מיט דיין צונג אויף אונז אַלעמען אַן אומגליק געבראַכט!

— האָט זי זיך ווידער פאַנאַנדערגעכליפּעט. אָה, דיין שרעקליכער נדר וואָס דו האָסט זיך נעכטען אַ נדר געטאָן!

רבי יהודה הלוי האָט זיך שוין געהאַט גאָר פאַרגעסען אָן זיין נדר, און יעצט, אַז זי האָט איהם דערמאָנט, האָט ער גלייך אויסגערופען.

— איז דען צו אונז אַזוי פריה געקומען אַ אידישער אמפּאַרהיראַ־טער מאַן!

— יע, גאַנץ פריה איז ער געקומען. אַזוי ווי ער וואָלט געוואוסט פון דיין נדר! אוי, וועה איז צו אונזער טאָכטער! ער איז אַ בעטלער. אַ שנאָ־רער. זיינע קליידער זיינען צוריסענע. זיינע האָר זיינען צושויבערט, ער איז שמוציג... אָה, גאָט, פאַרוואָס קומט עס אונז אַזוי!

— פון דעם וואָס זיינע קליידער זיינען צוריסען און ער איז אָן אָרימאַן, איז נאָך ניט קיין ראיה, אַז ער איז ניט ווירדיג צו זיין אונזער איידעם! — האָט יהודה הלוי פּרובירט זי בארוהיגען. אָרימקייט איז ניט קיין שאַנדע און געוויס ניט קיין סימן פון אומוויסענהייט און עם הארצות.

— איך האָב מורא, אַז ער איז זעהר פאַרגרעבט! — האָט זי געזאָגט — פון זיין ריידען און האַלטען זיך, קען מען זעהן, אַז ער איז אַ גראָבער אומוויסענדער יונג!

— דאָס וועלען מיר זיך באַלד איבערציינען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט.

— זיי זעהר פאָרזיכטיג, הדסה וויס נאָך פון גאָרנישט... פאַרוואָס זאָלען מיר איר גלייך פאַרשאַפען אַזעלכע יסורים. עס וועט זיין גענוג, אַז זי וועט זיך דערוויסען פון דיין נדר מיט עטליכע טעג שפּעטער, פיליכט וועט גאָט געבען, אַז עס זאָל דערפון גאָרניט ווערען, אפשר וועט ער גאָר ניט וועלען!

— אויב ער זאָל ניט וועלען איז מיין גאַנצער נדר בטל! — האָט יהודה הלוי אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ — ווייל איך קען דאָך איהם ניט צווינגען צו טאָן אַ זאַך געגען זיין ווילען.

— ער קען זיין אָרים, אומוויסענד און פאַרגרעבט, אָבער ער איז ניט בלינד! — האָט זי טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ — ווען ער וועט אויסגעפינען וועגען דיין נדר און ער וועט זעהן, אַז ער קען קריגען הדסה'ן פאַר זיין פרוי, וועט ער זיכער ניט זאָגען, אַז ער וויל זי ניט. אָ, וואָס טויג מיר מיין לעבען, אויב מיין ליעבע טאָכטער וועט דאַרפען ליידען! און איך האָב געהאַט אַזעלכע שעהנע זיסע חלומות וועגען איהר. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט קריגען אַ שעהנעם וויכטיגען און געלערענטען יונגען מאַן... זי אַליין האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם געהיימניספולען יונגען מאַן, וועלכער האָט זי געראַטעט פון די הענט פון די טעמפּעל ריטער.

— דו ווייסט דאָך, אונזער הייליגער תלמוד זאָגט, אַז פערציג טעג איידער דאָס קינד ווערט געבוירען, געהט אַרויס אַ בת קול און רופט אויס: יענעמ'ס זוהן וועט נעמען יענעמ'ס טאָכטער און יענעמ'ס טאָכטער וועט

ווערען די פרוי פון יענעמ'ס זוהן, און אויב דיזער אָרימאַן איז געקומען דער ערשטער, איז אַ סימן, אַז ער איז הדסה'ס זיווג. עס איז אַזוי באַשערט פון הימעל און מיר דאַרפען עס אָננעמען פאַר גוט!

— אָבער מיט וואָס האָט אונזער טאָכטער געזינדיגט, אַז איהר זאָל באַשערט זיין חתונה צו האָבען מיט אַזאַ מאַן! אָ, ווען איך טראַכט בלויז פון דעם, געהט דורך אַ שוידער איבער מיין לייב.

— מען טאָר קיינמאָל ניט אורטיילען אַ מענשען לויט זיין קליידונג. מעגליך, אַז אונטער דיזע צוריסענע און שמוציגע קליידער געפינט זיך אַ געזונטער, ריינער קערפּער מיט אַ נאָבעלער נשמה.

— ווען דו וואָלסט איהם אָנגעקוקט, וואָלסטו אַליין זיך איבערצייגט, אַז אַזאַ מאַן קען ניט באַזיצען אַ ריינעם געזונטען קערפּער און אַ נאָבעלע נשמה... ער איז אַזוי ווילד באַוואַקסען, און ער האַלט זיך אַזוי ניט ריין... אָ, פאַרוואָס האָסטו אַזאַ שרעקליכען נדר געטאָן!

— אויב ער איז הדסה'ס באַשערטער, וואָלט ער אַלץ איינס געווען אונזער טאָכטער'ס מאַן. און אויב ער איז ניט איהר באַשערטער, וועט שוין גאָט מאַכען ער זאָל אַליין ניט זיין וויליג מיט איהר צו הייראַטען. און דו האָסט ניט וואָס צו זיין באַזאָרגט.

— איך האָב די גאַנצע נאַכט מיינע אויגען ניט צוגעמאַכט. איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דיין שרעקליכען נדר. ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט... און יעצט זעה איך, אַז ניט אומזיסט האָב איך זיך געשראָקען. זעהר זעלטען פּאַסירט עס, אַז אַן אָרימער וואַנדערער זאָל אַזוי פריה אַריינקומען צו אונז, און גראַדע היינט אין דער פריה, איז ווי צו להכעיס, האָט דער שנאָרער אַריבערגעטראָטען אונזער שוועל...

— איז טאַקע אַ סימן, אַז ער איז איהר באַשערטער! — האָט ער געזאָגט.

— און איך וואָלט בעסער געשטאָרבען איידער צו צווינגען אונזער טאָכטער צו הייראַטען מיט אַזאַ מאַן! — האָט זי געווישט איהרע טרעהרען.

— אונזער טאָכטער איז אַ גאָט'ס פאַרציג קינד, און ווען זי וועט זיך דערוויסען פון מיין נדר, וועט זי עס אָננעמען פאַר גוט.

— אָבער דערווייל בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט איהר פון גאָר ניט דערצעהלען.

דער פרעמדער אָרימאַן האָט אויסגעוואַשען זיינע הענט, אָבער זיין פּנים איז נאָך אַלץ געבליבען פאַרשטויבט. ער האָט זיך געזעצט עסען. הדסה האָט איהם דערלאַנגט פאַרשידענע פרוכטען און גרינסען, און ער האָט איהר גענומען פרעגען ווי אַזוי מען מאַכט אַ ברכה אויף יעדער זאַך באַזונדער.

— איך בין דערצויגען געוואָרען אין דער פרעמד. איך האָב מיינע עלטערען פאַרלוירען ווען איך בין נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען, און קיינער האָט זיך ניט גענומען די מיה מיר עטוואָס אויסצולערנען, —

האָט דער אָרימאַן געזאָגט — איך קען אפילו דעם אלף בית ניט... מען האָט מיך ניט געלערענט! און דאָס וואָס איך קען איינציגע תפילות, איז עס בלויז פון דעם, וואָס מיין אויער האָט זיך צו דיזע תפילות צוגעהערט, און איך קען זיי אויסענווייניג, אָבער לעזען קען איך ניט!

— און דו האָסט קיינמאָל ניט געהאַט קיין חשק צו קענען לעזען און שרייבען!! — האָט איהם הדסה געפרעגט.

איך וואָלט יע אַלעס געוואָלט קענען, אָבער גאָט האָט מיך באַשטראָפט מיט אַ גראָבע קאָפּ. איינציגע פון מיינע פריינד האָבען שוין געמאַכט פיעלע פאַרזוכען מיר אויסצולערנען צו דאַוונען פון אַ סידור אָבער אומזיסט איז זייער מיה געווען. מיר דוכט זיך, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען זיך אויסלערנען!

— האָסטו געהערט די מעשה פון רבי עקיבא? — האָט איהם הדסה געפרעגט.

— ניין! — האָט דער אָרימער פרעמדער געענטפערט.

— אין ארץ ישראל איז געווען אַ פּאַסטוך און זיין נאָמען איז געווען עקיבא. ער איז געווען זעהר אומוויסענד און צו פערציג יאָהר האָט ער ניט געקענט דעם אלף בית. און דאַן האָט עפּעס פּאַסירט וואָס האָט איהם באַוואויגען זיך צו נעמען צום לערנען. ער האָט אַזוי פלייסיג געלערענט, אַז נאָכהער איז ער געוואָרען דער גרעסטער תנא ביי אידען וואָס ער איז באַוואוסט אַלס רבי עקיבא! און אַזוי דאַרפסטו אויך דיין האָפענונג ניט פאַרלירען — האָט הדסה איהם געזאָגט — אויב דו וועסט נאָר וועלען, וועסטו קענען!

— געוויס האָט ער געהאַט אַ גוטען קאָפּ צום לערנען. און ווי נאָר ער האָט געקראָגען די געלעגענהייט צו לערנען, האָט ער זיין מוח געשאַרפט און איז געוואָרען אַ למדן. אויסער דעם האָסטו מיר געזאָגט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט וואָס האָט איהם באַוואויגען צו לערנען. וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט צו איהם?

— אין יענעם אָרימען פּאַסטוך האָט זיך פאַרליעבט רחל, די שעהנע טאָכטער פון כלבא שבוע, וועלכער איז געווען דער רייכסטער מאַן אין ארץ ישראל — האָט הדסה געזאָגט.

— אויב אַזוי, קען איך פאַרשטעהן ווי אַזוי ער האָט געקראָגען אַזאַ שטאַרקען חשק צו לערנען תורה! — האָט דער פרעמדער צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ — אָבער איך האָב קיינעם ניט, וועלכער זאָל מיך ערמוטיגען... איך בין עלענד און איינזאַם, קיינער קוקט זיך אויף מיר ניט אום און וויילע איך בין אומוויסענד בין איך נאָך מעהר אָפּשטויסענד. איך האָב נאָך קיינמאָל קיין צאַרטען וואָרט ניט געהערט פון קיינעם... איך בין זיכער, אַז איך וועל שוין פאַרבלייבען אַן עם הארץ ביז די לעצטע טעג פון מיין לעבען... יע, איך האָב זיך שוין לאַנג מיאש געווען. איך קען שוין ניט האָפען, אַז איך וועל ווען עס איז עפּעס קענען.

— דו טאָרסט דיין האָפענונג ניט פאַרלירען — האָט הדסה געזאָגט

און טרעהרען האָבען זיך אין איהרע אויגען באַוויזען. זי האָט גוט באַטראַכט דעם עלענדען אַרימאַן מיט די צוריסענע און פאַרלאַטעטע קליידער, און אַ גרויסער רחמנות האָט זיך ביי איהר אין הארצען ערוועקט אויף דיזען אומגליקליכען... זי זעהט דאָך, אז עס איז ניט זיין שולד וואָס ער איז אַזוי אומוויסענד... זי האָט באַשלאָסען ביי זיך צו בעטען איהר פאָטער ער זאָל מיט איהם פּראָבירען לערנען, פיליכט וועט ער איהם פּאַרט עפּעס אויסלערנען... זי וויס אַליין ניט וואָס זי האָט אין איהם אַזוינס געזעהן, וואָס האָט אין איהר אַזוי פיעל מיטלייד ערוועקט. דוכט זיך, אַז זי האָט שוין פיעלע אומוויסענדע בעטלער געזעהן, און קיינער האָט ביי איהר קיין טרעהרען ניט ארויסגערופען. איז עס מעגליך, אַז זיין שטימע... עפּעס איז דיזען אַרימאַנ'ס שטימע אַזוי אַנגענעהם און זיס, זי קען דאָס אַליין ניט ערקלערען, אָבער ווען זי הערט איהם ריידען, אַזוי שווימען אַרויף אויף איהרע געדאַנקען אַזעלכע וואונדערבאַרע און ליעבליכע עראינערונ־גען... וואָס פאַר אַ קראַפט ער באַזיצט אין זיין שטימע!

זי האָט איהם דערלאַנגט נאָך מאכלים און וואַסער און האָט איהם איבערגעלאָזט אַליין אין צימער. זי האָט געטראָפען איהר פאָטער און מוטער.

— נו, מיין טאָכטער — האָט די מוטער ארויסגעצוואונגען אַ שמיי־כעל אויף איהר פּנים, האָסטו דעם אַרימאַן געגעבען צו עסען?

— יע, איך האָב איהם אַלעס געגעבען. אָה, מוטער. ער האָט זיך קוים צוגעכאַפּט... ווי עס ווייזט אויס איז ער זעהר הונגעריג געוועזן.

— ווער איז ער און פון וואַנען קומט ער? — האָט יהודה הלוי איהר געפרעגט.

— איך האָב עס ביי איהם נאָך ניט געפרעגט — האָט הדסה געענט־פערט — אָבער ער האָט זיך ניט געשעהמט פאַר מיר מודה צו זיין, אַז ער איז אַזוי אומוויסענד, אַז ער קען אפילו ניט דעם אלף בית!

— ער איז אומוויסענד!! — האָט יהודה הלוי און זיין פרוי מיט אַמאָל אויסגערופען.

— יע, ער איז אַן עם הארץ, אָבער עס איז ניט זיין שולד. ער האָט קיינמאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו לערנען; ווען ער איז נאָך אַ קליין קינד געוועזן, האָט ער זיינע עלטערען פאַרלוירען, און ער איז ערצוי־גען געוואָרען אין דער פרעמד. ער פיהלט זיך זעהר שלעכט צוליעב דעם... איך האָב איהם געטרייסט און געזאָגט, אַז אויב ער וועט וועלען וועט ער זיך נאָך קענען אויסלערנען. איך האָב איהם דערצעהלט די מעשה פון רבי עקיבא... אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער פאַסטוך עקיבא האָט געהאַט ווער עס זאָל איהם ערמוטיגען... און ער איז עלענד!...

— ער זאָל זיין אַזאַ עם הארץ! — האָט יהודה הלוי טרויעריג געצויגען מיט זיינע אַקסלען — ער זאָל אפילו דעם אלף בית ניט קענען.

הדסה האָט באַמערקט ווי איהר מוטער'ס אויגען זיינען אָנגעפילט מיט טרעהערען. ביידע האָבען אויסגעקוקט צו זיין אַזוי באַזאָרגט. ווי עס

ווייזט אויס, האָט זיי דער גורל פון דעם אומגליקליכען עלענדען וואַנדערער אָנגעריהרט.

— וואַרט, מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק! — האָט הדסה אויסגערופען און אַ שמייכעל האָט זיך צאַוויזען אויף איהרע ליפען — ווען איך בין געוועזען ביי דער מומען אין הויז די עטליכע טעג, האָט איך דאָרטען געזעהן איהר דינסט מיידעל, זי איז אויך אַן עלענדע יתומה און איך בין זיכער, אַז עס וואָלט געווען אַ גליקליכער שידוך. זי וואָלט איהם ערמוטיגט און ער וואָלט זיך גענומען לערנען מיט חשק, ביז וואַנען ער וואָלט זיך פאַרט עפּעס אויסגעלערענט... וואָס זאָגסטו אויף דעם, מוטער?

— עס וואָלט ניט געווען קיין שלעכטער פּלאַן, מיין טאָכטער, ווען די זאַך וואָלט ניט געווען אַזוי טרויעריג! — האָט די מוטער אַ זיפץ געטאָן.

— איך פאַרשטעהע ניט, מוטער, פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי זיך נעהמען צום האַרצען. איז ער דען דער ערשטער אָרימאַן וואָס איז אַזוי אומוויסענד? מעגליך, אַז אַזאַ שידוך וועט ווירקליך זיין אַ גליק פאַר איהם... די מומע וועט געבען איהר דינסט אַביסעל געלט און... און מיר וועלען איהם פון אונזער הויז מיט ליידיגען ניט אָוועקשיקען... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז ער איז אַן אָרענטליכער מאַן און ער וועט זיין וויליג צו אַרבייטען צו קענען איהר מפרנס זיין... איך בין זיכער, אַז זי וועט זיך אויך פיהלען גליקליך. מיר וועלען איהם בלויז דאַרפען געבען אַנדערע בגדים... איך וועל אַליין אַריבערגעהן צו דער מוהמען און זי זאָל קומען אַהער מיט איהר דינסט, זאָל זי איהם אָנקוקען. פיליכט זיינען זיי באַשערט איינע פאַר'ן צווייטען און מיט דעם וואָס איך וועל זיי צוזאַמענברענגען, וועל איך אַ גרויסע מצוה פאַרדינען.

הדסה'ס מוטער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט באַהערשען און זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ יאָמערליכען געוויין.

— מוטער, אָ מוטער! וואָס איז מיט דיר! — האָט הדסה זי אַרומגענומען און געהאַלזט און געקושט — פאַר וואָס וויינסטו, טייערע מוטער, האָט עפּעס פּאַסירט, אָ פאָטער, וואָס איז געשעהן? — האָט זי זיך געווענדט צו איהר פאָטער.

— קום מיין טאָכטער, איך האָב זעהר וויכטיגעס מיט דיר צו ריידען!

— האָט יהודה הלוי זי אָנגענומען פאַר איהר האַנט — עס וועט זיין בעסער, אַז דו זאָלסט פון אַלעס וויסען...

— אָבער ווי קענען מיר איבערלאָזען די מוטער! — האָט הדסה מיט אַ ציטערענדע שטימע אויסגערופען.

— געה, מיין טאָכטער, געה! איך פיהל זיך שוין בעסער. דער פאָטער וועט דיר אַלעס ערקלערען.

הדסה איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטע. עפּעס איז איהר אַלעס אויסגעקומען אַזוי אומפאַרשטענדליך רעטזעלהאַפט. זי איז אַריין מיט איהר פאָטער אין זיין צימער.

— זעץ זיך, מיין טאָכטער! — האָט יהודה הלוי צו איהר געזאָגט — איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך צוהערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו מיינע רייד.

הדסה האָט זיך געזעצט. זי האָט אויף איהר פאָטער געקוקט מיט ערשטוינענדע בליקען.

— געדענקסטו, מיין טאָכטער די מעשה וואָס דו האָסט געלערענט אין תנ"ך וועגען יפתח'ן און זיין טאָכטער?

— יע, איך געדענק! — האָט הדסה צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ.

— דו געדענקסט דאָך געוויס, אַז איהר פאָטער יפתח, האָט אומפאָרזיכטיג אַ נדר פון זיינע ליפּען ארויסגערעדט, אַ נדר צו גאָט, אַז ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען אַ זיעגרייכער פון דער מלחמה מיט עמון, וועט ער מקריב זיין פאַר אַ קרבן פאַר גאָט דאָס ערשטע וואָס וועט איהם אַנטקעגען קומען. איהם איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען וועגען דער מעגליכקייט, אַז אַ פערזאָן, און אַ נאָהענטע פערזאָן פון זיין משפחה וועט איהם אַנטקעגען קומען... ער האָט אין זינען געהאַט, דאָס אַ בהמה וועט איהם אַנטקעגען קומען. און דער סוף ווייסטו דאָך. זיין טאָכטער איז איהם אַנטקעגען אַרויסגעקומען. און ער איז געצוואונגען געווען מקריב צו זיין זיין טאָכטער פאַר אַ קרבן כדי מקיים צו זיין זיין נדר. געוועהנליך, האָט יפתח ניט ריכטיג געהאַנדעלט. ער איז געווען אומוויסענד. ער האָט באַדאַרפט פאַרשטעהן, אַז זיין נדר איז ניט חל אויף אַ מענשליכען קרבן... אין יענע צייטען זיינען געווען אויך ווינציג געלערענטע און חכמים, וועלכע האָבען געקענט יפתח'ן ערקלערען דעם ריכטיגען דין און דערמיט רעטען זיין טאָכטער.

— אָבער פאָטער, אַנטקעגען וואָס דערצעהלסטו מיר יעצט דיזע געשיכטע?! — האָט הדסה גערעדט מיט פאַרוואונדערונג.

— לעצטען אָוונט האָט זיך דיין מוטער מיט מיר דורכגערעדט וועגען דיר. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ארטהור קומט דיך באַלעסטיגען און אַז ער האָט זיך זעהר ניט פיין באַנומען געגען דיר.

— יע, פאָטער, דאָס איז ריכטיג, אָבער איך האָב איהם ניט ערמוטיגט. איך האָב געדולדעט זיין געזעלשאַפט, ווייל ערשטענס איז ער דאָך דער ברודער פון דער קעניגין, און דערצו האָב איך ניט געוואָלט ער זאָל צוריק ווערען דיין שונא!

— יע, מיין טאָכטער, איך פאַרשטעה עס גאַנץ גוט און אויך דיין מוטער האָט דיין לאַגע פאַרשטאַנען. מיר ביידע ווייסען, אַז דו האָסט איהם אין דיין זינען אפילו ניט, פונדעסטוועגען האָט זיך דיין מוטער גענומען שטאַרק צום האַרצען, ווען זי איז אריין אין צימער און צוגעזעהן ווי דו דאַרפסט איהם אָפּשטויסען פון זיך. זי האָט מורא געהאַט, און מיט רעכט, ווען ארטהור וועט פריי זיין אהער צו קומען דיך באַזוכען, וועט, באַהיטע גאָט, אַן אומגליק פּאַסירען. דאָס וואָס ארטהור וויל פאַרשפּרעכען, אַז ער וועט זיך מגייר זיין, דאַרפען מיר קיין געוויכט ניט לייגען.

דאָס זאָגט ער בלויז אַזוי... איך קען איהם שוין גאַנץ גוט, איך ווייס, אַז ער וועט זיין רעליגיע ניט בייטען.

— אָבער פאָטער, אַפילו ווען ער זאָל זיין רעליגיע יע בייטען, וועל איך קיינמאָל איהם אין מיין גערדאַנק ניט האָבען. איך האָס איהם, און איך קען גאָר פון איהם ניט טראַכטען, אַפילו ווען ער זאָל ווערען א איד.

איך ווייס עס, מיין ליעבע טאָכטער. דיין מוטער אָבער איז זעהר אויפגערעגט געוואָרען לעצטען אָוועגט, און זי האָט דעם גאַנצען שולד אויף מיר געוואָרפען. זי איז צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל זעהן, דו זאָלסט הייראַטען וואָס שנעלער כדי דורך דעם צו דערווייטערען ארטהור׳ן פון אונזער הויז. זי האָט מיר אַזוי פיעל געיאָדעט און גענעגעט, אַז איך בין אויפגערעגט געוואָרען און ניט באַגרייפענדיג פאַר דעם מאָמענט וואָס איך טו, האָב איך אַרויסגערעדט פון מיין מויל א נדר... איך האָב געזאָגט, אַז איך טו זיך א נדר, אַז דער ערשטער אידישער אומפאַרהייראַטער יונ־גערמאַן, וועלכער וועט מאָרגען אַריבערטרעטער די שוועל פון מיין הויז, זאָל ווערען דיין מאַן, אויב ער וועט צושטימען...

— אָבער פאָטער, דערווייל האָט דאָך קיין יונגערמאַן אונזער שוועל ניט אַריבערגעטראָטען — האָט הדסה מיט א שמייכעל געזאָגט — טו פאַר־וואָס זייט איהר ביידע אַזוי שטאַרק באַזאָרגט.

— האָסטו דען פאַרגעסען דעם אָרימאַן? ! — וועלכער איז היינט גאַנץ פריה צו אונז געקומען.

הדסה איז בלאַס געוואָרען.

— אָבער פאָטער, המ... עס איז דאָך אוממעגליך ! — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמעלט און א קאַלטער שוויים האָט איהר קערפּער באַנאָסען.
— עס איז דאָך בלויז א שפּאַס !...

— צום באַדויערען מיין טאָכטער, איז עס זעהר ערנסט ! — האָט יהודה הלוי אָנגענומען איהר האַנט. די איינציגע האָפענונג איז פאַרבליבען, פיליכט וועט ער ניט וועלען... מיר וועלען איהם אַלעס דאַרפען דערצעהלען, און אויב ער וועט נאָכהער זאָגען, אַז ער איז ניט איינשטימיג, אַז ער וויל דיך ניט נעמען פאַר זיין פרוי, דאַן ווערט מיין נדר בטל.

— אָבער טאָמער וועט ער צושטימען ! — האָט הדסה מיט שרעק אויסגערופען, און די טרעהרען האָבען איהר אין האַלז געשטיקט.

— דאַן איז מיין נדר א נדר, און דו וועסט מוזען געהערען צו איהם.

— אוי, ווי אַזוי איז עס מעגליך... פאָטער, איך קען ניט ! איך קען ניט ! — האָט הדסה זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— מיין טאָכטער, געדענק, אַז יפתח׳ס טאָכטער האָט איהר לעבען מקריב געווען צוליעב איהר פאָטער׳ס נדר... נאָך אַלעמען האָסטו דאָך אַליין צוגעגעבען, אַז ער שיינט צו זיין אַן אָרענטליכער מאַן, און ווען ער זאָל האָבען ווער זאָל איהם ערמוטיגען, וועט ער זיך נעמען צום לערנען, מעגליך אַז ער וועט זיך נאָך עפּעס אויסלערנען !

— אָה, ניין, פאָטער. איך קען עס ניט טאָן! איך וואָלט גיכער מיין לעבען מקריב געווען איידער צו טאָן אַזאַ זאַך...

— מיר וועלען איהם אָנטאָן אין שעהנע קליידער, איך וועל מיט איהם לערנען, און ווער ווייס, פיליכט וועט ער עפּעס דערגרייכען. און ווען דו וועסט איהם נאָך ערמוטיגען, קען פון איהם נאָך אַמאָל ארויס־קומען אַ גרויסער מאַן אין ישראל.

— ווען דו וואָלסט איהם געזעהן און מיט איהם גערעדט, וואָלסטו זיך איבערציינגט, אַז קיין גרויסער מאַן וועט ער שוין קיינמאָל ניט זיין. אויסער דעם וואָס ער איז אומוויסענד, איז ער אויך ניט איבעריגס קלוג... איך בעט דיר פאָטער טו עפּעס, זעה מבטל צו מאַכען דיין נדר!

— דאָס איז אוממעגליך. אין אונזער הייליגער תורה שטעהט געשרי־בען: „לא יחל דברו”. ווען איינער טוט אַ נדר צו גאָט, טאָר ער ניט פאַרשוועכען זיין וואָרט. און לויט ווי איך זעה, איז אוממעגלעך צו געפינען אַן אורזאַך דעם נדר מבטל צו מאַכען... סיידען ער אליין זאָל זאָגען, אַז ער וויל דיר ניט נעהמען פאַר זיין פרוי.

— אָה, פאָטער, איך וועל מאַכען ער זאָל מיך האַסען... איך וועל זיך מאַכען פאַר אַ שלעכטע, אַ מרשעת און ער וועט מורא קריגען פאַר מיר, דאַן וועט ער מיך פאַרהאַסען, און ער וועט מיך ניט וועלען קענען! — האָט הדסה געזאָגט.

— ניין, מיין טאָכטער, דאָס וועט ניט רעכט זיין. עס וועט הייסען, אַז דו צווינגסט איהם ער זאָל דיך אויפגעבען. און דאָס וועט זיין אַזוי גוט ווי ניט האַלטען דעם נדר!

— אַה, ליבער פאָטער — האָט הדסה איינגענורעט איהר קאָפּ אין איהר פאָטער'ס בוזים — איך קען עס ניט טהאָן! איך האָב איהם אַזוי ליעב! . . .

— וואָס רעדסטו, מיין טאָכטער, וועמען האָסטו ליעב! — האָט יהודה יהודה הלוי אויסגערופען מיט ערשטוינונג — האָסטו דען די גאַנצע צייט פאַרבאָרגען פון מיר און דיין מוטער... זאָג מיר ווער איז ער?

— איך קען איהם ניט... איך האָב איהם בלויז געזעהן אין דער פינסטער, ער האָט מיך גערעטעט, ער האָט זיין לעבען אין געפאַהר גע־שטעלט, ער האָט מיך העלדיש פאַרטיידיגט, און פון איהם האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען טאָג און נאַכט.

— אָבער דו זעהסט דאָך הדסה אַז ער איז ניט דיין באַשערטער, אויב ער וואָלט דיר באַשערט געווען וואָלט ער שוין לאַנג געקומען אונז באַזוכען. ווי עס ווייזט אויס איז נאָר דיעזער אָרימאַן דיין באַשערטער, ווייל ער איז געקומען דער ערשטער נאָך מיין נדר.

הדסה האָט שטילערהייט געוויינט, יהודה הלוי האָט געקוקט אויף זיין טאָכטער מיט בליקען פון רחמנות.

— בארוהיג זיך, מיין טאָכטער — האָט ער געגלעט איהר פּנים — שידוכים ווערען געשלאָסען אין הימעל, און מיר זיינען בלויז שלוחים

פון גאָט דורכצופיהרען זיין וואונש... אַט וועל איך אריינרופען דעם אָרימען יונגען וואַנדערער און איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען. אויב ער איז טאַקע אַזוי אומוויסענד ווי דו זאָגסט, איז דאָך אָבער פאַראַן אַ מעגליכ־קייט איהם עפּעס אויסצולערנען. איך וועל זעהן פּיליכט האָט ער גאָרנישט קיין שלעכטע קאָפּ, און ער וועט פאַרנעהמען דאָס לערנען.

יהודה הלוי האָט געהייסען אריינשיקען דעם אָרימאַן צו זיך אין צימער. הדסה האָט ניט געוואָלט זיין דערביי, און זי איז אַרויס פון דאָרטען.

מיט אַ געבויגען קאָפּ איז דער אָרימאַן אריין אינעווייניג. ער איז געבליבען שטעהן אַ פאַרשעהמטער ביי דער טיהר.

— קום צו נעהענטער מיין פריינד, שעהם זיך ניט — האָט צו איהם יהודה הלוי זיך אָפּגערופען.

דער אָרימאַן האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנעהענטערט צו יהודה הלוי׳ן וועלכער האָט איהם דערלאַנגט זיין האַנט און געזאָגט:

— שלום עליכם!

דער פרעמדער האָט אויפגעהויבען אַ ציטערענדע האַנד און האָט מיט שרעק אָנגעריהרט יהודה הלוי׳ס האַנד.

— זעץ זיך! — האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל.

ער האָט איהם געפאָלגט.

— זאָג מיר ווי רופט מען דיך? — האָט יהודה הלוי איהם גע־פרעגט מיט אַ מילדער שטימע.

— מען רופט מיך דער שנאָרער!

יהודה הלוי האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— איך מיין ווי איז דיין אידישער נאָמען.

— מיין נאָמען... מיין נאָמען! — האָט ער אַ קנייטש געטהאָן מיט זיין שטערען. איך קען עס קוים געדענקען, ווייל זינט איך געדענק האָט מען מיר גערופען ביי דעם נאָמען שנאָרער!...

— ווי איז דאָס מעגליך אַז דו האָסט פאַרגעסען דיין אייגענעם נאָמען?

— איך בין געבליבען אַ יתום ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען. איך האָב זיך געוואָלגערט אין פאַרשידענע פלעצער ווען איך בין גאָר קליין געווען האָט מען מיך גערופען „דער יתום", און ווען איך בין עלטער געוואָרען און געגאַנגען פון הויז צו הויז צו בעטלען ברויט האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבען „דער שנאָרער".

— נו, וועל איך דיך רופען אברהם! — האָט יהודה הלוי געזאָגט — דאָס איז דאָך דער נאָמען פון דעם פאָטער פון אידישען פאָלק — אָבער איך מוז דיר זאָגען, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער אַז אַ יונגערמאַן זאָל ניט וויסען זיין אייגענעם נאָמען... נאָר ווי איך זעה ביזטו געבוירען געוואָרען ניט אונטער אַ מזל׳דיגען שטערען, דעריבער האָף איך אַז פון יעצט אָן וועט זיך דיין מזל פאַרבעסערען. איך זעה אַז דו האָסט קיינמאָל ניט געלערענט... געוועהנליך איז עס ניט דיין שולד... איך וועל דיך אָפּשטעלען אין מיין הויז. איך וועל מיט דיר לערנען.

— יעצט דערמאָהן איך זיך אַז מען פלעגט מיך טאַקע רופען מיט'ן נאָמען אברהם — האָט דער אָרימאַן געענטפערט — איך האָב פאַרגעסען, ווײַלע איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט מען זאָל מיך רופען בײַ דיעזען נאָמען און אויסער דעם האָב איך זעהר אַ שלעכטען זכרון. איך צווייפעל אויב איך וועל זיך ווען עס איז קענען אויסלערנען.

— אויב דו וועסט נאָר האָבען דעם רצון וועסטו קענען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט. איך וועל מיט דיר לערנען אַזוי לאַנג ווי דו וועסט וועלען, ביז וואַנען דו וועסט זיך אויסלערנען.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב געפונען חן אין דײַנע אויגען, מײַן האר. ווער בין איך אַז דו זאָלסט זיך מיט מיר אָפּגעבען. איך בין ניט ווירדיג צו טרעטען די שטויב פון דײַן שוועל.

— עס איז גאָט'ס פינגער! ער האָט דיך צו מיר אין הויז געפיהרט און יעצט וועסטו בײַ מיר פאַרבלײַבען... און אויב עס איז טאַקע גאָט'ס ווילען, וועסטו נאָך ווערען אַ מיטגליעד פון מײַן משפּחה.

— אָבער מײַן האר, איך פאַרשטעה ניט פאַרוואָס מיר קומט, אַז דו זאָלסט זיך נעהמען אַזוי פיעל מיה צוליעב מיר, איך בין אַ פרעמער און האָב עס זיכער ניט פאַרדינט!

מיט דער צייט וועט אַלעס ווערען גאַנץ פאַרשטענדליך פאַר דיר — האָט יהודה הלוי געזאָגט — איך וועל זעהן אַז דו זאָלסט קריגען אַנדערע קליידער, דו זאָלסט זיך ארומוואַשען און ארומוואַשען, און דאַן וועסטו אַריין צו מיר אין צימער און איך וועל אָנפאַנגען מיט דיר צו לערנען. און עס איז מעגליך אַז דו זאָלסט נאָך ווערען אַ געלערענטער מאַן.

— איך האָב שוין קיין האָפנונג, אַז איך וועל ווען עס איז קענען — האָט אברהם צוגעשאָקעלט מיט זײַן קאָפּ — איך קען אַפילו ניט דעם אלף בית.

— זיי ניט באַזאָרגט, דו קענסט ניט ווײַל דו האָסט קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו לערנען! אָבער דו קוקסט נאָך אויס גאַנץ יונג און אַז דו וועסט לערנען מיט פלייס וועסטו קענען!

אברהם אבן עזרא האָט די ערשטע טעג פון זײַן געפינען זיך אין יהודה הלוי'ס הויז, באַמערקט ווי אַן אומעט הערשט דאָרטען. ער האָט געזעהן ווי זײַן פרוי געהט ארום פאַרכמורעט און פאַרזאָרגט. הדסה מיידט איהם אין גאַנצען אויס. דעם ערשטען טאָג ווען ער איז דאָרטען אָנגעקומען האָט זי איהם ארויסגעצייגט אַזוי פיעל פריינדשאַפט. זי האָט מיט איהם גערעדט, זי האָט איהם געטרייסט, און יעצט דוכט זיך איהם אַז זי איז זעהר אומצופרידען מיט דעם וואָס ער איז געקומען אין הויז.

ער האָט בײַ זיך באַשלאָסען לאַנג דאָרטען ניט צו פאַרבלײַבען. ער וועט בלויז אויסגעפינען אויב עס איז אמת, אַז אַרטהור זוכט אַרײַנצו־קריגען הדסה'ן און אויב יע, וועט ער וואָרענען יהודה הלוי'ן וועגען דעם, און דאַן וועט ער פאַרשווינדען, קיינער וועט ניט וויסען אַז דאָס איז ער

געוועז פאַרשטעלט. פון דעם אומעט וואָס האָט געהערשט אין יהודה הלוי'ס הויז, האָט ער זיך געגומען אָנשטויסען אַז פיליכט איז עס טאַקע צוליעב אַרטהור'ן. ווער ווייס, אפשר ליעבט הדסה איהם און דאָס פאַר־שאַפט איהרע עלטערען גרויס עגמת נפש. ער האָט באַשלאָסען אויסצופאָר־שען די גאַנצע זאַך. ער וועט וואַרטען ביז וואַנען אַרטהור וועט קומען אויף אַ באַזוך. ער וועט זיך באַהאַלטען אין צווייטען צימער און לאָזען די טיהר עטוואָס אָפען און זיך צוהערען צו זייער געשפּרעך. ער וועט פון איין געשפּרעך קענען אורטיילען ווי אַזוי הדסה באַציהט זיך צו אַרטהור'ן און דאַן וועט ער וויסען וואָס ווייטער צו טהאָן.

דערווייל האָט אברהם אבן עזרא געשפּילט זיין ראָלע אויסגעצייכענט. ער פלעגט אַריינקומען אין צימער פון רבי יהודה הלוי'ן און אויף איהם וואַרטען ער זאָל מיט איהם לערנען. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער פאַר־שטעהט גאָרניט און וויפיעל ער האָט מיט איהם געלערענט, האָט ער זיך געמאַכט אַז ער פאַרשטעהט גאָר ניט און קען גאָרניט געדענקען.

— איך האָב נאָך אַזאַ פאַרשטאָפּטע קאָפּ אין מיין לעבען ניט געזעהן — האָט זיך יהודה הלוי איינמאָל פאַרקלאָגט פאַר זיין פרוי — איך האָב מורא אַז מיין גאַנצע מיה איז אַרויסגעוואָרפען.

— נו, וואָס וועט זיין? ! וואָס וועט זיין ! — האָט זי געבראָכען מיט איהרע הענט. ווי אַזוי קענען מיר גאָר צולאָזען צום געדאַנק די מעג־ליכקייט, אַז דער אָרימער פּראָסטער יונג זאָל ווערען אונזער טאָכטער'ס מען. פאַרוואָס זעהסטו גאָרניט צו טהאָן ! פיליכט וועסטו נאָך קענען מבטל מאַכען דעם נדר.

— איך האָב שוין וועגען דעם געטראַכט, אָבער עס איז פאַרפאַלען. ווען איך האָב דעם נדר אַרויסגערעדט פון מיינע ליפּען האָב איך ניט געטראַכט פון דעם אויב דער ניט פאַרהייראַטער יונגערמאַן וועט קענען לערנען אָדער ניט... און דעריבער איז קיין אורזאַכע ניטאָ פאַרוואָס דיעזער נדר זאָל בטל ווערען. דאָך גלויב איך אַז דער יונג וועט זיך עפּעס אויס־לערנען. און אַזוי ווי ער שיינט צו זיין עהרליך און אין נייע קליידער קוקט ער גאָר אויס אַנדערש, וועט זיך הדסה צו איהם צוגעוואָהנען.

— ווער האָט עס געקענט גלויבען אַז אונזער שעהנע הדסה, די צערטליכע בלום, זאָל דאַרפען הייראַטען מיט אַזאַ גראָבען יונג, וועלכער קען נאָך ניט דעם אלף בית. ער געפינט זיך שוין עטליכע טעג ביי אונז. איך זעה ווי שווער דו אַרבייטסט איהם אַריינצוקלאַפּען עפּעס אין קאָפּ און עס איז אומזיסט.

— דו ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען? — האָט יהודה הלוי זיך צו איהר אָפּגערופען — איך זאָל פיליכט דערצעהלען איהם דעם גאַנצען אמת, און ווען ער וועט זיך דערוויסען אַז ער האָט די מעגליכקייט צו הייראַטען מיט הדסה'ן, וועט עס איהם געבען מעהר מוטה און זיין פאַר־לאַנג זיך אויסצולערנען וועט גרעסער ווערען.

— דו וועסט אָבער דאַרפען זיין זעהר פאָרזיכטיג ווי דו רעדסט צו

איהם. דו דאַרפסט איהם געבען צו פאַרשטעהן, אַז מיר זיינען עס געצוואונגען צו טהאָן געגען אונזער ווילען און געגען דעם ווילען פון אונזער טאָכטער, אפשר פאַרמאָגט ער אין זיך אַ ביסעל יושר, ער וועט פיליכט איינזעהן אַז עס איז פאַראַן אַן אויסוועג זיין נדר זאָל זיין ניט גילטיג און דאָס איז אויב ער וועט ניט וועלען, גיעב איהם אַ וואונק פיליכט וועט ער זיך אָנשטויסען און וועט זאָגען אַז ער שטימט ניט איין.

— דאָס וועל איך טהאָן ביי דער ערשטער געלעגענהייט — האָט יהודה הלוי געזאָגט — דו מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען. איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי צו איהם צו ריידען, און אויב דער שידוך איז ניט פון הימעל באַשערט, וועט איהם גאָט אַליין אריינגעבען אַ געדאַנק ער זאָל זיך ענטזאָגען מיט איהר צו הייראַטען. און אויב דאָס וועט אַזוי ניט געשעהן, איז אַ צייכען, אַז דער שידוך איז פאָראויס באַשטימט אין הימעל און מיר דאַרפען זיין דאַנקבאַר צו גאָט פאַר דעם.

פ ו פ צ ע ה נ ט ע ר ק אַ פ י ט ע ל

ווען דער דייטשער קעניג הענרי דער פערטער האָט זיך אומגעקערט אהיים פון רוים, זיינען אַלע פרינצען פון די אַרומיגע פראָווינצען געקומען צו זיין פּאַלאַץ איהם צו בעגריסען. פריהער, אַז דער פּאַפּסט האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט זיין חרם, האָבען זיי זיך פון איהם געהאַלטען פון ווייטען. זיי האָבען איהם אַפילו אויפגעהערט צו צאָהלען די צינזען. יעצט אָבער האָבען זיי אָנגעפאַנגען מורא צו האָבען פאַר איהם. אויב זיי וועלען זיך יעצט אויך האַלטען פון דער ווייטען וועט ער זיי נאָכהער בעשטראָפען.

אַזוי שנעל ווי זיי האָבען געקראָגען דעם באַריכט, אַז דער קעניג הענרי דער פערטער איז בעפרייט פון חרם, האָבען זיי מיטגענומען מתנות און געקומען צו איהם.

ווי גרויס אָבער איז געווען זייער איבעראַשונג ווען זיי האָבען געפונען דעם קעניג קראַנק.

זיי האָבען זיך שוין געוואָלט אומקעהרען, אָבער דער קעניג האָט זיי געהייסען אריינקומען.

די פרינצען זיינען אריינגעקומען צום קעניג אין צימער און זיי האָבען זיך פאַרנייגט.

דער קעניג האָט זיך זיי געהייסען צוזעצען.

— ווי איך זעה, ווייסט איהר ניט וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין רוים — — האָט דער קעניג מיט אַ שוואַכער שטימע געזאָגט.

די פרינצען האָבען אַ שאָקעל געטהאָן מיט די קעפּ אויף ניין.

— קוקט זיך גוט צו — האָט דער קעניג געזאָגט, און אַרונטערגענומען די דעקע פון זיינע פיס און זיי געוויזען זיינע ענטבלויזטע קניע — דריי טעג בין איך געשטאַנען אויף מיינע קניע פאַר דעם פּאַפּסט'ס טיהר, ביז וואַנען מיינע פיס זיינען געשוואָלען געוואָרען, איהר ווייסט דאָך געוויס, אַז ווען איך האָב געהערט אַז ווען דער פּאַפּסט האָט מיך אין חרם אריינגעלעגט, האָב איך, אַלס אַ גוטער קריסטליכער קעניג, צו איהם געשיקט

שליחים און איהם געבעטען ער זאָל פון מיר דעם חרם אַרונטערנעהמען. דאַן האָט ער פאַרלאַנגט איך זאָל צו איהם פּערזענליך קומען און בעטען מחילה. איך האָב זיין פאַרלאַנג ערפיהלט און איך בין אַוועק קיין רוים... איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער פּאַפּסט, וועלכער פּרעדיגט די קריסט־ליכע מידות פון בארימהערציגקייט, פון פריינדליכקייט און פון פערגעבונג, וועט אַליין געוויס זיי פּראַקטיצירען. אָבער אַנשטאַט רחמים האָט ער אַרויס־געוויזען גרויזאַמקייט, אַנשטאַט פריינדשאַפט — שנאה, און אַנשטאַט פער־געבונג — נקמה. ווען דער פּאַפּסט האָט געזעהן, אַז איך בויג זיך צו זיין ווילען, האָט ער מיך בעהאַנדעלט ערגער ווי מען בעהאַנדעלט אַ שקלאַף. ווען איך בין אָנגעקומען אין רוים, האָט ער מיר צו זיך ניט צוגעלאָזען. ער האָט מיר געלאָזט וויסען, אַז איך קען זיין פּנים ניט זעהן ביז וואַנען איך וועל שטעהן אויף מיינע קניע פאַר זיין טהיר, אָנגעטאָהן אין אַ פּראָסטער העמד. און אויב איך וועל עס ניט טהאָן, וועט ער פון מיר קיינמאָל דעם חרם ניט אַרונטערנעהמען.

— אָה, ווי אַזוי האָט ער עס געקענט טאָהן צו זיין מאַיעסטעט דעם קעניג? — האָט איינער פון די פּרינצען אויסגערופען מיט צאָרן.

— מיינע בעאַמטע און בעגלייטער האָבען מיר געראַטען איך זאָל דעם פּאַפּסט ניט נאָכגעגעבען, אָבער מיר האָט זיך זעהר ניט געוואָלט צוריק־קעהרען ניט האָבענדיג גע'פּועל'ט ביים פּאַפּסט ער זאָל אַרונטערנעהמען דעם חרם. און דעריבער האָב איך צוגעשטימט... יעדער איינער האָט געמיינט, אַז אַזוי שנעל ווי דער פּאַפּסט וועט זעהן, אַז איך שטים צו צו שטעהן אויף די קניע און איך בין וויליג בעליידיגט צו ווערען, וועט ער מיר מוחל זיין און מיר עס ניט הייסען טאָהן. אָבער ווי גרויס איז יעדענס פאַרביטערונג געווען, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז דער פּאַפּסט לאָזט מיר שטעהן די גאַנצע דריי טעג. — די גאַנצע שטאָדט רוים איז געווען אויפ־געשווידערט צוליעב דעם פּאַפּסט'ס האַנדלונג. פיעלע פון די קאַרדינאַלען האָבען מיר אויסגעדריקט סימפּאַטיע. זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז דער פּאַפּסט האָט זיך געטאָהן מעהר שלעכט ווי מיר...

— ווער האָט איהם געגעבען דאָס רעכט אַזוי צו בעהאַנדלען אונזער ווירדיגען קעניג! — האָט אַ צווייטער פּרינץ אויסגערופען מיט אַן אויפ־געדעגטער שטימע.

— איהר האָט אַלע געזעהן, מיינע פיס זיינען מיר געשוואָלען, איך פיהל זיך שטאַרק אָפּגעשוואַכט זינט דאַן. גלויבט איהר, אַז איך זאָל עס פאַרשווייגען?

— ניין! — האָבען אַלע מיטאַמאָל אויסגערופען.

— יאָ, איך האָב באַשלאָסען זיך מיט איהם אָפּצורעכענען, און אויב איהר וועט אַלע האַלטען מיט מיר, וועל איך שוין זעהן אַז ער זאָל פאַר־לירען זיין פּאַפּסטליכען אמט. ער וועט זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזען רוים.

— מיר זיינען מיט זיין מאַיעסטעט דעם קעניג! — האָט איינער פון די פּרינצען געזאָגט — ווען אַזאַ זאַך וועט איהם פאַרשוויגען ווערען, וועט

ער ווערען הערשער איבער אונז אַלעמען. ער וועט זיך מישען אין אַלע אונזערע אנגעלעגנהייטען.

— איך וועל שיקען אַן אַרמעע אין רוים. איך האָב געקראָגען דעם פאַרשפּרעכען פון פיעלע קאַרדינאַלען, וועלכע זיינען שטאַרק פאַרביטערט געגען פּאַפּסט'ס האַנדלונג געגען מיר. זיי וועלען קומען צו הילף מיינע מענשען, און דער פּאַפּסט וועט אַרונטערגעזעצט ווערען פון זיין פּאַפּסטליכען טראָהן. איך פערלאַנג פון אייך, מיינע פריינד, אַז יעדער פון אייך זאָל מיטשיקען אַ קליינע אַרמעע. זאָלען אַלע אין רוים וויסען אַז איהר זייט מיט מיר, דאָס פּאַפּסט גריגאָרי דער זיבעטער דאַרף פון רוים פאַרטריבען ווערען.

— מיר וועלען טהאָן אַלעס וואָס דו פערלאַנגסט פון אונז — האָט נאָך אַ פּרינץ געזאָגט. — מיר האָפען, אַז דו וועסט אַזוי גיכען ערהאַלט ווערען און דער, וועלכער האָט דיינע יסורים פאַראורזאַכט, וועט באַקומען זיין שטראָף.

— ער האָט אויף אַלע קעניגען אָנגעוואָרפען אַ מורא. ער האָט געוואָלט די וועלט באַהערשען — האָט דער קעניג געזאָגט — אָבער מיט דעם וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל גרויזאַמקייט, האָט ער אַרויסגערופען דעם צאָרן און ענטריסטונג פון אַלעמען. איך האָב דאָרטען געטראָפען דעם פירשט פון וואַלענסיאַ. זיין זוהן יאָהאַן איז געוואָרען איינער פון די קאַרדינאַלען פון רוים. ער איז זעהר אַ וואוילער מענש. אי האָב זיך אויפגעהאַלטען מיט איהם. ער און זיין זוהן זיינען אויך זעהר פאַרביטערט געגען דער האַנדלונג פון דעם פּאַפּסט. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט איינעם פון די עטליכע קאַרדינאַלען און ער האָט מיר אַריינגערוימט אַ סוד, אַז אַזאַ געלערנטען און וואוילען מאַן ווי יאָהאַן, דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַלענסיאַ, איז ניט צו טרעפען. ער האָט מיר אָנגעדייטעט, אַז אויב עס וועט זיך האַנדלען וועגען געפינען אַ נייעם פּאַפּסט, איז יאָהאַן דער פּאַסענדסטער מאַן. און דאָס איז די אורזאַכע וואָס זיי האָבען זיך צוגעאיילט איהם אַריינצונעהמען אַלס קאַרדינאַל. איך שיק אַ געהיימען בריעף צו דעם קאַרדינאַל, וועלכער האָט מיך אַזוי בעפריינדעט, און איך פאַרשפּרעך איהם מיין הילף. איך ווייס אַז גרעגאָרי דער זיבעטער וועט אַרויסציינען אַ ווידערשטאַנד, אָבער ער האָט זעהר ווייניג פריינד, וועלכע וועלען זיך איינשטעלען פאַר איהם. עס וועט ניט גאַנץ שווער אָנקומען איהם אַרונטערצוזעצען. פריהער, איידער ער האָט אַרויסגעוויזען זיין גרויזאַמקייט צו מיר, וואָלט עס געווען אונמעגליך. יעצט אָבער האָבען זיך אַלע זיינע גוטע פריינד פון איהם אָפּגעקערט...

דער קעניג האָט בעשטימט אַ הויפּט איבער אַן אַרמעע און ער האָט געוואַרט ביז וואַנען די איבעריגע פּרינצען וועלען צושטעלען זייערע אַרמעען און אַזוי שנעל ווי אַלע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין דער הויפּט שטאָדט, האָט ער מיט גרויס פּאַראַד אַרויסגעבעגלייט די אַרמעען.

לאַנג נאָכדעם ווי דער קעניג הענרי דער פערטער האָט פאַרלאָזען רוים,

זיינען נאָך אַלע גייסטליכע געווען אויפגעבראַכט געגען דעם פּאַפּסט פאַר זיין בעהאַנדלונג.

די קאַרדינאַלען פּלעגען צווישען זיך גאַנץ אָפט ריידען, אַז אַזאַ גרויזאַמער מענש איז ניט ווירדיג צו פאַרנעהמען דעם שטוהל פון היילינען פעטער.

עס האָט זיך געפונען אימיצער, וועלער האָט איבערגעגעבען דעם פּאַפּסט אַז ניט אַלע קאַרדינאַלען זיינע זיינע פריינד. ער האָט דעריבער צוזאַמענגערופען אַלע קאַרדינאַלען, ווי אויך דעם יונגען קאַרדינאַל יאָהאַן, וועלכער האָט זיך יעצט גערופען מיט'ן נאָמען קאַרדינאַל דיזידעריוס.

— איך האָב אייך דאָ פערזאַמעלט — האָט דער פּאַפּסט אויסגערופען מיט אַ שטרענגע שטימע — ווייל דער היילינער פאַטער האָט מיר ענטדעקט, אַז צווישען אייך געפינען זיך אייניגע פון מיינע שונאים. איך פערלאַנג, אַז די, וועלכע האָבען אויסצוזעצען געגען מיר, זאָלען ארויסקומען און מיר עס ערקלעהרען עפענטליך...

אַלע קאַרדינאַלען האָבען געשוויגען. זייערע אויגען האָבען זיי געהאַלטען ארונטערגעלאָזען.

— איך וויים פאַרוואָס אייניגע פון אייך האָבען אויסצוזעצען געגען מיר! — האָט גרעגאָרי דער זיבעטער ווייטער געזאָגט, און זיין שטימע האָט געקלונגען עטוואָס ווייכער. — אייניגע פון אייך גלויבען, אַז איך האָב צו גרויזאַם בעהאַנדעלט דעם קעניג הענרי דעם פערטען. איז עס ניט אמת?

אַלע קאַרדינאַלען האָבען אַ שאָקעל געטהאָן מיט די קעפּ.

— וואָס? — האָט דער פּאַפּסט אויסגערופען, אויפשפּרינגענדיג פון זיין שטוהל — איהר אַלע זייט געגען מיר! ווייסט איהר דען ניט, אַז אַלעס וואָס איך טוה איז דורך אַ געטליכען פּערזאָן?

— אָבער אונזער האַר יעזוס קריסטוס האָט געפּרעדיגט, אַז מען זאָל אַ שונא באַהאַנדלען מיט חסד און רחמים. בפרט ווען דער שונא פערלאַנגט פערגעבעניש — האָט דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען זיך אָפּגערופען.

— אָה, יעצט זעה איך, אַז אויך דו ביזט איינער פון מיינע געגנער! — האָט דער פּאַפּסט מיט צאָרן אויסגערופען — איך וויל מעהר דיין פּנים ניט אָנקוקען. דו קענסט ניט זיין מיין קאַרדינאַל און אין דער זעלבער צייט זיין מיין געגנער. געה ארויס פון דאַנען!

דער עלטסטער קאַרדינאַל האָט זי אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און האָט גענומען געהן. ווי גרוים איז אָבער געוואָרען דעם פּאַפּסט'ס איבעראשונג, ווען ער האָט געזעהן, אַז די איבעריגע קאַרדינאַלען האָבען זיך אויך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און גענומען איהם נאָכפאָלגען.

— אין דעם נאָמען פון היילינען פעטער באַפעהל איך אייך דאָ צו בלייבען! — האָט דער פּאַפּסט אויפגעהויבען זיין שטעקען מיט דעם גאָלדענעם צלם.

די קאַרדינאַלען זיינען געבליבען שטעהן אַ ווייל,ע, נאָכהער האָט זיך אימיצער אָפּגערופען:

— מיר זיינען מיט דער זעלבער מיינונג פון אונזער עלטסטען קאַר־דינאַל!

— אויב אַזוי קענט איהר אַלע געהן! איך דאַרף אייך ניט! איך וועל ניט דולדען אַזעלכע קאַרדינאַלען, וועלכע זאָלען מיר זאָגען אַ דעה וואָס איך קען טאָהן און וואָס ניט!

די קאַרדינאַלען האָבען פאַרלאָזען דעם וואַטיקאַן. זיי האָבען זיך פאַר־זאַמעלט אין דעם הויז פון די קאַרדינאַלען און זיי האָבען זיך בּאַראַטהען ווי אַזוי ארונטערצוזעצען דעם פּאַפּסט.

און ווער וועט פאַרנעהמען דעם פּאַפּסט'ס פּלאַץ? — האָט איינער אַ פרעג געטהאָן.

— דאָס וועלען מיר בּאַשליסען שפּעטער, אַזוי שנעל ווי מיר וועלען גרעגאָרי'ן פון רוים פאַריאָגן — האָט דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען זיך אָפּגערופען.

פון דרויסען האָט זיך דערטראָגען אַ טומעל. איינער פון די קאַר־דינאַלען האָט ארויסגעקוקט פון פענסטער און ער האָט גלייך אויסגערופען:

— דעם פּאַפּסט'ס סאָלדאַטען רינגלען אונז ארום. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען איהם איבערגעגעבען, אַז מיר פאַרזאַמלען זיך דאָ.

— איך וועל ארונטערגעהן אויסגעפינען וואָס זיי טהוען ארום מיין וואוינונג — האָט דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען זיך אָנגערופען — און איהר אַלע פאַרבלייבט דאָ רוהיג.

ער איז ארויס צו די סאָלדאַטען, און זיי האָבען איהם געזאָגט, אַז זיי האָבען געקראָגען אַ בּאַפעהל פון דעם פּאַפּסט, אַז אַלע קאַרדינאַלען זאָלען געבּראַכט ווערען צום וואַטיקאַן און זאָלען דאָרטען אויפגעהאַלטען ווערען ביז וואַנען ער וועט זיי אַליין אוועקשיקען.

— מיר וועלען ניט געהן! — האָט דער קאַרדינאַל אויסגערופען.

— דאַן וועלען מיר פון דאַנען ניט אָפּטרעטען — האָט דער הויפּט פון די סאָלדאַטען געזאָגט — קיינער פון אייך וועט ניט קענען פאַרלאָזען דאָס הויז, אַזוי איז דער פּאַפּסטליכער בּאַפעהל.

דער קאַרדינאַל האָט זיך צוריקגעקעהרט, און ער האָט אויסגערופען:

— דער פּאַפּסט וויל אונז אַלעמען האַלטען אין דעם וואַטיקאַן אַלס זיינע געפאַנגענע. ער גלויבט, אַז דורך דעם וועט ער אונז צווינגען צו טהאָן זיין ווילען.

— מיר וועלען ניט געהן! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען.

— מיר וועלען האַלטען אַ קאָנקלאַוו (אַ קאַרדינאַל פאַרזאַמלונג) און מיר וועלען אויסקלייבען אַ פּאַפּסט, וועלכער זאָל זיין גרייט צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון גרעגאָרי דעם זיבעטען, און ערשט דאַן וועלען מיר קענען ריידען צום פאָלק. פיליכט וועט עס העלפען — האָט דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען זיך אָפּגערופען. — איך ווייס, אַז דאָס פאָלק פיהלט אויך זעהר שטאַרק געגען דער גרויזאַמער בּאַהאַנדלונג פון דעם פּאַפּסט צו דעם קעניג העכרי דעם פערטען. אַזוי שנעל ווי מיר וועלען האָבען דעם פּאַפּסט אויסגעקליבען, וועלען מיר קענען פועל'ן ביי זיינע סאָלדאַטען צו פאַרלאָזען איהם און העלפען ארויפזעצען דעם נייעם פּאַפּסט אויף דעם הייליגען טראָן.

זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט באַראַטען. פיעלע נעמען פון פאַרשידענע בישאָפען זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרען, אָבער זיי האָבען זיך ניט גע־קענט אייניגען. דאַן האָט זיך אויפגעהויבען דער גרייז גרויער קאַרדינאַל פון זיין פּלאַץ און ער האָט אויסגערופען:

— מיינע הייליגע ברידער! אונזער הויפּטציעל איז צו געפינען אַ מאַן, וועלכער זאָל זיין ווירדיג צו זיצען אויף דעם שטול פון הייליגען פּעטער. אויסער זיין עהרליכקייט און פרומקייט וואָס דאַרף ביי קיינעם קיין צוויי־פעל ניט זיין, דאַרף ער אויך זיין מעהר געלערענט פון אַלע געלערענטע און קלוגער פון אַלע קלוגע, ווייל גאַנץ אָפט טרעפט זיך, אַז דער פּאַפּסט דאַרף זיך באַטייליגען אין אַ דעבאַטע וועגען אונזער הייליגער רעליגיאָן און די קירכע איז שטענדיג אַרום די זיגערין. מיר קענען ניט באַהויפּטען, אַז אונזער פּאַפּסט, אויף וועמען די אויגען פון די קריסטען פון דער גאַנצער וועלט זיינען געווענדעט, זאָל ניט קענען צושלאָגען די טענות פון די אונ־גלויביגע. דער יעצטיגער פּאַפּסט באַזיצט פיעלע פון די מעלות, קיינער קען ניט אָפּלייקענען, אַז ער איז געלערנט אָדער איהם פעהלט מענשליכ־קייט. ער איז גרויזאַם, און דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז ער פּאַסט ניט צו זיין דער פאַרמיטלער צווישען די קריסטען און דעם הייליגען יעזוס. ניין, אַ פּאַפּסט וואָס איז גרויזאַם, קען ניט פּרעדיגען די לעהרע פון יעזוס, וועלכער איז געווען באַרמהערציג און האָט געהייסען באַהאַנדלען דעם שונא אַזוי ווי אַ פריינד. מיר דאַרפען אויסוועהלען אַ מאַן, וואָס זאָל באַזיצען אויסער די אויסגערעכענטע מעלות, אויך די גוטע מידות, וואָס די הייליגע נאָכפאָלגער פון יעזוס'ן האָבען באַזעסען. איך האָב וועגען דעם לאַנג גע־טראַכט. איך האָב געזוכט און גענישטערט די גאַנצע צייט, ווייל איך האָב שוין לאַנג פאָראויסגעזעהן, אַז גרעגאָרי דער זיבעטער איז ניט קיין פּאַ־סענדער פּאַפּסט, און פריהער אָדער שפּעטער וועט ער דאַרפען לידיג מאַ־כען דעם שטול פון הייליגען פּעטער פאַר אַ צווייטען, וועלכער וועט זיין מעהר ווירדיג ווי ער צו פאַרנעהמען זיין פּלאַץ. איך פלעג מתפּלל זיין צו גאָט, אַז ער זאָל אונז צושיקען אין רוים דעם פּאַסענדען מאַן און גאָט האָט מיין תפלה צוגעהערט און אונז אַזאַ מאַן צוגעשיקט.

אַלע קאַרדינאַלען האָבען אָנגעשטעלט זייערע אויגען און אויערען צו הערען ווער דער מאַן איז, וועגען וועמען זייער עלטסטער רעדט, נאָר וועמען זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

דער קאַרדינאַל האָט אַ ווײַלע געשוויגען. ער האָט באַטראַכט די פּנים'ער פון די אַלע, וועלכע האָבען אויף איהם געקוקט מיט דורכדרינגליכע בליקען.

איינער פון די קאַרדינאַלען איז זעהר אונגעדולדיג געוואָרען און זיך אָפּגערופען:

— אָבער ווער איז דער מאַן, וועמען גאָט האָט אַהער געשיקט?

— דער מאַן געפינט זיך צווישען אונז! — האָט דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען אויסגערופען, און אָנגעצייגט מיט זיין פינגער — דאָס איז ער, דער יונגער יאָהאַן דעזידעריוס, וועלכער איז דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַלענסיע.

אַלע זיינען געבליבען זיצען ווי פאַרגליווערט. קיינער האָט פון גרויס איבערראַשונג קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען.

— איך זעה, אַז איהר אַלע וואונדערט זיך, וואָס איך רעקאָמענדיר אַזאַ יונגען מאַן פאַר אַזאַ אַמט, אָבער מיינע היילינע ברידער, איך בין שוין באַלד דריי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, מיינע האָר זיינען שוין אין גאַנצען ווייס, אָבער איך בין זיך מודה, אַז אַט דיזער יונגערמאַן פאַרשטעהט אַ סך מעהר די היילינקייט און טיעפקייט פון יעזוס'עס לעהרע ווי איך... און אַפילו מעהר פון גרעגאָרי דעם זיבעטען. צו זיין פאַרשטאַנד, חכמה און וויסענשאַפט איז קיין גרענעץ ניטאָ. ער באַזיצט אַן אָפענעם מוח, און די שווערסטע סודות פון דער וועלט זיינען פאַר איהם ענטדעקט. איך האָב מיט איהם פיעל פאַרבראַכט, איך האָב מיט איהם גערעדט וועגען אַלעס און אין זיין געגענוואַרט האָב איך זיך געפיהלט אַזוי קליין, אַזוי נישטיג, אַזוי אונוויסענד... און איך בין געווען גליקליך, ווען ער איז געוואָרען אַ קאַרדינאַל, און יעצט בין איך זיכער, אַז מיר אַלע וועלען זיך שעצען גליקליך, אַז ער וועט ווערען אונזער היילינער פּאַפּסט. די גאַנצע קריסטליכע וועלט וועט אין דעם געווינען זעהר פיעל, ווייל ער מיט זיין פאַרשטאַנד וועט באַלייכטען דעם וועג צום הימעל צו די אַלע בלינדע און אונגלויביגע. איך בין דער ערשטער צו געבען איהם מיין ברכה.

יאָהאַן איז די גאַנצע צייט געזעסען ווי צוטומעלט. ער האָט זיך אויף דעם גאָרניט געריכט. ער, אַזאַ יונגער מאַן זאָל פאָרגעשלאָגען ווערען צו פאַרנעהמען דעם פּאַפּסט'ס פּלאַץ... ער האָט אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען צום באָדען און ער האָט גאָרניט גערעדט. אין זיין מוח זיינען אַרויפגעקומען פאַרשידענע געדאַנקען, זיין געהיימע אָפּשטאַמונג. ער האָט געטראַכט פון זיין גוטען פריינד אַבראַהם אבן עזרא, אויף וועמען ער האָט געגלויבט, אַז ער ווייס יע עפּעס פון זיין געהיימנים, ווייל מאַרגעריטע האָט איהם זיכער אַלעס דערצעהלט. ער האָט געטראַכט פון זיין אַדאָפּטירטען פאָטער, ווי איבערראַשט ער וועט ווערען, ווען ער וועט באַקומען די נייעס... איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער חלום'ט, ער הערט אַ געשפּרעך, אַ שטיקעל גערודער און דאָ פיהלט ער די הענט פון דעם עלטסטען קאַרדינאַל אויף זיין קאָפּ. ער הערט ווי ער בענשט איהם. אַלע שטעלען זיך אויף, צלם'ן זיך איבער, זיי פאַלען אויף זייערע קניע, זיי זאָגען אַ תפלה און אַט קלינגען אין זיינע אויערען די ווערטער:

„לאַנג לעבען זאָל אונזער נייער פּאַפּסט, דער געזאַלבטער פון גאָט“.

עפּעס קומט איהם אַלעס פאָר ווי אין אַ קאָשמאַר.

— דיין היילינקייט וועט פאַר אונז זאָגען עטליכע ווערטער — איז דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אָנגעריהרט ביי דער האַנט.

ערשט דאַן האָט יאָהאַן זיך אַרומגעזעהן, אַז עס איז ניט קיין חלום... עס איז די ריינע ווירקליכקייט. די קאַרדינאַלען האָבען איהם נאָר וואָס אויסגעקליבען פאַר אַ פּאַפּסט.

נאָך אַ קורצער פּויזע, ווי ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך אויפ-

געשטעלט, און ער האָט זיי אַלעמען באַדאַנקט פאַר דעם כבוד, וואָס מען האָט איהם צוגעטיילט, דערנאָך האָט ער אָנגעפאַנגען צו ריידען.

אַריבער אַ שטונדע האָט ער גערעדט. די קאַרדינאַלען זיינען געזעסען ווי פאַר'כישוף'טע... זיי האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס־געקומען פון זיין מויל. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען, האָבען זיי זיך ערשט אַרומגעזעהן, אַז זייער עלטסטער האָט אויף אַ האָר ניט איבערטריבען, ווען ער האָט געלויבט דעם יונגען קאַרדינאַל. זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע פייערדיגע רייד. מיט יעדער רגע האָט זייער באַגייס־טערונג געשטיגען. זיי האָבען אַלע פון גרויס פאַרוואונדערונג געצויגען מיט די אַקסלען. אין די אויגען פון דעם עלטסטען פון די קאַרדינאַלען האָ־בען זיך טרעהרען באַוויזען.

— מיר האָבען זעהר פיעל דאַנקבאַר צו זיין צו אונזער האַר יעזוס קריסטוס — האָט ער זיך געקניהט, און די איבעריגע האָבען איהם נאָכגע־פאָלגט.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט ער געזאָגט:

— יעצט וועל איך אַרונטערגעהן צו די סאָלדאַטען און זיי לאָזען ווי־סען, אַז מיר האָבען אויסדערוועהלט אַ נייעם פאַפסט, און עס איז זייער פליכט איהם צו זיין געטריי.

ער איז אַרונטער, און האָט צוגערופען דעם עלטסטען און האָט איהם איבערגעגעבען, אַז זיי האָבען אויסדערוועהלט אַ נייעם פאַפסט.

— יעצט איז אייער הייליגע פליכט מיט דעם נייעם פאַפסט! — האָט ער אויפגעהויבען זיין גאָלדענעם צלם און זיך געווענדעט צו אַלע סאָל־דאַטען.

— מיר פאַרבלייבען געטריי דעם הייליגען פאַפסט גרעגאָרי דעם זי־בעטען! — האָט דער עלטסטער טרוקען געענטפערט — און מיר וועלען זיין באַפעהל דורכפיהרען.

ער האָט באַלד איינגעזעהן, אַז ער וועט מיט די סאָלדאַטען גאָרניט אויספיהרען, האָט ער זיך ווידער אָפּגערופען:

— מיר וועלען דאָ אַלע פאַרבלייבען אונטער דיין וואַך, אָבער איך פאַר־לאַנג, אַז דו זאָלסט מיר ערלויבען צו שיקען איינעם פון די קאַרדינאַלען מיט אַ בריעף צום פאַפסט. איך וויל מיט איהם פאַרהאַנדלען.

— איך וועל עס טהאָן, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז צוויי פון מיינע סאָלדאַטען זאָלען איהם באַגלייטען.

— אַ קאַרדינאַל דאַרף קיין באַגלייטער ניט האָבען, עס איז אַ באַליי־דיגונג פאַר אַזאַ הייליגען מאַן ווי אַ קאַרדינאַל, אַז מען זאָל איהם ניט טרויען און איהם באַגלייטען. וואָס וועלען די מענשען זאָגען?

דער הויפּט פון די סאָלדאַטען האָט זיך געלאָזט איבעררייַדען און ער האָט צוגעשטימט צו דעם קאַרדינאַל'ס פאַרלאַנג.

ער האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט צו די קאַרדינאַלען און זיך אָפּגע־רופען:

— איך האָב געפּרובירט ריידען מיט דעם הויפּט, אָבער זיינע אויערען זיינען פאַרשטאָפּט. איך האָב איהם געזאָגט, אַז מיר האָבען שוין אַ נייעם

פּאַפּסט אויסדערוועהלט, אָבער ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט בלייבען געטריי גרעגאָרי׳ן און דורכפיהרען זיין באַפעהל. איך האָב אָבער ביי איהם גע׳פּועלט׳ט, אַז ער זאָל דורכלאָזען איינעם פון די קאַרדינאַלען. און דאַריבער וועט איינער פון אונז מוזען ארויסגעהן און זוכען הילף פון פאָלק. מיר האָבען קיין אַנדער אויסוועג ניט... אַזוי לאַנג ווי דאָס פאָלק ווייס ניט, אַז מיר ווערען דאָ געהאַלטען ווי געפאַנגענע, וועלען מיר גאָר־ניט אויפטהאָן. זאָל דאָס פאָלק זיך דערוויסען און מען וועט אונז קומען באַפרייען. דאַן וועלען מיר זיי ערקלעהרען, אַז מיר האָבען אויסגעקליבען אַ נייעם פּאַפּסט.

איינער פון די קאַרדינאַלען האָט זיך אָנגעשלאָסען צו געהן, און דער עלטסטער קאַרדינאַל האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז פאַר דעם הויפּט פון די סאָלדאַטען וועט ער דאַרפען זאָגען, אַז ער געהט עס אין שליחות צו דעם פּאַפּסט.

דער קאַרדינאַל איז דורכגעלאָזען געוואָרען, אָבער אַנשטאַט צו געהן אין דער ריכטונג פון וואַטיקאַן, איז ער אַוועק אין מיטען שטאָדט, צום מארק פּלאַץ. ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט ער דערהערט אַ גערויש און אַ טומעל. עס איז געוואָרען אַ בהלה און אַ געלאָף.

— וואָס איז געשעהן? — האָט ער אָפּגעשטעלט איינעם פון די לויפענדע.

— אַן אַרמעע פון דייטשלאַנד איז אָנגעקומען אין רוים, און זיי געהען צום וואַטיקאַן.

— וואו געפינען זיי זיך יעצט? — האָט דער קאַרדינאַל געפרעגט.

מען האָט איהם אָנגעוויזען דעם פּלאַץ און ער איז אַהין שנעל אַוועק. פון וויטען האָט ער באַמערקט די אַרמעע. זיי האָבען זיך שוין געקליבען צו געהן צום וואַטיקאַן.

דער קאַרדינאַל איז צוגעגאַנגען צום גענעראַל, וועלכער איז געזעסען אויף זיין פערד.

— איך בין איינער פון די קאַרדינאַלען — האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען — וועסטו מיר פיליכט זאָגען דעם צוועק פון דיין אָנקומען אין רוים מיט דער אַרמעע?

— איך בין אַ גענעראַל פון די אַרמעען פון דעם קעניג העגרי דעם פערטען, וועמען דער פּאַפּסט האָט אַזוי שענדליך באַליידיגט און ערנידעריגט. מיר קומען אַהער אַרונטערזעצען דעם פּאַפּסט און אַרויפזעצען אַ צווייטען פּאַפּסט אויף זיין פּלאַץ.

— געבענשט זאָל זיין דיין קומען! — האָט דער קאַרדינאַל אויפגעהויבען זיין צלם און דאַמיט אָנגעריהרט דעם גענעראַל — גאָט האָט דיך אין דער ריכטיגער צייט געשיקט. דער פּאַפּסט, גרעגאָרי דער זיבעטער, האַלט יעצט אַלע קאַרדינאַלען געפאַנגען, ווייל מיר האָבען אַלע אַרויסגעוויזען געגנערשאַפט צו זיין גרויזאַמער באַהאַנדלונג פון דיין קעניג. מיר האָבען צווישען זיך אויסדערוועהלט אַ נייעם פּאַפּסט אויף זיין פּלאַץ, אָבער די סאָלדאַטען פון דעם פּאַפּסט האָבען דאָס הויז אַרומגערינגעלט, און מיר האָבען ניט געקענט אַרויסגעהן. מיר אַליין איז געלונגען אַרויסצוקומען.

איך האָב געזאָלט זיך ווענדען צום פאָלק, אַז זיי זאָלן אונז העלפען אַרויס־זעצען דעם נייעם פּאַפּסט, און יעצט האָט גאָט דיך און דיין אַרמעע צוגע־שיקט. קום, פאָלג מיר נאָך און איך וועל דיר אָנצייגען דעם פּלאַץ, וואו די קאַרדינאַלען און דער נייער פּאַפּסט געפינט זיך.

ער האָט זיי צוגעפיהרט צו דעם הויז, און ווען די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען באַוואַכט די קאַרדינאַלען, האָבען דערזעהן די גרויסע אַרמעע, וואָס איז אָנגעקומען, האָבען זיי זיך דערשראָקען און זיך גלייך אונטערגעגעבען.

דער קאַרדינאַל איז שנעל אַריינגעלאָפען אין הויז און ער האָט איבער־געגעבען די פרעהליכע נייעס.

— אַ נס איז געשעהן! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען — דאָס איז אַ סימן, אַז עס איז דער ווילען פון גאָט, אַז דער יונגער יאָהאַן דעזיידעריוס זאָל ווערען פּאַפּסט.

זיי זיינען אַלע גלייך אַרויסגעקומען פון הויז. און אין דער באַגליי־טונג פון די דייטשע סאָלדאַטען האָבען זיי אָוועקגעמאַרשירט צום וואַטיקאַן.

דער פּאַפּסט גרעגאָרי דער זיבעטער איז געזעסען אויף זיין טראָן און ער האָט געוואַרט צו הערען נייעס פון זיין שליח, וואָס ער האָט געשיקט צו דעם הויפּט פון זיינע סאָלדאַטען, און ווען ער האָט דערזעהן, אַז אַלע קאַרדינאַלען זיינען מיט אַמאָל אַריינגעקומען אין וואַטיקאַן, האָט ער אויס־געראָפען:

— ווי איך זעה זייט איהר געקומען צום שכל, איהר ווידערשפּעניגער.

— איך וועל ניט דערלאָזען אַז די קאַרדינאַלען זאָלען פערשוועכען דעם הייליגען נאָמען פון יעזוס'ן!

דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעהנטער צו איהם און האָט אויסגערופען מיט צאָרן:

— דו אַליין האָסט פערשוועכט דעם נאָמען פון אונזער האר גאָט! דו האָסט אַרויסגעוויזען האַס און נקמה אַנשטאַט רחמנות און גנאָדע, און דו ביזט ניט ווירדיג צו פאַרנעמען דעם שטוהל פון דעם הייליגען פּעטער.

— דו וואַגסט אַזוי צו רייִדען צו מיר, דעם הייליגען פּאַפּסט! — האָט ער געדריקט מיט זיין פויסט — דיר וועט עס ניט געשאָנקען ווערען.

— איך בין געקומען דיר אָנזאָגען, אַז דו ווערסט אַרונטערגעזעצט פון דעם הייליגען אַמט און אַ צווייטער, אַ מעהר ווירדיגער מאַן וועט פער־נעמען דעם פּלאַץ.

— מיינע וועכטער! אַרעסטירט איהם! — האָט דער פּאַפּסט מיט אַלע זיינע כחות אויסגעשריען.

קיינער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

— אה, איהר פעררעטער, איהר גאָט לעסטערער! — האָט דער פּאַפּסט געשטורעמט.

באַלד האָבען זיך די טהירען ברייטער פונאַנדערגעעפענט און די סאָל־דאַטען און דער גענעראַל זיינען אַריינגעקומען.

— אין נאָמען פון דעם קעניג הענרי דעם פערטען ביזטו בעפוילען צו פערלאָזען דעם וואַטיקאַן און אויסוואַנדערען פון רוים!

דער פּאַפּסט איז געבליבען זיצען אַ פערגליווערטער. ער האָט יעצט

גענומען בעגרייפען די לאַגע. ער האָט געוואָלט עפּעס ריידען. אָבער דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען האָט אויסגערופען:

— אונזער נייער פּאַפּסט וועלכער איז אויסדערוועהלט געוואָרען אויף דעם קאָנקלאַוו איז דער קאַרדינאַל יאָהאַן דעזידעריוס. איהם דאַרפסטו איבערגעבען דעם הייליגען סצעפּטער.

— „איך האָב שטענדיג ליב געהאַט גערעכטיגקייט און געהאַסט אומ־רעכט און זינד, דעריבער דאַרף איך געהן אין גלות" — האָט דער פּאַפּסט אויסגערופען און איבערגעגעבען דעם הייליגען סצעפּטער צו דעם נייעם אויסדערוועהלטען פּאַפּסט. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און ער האָט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ גענומען פערלאָזען דעם וואַטיקאַן.

— ווען דו וואָלסט ליב געהאַט גערעכטיגקייט וואָלסטו אַזוי ניט בע־האַנדעלט מיין קעניג! — האָט דער גענעראַל אויסגערופען... דו האָסט איהם פריהער אַריינגענאַרט ער זאָל קומען פערזענליך צו דיר בעטען מחילה און ווען ער איז געקומען, האָסטו איהם אַזוי ערנידעריגט. דו האָסט אויף איהם אַרויפגעלעגט אַ ניט פערדינטע שטראָף אַז דו האָסט זיין לעבען אין געפאַהר געשטעלט. דו האָסט דאַמיט אַרויסגערופען דעם צאָרן פון אַלע הערשער און עס איז איינשטימיג בעשלאָסען געוואָרען, אַז דו ביזט ניט ווירדיג צו זיין פּאַפּסט.

דער פּאַפּסט האָט לאַנגזאַם פערלאָזען דעם וואַטיקאַן און יאָהאַן דע־זידעריוס האָט פערנומען זיין פּלאַץ.

— אלס פּאַפּסט וועט דיין נאָמען זיין וויקטאָר דער דריטער! — האָט דער עלטסטער קאַרדינאַל זיך צו איהם אָפּגערופען און האָט זיך פאַר איהם אויף די קניע געשטעלט.

— זאָל לעבען אונזער נייער פּאַפּסט וויקטאָר דער דריטער — האָט דער עלטסטער קאַרדינאַל זיך צו איהם אָפּגערופען און האָט זיך פאַר איהם אויף די קניע געשטעלט.

זאָל לעבען אונזער נייער פּאַפּסט וויקטאָר דער דריטער — האָט דער קאַרדינאַל אויסגערופען און איז געפאַלען אויף זיינע קניע. די סאָלדאַטען האָבען נאָכגעטאָהן. זיי זיינען אויך געפאַלען אויף זייערע קניע. דערנאָך האָט יעדער איינער בעזונדער צוגעגאַנגען און געקושט דעם צלם וואָס דער נייער פּאַפּסט האָט געהאַלטען אין זיין רעכטער האַנט.

יאָהאַן, אָדער וויקטאָר דער דריטער, ווי ער איז בעקאַנט געוואָרען אַלס פּאַפּסט האָט אַלעמען געבענשט. און גלייך האָבען די קאַרדינאַלען אַרויס־געשיקט שלוחים אין די אַלע קריסטליכע לענדער, זיי זאָלען איבערגעגעבען די נייעס וועגען דעם נייעם פּאַפּסט.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

דער רב פון ירושלים, רבי שמעון, האָט זיך געפיהלט זעהר דערשלאָ־גען, ווען ער האָט דערהאַלטען דעם בריעף פון אברהם אבן עזרא, וואו ער האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז די האָפנונג, וואָס ער האָט געלעגט אויף זיין פריינד יאָהאַן, דעם פּירשט'ס זוהן, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביים

פּאַפּסט פאַר די אידען פון ירושלים, איז איינגאַנצען פערשוואונדען, ווייל ער האָט יאָהאַנ׳ען ניט געטראָפען.

גרויס טרויער האָט געהערשט אין דער אידישער קהילה פון ירושלים.

דער בישאָף האָט דערהאַלטען די ידיעה פון די טעמפּעל־ריטער, אַז יהודה הלוי האָט זיי ניט נאָכגעגעבען און דאָס האָט ביי איהם אַרויסגערופען צאָרן און פעראַכטונג. ער האָט געשיקט רופען דעם רב, רבי שמעון אַ צווייטען מאָל און ער האָט צו איהם געזאָגט:

— ווי איך זעה האָט דיין בריעף ניט געווירקט. ער האָט געוויס גע־מיינט אַז איך וועל די גזירה ניט דורכפיהרען. אָבער ער וועט זיך אַרומזעהן אַז ער האָט אַ גרויסען טעות געמאַכט. עס זיינען בלויז פערבליבען זעקס מאָנאַטען צייט, און איך זאָג דיר אָן פאָראויס, אַז דו און די גאַנצע געמיינדע אידען פון ירושלים זאָלען זיך צוגרייטען צו פערלאָזען דאָס הייליגע לאַנד ביז דאַן, ווייל יעדער איינער פון אייך וועלכער וועט פערבלייבען דאָ אין לאַנד אפילו איין טאָג נאָך דער אָנגעגעבענער צייט, וועט פערלירען זיין פערמעגען און אויך זיין לעבען. זאָל יהודה הלוי, דער פער׳עקשנ׳טער איד פון טאָלעדאָ, זעהן אַז איך פיהר דורך אַלע מיינע גזרות, און אויף זיין קאָפּ וועט פאַלען דאָס בלוט פון דיינע ברידער אין ירושלים.

— מיין האַר! — האָט זיך דער רבי ביי איהם גענומען בעטען — איך האָב דיין וואונש ערפילט, איך האָב צו יהודה הלוי׳ן געשריבען אַ בריעף און דו אַליין האָסט דאָס בריעף געלעזען. דו האָסט עס אויך איבער־געשיקט צו איהם דורך דיינעם אַ שליח, וואָס זיינען מיר שולדיג וואָס ער האָט מיין בקשה ניט געוואָלט ערפילען . . . דאַרפען מיר דען ליידען צוליב איינעם, וועלכער איז אַזוי ווייט פון אונז, אַז עס אַרט איהם אפילו ניט וואָס מיט אונז וועט פּאַסירען.

—די אידען זיינען פערבונדען און פערקניפּט איינער מיט׳ן צווייטען און ווען איינער טוט אָן אומרעכט, דאַרפען פאַר דעם ליידען זיינע ברידער. וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען! און איך וואָרען דיר נאָך אַמאָל, אַז ווען אַ איד וועט פערבלייבען אין ירושלים אפילו איין טאָג נאָך די זעקס מאָ־נאַטען, פערלירט ער זיין לעבען, און זיין פערמעגען וועט צוגענומען ווערען פאַר דער הייליגער קירכע. סיידען איך וועל הערען ביז יענער צייט, אַז יהודה הלוי האָט חרטה, און ער גיט נאָך דעם פערלאַנג פון דעם טעמפּעל אָרדען.

מיט אַ צובראָכען געמיטה האָט רבי שמעון פערלאָזען דאָס הויז פון בישאָף. ער האָט איינגעזעהן, אַז אומזיסט וועלען זיין זיינע רייד. דאָס פערשטיינערטע הארץ פון דעם שלעכטען בישאָף וועט ניט געריהרט ווערען. ער האָט זיך אומגעקעהרט אין שוהל, וואו די עלטסטע פון די אידען האָבען מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט צו הערען אויב זייער ווירדיגער רב האָט גע׳פּועל׳ט ביי דעם בישאָף ער זאָל זיין שרעקליכע גזרה מבטל מאַכען.

ווען זיי האָבען דערהערט די תשובה פון בישאָף האָט צווישען זיי אויסגעבראָכען אַ יאָמערליכער געוויין.

— וואָס וועלען מיר טהאָן? וואוהין וועלען מיר געהען? מיר און אונזערע פרויען און קינדער זיינען פערלוירען.

— מיר לעבען שוין אין ירושלים פאַר פיעלע יאָהרען, מיר האָבען זיך מיט גאָט'עס הילף איינגעפונדעוועט. יעדער פון אונז איז בעזאָרגט מיט פּרנסה. ביז יעצט האָבען די מאַכמעדאַנער אפילו די קריסטען, מעהר אָדער וועניגער אונז צו־רוה געלאָזען, און יעצט האָט אַן אומגליק אונז אלעמען געטראָפען — האָט איינער פון די עלטסטע גע'טענה'ט.

— איך וועל גוזר תענית זיין אויף מאָרגען — האָט דער רב געזאָגט.

— אלע אידען פון ירושלים זאָלען מאָרגען אוועקלייגען זייער ארבייט, זאָלען זיי שליסען די געשעפטען און קומען אין שוהל, מיר וועלען פאַסטען און מתפלל זיין צו גאָט, פיליכט וועט ער אונזער געבעט פערנעמען און און צושיקען א ישועה.

די גאַנצע אידישע געמיינדע פון ירושלים, וואָס איז בעשטאַנען פון עטליכע הונדערט משפחות, האָט זיך אויף מאָרגען פערזאַמעלט אין שוהל. די פרויען און קינדער וועלכע האָבען ניט געקאָנט אריין אינווייניג זיינען געבליבען אין שוהל־הויף.

דער גרייז גראָער רבי האָט פאַר זיי געהאַלטען א דרשה און ער האָט זיי אויפגעפאָדערט זיך ניט צו פערלירען אין אַן עת צרה, צו האָבען בטחון אין גאָט, אז ער וועט צוהערען זייער תפלה און ער וועט זיי שיקען א ישועה פון הימעל — אלע אידען פון ירושלים מוזען היינט פאַסטען . . .

— לאָמיר זיך אלע ווענדען צו אונזער פאָטער אין הימעל, אז ער זאָל רחמנות האָבען איבער זיין פערוואָגעלט פאָלק ישראל און ער זאָל אונז אלעמען העלפען, ווי ער האָט געהאָלפען די אידען פון פערסיען אין דער צייט פון מרדכי'ן און אסתר, — האָט רבי שמעון אויסגערופען.

א שטילער געוויין האָט זיך געהערט פון אלע מתפללים, וואָס איז וואָס ווייטער געוואָרען שטאַרקען און שטאַרקער. באלד האָט זיך דאָס געוויין דערטראָגען צו די פרויען און קינדער, וועלכע זיינען געווען פערזאַמעלט אין שוהל־הויף, און עס האָט זיך אויסגעמישט מיט זייערע יאָמערליכע געשרייען.

ביז וואַנען די זון איז אונטערגעגאַנגען האָבען די אידען פערבראַכט אין שוהל, און דאַן האָט זיי רבי שמעון געשיקט יעדען אהיים, זיי זאָלען געהן עסען.

— איך בין זיכער, אז אונזער גאָט, דער גאָט פון אונזערע אבות, האָט זיך צוגעהערט צו אונזערע תפילות! — האָט ער זיי געזאָגט.

לאַנגזאַם האָט זיך דער עולם צוגאַנגען, יעדער צו זיין היים. א פונק פון האָפנונג האָט אין זייערע הערצער געטליהט, פיליכט וועט גאָט איבער זיי רחמנות האָבען און וועט צושטערען די שרעקליכע גזירה פון דעם בישאָף פון ירושלים.

דער רב האָט אָנגעזאָגט די פאָרשטעהער פון דער געמיינדע אז נאָכדעם ווי זיי וועלען צובייסען זאָלען זיי קומען צו איהם אין הויז און צוזאַמען וועלען זיי בעשליסען וואָס צו טהאָן.

נאָכדעם ווי זיי האָבען פערפאַסט, זיינען די פאָרשטעהער פון דער קהילה אוועק צום רב אין הויז.

— איהר ווייסט דאָך וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט, אז מען

טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף אַ נס . . . מיר דאַרפען אַלע זעהן טהאָן און גאָט וועט אונז קומען צו הילף.

— וואָס קענען מיר טהאָן? — האָט איינער זיך אָפּגערופען — מיר זיינען הילפלאָז. די צייט איז קורץ. און מיר קענען זיך דאָך ניט פערבינדען אזוי שנעל מיט יהודה הלוי'ן.

— איך האָב בעשלאָסען אָפּצורייזען פון דאַנען נאָך רוים. איך וועל זיך דערשלאָגען צום פּאַפּסט. איך וועל פּרובירען ביי איהם בעטען רחמים. איך ווייס אז פיעלע פון די פּאַפּסטען פלעגען אָפטמאָל ארויסצייגען גנאָדע צו אונזער אָרים פאָלק. אויך איך וועל נאָר צוגעלאָזען ווערען צו איהם, האָף איך אז איך וועל קענען ביי איהם פּועל'ן ער זאָל מבטל מאַכען די גזירה פון בישאָף פון ירושלים.

— אָה, פאָטער! — האָט זי דעם רב'ס טאָכטער אָפּגערופען — ווי אזוי וועסטו זי קענען צונויפריידען מיט דעם פּאַפּסט — דו קענסט דאָך ניט ריידען לאַטייניש. — נעהם מיך מיט אויף דיין רייזע, און איך וועל זיין דיין דאָלמעטשערין.

— ניין, מיין ליבע טאָכטער! — האָט רבי שמעון געענטפערט. — די רייזע אויף דעם ים איז זעהר אַ געפעהרליכע, בפרט פאַר אַ יונגע און שעהנע מיידעל. איך האָב שוין וועגען דעם אויך געטראַכט, ווייס איך אָבער אז די פּאַפּסטען קענען ריידען אַ חוץ לאַטייניש נאָך איינע שפּראַכען. פיעלע פון זיי קענען אפילו העברעאיש, און אויסערדעם וועל איך שיקען אַ בריעף צו דעם יונגען מאַן וועלכער איז מיט אַנדערהאַלבען יאָהר צוריק געווען אין אונזער הויז, איך מיין דעם יונגען געלערנטען און דיכטער אברהם אבן עזרא, איך וועל איהם בעטען, אז ער זאָל אויך קומען אין רוים, און דאָרטען וועלען מיר זיך ביידע טרעפען. ער איז זעהר אַ געלערנטער אין פיעלע שפּראַכען, און צוזאַמען מיט איהם וועלען מיר פּועל'ן ביי איהם, ער זאָל הייסען דעם בישאָף צוריקרופען זיין גזרה.

— אָבער, פאָטער, ווייסטו דען וואו אברהם אבן עזרא געפינט זיך?

— האָט איהם זיין טאָכטער געפרעגט.

— איך וועל דעם בריעף איבערשיקען צו יהודה הלוי'ן, און ער וועט שוין זעהן אז עס זאָל דערגרייכען אברהם אבן עזרא'ן — האָט דער רב געזאָגט — איך וועל מיטנעמען צוויי יונגע ליט אויף מיין רייזע און אזוי שנעל ווי איך וועל אָנקומען אין רוים, וועל איך אָנשרייבען דעם בריעף צו אברהם אבן עזרא און איך וועל עס איבערשיקען מיט איינעם פון די יונגע ליט נאָך טאָלעדאָ. רוים פון שפּאַניען איז ניט זעהר ווייט און איך האָף אז אין עטליכע וואָכען ארום נאָכדעם ווי איך וועל אָנקומען אין רוים, וועט אברהם אבן עזרא קומען צו מיר.

דער רב האָט אויסגעפונען ווען אַ שיף געהט אָפּ פון יפו קיין רוים, ער האָט זיך גלייך גענומען צוגרייטען צו דער רייזע.

די אידען האָבען איהם מיטגעגעבען אַ גרויסע סומע געלט. טאָמער וועט מען דאַרפען וועמען עס איז דאָרטען אונטערקויפען.

רבי שמעון האָט אויסגעקליבען צוויי געזונטע און פעהיגע אידישע יונגען. ער האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין משפּחה און אַלע גוטע פריינד

און איז שטילערהייד אָפּגעפאָהרען פון ירושלים קיין יפו. דאָרטען האָט ער צוגעוואַרט עטליכע טעג ביז וואַנען אַ שיף איז אָנגעקומען פון רוים, און וואָס האָט בעדאַרפט זיך שנעל אומקעהרען נאָך רוים. ער האָט בע־צאָהלט פאַר זיין רייזע און פאַר דער רייזע פון זיינע צוויי בעגלייטער און זיך געזעצט אויף דער שיף, וואָס איז געפאָהרען קיין רוים.

די אידען פון ירושלים האָבען די רייזע פון זייער רב געהאַלטען בסוד, זיי האָבען ניט געוואָלט אַז דער בישאָף זאָל זיך דערוויסען, און נעמען פערדעכטיגען. מען האָט שטרייננ אָנגעזאָגט אַלעמען, אַז קיינער זאָל זיך ניט ארויסריידען פאַר קיינעם, אַז זייער רב האָט אָפּגערייזט נאָך רוים. און ווען עס פלעגען קומען אָנפראַגען פון ניט אידען וועגען רב, פלעגט מען יענע ענטפערען, אַז דער רב איז קראַנק און מען קען איהם יעצט ניט זעהן.

נאָך אַ שווערער רייזע פון זעקס וואָכען, איז רבי שמעון ענדליך אָנגע־קומען אין רוים. ווען ער און זיינע צוויי בעגלייטער זיינען אריין אין שטאָדט, זיינען זיי געבליבען שטעהען ווי צוטומעלט. די פיעלע קירכען האָבען אויף זיי אַן אימה געוואָרפען. זיי האָבען זיך ניט געוואוסט וואוהין צו קעהרען און צו ווענדען.

אַ היבשע ווייל זיינען זיי אַזוי געשטאַנען. אייניגע מענשען זיינען צו זיי אָנגעקומען און צו זיי גערעדט, אָבער זיי האָבען נישט פערשטאַנען וואָס מען רעדט צו זיי, און קיינער האָט ניט פערשטאַנען וואָס זיי פערלאַנגען. באַלד אָבער האָבען זיי פון וויטען בעמערקט אַ מאַן איינגעבויגען אונטער אַ שווערער משא, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגען. ער איז געווען אַזוי איינגעבויגען, אַז מען האָט ניט געקענט גוט בעמערקען זיין פנים. ער האָט שווער געאָטעמט.

— זאָל איינער פון אייך צוגעהן און העלפען דיזען אָרימען מענשען. ער פאַלט דאָך אונטער זיין משא! — האָט דער אַלטער רב געזאָגט צו זיינע בעגלייטער.

ביידע יונגע לייט האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צו דעם טרעגער און איהם אויפ׳ן וואונק אָנגעבאָטען זייער הילף.

דער טרעגער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך אויסגעלייבט און אָפּגעווישט דעם שוויים פון זיין פנים. ער האָט בעטראַכט די צוויי יונגע לייט, וועלכע האָבען אויף איהם געקוקט מיט מאָדנע בליקען.

— לויט זיין אויסזעהן שיינט ער צו זיין אַ איד — האָט איין יונג אריינגעשושקעט דעם צווייטען אין אויער.

— לאָמיר פרובירען אַ רעדט טהאָן מיט איהם אויף אונזער שפּראַך.

זיי האָבען צו איהם אָנגעהויבען ריידען אויף העברעאיש, און ווי גרויס איז געווען זייער בעוואונדערונג, אַז ער האָט זיי געענטפערט אויף דער זעלבער שפּראַך.

— מיר זיינען אידען פון ירושלים! — האָט איין יונג זיך אָפּגערופען, מיר זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען אין רוים מיט דעם רב פון ירושלים. מיר קענען ניט די שפּראַך און מיר ווייסען ניט וואוהין צו געהן און צו ווענדען זיך צו וועמען.

ווען רבי שמעון האָט פון וויטען דערזעהן אַז זיינע בעגלייטער ריידען

זיך צונויף מיט דעם טרעגער, איז ער אויך צוגעגאַנגען.

—ער איז אַ איד! ער איז אַ איד! — האָבען ביידע מיט אַמאָל פרעהליך אויסגערופען.

רבי שמעון האָט איהם געגעבען אַ „שלום עליכם" און ער האָט זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט.

— מיר דאַרפען זיך אויפהאַלטען אין רוים אַ לענגערע צייט, פיליכט קענסטו אונז זאָגען אויב עס געפינען זיך אידען ביי וועמען מיר וואָלטען געקענט איינשטעהן פאַר דער צייט וואָס מיר וועלען פאַרבלייבען אין רוים?

— זעהר ווייניג אידען געפינען זיך אין רוים — האָט דער טרעגער געענטפערט — און די וועלכע געפינען זיך זענען גאַנץ אָרים און זיינען צוואָרפען אין פאַרשידענע טיילען פון שטאָדט. נאָר ניט ווייט פון דאַנען געפינט זיך איין איד וועלכער איז גאַנץ פאַרמעגליך, אָבער זיין הארץ איז גאַנץ ווייט פון אידישקייט און ער איז ניט באוואוסט צו זיין גאַסט־פריינדליך. אויב דער הייליגער רבי וויל קען ער און זיינע באַגלייטער איינשטעהן ביי מיר. מיין הויז געפינט זיך דאָ ניט ווייט, עס איז קליין אָבער מיר וועלען האָבען די מעגליכקייט אָפצולייזיגען איין צימער פאַר אייך. אויב איהר וועט דאָ צוואַרטען אַקליינע ווייל וועל איך צוטראָגען די משא צו דעם באַשטימטען פּלאַץ, און וועל באַקומען מיין באַלויבונג און זיך גלייך אומקערען צו אייך.

— דיזע יונגעלייט וועלען דיר העלפען טראָגען די משא — האָט רבי שמעון זיך אָפּגערופען.

— ניין, רבי, עס איז ניט נויטיג! איך בין שוין געוואוינט דערצו, דאָס איז מיין פרנסה. פון דעם ערנעהר איך זיך מיט מיין משפחה. פאַרוואָס זאָלען זיי ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די איינוואוינער פון שטאָט, וועלכע זיינען אַזוי אויך ניט איבעריג פריינדליך צו פרעמדע? אָט וועל איך באַלד צוריקקומען.

ער האָט אויפגעהויבען די משא און איז דאַמיט אוועק, אריינגעהענדיג אין אַ קליין געסעל, וואו ער איז שנעל פאַרשוואונדען געוואָרען פון זייערע אויגען.

— געלויבט איז גאָט וואָס מיר האָבען דאָ געטראָפען אַ אידען — האָט דער רב זיך אָפּגערופען — איצט וועלען מיר האָבען מיט וועמען זיך צונויפצורעדען.

זיי האָבען צוגעוואַרט אַ קליינע ווייל̈ע און באַלד איז דער איד צוגעקומען.

— קומט מיט מיר, — האָט ער געזאָגט — און גענומען רבי שמעון'ס פּעקלעך. די יונגען האָבען גענומען די איבעריגע פּעקלעך און זיי זיינען אַלע געגאַנגען, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ קליין הייזעל.

— דאָס איז מיין הויז — האָט דער איד זיך אָפּגערופען — איך האָב שוין מיין פרוי אָנגעזאָגט וועגען די וויכטיגע געסט און זי גרייט צו אַ מיטאָג פון גרינסען. מיר עסען בלויז גרינסען ווייל קיין כשר'ע פליש קענען מיר ניט קריגען.

זיי זיינען אריין אין הויז. ער האָט דערלאַנגט וואַסער דעם רב, און

ער האָט זיך אַרומגעוואָשען. זיינע באַגלייטער האָבען אויך געטאָן דאָס זעלבע. זיי האָבען אומגעביטען זייערע קליידער, און ווען דער מיטאָג איז פאַרטיג געוואָרען זיינען זיי אריין אין עס צימער. דאָרטען האָבען זיי געטראָפען דעם טיש געגרייט. זיי האָבען דאָרטען געטראָפען אַ אינגעל און אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוועלף.

— דאָס זיינען מיינע קינדער — האָט דער איד געזאָגט — זיי זיינען אַ צווילינג.

— זאָלען זיי געבענשט זיין צו גאָט — האָט רבי שמעון זיך אָפּגערופען

— און ווי איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען איז שמואל — האָט ער געענטפערט — איך בין געבוירען געוואָרען אין רוים. מיין פאָטער, עליו השלום, איז געווען זעהר אַן עהרליכער און פרומער איד. ער איז אויך געווען אַ למדן און ער האָט מיך ערצויגען לויט דעם גייסט פון אונזער הייליגער תורה, און אזוי טהו איך אויך מיט מיינע קינדער. מיר לעבען זיך דאָ רוהיג. די קריסטען טהוען מיר קיין שלעכטס ניט, און געלויבט איז גאָט וואָס ער גיט מיר די מעגליכקייט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט.

זיי האָבען געגעסען און נאכהער זיך אריינגעלאָזען אין אַ לענגערען שמועס.

— וואָס פאַר אַ פּאַפּסט געפינט זיך איצט אין רוים? — האָט רבי שמעון געפרעגט שמואל'ן.

— עס איז פאַראַן זעהר פיעל צו דערצעהלען וועגען דעם — האָט שמואל געזאָגט — רוים האָט ניט לאַנג צוריק געקראָגען אַ נייעם פּאַפּסט.

— איז דער פריהערדיגער פּאַפּסט געשטאָרבען?

— ניין, מען האָט איהם אַרונטערגעזעצט פון טראָהן און פאַרטריבען איז גלות. מען זעהט אין דעם די השגחה פון רבונו של עולם. דער פריהער־דיגער פּאַפּסט, גרעגאָרי דער זיבעטער, איז געווען אַ רשע מרושע, ער האָט נאָר געזוכט צו טהאָן שלעכטס, איבערהויפּט די אידען. ער האָט געוואָלט אַז מען זאָל מאַכען אַ צווייטען קרייץ־צוג. ער האָט באַפוילען די קעניגע זיי זאָלען אונטערדריקען די אידען. אָבער דורכדעם האָט גאָט פאַר איהם אליין אויסגעשפּרייט אַ נעץ. ער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם קעניג הענרי דעם פערטען. ער האָט איהם פריהער אריינגעלעגט אין חרם, נאכהער אַז דער קעניג איז געקומען אין רוים זיך פערזענליך צו ענטשולדיגען פאַר'ן פּאַפּסט, האָט ער איהם, אנשטאט מוחל צו זיין, זעהר שענדליך באַליידיגט. ער האָט איהם געצוואונגען צו שטעהן אויף די קני ביי דער טיהר פון וואַטיקאַן. דאָס האָט אויפגערעגט אַלעמען. די קאַרדינאַלען האָבען אויס־דערוועהלט אַ נייעם פּאַפּסט און מיט דער הילף פון דער דייטשער אַרמעע האָבען זיי אַרונטערזעצט דעם פּאַפּסט גרעגאָרי דעם זיבעטען, און איהם פאַרשיקט אין גלות, און זיי האָבען אַרויפגעזעצט אויפ'ן טראָן אַ נייעם פּאַפּסט. מען זאָגט, אַז ער איז נאָך גאָר יונג, אָבער ער איז זעהר קלוג און געלערענט אַז ווי עס ווייזט אויס באַזיצט ער אַ ווייך הארץ. איצט דאַרפען מיר האָפען צו גאָט, ער זאָל זיין גוט צו די אידען. ער זאָל קיין שלעכטע גזרות אויף אונזערע ברידער ניט אַרויסגעבען.

— און ווי רופט ער זיך?

— זיין נאָמען אַלס פּאַפּסט איז וויקטאָר דער דריטער. ער איז ניט לאַנג אין רוים. פריהער איז ער געווען קאַרדינאַל, און מיר דוכט זיך, אַז פריהער האָט ער געהייסען יאָהאַן דעזידעריוס. מען זאָגט אַז ער איז דער איינגסטער פּאַפּסט.

— געלויבט איז גאָט! — האָט רבי שמעון זיך אָפּגערופען — אין דיזען פּאַפּסט'ס הענט ליגט דער גורל פון אַ גאַנצער אידישער קהילה אין ירושלים, און איך האָף, אַז גאָט וועט דורך איהם שיקען די ישועה צו אונז.

דער רב האָט איהם דערצעהלט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און וועגען דעם צוועק פון זיין קומען.

— איך בין זיכער, אַז דיזער פּאַפּסט וועט זיך צוהערען צו דיין בקשה און וועט העלפען אונזערע ברידער — האָט שמואל געזאָגט — ווען דער לעצטער פּאַפּסט וואָלט געווען אין וואַטיקאַן, וואָלט איך קיינע האָפענונגען ניט געהאַט, אָבער דער איצטיגער איז אַ גוטהערציגער און ער וועט גלייך באַפעלען אַז דער בישאָף זאָל אַרונטערנעמען די גזרה, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אויף די אידען אין ירושלים.

— איצט וועט זיין די פראַגע ווי אַזוי מען קען צוקומען צו איהם, און אפילו ווען איך זאָל שוין יע קריגען די מעגליכקייט זיך מיט איהם צו זעהן, ווי אַזוי וועל איך זיך קענען מיט איהם צונויפרעדען... ער וועט דאָך דאַרפען וויסען אַלע איינצעלהייטען, און איך קען ניט זיין שפּראַך... ווען ער וואָלט פאַרשטאַנען העברעאיש?

— מעגליך אַז ער פאַרשטעהט העברעאיש — האָט שמואל געזאָגט — מען זאָגט אויף איהם אַז ער איז זעהר געלערענט אין אַלעס.

— אָבער אין פאַל, אַז איך וועל זיך מיט איהם ניט קענען צונויפרעדען דאַן וועט אַלץ זיין אַרויסגעוואָרפען. איך וועל צוויי מאָל איהם ניט קענען באַלעסטיגע — האָט רבי שמעון געזאָגט — איך האָב דעריבער באַשלאָסען צו שיקען אַ בריעף צו דעם באַוואוסטען געלערענטען און דיכטער פון טאָלעדאָ, אברהם אבן עזרא. ער איז זעהר קלוג און ער קען גוט די לאַטיינישע שפּראַך. ער וועט זיין פאַר מיר דער דאָלמעטשער. איך וועל מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל דאָס לעבען פון אַ גאַנצע עדה אידען הענגט אָפּ אָן דעם. און ווייל דער נייער פּאַפּסט שיינט צו זיין גוטהערציג און גנעדיג, דאַרף איך זעהן אויסצונוצען זיין גוטסקייט צו זעהן ראַטעווען די אידען פון ירושלים און צו פאַרבעסערען דאָס לעבען פון די אידען אין אנדערע לענדער.

אויף מאָרגען האָט דער רב אָנגעשריבען אַ בריעף צו אברהם אבן עזרא, וואו ער לאָזט איהם וויסען, אַז ער געפינט זיך אין רוים, און ער פאַרלאַנגט אַז ער זאָל אויך אָפּרייזען נאָך רוים, כדי זיי זאָלען ביידע קענען פאַרבערענגען פאַר דעם פּאַפּסט וועגען דער גזרה פון בישאָף.

ער האָט פאַר'חתמ'עט דעם בריעף און איבערגעגעבען צו איינעם פון זיינע באַגלייטער.

— דיזען בריעף וועסטו מיטנעמען מיט זיך — האָט ער איהם אָנגעזאָגט — און דו וועסט אָפּרייזען נאָך טאָלעדאָ. דו וועסט דאַרפען איהם

איבערגעבען אין האַנט פון אברהם אבן עזרא. אָבער אַזוי ווי איך ווייס ניט זיין וואָהנונג, זאָלסטו אַריינקומען אין הויז פון רבי יהודה הלוי, דער הויפּט מיניסטער פון דעם קעניג, און זיך ביי זיי נאָכפרעגען אויף אברהם אבן עזרא. איך בין זיכער, אַז דאָרטען וועט מען דיר זאָגען וואו ער געפינט זיך. איך וועל זיך אויסהאַלטען דאָ אין דיזען הויז און דו זאָלסט וואַרטען אויף איהם ביז וואַנען ער וועט האָבען די מעגליכקייט אָפּצורייזען פון טאָלעדאָ נאָך רוים.

— און וואָס זאָל איך טאָן, אויב ער וועט ניט זיין וויליג אָפּצורייזען נאָך רוים? — האָט דער יונג געפרעגט.

— אויב דיזער בריעף וועט נאָר איהם דערגרייכען און ער וועט זיך פיהלען געזונט, וועט ער מיט דיר מיטרייזען — האָט רבי שמעון געזאָגט — ער ווייס די וויכטיגקייט פון דער זאַך און ער וועט טאָן אַלץ וואָס עס איז מעגליך צו העלפען. איך וועל דיר מיטגעבען גענוג געלד פאַר די רייזע הוצאות פאַר אייך ביידען און איך האָף, אַז עס וועט לאַנג ניט דויערען און ער וועט מיט דיר קומען נאָך רוים.

דער יונג האָט אַלץ מיטגענומען און נאָכהער ווי דער רב האָט איהם צוגעוואונשען אַ גוטע און ערפאָלגרייכע רייזע, האָט ער פאַרלאָזען רוים און איז געפאָהרען אויף דעם וועג נאָך טאָלעדאָ, שפּאַניע.

ז י ב ע צ ע ה נ ט ע ר ק א פּ י ט ע ל

עס איז געווען אָוועגט. יהודה הלוי האָט זיך נאָך ניט געהאַט אומגעקעהרט פון קעניג'ס פּאַלאַץ. אַרטהור איז מיט אַן אויסרייד אַוועק פון פּאַלאַץ פריהער. ער האָט געוואוסט אַז דער קעניג וועט יהודה הלוי'ן פאַרהאַלטען ביז שפּעט, ווייל דער טעמפּעל אָרדען האָט געקראָגען אַ „בול" (אַ באַפעהל) פון פּאַפּסט אַז די תביעה וואָס די טעמפּעל ריטער האָבען אויף אַראַגאַניען איז אַ גערעכטע, און דער פּאַפּסט גרעגאָרי דער זיבעטער, פאַרלאַנגט אַז דער קעניג פון שפּאַניען זאָל מיט זיי שליכטען און אָפּגעבען זיי דאָס צו וואָס זיי זיינען בארעכטיגט. דעם קעניג אַלפאָנזאָ האָט עס זעהר ניט געשמעקט וואָס דער פּאַפּסט פאַנגט זיך אָן צו מישען אין זיינע אינערליכע ענינים. ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער פּאַפּסט האָט אַסיינגעלייגט דעם דייטשען קעניג, הענרי דעם פיערטען, אין חרם און אַז דער קעניג איז געווען געצוואונגען צו איהם צו קומען אין רוים, און איז דאָרטען שרעקליך בעליידיגט געוואָרען. דאָס האָט דעם קעניג אַלפאָנזאָ דעם אַכטען זעהר אויפגעשיטערט און אויפגערודערט.

— מיט מיר וועט דער פּאַפּסט ניט טהאָן אַזאַ זאַך! — האָט ער אויסגערופען מיט צאָרן, — איך האָב קיין מורא ניט פאַר זיין חרם. ווען ער זאָל אַרויפלייגען אַ חרם אויף מיין מלוכה, וועט ער דורכדעם אַ סך מעהר פאַרלירען איידער איך!

— ווי איך פאַרשטעה, — האָט זיך איינער פון די מיניסטאָרען אָפּגערופען, — ווייל דער פּאַפּסט אויפרייצען איין קריסטליכע מלוכה געגען אַ צווייטער. ער גלויבט אַז פראַנקרייך וועט אונז צווינגען צו טהאָן זיין ווילען.

— איך האָב קיין מורא ניט פאַר אַ מלחמה מיט פראַנקרייך! —

האָט אַלפאָנזאָ אויסגערופען, — איך בין גרייט ארויסצושטעלען אַ גרויסע אַרמעע אין שלאַכטפעלד. און מיט די מורען פון דרום לעב איך יעצט בשלום.

אַרטהור האָט זיך ניט געוואָלט מישען אין דעם, ווייל ער איז אימער געווען פריינדליך גענייגט צום פּאַפּסט. דאַריבער האָט ער מיט אַן אויסרייד פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ, און וויסענדיג אַז יהודה הלוי וועט זיך דאָרט לאַנג אויפהאַלטען, האָט ער בעשלאָסען אַוועקצוגעהן צו הדסה׳ן און ווידער אַמאָל פּרובירען זיין מזל.

דעם לעצטען מאָל ווען ער האָט פאַרלאָזען יהודה הלוי׳ס הויז, איז ער געווען זעהר ענטוישט. ער איז געווען זיכער אַז ער האָט שוין געהאַלטען ביים געווינען הדסה׳ס האַרץ. ער האָט זי אַרומגענומען. י׳ האָט זיך אפילו געראַנגעלט, אָבער ער איז שוין אין דעם געניט. די יונגע מיידלעך, פריהער ציינען זיי אַרויס אַ ווידערשטאַנד און דערנאָך גיבען זיי זיך אונטער. יאָ, ווען ניט הדסה׳ס מוטער, וואָלט שוין יעצט הדסה פאַררעכענט געוואָרען פאַר זיין כלה... היבשע עטליכע וואָכען זיינען פאַרלאָפען זינט דאַן און ער האָט זיך געשעהמט צו באַווייזען זיך אין יהודה הלוי׳ס הויז. יעצט אָבער האָט ער בעשלאָסען אַז ער מוז אַהין געהן, און פון דאָרטען ניט אַוועקגעהן ביז וואַנען הדסה וועט צושטימען. דאָס וואָס יהודה הלוי האָט איהם אפילו ניט דערמאָנט וועגען דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען דאַן, איז אַ סימן אַז ער אַליין איז אין גאַנצען ניט דאַגעגען, און אַזוי שנעל ווי ער געווינט איהר צושטימונג, וועט ער אויך זיין צופרידען צו האָבען איהם פאַר אַן איידעם. ער וועט איהם פאַרשפּרעכען אַז ער וועט זיך מגייר זיין, אָבער אַזוי שנעל ווי ער וועט זי האָבען אין האַנד וועט ער זיך פון זיי אויסלאַכען.

אַרטהור איז צוגעקומען צו יהודה הלוי׳ס הויז. ער האָט אַ לייכטען קלאַפּ געטהאָן אין טיהר. באַלד האָט די דינסט געעפענט די טיהר. אַ שמייכעל האָט ער באַמערקט אויף איהרע ליפּען און ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ צייכען אַז הדסה געפינט זיך אין הויז. ער האָט ניט געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג און איז אַריין אין הויז.

ווען הדסה׳ס מוטער האָט איהם דערזעהן, האָט איהר אין האַרץ אַ שטאָך געטאָהן. ער איז שולדיג אין זייער גאַנצען אומגליק. ווען ניט ער וואָלט ניט געקומען דערצו אַז איהר מאַן זאָל אַזאַ נדר אַרויסברייגען פון זיינע ליפּען. און דער אומוויסענדער שנאָרער, דער פאַרגרעבטער קבצן זאָל פאַררעכענט ווערען פאַר הדסה׳ס חתן.

זי האָט געוואָלט אויף איהם אַרויספּאַלען און איהם גוט אָנזידלען, אָבער זי האָט זי באַהערשט. זי האָט געוואוסט אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג איהם ניט צו בעליידיגען. ער איז דאָך פאָרט אַ ברודער פון דער קעניגין און איינער פון דעם קעניג׳ס מיניסטאָרען. אין דיזער רגע איז זי געווען צופרידען וואָס אין הויז געפינט זיך דער שנאָרער... ווען עס וועט האַלטען שמאָל, וועט מען איהם זאָגען אַז הדסה איז שוין פאַר׳קנס׳ט צו אַ צווייטען, און ווען ער וועט ניט וועלען גלויבען, וועט מען איהם אָנצייגען אויף דעם שנאָרער. יעצט אין די נייע מלבושים וואָס ער טראָגט,

וועט מען ניט קענען דערקענען אַז ער איז אַן אומוויסענדער שנאָרער... ווען ניט זיין עם הארצות, וואָלט טאַקע ניט געווען קיין שלעכטער שידוך. ער שיינט צו זיין יונג, געזונט און העלדיש. ווען ער וואַשט זיך אָרום, איז ער אויך זעהר שעהן... געוויינליך אַלס אַ קבצן איז ער ניט געוואוינט צו וואַשען זיין פּנים, און דאַריבער קוקט ער שטענדיג אויס צו זיין פאַרשטויבט און שמוציג.

הדסה וועלכע איז פון אָנפאַנג געווען שטאַרק ענטוישט און פאַרביטערט ווען זי האָט אויסגעפונען וועגען איהר פאָטער'ס נדר, האָט זיך ביסלעכוויז גענומען צוגעוואוינען צום געדאַנק אַז אָט דער פרעמדער, וועלכער איז אַזוי פאַרגרעבט און אומוויסענד, אַז ער האָט אפילו זיין אייגענעם נאָמען ניט געוואוסט, וועט ווערען איהר מאַן ... זי האָט איהם אייניגע מאָל גאַנץ גוט באַטראַכט. ער האָט שעהנע און איידעלע געזיכטסציגע. ווי עס ווייזט אויס, שטאַמט ער פון אַ פיינער משפחה. אָבער זיין מזל האָט מיטגעבראַכט אַז ער זאָל בלייבען אַ יתום ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און ער איז געצוואונגען געווען צו בעטלען זיין ברויט. ער האָט דאַריבער קיין געלעגענהייט ניט געהאַט זי עפּעס אויסצולערנען. אַ גרויסער רחמנות האָט הדסה'ן אַרומגענומען אויף דעם פרעמדען יונגענמאַן, וועלכער איז צופעליג געקומען דער ערשטער אויף מאָרגען נאָך איהר פאָטער'ס נדר. זי האָט אפילו געהאָפט אַז איהר פאָטער וועט איהם עפּעס אויסלערנען, אָבער זי האָט געהערט ווי דער פאָטער זאָגט צו דער מוטער, אַז ער האָט נאָך אויף זיין לעבען אַזאַ פאַרשטאָפּטע קאָפּ ניט געזעהן. און ער גלויבט שוין ניט אויב ער וועט ווען זיך עס איז קענען עפּעס אויסלערנען. ווען זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי יענע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפען פון ערגערנים. זי האָט געוויינט אויף איהר ביטערען גורל פאַרוואָס איהר איז באַשערט צו הייראַטען אַזאַ אומוויסענדען מאַן. זי האָט זיך גענומען דערמאָהנען אָן דער געשיכטע פון רבי עקיבא. זי האָט געמאַכט אַ פאַרגלייכעניש אָבער זי האָט איינגעזעהן אַז זי קען קיין פאַרגלייכעניש ניט מאַכען. רבי עקיבא איז געווען אונוויסענד אין זיי יוגענד, אָבער ער האָט געהאַט אַ גוטע קאָפּ, און ווי נאָר ער האָט געקראָגען אַ געלעגענהייט צו לערנען, האָט ער געקענט אַרויסווייזען זיין גרויסקייט. ער, אָבער, דער אָרימער אברהם, איז ניט בעגאַבט מיט אַ גוטע קאָפּ און איהם וועט שוין גאָרנישט העלפען.

הדסה האָט גענומען קלעהרען פּיעלייכט איז איהר פאָטער גערעכט ווען ער האָט געזאָגט אַז ער וועט איהם דערצעהלען דעם אמת, און ווען ער וועט זיך דערוויסען אַז ער האָט די מעגליכקייט צו הייראַטען מיט איהר, וועט עס איהם געבען מעהר מוטה און ער וועט שנעלער זיך קענען אויסלערנען. באַלד אָבער האָט זי זיך דערמאָנט אָן יענעם געהיימען יונגען מאַן, וועלכער האָט זי גערעטעט... איהר האַרץ געהט אויס פון ליעבע און דאַנקבאַרקייט צו איהם... ווי אַזוי וועט זי קענען זיין גליקליך מיט אַ צווייטען, אפילו ווען ער זאָל ניט זיין אַזוי אונוויסענד ווי דער פרעמדער אָרימאַן ... זי וועט אומגליקליך זיין איהר גאַנצען לעבען... זי וועט קיינמאָל ניט אויפהערען צו בייגקען און טראַכטען פון איהם... אָבער עס

איז דאָך גאַנץ מעגליך אַז זי ליגט יענעם יונגענמאַן ניט אין זינען... ער איז געווים דאַן צופעליג פאַרביייגעגאַנגען און האָט דערהערט איהרע געשרייען, האָט ער זי גערעטעט... ווען ער וואָלט געווען אין איהר פאַראינטערעסירט, וואָלט ער געווים אָנגענומען איהר איינלאַדונג אַריינצוגעהן צו איהר פאָטער אין הויז. און אויב ס'איז פאַר איהם געווען אונמעגליך אַריינצוקומען יענע נאַכט, האָט ער דאָך געקענט קומען מיט אייניגע טעג שפּעטער. און אַזוי איז שוין אַריבער מעהר ווי אַ יאָהר און זי האָט פון איהם אפילו ניט געהערט. געווים האָט ער אָן איהר פאַרגעסען, און מעגליך אַז ער האָט פון איהר קיינמאָל ניט געטראַכט!.. ווער ווייס, פיליכט האָט ער ליעב אימיצען אַנדערש און אפשר איז ער שוין דאַן געווען פערהייראַט.

ווען די דינסט איז אַריין צו איהר אין צימער און געזאָגט אַז אַרטהור וואַרט אויף איהר אין דעם אויפנאַהמס צימער, האָט זי געברענט פון צאָרן. זי האָט ביי זיך בעשלאָסען איהם צו זאָגען דורך איהר דינסט, אַז זי קען איהם ניט זעהן. זי האָט אָבער געוואוסט אַז דאָס קען ניט העלפען. ער וועט זי ניט אויפהערען צו באַלעסטיגען, סיידען זי זאָל איהם זאָגען, אַז איהר חתן געפינט זיך אין איהר הויז. ווען זי וועט איהם אָנצייגען אויף דעם פרעמדען און זאָגען אַז ער איז איהר חתן, וועט ער איהר מעגליך גלויבען און וועט זיך אָפּטשעפּען פון איהר.

הדסה איז געווען אָנגעטאָן אין איהר פּרעכטיג זיידען קלייד ווען זי איז אַריינגעקומען אין צימער, וואו אַרטהור האָט אויף איהר געוואַרט. זי איז געווען אַזוי וואונדער־שעהן און רייצענד, אַז ווען אַרטהור האָט זי דערזעהן אַריינקומענדיג, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איהר מיט אַ פרעהליכען פנים אַנטקעגען געקומען.

— דו רייצענדע געטליכע בלום! — האָט ער זי באַגריסט, — ווען איך דערזעה דיך איז ווי איך וואָלט געזעהן אַ מלאך פון הימעל.

הדסה האָט אַ לייכטען שמייכעל געטהאָן. זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, און אַרטהור האָט מיט גרוים העפליכקייט איהר צוגעטראָגען אַ שטוהל. זי האָט זיך געזעצט און איהרע אויגען האָט זי געווענדעט אין אַן אַנדער ריכטונג.

אברהם אבן עזרא האָט זיך דערוואוסט אַז אַרטהור איז געקומען. ער האָט איהם דורך אַ זייטיגען פענסטער באַמערקט. ער האָט באַשלאָסען אויסצוגעפינען אַלעס. אויף דעם האָט ער געוואַרט, און טאַקע צוליעב דעם האָט ער זיך פאַרשטעלט כדי ער זאָל קענען אויסגעפינען אויב די קלאַגען וואָס זיין יונג האָט פאַרשפּרייט אַז הדסה האָט ליעב דעם ברודער פון דער קעניגין, זיינען ריכטיג. באַלד וועט ער זיך אין דעם איבערצייגען און אַזוי שנעל ווי ער וועט אויסגעפינען דעם אמת, וועט ער האָבען זיין אופּגאַבע ערפילט און ער וועט קענען דאַן פאַרלאָזען יהודה הלוי'ס הויז.

ווען ער האָט באַמערקט אַז הדסה קומט אַריין אין דעם צימער וואו אַרטהור געפינט זיך, איז ער אַריין אין צווייטען צימער. די טיהר וואָס האָט צו יענעם צימער געפיהרט איז געווען עטוואָס אָפען און ער האָט געקענט צוהערען צו דעם געשפּרעך פון אַרטהור'ן און הדסה'ן. אָט הערט

ער ווי אַרטהור רופט זיך אָפּ צו איהר.

— ביזט נאָך אַלץ צאָרנדיג אויף מיר, הדסה?

— ניין, — האָט זי זיך אָפּגערופען מיט אַ גלייכגילטיגע שטימע, — איך בין אויף קיינעם ניט צאָרנדיג, אָבער איך האָף, אַז דו האָסט שוין אַליין איינגעזעהן די לעכערליכקייט פון דעם. דו ביזט שוין געוויס איי־בערציינגט אַז דו האָסט געמאַכט אַ פעהלער און דו ביזט געוויס יעצט געקומען עס צו פאַרריכטען.

— איך האַלט עס ניט פאַר אַ פעהלער, — האָט אַרטהור זיך אָפּגע־רופען. איך בין יעצט געקומען צו דיר מיט דער האָפנונג, אַז דו האָסט זיך אַרומגעזעהן און דו האָסט דיין מיינונג געביטען וועגען מיר. איז עס דען אַן עוולה דיך ליעב צו האָבען? דו ווייסט דאָך אַז זינט איך האָב דיר צום ערשטען מאָל אין מיין שוועסטער׳ס פּאַלאַץ דערזעהן, האָב איך פון דיר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען... און מיט יעדען טאָג וואָס איז פאַרבי־בער זינט דאַן, איז מיין ליעבע צו דיר שטאַרקער געוואָרען, אָבער דו ביזט צו מיר קאַלט געוועזען... איך פאַרשטעה אַז דו ביזט דאַנקבאַר געוועזען צו יענעם העלדישען יונגען מאַן, וועלכער האָט דיך פון רודאָלף׳ס הענט געדע־טעט, אָבער זעהסט דאָך אַז יענער מאַן איז פאַרשוואונדען, דו ווייסט אַפילו ניט ווי ער האָט אויסגעזעהן. איך ווייס פון אַלעס. און ווען איך בין לעצטען מאָל געוועזען ביי דיר האָסטו מיר געוואָלט איינריידען אַז דו ביזט פאַר׳קנס׳ט צו אַ צווייטען. אָבער איך ווייס אַז דו האָסט עס אויסגעטראַכט כדי איך זאָל צו דיר מעהר ניט קומען. איך האָב פּראָבירט זיך באַהערשען און צו דיר ניט קומען ווייל איך האָב איינגעזעהן אַז איך בין ניט ווילקאָמען, אָבער עס איז פאַר מיר אוממעגליך געווען, איך בין אַרומגעגאַנגען ווי צו־טראָגען, איך האָב געזעהן אַז איך קען דיר פון מיינע געדאַנקען ניט אַרויס־לאָזען. איך ווייס אַז דו האָסט מיך ניט ליעב ווייל איך בין אַ קריסט און דו ביזט אַ אידישע טאָכטער, אָבער איך האָב דאָך דיר געזאָגט אַז איך בין גרייט צו פאַרלאָזען מיין רעליגיע און זיך מגייר זיין צוליעב דיר. עס איז אַ גרויסער קרבן פון מיר, אָבער איך בין וויליג דיעזען קרבן צו ברייגנען. איך בין יעצט צו דיר געקומען צו קריגען דיין צושטימונג, ווייל איך בין זיכער אַז ווען דו וועסט צושטימען צו ווערען מיינע ווער דיין פאָטער ניט זיין דאַגעגען, ווען איך וועל איהם זאָגען אַז איך בין גרייט זיך מגייר צו זיין.

— איך האָב דיר קיין ליגען ניט געזאָגט! — הערט אברהם אבן עזרא ווי הדסה ענטפערט איהם נאָך אַ קליינע פּויזע — איך בין ווירקליך פאַר׳־קנסט. און מיין חתן געפינט זיך אין אונזער הויז. אין גיכען וועט פאַרקומען אונזער חתונה. איך גיב דיר מיין עהרען וואָרט אַז עס איז אמת!

אברהם אבן עזרא׳ס הארץ האָט אַ צאַפּעל געטהאָן: וועמען מיינט זי דאָמיט. ער איז דאָך דער איינציגער פרעמדער וועלכער געפינט זיך אין הויז. ער האָט צוגעבייגט זיין אויער און זיך צוגעהערט וואָס אַרטהור האָט געזאָגט. ער הערט ווי אַרטהור׳ס שטימע ציטערט.

— עס איז נאָך ניט צו שפּעט! דו האָסט דאָך נאָך מיט איהם ניט געהייראַטה. דו קענסט איהם זאָגען אַז איך בין וויליג צו קעמפען פאַר

דיר. איך וועל איהם ארויסרופען אויף א דועל. ניין, איך וועל ניט דער־לאָזען אז אימיצער אנדערש זאָל דיך בעזיצען.

— מיר אידען גלויבען ניט אין דועלען! — הערט ער ווי הדסה ענט־פערט איהם — און ווען איך בין פערשפּרעכען פאר זיין כלה, וועל איך איהם ניט געהן פאַרראַטהען. ער איז מיין חתן און מיט איהם וועל איך הייראטען!

— ווער איז ער? איך וואָלט איהם וועלען זעהן! — האט אַרטהור אויסגערופען — איז ער באַריהמט און רייך? איז ער העלדיש און בראוו. זאָג מיר, איז ער דער זעלבער, וועלכער האט דיך גערעטעט פון רודאָלף'ס הענט?

— ניין. ער איז ניט דער זעלבער. ער איז אויך ניט רייך, אבער ער באַזיצט א נאָבעלע נשמה! — האט הדסה געענטפערט.

— און פון וואַנען קומט ער? — האט אַרטהור ווידער געפרעגט.

— ער קומט פון א פרעמדע לאַנד. ער איז א דורכוואַנדערער און איז צופעליג אין אונזער הויז געקומען, און מיין פאָטער האט איהם פאר מיין חתן בעשטימט. אין גיכען וועלען מיר אונזער חתונה פייערען... און אויב דו גלויבסט מיר ניט וועסטו איהם מיט דיינע אויגען קענען זעהן!

אברהם אבן עזרא האט שנעל פאַרלאָזען יענעם צימער ווען ער האט דערהערט הדסה'ס לעצטע ווערטער... איצט איז ער זיכער, אז זי מיינט עס איהם... אבער ווי אַזוי איז עס מעגליך... זי איז וויליג איהם פאַרצושטע־לען אלס איהר חתן פאר ארטהור'ן... קען עס זיין, אז זיי האבען אויסגע־פונען ווער ער איז? אבער ניין, דאס איז אונמעגליך. קיינער פון זיי פאַר־דעכטיגט איהם ניט. פיליכט האט זי עס אזוי געזאגט ארטהור'ן, כדי ער זאָל זי צורוה לאָזען. איין זאך איז אבער זיכער, אז זי ליעבט ניט אר־טהור'ן... און דאס איז אלעס וואס ער האט געוואָלט אויסגעפינען. יעצט קען ער אוועקגעהן. ער וועט בלויז זיי לאָזען וויסען, אז ער מוז אוועקגעהן.

הדסה האט געהייסען דער דיענסט אריינשיקען דעם פרעמדען אין דעם אויפנאַהמס צימער.

אברהם האט צושויבערט זיינע האָר און האט א דרעה געטהאָן זיין הוט פון קאָפּ עטוואס אָן א זייט און איז אריין אין צימער, וואו הדסה און אר־טהור האבען זיך געפונען. ער האט זיך א נייג געטהאָן.

— אָט, ער איז מיין חתן! — האט הדסה זיך אָפּגערופען צו ארטהור'ן, אנצייגענדיג אויף איהם מיט איהר פינגער.

המ... אָט דער איז דיין חתן! — האט זיך ארטהור א קרים געטהאָן, בעטראַכטענדיג איהם פון קאָפּ ביז די פיס... — דו פערבייטסט מיר אויף איהם... דיזען שנאָרער!

אברהם האט זיך גלייך אומגעקעהרט צו דער טהיר און איז ארויס פון צימער.

— דו האסט ניט געדאַרפט בעליידיגען מיין חתן! — האט איהם הדסה פאַרגעוואָרפען.

— איך קען דיך ניט נעהמען ערנסט. ווי אזוי קומט עס דו זאָלסט וועלען חתונה האבען מיט איינעם, וועלכער איז אַזוי אָפּשטויסענד. ניט

אַנדערש, דו ווילסט מיר אָפּנאַרען, און דו האָסט איהם אויסגעקליבען אַלס אַן עדות...

— איז ניט גענוג וואָס דו האָסט בעליידיגט מיין חתן, ווילסטו אויך מיך בעליידיגען! — האָט הדסה געזאָגט מיט אַ ברוגז'ער שטימע. ווען איך זאָג דיר, אַז ער איז מיין חתן, האָב איך דיר געווים ניט אָפּגענאַרט. דו וועסט אַפילו קענען פרעגען מיין פאָטער, ער האָט איהם פאַר מיר בעשטימט.

— ניין, ניין! עס איז אונמעגליך! איך וועל עס ניט דערלאָזען! איך וועל זיך דורכריידען מיט דיין פאָטער. איך קען ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס דו זאָלסט מיך אויסבראַקירען און יענעם אויסקלייבען. איז עס דערפאַר וואָס ער איז אַ איד און איך בין אַ קריסט! האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז איך בין ווילינג זיך מגייר צו זיין... איך וועל ניט דערלאָזען! דו געהערסט צו מיר!

— איך וועל ניט געהן געגען דעם וואונש פון מיינע עלטערען — האָט הדסה געזאָגט — זיי האָבען פאַר מיר אויסדערוועהלט דיזען חתן און מיט איהם וועל איך הייראַטען!

— דאָס וועל איך שוין זעהן! — האָט אַרטהור אויסגערופען און איז שנעל אַרויס פון יהודה הלוים הויז.

שפּעטער, ווען יהודה הלוי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון פּאַלאַץ און זיי האָבען זיך געזעצט עסען אָוועגד ברויט, איז אברהם ניט אַריינגעקומען עסען.

— פאַרוואָס קומט ניט אברהם צום טיש? — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען.

— עס ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך בעליידיגט! — האָט הדסה זיך אָפּגערופען.

— ווער האָט עס איהם בעליידיגט?

— אַרטהור איז דאָ נאָר וואָס געוועזען. ער האָט ווידער צו מיר גענומען צושטעהן און בעלעסטיגען מיך מיט זיינע נאַרישע רייד. האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך בין אַ כלה און אין גיכען וועט זיין מיין חתונה. ער האָט געמיינט, אַז איך שפּאַס מיט איהם, און איך זאָג עס איהם ווייל איך וויל, אַז ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון מיר. האָט ער דעריבער מיר ניט געוואָלט גלויבען. האָב איך געבעטען די דיענסט זי זאָל אַריינשיקען אברהם'ן, און איך האָב אָנגעוויזען אויף איהם, אַז ער איז מיין חתן. האָט איהם אַרטהור בעליידיגט, און דעריבער, גלויב איך, אַז ער איז אין כעס.

— אויב אַזוי, איז יעצט די צייט, אַז מיר זאָלען איהם אַלעס דערצעהלען! — האָט יהודה הלוי געזאָגט — ווייל עס קען זיין, אַז ער גלויבט, אַז דו האָסט אויך געזוכט צו טרייבען שפּאַס מיט איהם!

— וואַרט, פריהער ענדיג עסען! — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען — דער אָוועגד איז גענוג גרויס, און אברהם אַנטלויפט נאָך ניט. אויב ער איז יעצט ניט אַריינגעקומען עסען איז אַ סימן, אַז ער איז נאָך ניט הונגעריג.

— איך וועל איהם געהן אריינרופען עסען! — האט יהודה הלוי געזאגט.

— איך וועל געהן, פאטער! — האט זיך הדסה אויפגעהויבען פון איהר פלאץ.

— גוט, מיין טאכטער! — האט יהודה הלוי צוגעשטימט — זאג איהם, אז מיר ווארטען אויף איהם מיט'ן עסען.

— דו האסט געהערט, אזא שנארער שפיעלט ער ברוגז... ער בעלײדיגט זיך גאר! אזוי האט ער קיין קאפ ניט צו לערנען און צו פארשטעהן וואס עס טהוט זיך ארום איהם, און פונדעסטוועגען האט ער שכל זיך צו געפינען בעליידיגט.

— וואס האט עס צו טאהן איינס מיט'ן אנדערען. ער האט א פיהלענדע הארץ ווי מיר האבען. אי, ער איז ניט געלערענט, איז עס אויך ניט זיין שולד. ער איז געבליבען א יתום גאנץ יונג און קיינער האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. איך האף, אז ווען מיר וועלען איהם אלס דערצעהלען און ער וועט וויסען, אז ער איז ווירקליך פארערכענט אלס הדסה'ס חתן, וועט עס איהם געבען מעהר מוטה צום לערנען. ער וועט אנפאנגען בעסער צו פארשטעהן וואס מען לערענט איהם.

— און איך האב שוין פארלארען די האפענונג, אז דו וועסט איהם שוין ווען עס איז קענען אויסלערנען.

די טהיר האט זיך אויפגעעפענט און הדסה איז אריינגעקומען. זי איז געווען עטוואס אויפגערעגט, איהר פנים איז רויט געוועזן.

— נו, מיין טאכטער? — האט יהודה הלוי זיך צו איהר געווענדעט.

— איך בין אריין צו איהם אין צימער איהם צו רופען, האב איך איהם געטראפען אנגעטהאן אין זיינע צעריסענע קליידער אין וועלכע ער איז צו אונז געקומען. אויף זיין שולטער האט ער געהאלטען זיין טארבע. פרעג איך: אברהם, וואס בעדייט דאס? ענטפערט ער מיר, אז ער קלייבט זיך צו פארלאזען אונזער הויז, ווייל ער איז שוין דא גאנץ לאנג און ער וויל מעהר ניט פאלען אונז צו לאסט. איך האב צו איהם גענומען צורעדען, און איך האב זיך פאר איהם ענטשולדיגט פאר ארטהור'ס רייד, אבער עס האט ניט געהאלפען. ער האלט זיך ביי זייניגע, ער וועט געהן, און נאך היינט אין אוועגד. ערווארט בלויז, אז מיר זאלען ענדיגען עסען, וועט ער זיך געזעגענען מיט און געהן.

— ניין, ער טאר ניט געהן! — האט יהודה הלוי אויסגערופען — איך וועל שוין זעהן, אז ער זאל אריינקומען אהער און עסען מיט אונז צוזאמען אווענד־ברויט. און איך וועל איהם אלעס דערצעהלען.

יהודה הלוי איז ארויסגעגאנגען און די מוטער האט זיך אפגערופען צו הדסה'ן:

— ווען דיין פאטער וואלט געוואוסט ווי צו ריידען צו איהם, וואלטען מיר זיך פיליכט אין גאנצען געקענט פון דעם ארויספלאנטערען. יעצט אז ער האלט ביים אוועקגעהן, קען דאך זיין, אז ווען ער זאגט איהם, אז מיר וועלען איהם אפגעבען הדסה'ן, וועט ער ניט צושטימען און דאן וועט ער בעפרייט ווערען פון זיין נדר.

— אָה, ניין, מוטער. איך האָב שוין באַשלאָסען מיט איהם צו הייראַטען. ער שיינט צו זיין עהרליך און גאַנץ איידעל, און איך האָב צוטרויען צו איהם, אז נאָך דער חתונה וועט ער זיך עפּעס אויסלערנען. איך וועל איהם זעהן צו ערמוטיגען מיט אַלעס וואָס איז מעגליך. און איך זעה דאָך איין, אז ער איז מיין באַשערטער, און איך האָב פאַר ארטהור'ן אין גען־עסען, וועט ער זיך געזעגענען מיט אונז און געהן.

— רייד נישט קיין נאַרישקייטען, מיין טאָכטער! — האָט זיך די מוטער אויף איהר אַ בייזער געטאָהען — הלואי זאָל ער ניט צושטימען און דיין פאָטער'ס נדר זאָל בטל ווערען, וועל איך זיך שעצען גליקליך. ווי קומט אַזאַ צו ווערען אונזער איידעם! און ווען איך רייד צו איהם, וואָלט איך שוין געזעהן, אז ער זאָל אַליין ניט צושטימען... איך קען ניט פאַרשטעהן וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, אז דו זאָלסט אַזוי גרינג קענען ביי זיך באַשליסען מיט איהם צו הייראַטען.

— איך האָב אַלס געהאָפט, אז יענער יונגער מאַן, דער העלד פון מיינע חלומות, וועט זיך אָפּרופען. ער וועט צו מיר קומען. אָבער יעצט זעה איך, אז מיין האָפענונג איז אומזיסט. עס איז בלויז געווען אַ חלום... און בפרט נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט זיין נדר געגעבען, האָב איך זיך גענומען צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, און איך בין זיך מודה, אַז וואָס מעהר איך רייד צו אברהם'ן און וואָס מעהר איך זעה איהם אַלץ נאָהענטער ווערט ער מיר צום הארצען, און מיר דוכט זיך שוין, אז אויב ער וועט אונז פאַרלאָזען, וועל איך שטאַרק בענקען נאָך איהם!

— עס וועט טאַקע זיין נאָך וועמען צו בענקען! — האָט די מוטער מיט אַ ביטערען שמייכעל זיך אָפּגערופען — טאָג און נאַכט בין איך מתפלל צו גאָט, אז ער זאָל איהם אריינגעבען אַ געדאַנק צו זאָגען „ניין“, און דו קומסט און זאָגסט מיר, אז מיט יעדען טאָג ווערט ער דיר נאָהענטער צום הארצען...

באַלד איז אריינגעקומען יהודה הלוי און נאָך איהם אברהם.

— דו וועסט מיט אונז עסען אָוועַנד־ברויט, און דאַן וועסטו הערען וואָס איך האָב דיר צו זאָגען, און אויב דו וועסט נאָך אַלץ בלייבען איינגעשפּאַרט און דו וועסט וועלען אוועקגעהן, וועל איך דיר דאָך ניט צווינגען צו פערבלייבען — האָט יהודה הלוי איהם געזאָגט.

אברהם האָט זיך געוואַשען צום עסען, און, שווייגענדיג, זיך מיט זיי געזעצט צום טיש.

נאָך דעם עסען האָט אַ קורצע ווײַלע געהערשט אַ שטילקייט און עס־צימער. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע.

— ווי איך פאַרשטעה, האָט דיר ארטהור בעליידיגט! — האָט זיך יהודה הלוי צו איהם געווענדעט — אָבער באַלד וועסטו איינזעהן, אז ארטהור האָט דיר קיין רעה ניט געטהאָן, פאַרקעהרט, ער האָט דיר נאָך אַ טובה געטהאָן. און דערפאַר דאַרפסטו זיין באַליידיגונג ניט נעהמען אין אכט.

— אָבער קיינער האָט מיך ניט בעליידיגט — האָט אברהם זיך אָפּגערופען — איך האָב דעם באַשלוס אוועקצוגעהן געמאַכט איידער ער האָט

וועגען מיר גערעדט. איך זעה, אַז איך נוץ אויס צופיעל אייער אַלעמענס גאַסטפריינדליכקייט, אייער גוטסקייט און גנעדיגקייט, און איך וויל אייך מעהר ניט פאַלען צום לאַסט. איהר האָט פאַר מיר גענוג געטהאָן. איך זעה ניט מיט וואָס איך האָב עס פאַרדינט... מיין האר האָט פּרובירט מיט מיר צו לערנען, און מיין קאָפּ האָט עס ניט פאַרנומען... איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר אַלעס וואָס איהר האָט פאַר מיר געטהאָן. אָבער צו אַלץ מוז דאָך זיין אַ גרעניץ. איך קען ניט דערלאָזען, אַז איהר זאָלט פאַר מיר טאָהן נאָך מעהר. זאָל איך גאָט באַלוינען פאַר דאָס גוטעס וואָס איהר טהוט מיט די פרעמדע און עלענדע. איך האָב זיך גוט אויסגערוהט, יעצט וועל איך קענען וואַנדערען ווייטער.

— יעצט הער זיך איין וואָס איך האָב דיר צו דערצעהלען! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען צו איהם. דו האָסט דאָך געזעהן ארטהור'ן. ער איז אַ וויכטיגע פּערזענליכקייט אין דער מלוכה. ערשטענס איז ער דער ברודער פון דער קעניגין, און צווייטענס איז ער דעם קעניג'ס אַ מיניסטער. צופעליג האָט ער געטראָפען הדסה'ן אין דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין, וואו מיין טאָכטער איז איינגעלאַדען געוואָרען, און זינט דאַן האָט ער ניט אויפגעהערט זי צו באַלעסטיגען. ער האָט אפילו געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער איז גרייט צו ווערען אַ איד, אויב מיר וועלען צושטימען. אָבער דו קענסט דאָך פאַרשטעהן, אַז ניט הדסה און ניט מיר וואָלטען קיינמאָל צו אַזאַ זאַך ניט צוגעשטימט. און איין אָוועגד, ווען איך בין אַהיים געקומען, האָט מיר מיין פרוי איבערגעגעבען, אַז ארטהור איז געוועזען אין אונזער הויז און ער האָט גענומען צושטעהן צו הדסה'ן זי זאָל איינשטימען צו הייראַטען מיט איהם. זי האָט מיר געזאָגט, אַז צוליעב דעם וואָס איך האָב ארטהור'ן בעפריינדעט און ערמוטיגט האָט ער געקראָגען די חוצפה אַזוי צו ריידען צו אונזער טאָכטער. איך האָב געזאָגט, אַז עס איז מיין שולד. מיר זיינען ביידע געווען זעהר ערשיטערט און אויפגערעגט. און פון מיין מויל האָט זיך יענעם אָוועגד ארויסגעכאַפּט אַ נדר, אַז דער ערשטער אידישער יונגער אומפאַרהייראַטער מאַן, וועלכער וועט איבערטרעטען מיין שוועל אויף מאָרגען, וועט ווערען הדסה'ס מאַן, אויב ער וועט איינוויליגען דערצו. איך האָב זיך גלייך ארומגעזעהן, אַז איך האָב אַ גרויסען פעלער געטאָהן, אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלען. איך האָב מיין וואָרט ניט געקענט צוריקציהען. אַ נדר צו גאָט קען מען ניט מבטל מאַכען אַזוי גרינג. און אויף מאָרגען אין דער פריה ביזטו געווען דער ערשטער יונגערמאַן, וועלכער האָט אריבערגעטראָטען מיין שוועל. און כאָטש דו ביזט אומוויסענד, פונדעסטוועגען האָב איך איינגעזעהן, אַז דו ביזט מיין טאָכטער'ס בעשערטער, און איך האָב פּרובירט מיט דיר לערנען. איך זעה אַז עס קומט דיר אָן גאַנץ שווער. אָבער איך האָף, אַז די נייעס אַז דו קענסט האָבען מיין טאָכטער פאַר אַ פרוי, וועט דיר ערמוטיגען און דו וועסט זיך נעהמען צום לערנען מיט מעהר ענערגיע און פלייס.

אברהם אבן עזרא'ס פּנים איז בלאַס געוואָרען... ער זעהט אליין אַז הדסה איז זיין בעשערטע... ער האָט פון איהר ניט אויפגעהערט צו

טראַכטען די גאַנצע צייט, ער האָט ניט געוואַגט איהר צו קומען זאָגען ווענען זיין ליעבע צו איהר, און דאָ האָט די השגחה איהם געפיהרט צו איהר אין דער ריכטיגער צייט. ער האָט שוין געוואָלט זיך לאָזען אנער־קענען און זיי אַלעס דערצעהלען, אָבער דאָ הערט ער ווי הדסה׳ס מוטער רופט זיך אָפּ:

— געוועהנליך, מיר קענען דיך ניט צווינגען, אויב דו ביזט ניט גרייט צו הייראַטען אָדער דו ווילסט ניט נעמען אונזער טאָכטער ביזטו פריי און דאַן וועט אויך מיין מאַנ׳ס נדר בטל ווערען. פיליכט דענקסטו, אַז זי איז ניט פאַר דיר... יעצט ווענדעט זיך עס אַלעס אָן דיר. אויב דו שטימסט צו, וועלען מיר קיין אנדער ברירה ניט האָבען, אָבער טאָמער געפעהלט זי דיר ניט... ביזטו פריי צו האַנדלען ווי דו פאַרשטעהסט.

הדסה איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. זי האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון איהר פאָטער און מוטער. זי האָט געוואוסט, אַז אין דיזען מאָמענט ווערט איהר גורל געשמידט. זי האָט יעצט געוואַרט צו הערען זיין ענטפער. זי האָט פון אַ זייט אַ בליק געטאָן אויף איהם און געזעהן ווי בלאַס ער איז. זי האָט געפיהלט, אַז ער איז איהר יעצט נאָ־הענטער ווי פריהער... וואָס וועט זיין זיין ענטפער?...

— איך ווייס אַז איך בין ניט ווירדיג צו זיין דער איידעם פון רבי יהודה הלוי... איך בין ניט ווערטה די שטויב אויף וואָס הדסה טרעט מיט איהרע פיס... איך ווייס, אַז איך, דער אומוויסענדער שנאָרער, האָב קיין רעכט ניט צו טראַכטען וועגען אייער טאָכטער, וועלכע איז וואונדער שעהן און איז געלערענט און קלוג... אָבער אויב איך וועל זאָגען, אַז זי געפעהלט מיר ניט, וועט עס זיין אַ ליגען... און איך קען עס ניט זאָגען!

— דען המ... ווילסטו מיט איהר הייראַטען? — האָט די מוטער אויף איהם געוואָרפען בייזע בליקען — איך האָב געמיינט...

— אויב אַזוי, וועלען מיר אויף מאָרגען שרייבען תנאים און מיר וועלען בעשטימען דעם טאָג פון אייער חתונה! — האָט רבי יהודה הלוי געזאָגט — עס איז אַזוי באַשערט פון גאָט, און איך גיעב אייך ביידען מיין ברכה!

אברהם אבן עזרא איז געבליבען זיצען ווי פאַרגליווערט. עס איז גע־קומען אַזוי פּלוצלונג. ער האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסען צו זאָל ער זיך גלייך לאָזען אנערקענען. ער האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף הדסה׳ן... ער האָט געהאַט אַ פערלאַנג אויסצוגעפינען פיליכט איז זי אין אימיצען אנדערש פאַרליעבט און זי וויל ניט געהן געגען איהר פאָטער. און אויב אַזוי, וועט זיין אַ סך בעסער ווען ער זאָל זיך ניט לאָזען אנער־קענען. כדי ער זאָל נאָכהער קענען זאָגען, אַז ער האָט חרטה און בע־פרייען הדסה׳ן.

הדסה האָט יעצט גענומען באַטראַכטען איהר חתן. זי האָט געזעהן ווי ער איז געבליבען זיצען צעטומעלט, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסער קאַמף קומט פאָר אין זיינע געדאַנקען. געוויס מיינט ער, אַז זי וויל איהם ניט, און דאָס וואָס זי שטימט צו מיט איהם צו הייראַטען, איז עס צוליעב איהר פאָטער׳ס נדר... זי זעהט ווי אומרוהיג ער איז... ער האָט זי

ליעב, אָבער זיין איידעלקייט און עהרליכקייט לאָזען איהם ניט רוהען... ער וויל צו איהר ניט ארויפגעצוואונגען ווערען. זי וועט איהם בערוהיגען. זי וועט איהם זאָגען, אז זי האָט איהם ליעב געקראָגען און זי וועט זיך שעצען גליקליך מיט איהם צו הייראַטען.

נאָכ׳ן עסען איז יהודה הלוי אריין מיט אברהם׳ן צו איהם אין צימער. ער האָט איהם גענומען לערנען. ער האָט איהם געוואָלט אמווייניגסטען עפּעס אויסלערנען איידער ער האָט מיט זיין טאָכטער חתונה. אָבער זיין אַרבייט איז געווען אומזיסט. אברהם האָט זיך געמאַכט ווי ער פאַרשטעהט גאָרניט.

— מאָרגען וועלען מיר שרייבען תנאים און דו וועסט דאַרפען חתמענען דיין נאָמען. דעריבער וועסטו זיך מוזען אויסלערנען שרייבען דיין נאָמען „אברהם". איך וועל דיר צייגען ווי צו שרייבען. איך וועל אָנשרייבען דיין נאָמען אויף פּאַפּיר און דו וועסט זיך גוט צוקוקען און איבערשרייבען. דו וועסט איהם אזוי לאַנג שרייבען ביז וואַנען דו וועסט זיך אויסלערנען.

יהודה הלוי האָט אָנגעשריבען „אברהם" מיט גרויסע און דייטליכע אותיות. ער האָט איהם געהייסען זיך גוט צוקוקען און איבערשרייבען. אָבען ווען אברהם האָט גענומען די פעדער אין האַנט און זיך געזעצט שרייבען, זיינען די אותיות ארויסגעקומען אזוי צעקרימט און צודרעהט, אז עס איז געווען שווער זיי צו דערקענען.

יהודה האָט זיין געדולד ניט פאַרלאָרען או [ער האָט איהם געצייגט א צווייטען און א דריטען מאָל, נאָכהער האָט ער איהם זיך געהייסען זעצען אויף א שטוהל נעבען צווייטען טיש און איהם געהייסען ווידערהאָלען זיין שרייבען אזוי פיל מאָל, ביז וואַנען ער וועט קענען גוט אויסשרייבען זיין אייגענעם נאָמען.

אברהם האָט זיך אוועקגעזעצט אין א צווייטען ווינקעל פון צימער און האָט זיך געמאַכט שרייבענדיג. יהודה הלוי האָט זיך פאַרטיעפט אין זיינע שריפטען. ער האָט דאַן געהאַלטען אין שרייבען א ליעד. עס איז געווען א פיוט פאַר פורים, וואָס די חרוזים זיינען געווען נאָכ׳ן אלף בית. אויף יענעם ליעד האָט ער שוין געאַרבייט עטליכע טעג... אַלעס איז געגאַנגען כשורה. ער איז געווען גאַנץ צופרידען. אָבען ווען ער איז געקומען צו דעם אות "ר", איז ער געבליבען שטעהן. ער פיעל געטראַכט און זיך ניט געקענט דערטראַכטען צו א פּאַסענדען וואָרט. ער איז ארומגעגאַנגען אין צימער הין און צוריק, ער האָט געקנייטשט זיין שטערען, ער האָט צו זיך גענומען אויסרעכענען פאַרשידענע ווערטער, וועלכע פאַנגען זיך אָן מיט א "ר", אָבער קיינער פון זיי איז איהם ניט געפעהלען געוואָרען.

דערווייל איז אין רבי יהודה הלוי׳ס צימער אריינגעקומען הדסה. זי האָט זיך געקליבען געהן שלאָפען און איז געגאַנגען קושען איהר פאָטער א גוטע נאַכט.

זי האָט באַמערקט ווי איהר פאָטער געהט אַרום איבער׳ן צימער הין און צוריק אזוי פאַרטראַכט און פערזאָרגט, אז ער האָט זי אפילו ניט באַמערקט. אין דער צווייטער זייט פון צימער זיצט איהר חתן און מאַטערט

זיך מיט דער פעדער... אַ קליינע ווײַלע איז זי געבליבען שטעהן נעבען אַריינגאַנג און ניט געוואָלט שטערען איהר פאָטער פון זיינע געדאַנקען. באַלד אָבער האָט זי יהודה הלוי באַמערקט און האָט זי צוגערופען צו זיך.

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט, פאָטער? — האָט הדסה איהם געפרעגט. — דו קוקסט אויס שטאַרק בעזאָרגט.

— איך האַלט ביים פערפערטיגען אַ שיר לכבוד פורים. איך האָב עס אָנגעשריבען נאָכ'ן אלף בית און איך קען בשום אופן ניט געפונען קיין חרוז פאַר דעם אות "ר". אָה, ווען איך וואָלט געוואוסט וואו עס געפינט זיך אברהם אבן עזרא, דער גרויסער דיכטער, וואָלט איך זיך שוין מיט איהם בעראַטהען. איך האָב פיעלע שירים זיינע געלעזען. ער באַזיצט אַן אויסערגעוויינליכע טאַלאַנט צו שרייבען "חרוזים"... איך טראַכט שוין דעם שוין עטליכע טעג און איך קען זיך ניט דערטראַכטען. צוליעב דעם קען איך ניט פערענדיגען דעם גאַנצען שיר.

— איך גלויב, פאָטער, אַז ווען דו ווּעסט זיך אויסרוהען וועט דער רוה השירה צו דיר ווידער קומען. דו ביזט געווען די לעצטע צייט שטאַרק בעזאָרגט און ניט אויפגעלעגט.

— מעגליך, אַז דו ביזט גערעכט, אָבער דערווייל איז דער שיר ניט געענדיגט און עס איז שוין ניט לאַנג צו פורים... און דו, אברהם, מאַכסטו עפּעס פאָרשריט אין דיין שרייבען? — האָט ער זיך פלוצלונג צו איהם געווענדעט.

— עטוואָס! — האָט ער מיט אַ נידריגער שטימע געענטפערט.

הדסה איז מיט איהר פאָטער צוגעגאַנגען. יהודה הלוי האָט גענומען דעם פּאַפּיער און איהם באַטראַכט.

— ניט שלעכט! עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז דו וועסט קענען מאָרגען חתמ'ענען דיין נאָמען צו די תנאים. איך האָב אָבער געוואוסט אַז דיזע נייעס וועט איהם געבען מעהר מוטה און ער וועט זיך אויסלערנען. אי בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך אויסלערנען צו לעזען און צו שרייבען.

אברהם האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— דו דאַרפסט וויסען זיין, אברהם, אַז מיין טאָכטער איז זעהר בעגאַבט און געלערענט. זי קען שרייבען און לעזען אין עטליכע שפּראַכען. און דו וועסט מוזען ביי זיך בעשליסען צו קענען לערנען. עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט.

— אַזוי ווי רבי עקיבא! — האָט אברהם צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— יע, ריכטיג, ווי רבי עקיבא! — האָט רבי יהודה הלוי געזאָגט — אָבער פון וואַנען ווייסטו פון רבי עקיבא?

— ווען איך בין דעם ערשטען טאָג אהער געקומען און הדסה האָט בעמערקט, אַז איך פיהל זיך זעהר דערשלאָגען וואָס איך בין אַזאַ עם הארץ, האָט זי מיר דערצעהלט די מעשה פון דעם אָרימען פאַסטוך עקיבא, וועלכער האָט ליעב געהאַט רחל'ען, די טאָכטער פון כלבא שבוע, דעם רייכסטען אידען פון ארץ ישראל.

— דו געדענקסט דאָך גאַנץ גוט דיין זכרון איז גאָרניט שלעכט! —

האָט יהודה הלוי מיט צופֿידענהייט געזאָגט.

— איך בין זיכער, פֿאָטער, אַז ער אויך וועט נאָך אַמאָל זיין אַ גרויסער מאַן! — האָט הדסה אויסגערופֿען און געוואָרפֿען אַ צערטליכען בליק אויף אברהמ׳ן.

— איך שעץ זיך גליקליך, אַז איך האָב אין דיינע אויגען געפֿונען חן — האָט אברהם אויף איהר אַ קוק געטאָן מיט דאַנקבאַרע אויגען — איך וועל זוכען שטענדיג צו זיין ווערטה דיין מאַן צו זיין...

הדסה איז אַזוי לעריהרט געוואָרען פֿון זיינע רייד, אַז טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען. איהר הארץ האָט איהר צוגעדריקט און זי האָט זיך שיער פֿאַנטנדערגעוויינט. אָבער זי האָט זיך באַהערשט. זי האָט געקושט איהר פֿאָטער, און זאָגענדיג "גוטע נאַכט" צו איהם און צו אברהם׳ען איז זי אַרויס פֿון צימער.

— האָסטו שוין וועז געזעהן אַזאַ שעהן און איידעל קינד ווי מיין טאָכטער! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופֿען צו אברהם׳ן, ווען זי איז אַרויס פֿון צימער. איך האָף, אַז דו וועסט זי וויסען ווי צו שאַצען. דו זאָלסט איהר פֿיין בעהאַנדלען, ווייל זי איז אַ טייער קינד און בעזיצט אַ נאָבעלע נשמה... איך זעה, אַז דו ביזט איהר באַשערט פֿון הימעל, און כאָטש דו געפֿינסט זיך אין אַזאַ צושטאַנד, האָט זי צוגעשטימט צו ווערען דיין פֿרוי, און האָט צו דיר אַזוי פֿיעל צוטרויען...

— איך שווער ביי גאָט, אַז זי וועט ביי מיר זיין טייערער פֿון אַלעם אין דער וועלט. איך וועל זי היטען ווי מיין שוואַרצאַפּעל פֿון אויג, און איך וועל צו איהר קיין אַנדער פֿרוי ניט נעהמען.

— איך גלויב דיר, מיין זוהן. איך ווייס אַז דו ביזט עהרליך און נאָבעל, און איין זאַך פֿאַרלאַנג איך פֿון דיר, אַז דו זאָלסט ניט אויפֿגעבען צו לערנען. איך בין גרייט דיך צו שטיצען אַזוי לאַנג ווי דו וועסט זיך נויטיגען, אָבער דו מוזט זיך נעהמען צום לערנען מיט גרויס פֿליים און התמדה ביז וואַנען דו וועסט דיין ציעל דערגרייכען.

אברהם האָט צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אַלס צייכען, אַז ער שטימט צו.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה, ווען יהודה הלוי איז אַוועק אין שוהל, איז אברהם אבן עזרא אומבעמערקטערהייד אַריין צו איהם אין צימער, אַ זאַך, וואָס ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט טהאָן, כדי זיך צו באַקענען מיט די פֿערשידענע שריפֿטען פֿון יהודה הלוי. איבערהויפּט האָט ער זיך שטאַרק פֿערטיעפֿט אין זיין פֿילאָזאָפֿישען בוך „הכוזרי“, וואָס רבי יהודה הלוי האָט אָנגעשריבען אין אַראַביש, וואו די פּרינציפּען פֿון יודענטהום ווערען איבערגעגעבען. דאָרטען פֿאַרענטפֿערט ער די פֿאַרשידענע פֿראַגען, וואָס די געלערענטע ניט־אידען שטעלען וועגען דער פֿיהרונג פֿון דער וועלט.

דעם ספר „הכוזרי“ האָט דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער רבי יהודה הלוי געשריבען אין דער פֿאָרמע פֿון אַ געשפּרעך, וואָס עס קומט פֿאָר צווישען דעם כוזרישען קעניג און אַ אידישען גרויסען געלערענטען. ווייל ווי עס ווערט דערצעהלט, האָט דער קעניג פֿון די כוזרים (אַ פֿאָלק וואָס האָט געלעבט ביי דעם קאַספּישען ים) געוואָלט אַוועקוואַרפֿען די געצענדינערײ

און אָנגענומען אַ גלויבען פון איין איינציגען גאָט. ער האָט דעריבער איינגעלאַדען צו זיך אַ מאַכמאַדאַנישען הייליגען, אַ קריסטליכען בישוף און אַ אידישען גרויסען רב.

אין דעם ספר „הכוזרי“ האָט יהודה הלוי אויסגעדריקט די העכסטע פילאָזאָפישע געדאַנקען. און אברהם אבן עזרא האָט זיך אין איהם זעהר פאַרטיפט, און ווען קיינער פלעגט ניט באַמערקען, פלעגט ער איהם לעזען מיט גרויס אינטערעס.

אַזוי איז אברהם אבן עזרא אויך דיזען פריהמאָרגען אַריין מיט דער כונה צו שטודירען אייניגע קאַפּיטלען פון דעם ספר „הכוזרי“. ער האָט גענומען בלעטערען דעם ספר און פּלוצלונג זיינע אויגען געפאַלען אויף אַ ניט־פערענדיגטען שיר מיט׳ן נאָמען: „אדון חסדך“, וואָס איז געלעגען אויף יהודה הלוי׳ס טיש. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז לעצטע נאַכט, ווען הדסה איז אַריינגעקומען, האָט ער איהר געזאָגט וועגען דעם שיר, אַז ער קען ניט געפינען דעם פּאַסיגען פערז צו דעם בוכשטאַב „ר“.

ער האָט גענומען איבערקוקען דעם גאַנצען שיר פון אָנפאַנג אָן און איהם איז דער שיר אַזוי געפעהלען געוואָרען, אַז ווען ער איז געקומען צו דעם פּלאַץ וואו יהודה הלוי איז געבליבען שטעהן און ניט געקענט ווייטער פאָרזעצען זיין שרייבען, האָט אברהם אבן עזרא איינגעטונקען די פעדער אין טינט, ער האָט אַ ווײַלע אַ קנייטש געטהאָן זיין שטערען און צוגעשריבען דעם פאָלגענדען חרוז: „רצה האחד לשמור כפלים“. ער האָט צוריק אַוועקגעלעגט דעם שיר אויף זיין פּלאַץ און דעם ספר „הכוזרי“ אויף זיין פּלאַץ און איז גלייך אַרויס פון צימער. אַרויסגעהענדיג האָט ער אָנגעטראָפען הדסה׳ן, ער האָט זי מיט גרויס ליבשאַפט בעגריסט און ער האָט צוגעגעבען:

— איך האָב לעצטע נאַכט פאַרגעסען אין דיין פאָטער׳ס צימער דעם פּאַפּיר אויף וועלכען איך האָב זיך געלערענט שרייבען מיין נאָמען, און איך האָב איהם יעצט גענומען. איך קען שוין יעצט שרייבען מיין נאָמען.

— איך האָף, אַז דו וועסט קענען פיעל מעהר ווי דיין נאָמען שרייבען!

— האָט הדסה איהם אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן, און שנעל אַריינגעלאָפען צו זיך אין צימער.

— אברהם איז געבליבען שטעהן ווי געפּלעפט... ער האָט אָנגעריהרט מיט זיין האַנט דעם פּלאַץ וואו זי האָט איהם אַ קוש געטהאָן. אַ גליקליכע פרייד האָט איהם אַרומגענומען. יעצט זעהט ער, אַז זי האָט איהם אויך אין אמת׳ן ליעב. און טראַטץ דעם, וואָס זי גלויבט, אַז ער איז אומוויסענד און אָרים, איז זי צופרידען מיט איהם צו הייראַטהען. ער האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך פון דעם. ער איז שוין געווען גרייט אַלעס איהר דערצעהלען, און ווען מען וועט היינט אין אָוונט שרייבען די תנאים זאָלען זיי שוין וויסען ווער ער איז. אָבער גראַדע ווען ער איז אַזוי געבליבען שטעהן איז פאַרבייגעגאַנגען הדסה׳ס מוטער. ער האָט באַמערקט ווי זי האָט אויף איהם זעהר קרום געקוקט. יע, ווי ער פאַרשטעהט, איז זי זעהר אומצופרידען פון דעם. זי האָט איהם ניט איינמאָל אָנגעוואונקען, אַז ער איז ניט געצוואונגען צוצושטימען. ער האָט פאַרשטאַנען איהר כונה: און

דעריבער האָט ער באַשלאָסען צו וואַרטען נאָך איניגע טעג ביז וואַנען ער וועט זיך לאָזען דערקענען.

ווען ער איז צוריק אַריין אין זיין צימער, האָט ער דורך זיין פענסטער באַמערקט ווי אימיצער קומט אַריין אין הויז. עס איז איהם געוואָרען אויפ־פאַלענד, ווייל יענער האָט געשיינט צו זיין אַ פרעמדער, און ער האָט אַ ווילע געטראַכט איידער ער איז אַריין אינוויינינג.

אברהם איז דעריבער געווען זעהר נייגעריג צו וויסען ווער דער פרעמ־דער איז. ער איז אַריין אין פאָדערשטען צימער און ער האָט דערהערט ווי דער פרעמדער פרעגט זיך נאָך אויף יהודה הלוי׳ן.

— ווער ביזטו און צו וואָס דאַרפסטו זיך זעהן מיט יהודה הלוי׳ן ? — האָט איהם הדסה׳ס מוטער געפרעגט.

— איך בין אַ שליח פון דעם רב פון ירושלים ! — האָט דער יונגער־מאַן געזאָגט. — איך האָב אַ וויכטיגען בריעף פאַר אברהם אבן עזרא׳ן. און דער רב האָט מיר פריהער געהייסען אַריינקומען מיט׳ן בריעף צו יהודה הלוי׳ן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז יהודה הלוי ווייסט וואו אברהם אבן עזרא געפינט זיך.

אברהם האָט שוין געוואָלט צולויפען און אויסרופען : „איך בין אברהם אבן עזרא“. אָבער ער האָט זיך בעהערשט. ער האָט בעשלאָסען צו וואַרטען ביז וואַנען יהודה הלוי וועט זיך אומקעהרען און ערשט דאַן וועט ער אויסגעפינען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

באַלד איז אָנגעקומען רבי יהודה הלוי. ער האָט אַריינגערופען דעם שליח צו זיך אין צימער און האָט ביי איהם געפרעגט וועגען וואָס עס האַנ־דעלט זיך. אברהם איז אויך אַהין אַריינגעקומען. אָבער ער האָט זיך גע־זעצט אויף זיין שטענדיגען פלאַץ, וואו ער האָט בעדאַרפט זיך איבען אין שרייבען און לעזען. ער האָט זיך דערווייל צוגעהערט צו זייער געשפּרעך.

— דער בישאָף פון ירושלים האָט אַרויסגעגעבען אַ שוידערליכע גזרה אויף די אידען. דער רב, רבי שמעון האָט אַלץ געהאָפט, אַז די גזרה וועט אָפּגעשאַפט ווערען, אָבער יעצט איז שוין מעהר ניטאָ וואָס צו האָפען. דער בישאָף איז איינגעשפּאַרט, און דער רב האָט באַשלאָסען זיך צו ווענדען צו דעם פּאַפּסט פון רוים, פיליכט וועט ער העלפען די אידען פון ירושלים און מבטל מאַכען דעם בישאָף׳ס גזרה.

— און וואו געפינט זיך יעצט, רבי שמעון ? — האָט יהודה הלוי גע־פרעגט :

ער געפינט זיך אין רוים. ער איז אַהין ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען — האָט דער שליח געענטפערט. — ער וואַרט דאָרטען אויף אברהם אבן עזרא, כדי ער זאָל קענען געהן צוזאַמען מיט איהם צום פּאַפּסט, ווייל ער אַליין קען ניט ריידען די לאַטיינישע שפּראַך און אַזוי ווי אברהם אבן עזרא איז זעהר געלערענט און רעדט פיעלע שפּראַכען פליסענד, וועט ער פיליכט קענען בעאיינפלוסען דעם פּאַפּסט ער זאָל אָננעהמען רבי שמעון׳ס בקשה און ראַטעווען די אידען פון ירושלים!

— דו וועסט זיך געוויס וואונדערען צו הערען אַז איך ווייס ניט וואו אברהם אבן עזרא געפינט זיך? — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען —

און ניט נאָר דאָס, אָבער איך האָב נאָך אפילו די געלעגענהייט ניט געהאַט זיך מיט איהם צו זעהן פּנים צו פּנים. איך האָב ערהאַלטען פיעלע בריעף פון איהם און איך ווייס אויך וועגען דער שוידערליכער לאַגע פון אונזערע ברידער אין ירושלים. אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וועל איהם קענען געפינען. איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט פון איהם. פערשטעהסטו, צוליעב די טעמפּעל ריטער, קען זיך אברהם אבן עזרא גאַנץ אָפט ניט באַווייזען אין דרויסען. און דעריבער איז ער געווען געצוואונגען אויסצומיידען מיין הויז. אָבער איך האָף, אַז מיר וועט געלינגען איהם אויפצוזוכען, מאָרגען אין דער פריה, נאָכ'ן דאַוונען אין שוהל, וועל איך אויסרופען אויב אימיצער ווייס פילייכט פון א קרוב אָדער אַזוי א פריינד פון אברהם אבן עזרא, און עס איז גאַנץ מעגליך אַז אויף אַזאַ אופן וועל איך דערגעהן וואו ער געפינט זיך און איך וועל פערלאַנגען אַז ער זאָל וואָס שנעלער קומען אין מיין הויז. גיב מיר דעם בריעף און דערווייל וועסטו עפּעס צובייסען און זי אויסרוהען פון וועג.

יהודה הלוי האָט געהייסען זיין פרוי זי זאָל צוגרייטען שפּייז פאַר דעם גאַסט און א צימער זיך אויסצורוהען.

הדסה האָט געהאָלפען איהר מוטער אין קיך צוצוגרייטען די שפּייז פאַר דעם אורח.

— ער שיינט צו זיין א גאַנץ פיינער אײדעלער יונגערמאַן אָט דער שליח פון דעם רב. ווי עס ווייזט אויס קען ער גוט לערנען אויך. אויב ניט וואָלט דער רב פון ירושלים איהם ניט אויסגעקליבען פאַר זיין שליח — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען צו איהר טאָכטער.

— דער רב איז געווען אַזוי זיכער אַז מיר זיינען אַזוי בעפריינדעט מיט אברהם אבן עזרא'ן, אַז ער האָט זיין שליח געשיקט גלייך צו אונז אין הויז, און מיר האָבען נאָך אפילו זיין פּנים ניט אָנגעקוקט. אין טאָלעדאָ איז ער ביי אַלעמען בעוואוסט אַלס דער יונגער דיכטער און געלערנטער. אָבער אונזער הויז האָט ער נאָך קיינמאָל ניט בעזוכט, כאָטש ביי אונז פלעגען קומען די גרעסטע געלערנטע פון שפּאַניען און פון אַנדערע לענדער. איך קען עס ניט פאַרשטעהן. עפּעס א געהיימניס הילט איין אברהם אבן עזרא'ן — האָט הדסה זיך אָפּגערופען.

— דו זעהסט דאָך מיין טאָכטער אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל! — האָט די מוטער געבראָכען מיט די הענט. איך רייד שוין ניט פון דעם אַז אברהם אבן עזרא וואָלט געווען דער ערשטער אריינצוקומען צו אונז אין הויז נאָך דיין פאָטער'ס נדר. נאָר פאַרוואָס האָט דער שליח פון דעם ירושלים'ער רב, ניט געקענט קומען דער ערשטער. ווען ער וואָלט געקומען מיט עטליכע טעג פריהער. ער איז פילייכט ניט אַזוי שעהן און אָנציהענד ווי דער שנאָרער, איך מיין אברהם, אָבער אַמווייניגסטען איז ער געלערענט, און ער שטאַמט געווים פון א פיינע משפּחה. איז צו אונזער שלימזל דאַרף אָנקומען אָט דער עה...

— איך זעה דאָך מיין טאָכטער, אַז עס איז בעשערט פון גאָט, אַז די האָסט איהם אויך ליעב געקראָגען, אָבער ביז וואַנען ער וועט זיך עפּעס אויסלערנען וועלען גראָז וואַקסען אויף מיין קבר... נאָר זאָל דיר זיין מיט

גליק און מיט הצלחה. איך ווייס, אַז דו ביזט ווערט עפּעס בעסערס. דו ביזט אַ געהאָרכזאַם און טייערעס ,קינד, דו ווילסט אונז ניט מצער זיין זאָגסטו אַז דו האָסט איהם ליעב!

— איך גיב דיר מיין עהרען וואָרט, מוטער, אַז איך האָב איהם ליעב מיט מיין גאַנצער נשמה, און זעה אין איהם נאָבעלקייט און עהרליכקייט. איך זעה אין איהם אַזוינס וואָס קיין אַנדער פּערזאָן וועט פיליכט עס ניט זעהן. יע, איך האָב איהם ליעב מעהר ווי מיין אייגען לעבען!

די מוטער האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און געשוויגען. זי האָט מעהר וועגען דעם ניט געוואָלט ריידען. דער וועהטאָג און צער איז געווען גרויס... און וואָס וועט העלפען איהר ריידען? קיין ענדערונג קען דאָך אַלץ איינס ניט פּאַרקומען, היינט אין אָווענד וועט מען שרייבען תנאים. זאָל גאָט געבען אַז זי זאָל גליקליך זיין, כאָטש זי קען ניט פערשטעהן ווי אַזוי אַ פרוי וועט קענען גליקליך זיין פאַר אַזאַ מאַן וועלכער איז אַזאַ עם הארץ און דערצו נאָך אַזוי אָרעם...

פּלוצלונג איז יהודה הלוי מיט האָסט אַריינגעקומען אין קיך, אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטען דעם פּאַפּיער אויף וואָס זיין ליעד איז געווען אָנ־געשריבען. זיין פּנים האָט געשטראַהלט פון פרייד. זיינע אויגען האָבען געלויכטען. און ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פרוי און טאָכטער:

— זאָגט מיר ווער איז היינט דאָ געווען?!

— וואָס מיינסטו, ווער? האָסטו דען אַליין ניט גערעדט מיט דעם שליח פון רב!

— יע, איהם ווייס איך! אָבער אויסער איהם ווער איז דאָ געווען? ווער איז געווען אין מיין צימער?

— איך פאַרשטעה ניט וואָס דו רעדסט! ענטפער איהם די פרוי.

— איך וויל וויסען, צו אימיצער אַנדערש אַ חוץ דער שליח, איז היינט געווען ביי אונז אין הויז און איז אַריין אין מיין צימער, ווען איך בין דאָביי ניט געווען.

— ניין, פאָטער, קיינער איז אין דיין צימער ניט געווען... אויסער... מיין חתן, און ער קומט דאָך אין דיין צימער גאַנץ אָפט.

יע, וועגען איהם פרעג איך ניט! אָבער זאָגט מיר פיליכט איז אַ פרעמדער אַחער געקומען אויף אַ ווײלע.

— זאָג מיר שוין, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ! — איז זיין פרוי אומגעדולדיג געוואָרען — פעהלט דיר עפּעס? האָט מען עפּעס פון דיין צימער אַרויסגע׳גנב׳ט... איך וועל ניט זיין איבערראַשט אַז מען האָט דיר בע׳גנב׳עט. נאָך אַלעמען ווייסען מיר דאָך ניט ווער ער איז... ער איז געקומען אַ פרעמדער, אַן אָבגעריסענער, אַן אָפּגעשלאָסענער און יעצט איז ער גאָר פערלעבענט פאַר דעם חתן פון אונזער טאָכטער, ווער ווייס ווער ער איז?

— מוטער, איך בעט דיר דו זאָלסט אַזוי ניט ריידען פון איהם.

— טו ווער דען האָט דיין פאָטער בע׳גנב׳עט?

— ווער רעדט דאָ וועגען גנב׳ענען, דו נאַרישע אשה! — האָט רבי

יהודה הלוי אויסגערופען. — פּאַרקערט, אימיצער האָט נאָך עפּעס איבערגעלאָזען, אַן אוצר, אַ מתנה פאַר מיר.

די מוטער און די טאָכטער האָבען אויף איהם געוואָרפען בליקען פון ערשטוינונג.

— דו געדיינקסט האָך מיין טאָכטער אַז לעצטע וואָך האָב איך דיר געזאָגט וועגען אַ שיר וואָס איך האָב פאַרפאַסט לכבוד פורים לויט דעם אלף בית, און איך האָב בשום אופן ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיגען חרוז פאַר דעם אות "ר". איך האָב פון דעם געטראַכט און געטראַכט און מיר האָט זיך אַלץ ניט איינגעגעבען.

— יע, איך געדענק אַז דו האָסט מיר געזאָגט אַז ווען דו קענסט געפינען דעם גרויסען דיכטער אבן עזרא'ן, וואָלסטו זיך מיט איהם בעראַטהען.

— יע, אָבער קוק זיך צו צו דעם גרויסען וואונדער. איך נעהם איבערקוקען מיין ליעד, איך באַמערק אַז די שורה וואו דער אות „ר" דאַרף זיין איז אויסגעפילט און דערצו אַזאַ וואונדערבאַרען שעהנעם פערז אַז עס פּאַסט זיך אריין. מיין איבערראשונג איז געווען אַזוי גרויס אַז איך האָב מיינע אויגען ניט געגלויבט. זאָגט מיר פיעללייכט איז פּאַרט אימיצער דאָ געווען? איך וואָלט געשוואָרען, אַז בלויז אברהם אבן עזרא האָט געקענט צוטראַכטען אַזאַ פּאַסיגען חרוז.

— אָבער מיר זאָגען דאָך דיר אַז קיינער איז דאָ ניט געווען אויסער דער שליח און אברהם — האָט די פרוי זיך אָפּגערופען — עס איז גאַנץ מעגליך אַז דו אליין האָסט עס צוגעשריבען און נאכהער האָסטו פאַרגעסען.

— וואָס רעדסטו! ווי אַזוי וואָלט איך אַזאַ זאַך פאַרגעסען! איך האָב די גאַנצע נאַכט פון דעם געטראַכט און זיך ניט געקענט דערטראַכטען און אויסער דעם איז עס ניט מיין האַנטשריפט, סיידען אַ מלאך פון הימעל איז מיר צו הילף געקומען. דו זעהסט הדסה!

ער האָט איהר געוויזען דעם שיר און די צוגעשריבענע שורה.

— ווי וואונדערבאַר דער חרוז: "רצה האחד לשמור כפלים" איז צוגעפּאַסט צו מיין ליעד — האָט ער נאָך מיט מעהר ענטציקונג געזאָגט.

הדסה האָט גוט בעטראַכט די האַנדשריפט און זיך אָפּגערופען צו דער מוטער.

— יעדער איינער קען זעהן אַז דאָס איז ניט דעם פאָטער'ס האַנטשריפט.

— ווער האָט עס טאַקע געשריבען? — האָט שוין די מוטער זיך אויך געוואונדערט. — דער שליח איז דאָך אַליין אין צימער ניט געווען.

— אָה ניין, ער איז אַפילו ניט צוגעגאַנגען נאָהענט צו מיין טיש.

— פאָטער, ביי דיר געפינט זיך דאָך אַ בריעף וואָס אברהם אבן עזרא האָט צו דיר אַמאָל געשיקט. נעהם אַרויס יענעם בריעף און מיר וועלען זעהן פאַרגלייכען די האַנטשריפט.

— דו רעדסט נאַרישקייטען, מיין טאָכטער — האָט די מוטער אַ זאָג געטהאָן, דו ווייסט דאָך אַז אברהם אבן עזרא איז דאָ ניט געווען.

— פונדעסטוועגען וואָלט איך טאַקע פּרובירען פאַרגלייכען די האַנטשריפט! — האָט יהודה הלוי געזאָגט און איז גלייך אריין צו זיך אין צימער. זיין פרוי און טאָכטער האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

יהודה הלוי האָט אויפגעזוכט א בריעף וואָס אברהם אבן עזרא האָט איהם מיט א צייט צוריק צוגעשיקט און אלע צוזאמען האָבען זיי גענומען פאַרגלייכען די האַנטשריפטען.

— יע, עס איז די זעלבע האַנטשריפט! — האָט הדסה אויסגערופען.

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? עס איז ווירקליך אברהם אבן עזרא'ס האַנטשריפט! איך האָב עס גלייך געקענט זעהען ווי אזוי ער האָט ריכטיג צוגעטראָפען דעם חרוז אז בלויז די פעדער פון אזא דיכטער ווי אברהם אבן עזרא קען צופּאַסען אזא געלונגענעם חרוז צו א פרעמדען שיר.

— אָבער וואָס העלפען דיינע רייד און דיינע איבערצייגונגען אז אברהם אבן עזרא איז פאָרט ניט געווען אין אונזער הויז. איך דאַרף עס דאָך געוויס וויסען. איך בין פון הויז נאָך היינט ניט ארויסגעגאַנגען, און קיינער קען ניט אריין אין אונזער הויז אז איך זאָל ניט וויסען.

— אָבער ווער האָט עס געקענט אָנשרייבען מיט זיין האַנטשריפט?

— האָט יהודה הלוי אויסגערופען — קיינער ווערט איצט ניט לייקענען אז דאָס איז אברהם אבן עזרא'ס ארבייט. פיליכט האָט איהם אימיצער אנדערש פון הויז באַמערקט.

מען האָט אריינגערופען די דיענסט און זי געפרעגט אויב א פרעמדער איז אריין אין הויז אויסער דער שליח און ווען זי האָט געזאָגט "ניין", האָט יהודה הלוי געהייסען איהר אריינשיקען אברהם'ן.

— זאָג מיר, אברהם, פיעלייכט האָסטו געזעהן אברהם אבן עזרא'ן אין מיין צימער.

— יע, איך האָב איהם געזעהען. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם טיש און ער האָט איינגעטונקט די פעדער אין טינט און ער האָט עפּעס צוגעשריבען — האָט אברהם געזאָגט.

— און דו האָסט געזעהען א פרעמדען מאַן אריינקומענדיג אין דיזען צימער און האָסט קיין שכל ניט געהאַט געהן אונז אָנזאָגען? — האָט יהודה הלוי'ס פרוי זיך אָפּגערופען מיט א בייזע שטימע — וואָס וואָלט געווען אז ער וואָלט געווען א גנב און אלעס פון צימער ארויסגעטראָגען?

— איך קען איהם און איך ווייס אז ער איז ניט קיין גנב! — האָט אברהם א שמייכעל געטהאָן.

— אָבער פון וואַנען האָט ער געוואוסט גלייך צוצוגעהן צום טיש און אויספילען די שורה? — האָט זי זיך אלץ געוואונדערט — ווי אזוי האָט ער זיך דערפון דערוואוסט?

— ער האָט לעצטען אָוועטנד געהערט ווי רבי יהודה הלוי דערצעהלט הדסה'ן, וועגען דער שוועריגקייט צו געפינען א פּאַסיגען חרוז פאַר דעם אות "ר", האָט ער עס היינט אין דער פריה צוגעשטעלט.

— אָה פון דיר קען מען גאָר קיין טאָלק ניט דערגעהן! — האָט זיך די מוטער אָפּגערופען צו איהם — דו ווייסט ניט וואָס דו פּלוידערסט! ווי קומט ער צו הערען דעם געשפּרעך צווישען מיין מאַן און מיין טאָכטער?

איז ער שוין לעצטען אָוועגד אויך געווען דאָ אין צימער.

— געוויס איז ער געווען! — האָט אברהם נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט שמייכלען.

הדסה האָט אויסגעשטאַרטשעט איהרע אויגען און מיט ערשטוינענדע בליקען געמומען בעטראַכטען איהר חתן. זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איהם און אויסגערופען:

— זאָג מיר? ביזטו ניט אברהם אבן עזרא?

אברהם האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זיך אָפּגערופען:

— זאָל אזוי דיין מזל לייכטען, מיין ליעבע כלה, ווי דו האָסט געטראָפען.

— דו ביזט אברהם אבן עזרא? — האָט יהודה הלוי אויסגערופען.

— יע, דאָס בין איך! — האָט ער געענטפערט. — גאָט האָט מיר אין דעם ריכטיגען וועג געפיהרט — איך האָב דיין טאָכטער שוין לאַנג געליעבט, זינט איך האָב זי צום ערשטען מאָל דערזעהען.

הדסה און איהר מוטער זיינען געבליבען שטעהן ווי געפּלעפּטע.

— אָה, מיין גאָט! מיין גאָט! איך האָב געזינדיגט מיט מיינע ליפּען!

— האָט די מוטער אויסגערופען.

— אָה, מיין ליעבער! איז הדסה איהם נעפאַלען אויף'ן האַלז און באַדעקט מיט קושען.

— מיין ליעבע געטרייע כלה! — האָט אברהם אבן עזרא זי צו זיך געדריקט — ווי וואונדערבאַר זיינען גאָט'ס וועגען. — ער האָט פאַר מיר דעם וועג אָנגעצייכענט מיט אַ צייט צוריק.

— דו האָסט מיר נאַר וואָס געזאָגט — האָט יהודה הלוי זיך צו איהם אָפּגערופען נאָך אַ קליינע פּויזע — אַז דו האָסט מיין טאָכטער שוין לאַנג געליעבט זינט דו האָסט זי צום ערשטען מאָל דערזעהען. יעצט זאָג מיר ווען דו האָסט זי געזעהען פריהער און אונטער וועלכע אומשטאַנדען.

— איך האָב זי געזעהען יענע נאַכט ווען דער טעמפּעל ריטער רודאָלף האָט זי געוואָלט נעהמען געפאַנגען. איך האָב זי דאָך פון זיינע הענט געראַטעט.

— אָה, ביזטו דאָס געווען יענער יונגערמאַן וועלכער האָט מיר דאַן געראַטעט?! — האָט הדסה אויסגערופען און איהרע אויגען האָבען גליק געשטראַהלט.

— יע, דאָס בין איך געווען! — האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט. — איך האָב דאַן געקעמפּפט מיט רודאָלף'ן און גאָט האָט מיר געגעבען כוח און איך האָב איהם בייגעקומען.

— אָבער ווי קומט עס אַז דו זאָלסט אָנקומען אין דער ריכטיגער צייט?

— האָט יהודה הלוי איהם געפרעגט.

— איך האָב שוין דאָרטען, אויף יענעם פּלאַץ געוואַרט פיעללייכט איינינע שטונדען.

— האָסטו דען געוואוסט אַז מען וויל מיר שלעכטס טאָהן? — האָט הדסה איהם געפרעגט און אַ גליקליכער שמייכעל האָט זיך אויף איהר פּנים אויסגעגאָסען.

— יע, צופעליג האָב איך זיך אונטערגעהערט אַ געשפּרעך פון רו־דאָלף'ן און נאָך אַן אומבעקאַנטען פּערזאָן. זיי האָבען ביידע אָפּגערעדט, אַז נאָכדעם ווי דו וועסט זיך צוריקקעהרען פון דער קעניגינ'ס פּאַלאַץ זאָל ער, רודאָלף דיר פאַנגען און אוועקפיהרען אין דעם קלויסטער וואו דער גלח פּעטרוס געפינט זיך..

— און ווער איז געווען דער צווייטער פּערזאָן? — האָט יהודה הלוי איהם געפרעגט.

— דאָן האָב איך נאָך ניט געוואוסט ווער ער איז, אָבער נאָכהער האָב איך זיך דערוואוסט. ער איז אַ יונגערמאַן וועמען איהר אַלע קענט זעהר גוט.

— ווער קען עס זיין! — האָט די מוטער אויסגערופען ווען זי איז צו זיך געקומען פון דער פּלוצלינגער איבערראַשונג.

— דאָס איז אַרטהור, דער ברודער פון דער קעניגין!

— אַרטהור!! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען.

— יע, דאָס איז געווען אַרטהור, ער האָט מיט רודאָלף'ן געפּלאַנעוועט צו נעהמען הדסה'ן געפאַנגען און זי ברייגגען אין קלויסטער און דאָרטען זי צווינגען זיך צו שמד'ן, און אין דער זעלבער צייט דיך צווינגען דו זאָלסט נאָכגעבען די פאָדערונג פון די טעמפּעל ריטער.

— האָט ער דאָס גאָר געפּלאַנעוועט, דער פאַלשער, דער צבוע'ק! — האָט יהודה הלוי אויסגערופען — און פאַר מיר האָט ער זיך געמאַכט אַזוי אומשולדיג... יעצט פאַרשטעה איך שוין פאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט איך זאָל דעם קעניג דערצעהלען, אַז רודאָלף האָט געמאַכט אַ פּערזוך צו נעהמען הדסה'ן געפאַנגען. ער האָט מורא געהאַט, אַז רודאָלף זאָל ניט אַרויפוואַרפען די שולד אויף איהם.

— און דו ביזט עס געווען מיין רעטער! — האָט הדסה זיך אָפּגע־רופען — פון דיר האָב איך די גאַנצע צייט געטרוימט — איך האָב דיין פּנים ניט געזעהען אין דער פינסטערניס, דאָך האָב איך אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר. טאָג און נאַכט האָב איך פון דיר געטראַכט. איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס דו קומסט ניט... און יעצט האָט דיך גאָט צו מיר געשיקט אויף אַזאַ זאָנדערבאַרען אופן!

— איך האָף, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין! — האָט זיך הדסה'ס מוטער פאַנאַנדערגעוויינט פון פרייד — איך האָב דיך די גאַנצע צייט זעהר שלעכט בעהאַנדעלט — איך בין געווען אַזוי אומגליקליך, און יעצט איז צו מיין גליק קיין גרעניץ ניטאָ!

— ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלען, אַז אברהם אבן עזרא זאָל זיין מיין איידעם! — האָט רבי יהודה הלוי געזאָגט — איז דען דאָס ניט קיין בעוויז, אַז שידוכים ווערען פאָראויס באַשטימט אין הימעל.

— איצט וועלען מיר מאַכען אַ גרויסען מאַלצייט צו די תנאים! — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען — מיר וועלען איינלאַדען אַלע אונזערע גוטע פריינד און קרובים.

— דאָס וועלען מיר טאָהן צו דער חתונה! — האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט, — דערווייל וועט זיין אַ סך בעסער, אַז מיר וועלען עס

האַלטען בסוד. איך וועל אויף מאָרגען פון דאַנען אַפּרייזען נאָך רוים, ווייל דער רב פון ירושלים האָט נאָך מיר געשיקט. איך האָב אויך איהם זעהר אַ גרויסע זאַך צו ענטדעקען.

— אַה, איך בעט דיר, אברהם, דערצעהל אונז וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם רב פון ירושלים.

— פריהער האָט דער רב, רבי שמעון געוואָהנט אין דער שטאָדט מאינץ. דאָרטען האָט מען פון איהם אוועקגע׳גנב׳עט זיין קליין קינד, אַ זוהן פון אַ יאָהר פינף. זינט דאַן האָט ער פון איהם ניט געהערט. איך האָב אויסגעפונען אַז זיין זוהן אלחנן געפינט זיך ביי דעם פירשט פון וואַלענסיע, וועלכער האָט איהם אַדאָפּטירט פאַר זיין אייגען זוהן און ער רופט זיך יאָהאַן. ווען איך בין אין ירושלים געוועזען האָב איך איהם ניט געוואָלט זאָגען, ווייל ווי איך האָב אויסגעפונען, שטודירט יאָהאַן פאַר אַ גייסטליכען און דאָס וואָלט זעהר שלעכט געווירקט אויף רבי שמעון׳ען. איך האָב דאַריבער באַשלאָסען זיך פריהער צו זעהן מיט יאָהאַן, מיט וועמען איך האָב זיך זעהר בעפריינדעט. איך האָב געהאַט אין זינען איהם אַלעס צו דערצעהלען און נאָכהער איהם צוזאַמענברענגען מיט זיין פאָטער. איך האָב אויך געהאָפט, אַז דורך איהם און דורך דעם פירסט פון וואַלענסיע וועל איך קענען קריגען אַ טובה ביי דעם פאַפּסט פון רוים ער זאָל מבטל זיין די גזרה פון בישאָף פון ירושלים, אָבער צו מיין באַדויערען ווען איך בין צוליעב דעם צוועק אָנגעקומען אין וואַלענסיע האָב איך שוין יאָהאַנ׳ען דאָרטען ניט געטראָפען. דער פירשט האָט מיר געזאָגט אַז ער וואַנדערט אַרום איבער דער וועלט פאַר צוויי יאָהר צייט, אָבער איך פאַר־דעכטיג, אַז יאָהאַן געפינט זיך אין רוים. איך האָף, אַז איך וועל איהם דאָרטען געפינען און פון איהם פערלאַנגען ער זאָל זיך פאַר אונז משתדל זיין פאַר דעם פאַפּסט ער זאָל טאָהן אַ חסד מיט דער קהלה פון ירושלים, און יעצט, אַז דער רב געפינט זיך אין רוים, וועל איך אהין אויך געהן, ווייל דאָס פערלאַנגט ער דאָך פון מיר. פיליכט וועט גאָט שיקען זיין הילף דורך אונז.

יהודה הלוי האָט איהם גלייך איבערגעבען דעם בריעף וואָס דער שליח האָט איהם נעגעבען און אברהם אבן עזרא האָט איהם דורכגעלייענט אין דער הויף פאַר אַלעמען.

— איך וועל גלייך אויף אויף מאָרגען אַפּרייזען מיט דעם שליח קיין רוים — האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט.

— פיליכט וועסטו נאָך קענען פאַרבלייבען איינינע טעג! — האָט די מוטער זיך צו איהם אָפּגערופען, ווען זי האָט געזעהען די טרערען אין איהר טאָכטער׳ס אויגען — אונזער שמחה איז דאָך אַזוי גרויס און זי וועט פאַרשטערט ווערען מיט דיין פּלוצלינגען אַפּרייזען פון דאַנען.

— איך טאָר קיין צייט ניט פאַרלירען, אַ גאַנצע קהילה אידען איז אין גרויס געפאַהר, און עס איז אונזער פליכט צו פאַרגעסען אָן זיך און צו טאָהן אַלעס וואָס איז מעגליך זיי פון דער סכנה אַרויסצונעהמען. איך וועל זאָגען דעם שליח, אַז איך בין גרייט מאָרגען פון דאַנען אָפּצורייזען מיט איהם.

אין דעם זעלבען אָבענד האָט מען געשריבען תנאים אין יהודה הלוי׳ס הויז צווישען הדסה׳ן און אברהם אבן עזרא. בלויז איניגע גאָר נאָהענטע פריינד זיינען געווען אנוועזענד, און אויך זיי האָט מען דערווייל ניט אויסגעזאָגט ווער דער חתן איז. אפילו די דינסט האָט קיין שום אהנונג ניט געהאַט וואָס דאָ קומט פאָר. אויף מאָרגען גאַנץ פריה, ווען ער האָט מיט דעם יונג אָפּגערייזט נאָך רוים, האָט די דינסט פון דעם ניט געוואוסט, ווייל זי האָט נאָך געשלאָפען.

זי האָט בלויז געוואוסט, אַז דער פרעמדער אָרימער יונג איז געוואָרען דער חתן פון איהר ווירטהין. אין הארצען האָט עס איהר שטאַרק פאַרדראָסען. זי האָט ניט געקענט פאַרשטעהן ווי אַזוי די שעהנע און גוטהערציגע הדסה זאָל איינוויליגען צו ווערען אַ כלה פאַר אַזאַ שנאָרער. זי האָט געוואוסט, אַז אַרטהור, דער יונגער העלדישער מיניסטער און ברודער פון דער קעניגין איז שטאַרק פאַרליעבט אין הדסה׳ן. ער פלעגט זעהר אָפט אַריינקומען אין הויז צוליעב איהר. ווי אַזוי האָט זי איהם פאַרביטען אויף דעם פרעמדען? ווען אַרטהור פלעגט קומען, פלעגט ער גאַנץ אָפט איהר געבען אַ מטבע אין האַנט, כדי זי זאָל איהם זאָגען דעם אמת, אויב הדסה געפינט זיך אין הויז, וואָס אָבער קען זי ערוואַרטען פון אָט דעם קבצן?

דאריבער איז די דינסט געווען זעהר איבערראַשט, ווען זי איז געגאַנגען עפּעס איינקויפען אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ און זי איז אָפּגעשטעלט געוואָרען ביי אַרטהור׳ן.

— זאָג מיר, וואָס מאַכט הדסה? ווערט זי טאַקע הייראַטהען מיט דעם דעם פרעמדען מאַן, וועמען איך האָב געזעהן אין איהר הויז? — האָט אַרטהור זי געפרעגט און איהר דערלאַנגט אַ גאָלדענע מטבע.

— געוויס געהט זי איהם הייראַטהען! — האָט די דינסט געזאָגט מיט אַ שמייכעל — נעכטען אין אָווענד האָט מען געשריבען תנאים און דער אָרימער יונג איז געוואָרען הדסה׳ס חתן.

— זאָג מיר, איך בעט דיר, ווייסטו פיללייכט ווער דער חתן איז? — האָט אַרטהור איהר ווייטער געפרעגט.

— איך ווייס מעהר ניט, אַז ער איז אַ פרעמדער, אַז ער איז אהער געקומען אין צוריסענע קליידער מיט אַ טאָרבע אויף זיין פּלייצע און ער האָט געוואָלט אַ נדבה. אָבער אנשטאַט איהם צו געבען אַ נדבה, האָט מען איהם געגעבען אנדערע קליידער. און ווי איך פאַרשטעה, איז ער אויך זעהר אומוויסענד און רבי יהודה הלוי האָט מיט איהם פּרובירט לערנען אָבער זיין קאָפּ פאַרנעהמט גאָרניט.

— און ווי איז זיין נאָמען?

— מען רופט איהם אברהם!

אַרטהור איז זעהר שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען ווען ער האָט עס דערהערט, אָבער ער האָט זיך בעהערשט. ער האָט ניט געוואָלט אַרויסציינען פאַר דער דינסט, אַז ער נעהמט זיך צום האַרצען, און ער האָט זיך געמאַכט ווי ער איז אין גאַנצען גלייכגילטיג צו דער זאַך.

— דו דאַרפסט קיינעם ניט דערצעהלען, אַז איך האָב מיט דיר גערעדט! — האָט ער איהר אָנגעזאָגט, — און ווען איך וועל פון דיר קענען

ארויסקריגען מעהרערע אויסקינפטע, וועל איך דיר געבען אַ גרעסערע בעלוינונג. זאָג מיר, ווייסטו פיעלייכט, צו וועלכער צייט איהר חתן געהט ארויס פון הויז... המ... איך פרעג דאָס דיר, צוליעב דעם וואָס איך וואָלט זיך זעהר געוואָלט זעהן מיט הדסה'ן בלויז איין מאָל און איך וואָלט וועלען אויסמאַקירען ווען אברהם איז נישטאָ אין הויז.

— ער געהט זעהר זעלטען ארויס פון הויז! — האָט די דינסט געזאָגט.

— גלויבסטו, אַז ווען אימיצער זאָל קומען איהם ארויסרופען אויף אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך אַרטהור געזעהן מיט רודאָלף'ן.

— ווען ער זאָל איהם אָנרופען ביי זיין נאָמען, גלויב איך, אַז ער וואָלט ארויסגעגאנגען — האָט זי געזאָגט.

אַרטהור האָט איהר ווידער אָנגעזאָגט זי זאָל קיינעם ניט דערצעהלען וואָס ער האָט מיט איהר גערעדט און איז אוועקגעגאנגען. זיין בלוט האָט אין איהם געזאָדטען. זי, די שעהנע הדסה, האָט איהם פאַרביטען אויף אַ פרעמדען, אומוויסענדען שנאָרער! ניין, ער וועט עס ניט צולאָזען. יעצט זעהט ער, אַז הדסה איז געווען ערנסט, ווען זי האָט איהם אָנגעצייגט אויף דעם פרעמדען אלס איהר חתן. אָבער ער וועט ניט שווייגען, ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט דעם פרעמדען. ער וועט איהם אָפּראַמען פון וועג. קיינער וועט אפילו ניט וויסען וואו ער איז אהינגעקומען...

אַ ווײַלע שעטער האָט זיך ארטהור געזעהן מיט רודאלף'ן.

— איך האָב מיט דיר צו רעדען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין — האָט ארטהור זיך אָפּגערופען צו רודאָלפ'ן, — און אויב דו וועסט עס דורכפיהרען פאַר מיר, וועל איך דיר ניט נאָר פערזענליך בעלוינען, אָבער איך וועל זעהן זיך בעמיהען, אַז די פאָדערונג פון דעם טעמפּעל אָרדען זאָל נאָכגעגעבען ווערען. איך האָב זיך ארויסגעוויזען אלס גוטער פריינד צו יהודה הלוי'ן. איך האָב זיך ניט געוואָלט געגענשטעלען זיינע עצות, ווייל איך האָב נאָך אלץ געהאָפט, אַז ער וועט צושטימען מיר אָפּצוגעבען זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי. יעצט אָבער, האָב איך אויסגעפונען, אַז הדסה איז געוואָרען די כלה פון אַ פרעמדען אונוויכטיגען אָרימען יונג. איך האָב אָבער באַשלאָסען עס ניט צו דערלאָזען, אפילו ווען איך זאָל זי אלץ ניט קריגען, וועל איך אָבער ניט דערלאָזען, אַז זי זאָל הייראטען מיט יענעם פרעמדען... איך וויל אַז דו זאָלסט מיר העלפען.

— וואָס קען איך טאָהן? — דו ווייסט דאָך, אַז זינט דאָן קום איך דאָך אפילו ניט אריין אין דער גאַס, וואו יהודה הלוי'ס הויז געפינט זיך.

— דו און דיין טעמפּעל־ריטער וועלען האָבען די מעגליכקייט איהם אָפּצוראַמען פון וועג. און איך וועל אייך אלעמען באַלוינען און דערצו וועל איך זעהן, אַז דו וועסט צוריקגעווינען דעם קעניג'ס צוטרויען און רעספּעקט. איך וועל דיר בעהילפיג זיין. איך וועל זיך אויך דורכריידען מיט מיין שוועסטער און אויך זי וועט בעאיינפלוסען דעם קעניג פאַר דיין טובה־וועגען. און אויב דו וועסט באַשליסען צו פערבלייבען אין טאָלעדאָ, וועל איך שוין זעהן, אַז דו זאָלסט קריגען אַ געהויבענעם אמט אין דער מלוכה... איך טראָג זיך ארום מיט פאַרשידענע פּלענער. מעגליך, אַז איך

וועל דיך מאַכען פאַר אַ מיניסטער!... איך מיין, עה... ארטהור האָט זיך עטוואָס דערשראָקען פאַר זיינע אייגענע רייד... עס האָט זיך עפּעס פון זיין צונג ארויסגעכאַפּט. אָבער עס איז שוין פּאַפּאַלען... ער וועט איהם מוזען אַלעס פערטרויען.

— איך וויל דיר אַ סוד ענטדעקען — און איך פאַרזיכער דיר, אַז דו ביזט דער איינציגער פּערזאָן, אויסער מיין שוועסטער, וועלכער וועט דערפון וויסען. אָבער איידער איך דערצעהל דיר, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר צו־שווערען ביי דעם היילינען קרייץ, אַז דו וועסט וועגען דעם צו קיינעם ניט ריידען.

— איך שווער! — האָט רודאָלף אויסגערופען, זייענדיג זעהר נייגיעריג צו וויסען וואָס ארטהור'ס סוד איז. — אָבער דו וועסט אויך מוזען האַלטען דיין פאַרשפּרעכען.

— עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך וועל אַלעס טאָהן פאַר דיר וואָס איך פאַרשפּרעך דיר. דו מעגסט יעצט וויסען, אַז מיין שוועסטער, די קעניגען, איז זעהר אומצופרידען מיט דעם קעניג. זי האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז ווען די גינסטיגע צייט וועט קומען וועט זי מיר העלפען פערכאַפּען דעם טראָהן. אַלע וויסען, אַז איך בין קליגער און מעהר ווירדיג צו זיין דער קעניג פון שפּאַניען. יעצט קענסטו שוין פאַרשטעהן וואָס דיר ערוואַרט, ווען איך וועל ארייַנקריגען די הערשאַפט אין מיינע הענט.

— יעצט, זאָג מיר וואָס איך דאַרף טאָהן! — האָט רודאָלף זיך אָפּ־גערופען — איך האָף אַז דיין וואונש זאָל ערפילט ווערען, דאַן ווייס איך אַז אויך מיין וואונש און דער וואונש פון דעם טעמפּעל אָרדען, וועלען ערפילט ווערען.

— דו און אייניגע פון דיינע טעמפּעל־ריטער פריינד וועלען אָפּ־וואַרטען אין אַ געוויסען פּלאַץ, דו וועסט צושיקען אימיצען צו יהודה הלוי'ס הויז ער זאָל ארויסרופען אברהם. ער וועט איהם זאָגען, אַז אי־מיצער וויל איהם זעהן. דער שליח וועט איהם צופיהרען צו דעם פּלאַץ, און דו וועסט שוין זעהן, אַז ער זאָל זיך מעהר ניט צוריקקעהרען. דו פאַרשטעהסט. אַלע שפּורען וועלען אָפּגעווישט ווערען... און איך וועל פּטור ווערען פון איהם.

— איך פאַרשטעה! — האָט רודאָלף געזאָגט — איך בין גרייט צו טאָהן אַלעס וואָס דו זאָגסט מיר. ווען זאָל איך זיין גרייט?

— מאָרגען נאַכמיטאַג! דערווייל וועסטו זיין גרייט מיט דיינע פריינד. זעה אָבער צו זיין זעהר פאָרזיכטיג, אַז ער זאָל זיך ניט ארויס־דרעהען פון דיינע הענט... ווי דו האָסט עס געטאָהן דאַן מיט הדסה'ן. דו מוזט ביי זיך האָבען וואָפען. און ווי נאָר ער וועט צוקומען זאָלט איהר איהם בעפאַלען און טויטען און זיין קערפּער ארייַנוואַרפען אין דער־בייאינגען טייך.

— אויב ער זאָל נאָר צוקומען צו אונז, וועט ער שוין פון מיינע הענט קיין לעבעדיגער ניט ארויס! — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען — איך וועל זיך שעצען גליקליך עפּעס צו טאָהן פאַר דעם צוקונפטיגען קעניג פון שפּאַניען.

— ששש... ניט אזוי הויך! — האָט ארטהור זיך אָפּגערופען מיט צופרידענהייט — איך וועל שוין זעהן, אז דו זאָלסט בעקומען א גרויסע בעלוינונג... און דער טעמפּעל ארדען וועט זיך קענען בעפעסטיגען אין אונזער לאַנד! איך וועל שיקען א יונגען מאַן. דו זאָלסט איהם זאָגען ווי צו האַנדלען, ווי אזוי ארויסצולויערען אברהם׳ן פון יהודה הלוי׳ס הויז.

—איך וועל שוין געפינען אַן אויסרייד. איך וועל דעם יונג הייסען איהם זאָגען, אז א וויכטיגער רבי פון אַן אנדער שטאָדט וויל זיך מיט איהם זעהן. איך בין זיכער, אז ער וועט ארויסקומען און דאַן וועט זיין האַלז פערזוכען דעם טעם פון מיין שווערד.

— דו וועסט דאַרפען זעהן אָפּצואווישען אלע שפּורען פון בלוט, ווייל ווי איך פערשטעה, וועט יהודה הלוי געוויס הייסען מאַכען אַן אונטערזוכונג, און דעריבער וועסטו דאַרפען זעהר פאָרזיכטיג זיין ניט איבערצולאָזען קיין שפּורען.

ער וועט זיין ניט דער ערשטער איד וועמען איך האָב שוין פון וועג אָפּגעראַמט! — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען צו ארטהור׳ן — ווען איך און די איבעריגע טעמפּעל ריטער פלעגען זיך אָנטרעפען מיט א אידען פלעגט ער קיין לעבעדיגער ניט ארויס פון מיינע הענט. איך דערמאָן זיך יעצט, אז ווען מיר האָבען געמאַכט אונזער ערשטע רייזע נאָך שפּאַניען, האָבען מיר אויפ׳ן וועג געטראָפען א אידישען בעטלער, מיר האָבען איהם שוין געוואָלט פארטיג מאַכען. מיר האָבען געהאַט צוגעגרייט א פייער איהם צו פאַרברענען. אָבער צו דעם בעטלער׳ס גליק זיינען פּלוצלונג אָנגעקומען צוויי פרעמדע און איינער פון זיי איז געווען א קריסטליכער גייסטליכער און זיי האָבען איהם געראַטעוועט פון אונזערע הענט. ביז היינטיגען טאָג פאַרדריסט מיר וואָס מיר האָבען זיך געלאָזען איבערריידען פון דעם גייסטליכען און אָפּגעלאָזען דעם אידישען בעטלער. און יעצט קענסטו רוהיג זיין אז אָט דער אברהם וועט שוין בעצאָהלען אויך פאַר איהם. ער וועט זיך שוין פון זיינע הענט ניט אַרויסדרעהען.

ארטהור האָט צוגעשיקט א יונג צו רודאָלף׳ן און איהם האָט עס רודאָלף געשיקט צו יהודה הלוי׳ס הויז. ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זעהן ארויסקומען מיט אברהם׳ן און ער זאָל מיט איהם צוקומען צו דעם בעשטימטען פּלאַץ. ער האָט איהם אָנגעזאָגט ווי אזוי צו ריידען צו איהם און וואָס צו זאָגען.

— ווען דו וועסט אַלעס פּינקטליך דורכפיהרען וועסטו ניט נאָר בעקומען א גוטע בעלוינונג פון ארטהור׳ן, נאָר איך וועל דיר גוט בעפרידיגען.

רודאָלף׳ס און דריי פון זיינע טעמפּעל ריטער האָבען אויף מאָרגען נאָך מיטאָג זיך אָפּגעשטעלט אין א זייטיגער איינזאַמער געסעל. זיי זיינען געווען גוט בעוואָפענט. דעם יונג האָט רודאָלף׳ן אָנגעזאָגט, אז ער זאָל קיינעם, אויסער אברהם׳ן ניט אָנצייגען דעם פּלאַץ וואו זיי געפינען זיך.

דער יונג איז אוועק צו יהודה הלוי׳ס הויז און זיך נאָכגעפרעגט אויף אברהם׳ן. גראָדע האָט ער אָנגעטראָפען יהודה הלוי׳ן אליין.

—וואָס פערלאַנגסטו? — האָט איהם יהודה הלוי געפרעגט.

— איך בין געשיקט געוואָרען צו רופען דעם מאַן, וועלכער רופט זיך אברהם און ער געפינט זיך אין דיין הויז.

— ווער האָט דיר געשיקט? — האָט יהודה הלוי ווידער געפרעגט.

— א הייליגער איד. ער געפינט זיך ערגעץ וואו ניט ווייט פון דאַנען, ער האָט מיר אָבער געבעטען איך זאָל ניט אויסזאָגען וואו ער געפינט זיך יעצט, אז ניט וועט ער מיר פאַר זיין טרחה ניט בעלוינען.

— האָט ער דיר מיטגעגעבען א בריעף אָדער א צעטעל?

— ניין. ער האָט מיר געהייסען איהם צופיהרען צו דעם פּלאַץ, און דאָן וועט ער מיר בעצאָהלען פאַר מיין טרחה.

— אברהם געפינט זיך דאָ אין הויז! — האָט יהודה הלוי געענטפערט

— אָבער ער איז גראָדע ארויס אויף א קורצע ווייל, ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען אין אָוונד, וועט ער זיכער מיט דיר מיטגעהן.

— דער יונג איז אוועק און איבערגעגעבען רודאָלף'ס, אז אברהם איז גראָדע צו־הויז ניט געווען און אז ער וועט זיך אומקעהרען אין אָוונד.

— נו, וועסט מוזען ווידער אמאָל געהן אין אָוונד! — האָט רו־דאָלף זיך אָבגערופען — מיר וועלען יעצט געהן אהיים און זיך אומקערען אין אָוונד אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

רבי יהודה הלוי האָט גלייך געגומען עפּעס פערדעכטיגען. ער האָט געוואוסט, אז ווען ער וועט אליין נעהמען אויספאָרשען פון דעם יונג, וועט ער פון איהם גאָרניט ארויסקריגען. ער האָט דאריבער דערצעהלט זיין פרוי און טאָכטער וועגען זיין פערדאכט, אז ארטהור האָט דאמיט צו טאָהן.

— איך וועל זעהן, אז אין מיין הויז זאָלען קומען עטליכע באוואָפענטע פּאָליציסטען — האָט ער געזאָגט — און ווען דער יונג וועט זעהן די פּאָ־ליציי וועט ער שוין אָנצייגען אויף די וועלכע האָבען איהם געשיקט.

יהודה הלוי האָט ניט פּאַרלאָרען קיין רגע, ער איז גלייך אוועק צו דער פּאָליציי און געהייסען שיקען אין זיין הויז עטליכע בעוואָפענטע פּאָלי־ציסטען.

א קורצע ווייל נאָכדעם ווי יהודה הלוי האָט זיך צוריקגעקערט צו זיך אין הויז, זיינען אָנגעקומען פינף פּאָליציי בעאמטע, און זיי האָבען געוואַרט אין א בעזונדערען צימער.

ווען דער אָוועגט איז געקומען, האָט זיך דערזעלבער יונג בעוויזען.

— אָה, דו ווילסט זיך זעהן מיט אברהם'ן — האָט יהודה הלוי זיך צו איהם געווענדעט — געה אריין אין יענעם צימער דאָרטען וועסטו איהם געפינען.

אזוי שנעל ווי ער איז דאָרטען אריינגעקומען האָט די פּאָליציי איהם ארעסטירט.

יהודה הלוי זיין פרוי און הדסה זיינען באלד אריינגעקומען אין צימער.

דער יונג האָט זיך פון דער פּלוצלינגער אויפנאַהמע אזוי צושראָקען אז ער האָט גענומען פּלאָנטערען מיט זיין צונג און ניט געגעבען קיין ריכטיגען אנטוואָרט אויף די פראַגען וואָס די פּאָליציי בעאמטע האָבען איהם געשטעלט.

— אויב דו וועסט ניט אויסזאָגען דעם אמת — וועסטו ערגער

מאכען! — האָט איינער פון די פּאָליציי זיך צו איהם אָפּגערופען מיט א שטרענגע שטימע — דו ווערסט בעצאָהלען די פולע שטראָף! — זאָג מיר ווער האָט דיך געשיקט רופען אברהם'ן?

— ארטהור, איך מיין רודאָלף! — האָט דער יונג מיט שרעק זיך אָפּגערופען.

— דערצעהל אונז אלעס! — האָט איהם דער פּאָליציסט בעפוילען.

— ארטהור האָט מיר געשיקט צו רודאָלף'ן און רודאָלף האָט מיר געשיקט אהער איהם רופען. ער האָט מיר געהייסען איהם צופיהרען צו א פּלאַץ וואו ער און זיינע מענשען וואַרטען.

— דו ווערסט אונז בעווייזען וואו דער פּלאַץ איז! — האָט יהודה הלוי זיך צו איהם אָפּגערופען.

— איך האָב מורא אַז זיי וועלען מיר בעשטראָפען! — האָט דער יונג אויסגערופען און האָט זיך געטרייסעלט פון שרעק.

— שרעק זיך נישט, דו ווערסט בעשיצט ווערען! — האָט איהם א פּאָליציסט געזאָגט. דו פיהר אונז אהין.

דער יונג האָט געפיהרט די פינף פּאָליציי-לייט און יהודה הלוי צו דעם פּלאַץ.

— אָט דאָרטען געפינען זיי זיך! זיי זיינען אָבער בעוואפענט — האָט דער יונג זיי געוואָרענט.

זיי האָבען ארויסגעצויגען די שווערדען און זיך שנעל א לאָז געטאָן צו יענעם פּלאַץ. יהודה הלוי מיט דעם יונג זיינען געבליבען שטעהן עטוואָס פון דער ווייטען.

עס האָט זיך געהערט א גערויש און א געשריי. רודאָלף און זיינע דריי ארויסהעלפער האָבען געמאַכט א פּערזוך זיך געגענצושטעלען, אָבער זיי זיינען באַלד ענטוואפענט געוואָרען.

— דו ווערסט דיין שטראָף בעקומען! האָט רבי יהודה הלוי זיך צו איהם אָפּגערופען — ארטהור האָט אונז געלאָזט וויסען וועגען דיין פּלאַן.

יהודה הלוי האָט עס בכיון געזאָגט ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ארטהור איז פערבונדען מיט איהם, און דורך דעם וועט ער פון איהם ארויסקריגען דעם אמת. ער האָט זיך טאַקע ניט גענאַרט. אזוי שנעל ווי רודאָלף האָט עס דערהערט, איז ער אזוי אויפגערעגט געוואָרען אויף ארטהור'ן. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ארטהור האָט ווירקליך פאַר איהם פאַרשפּרייט א נעץ.

— איך וועל איהם ציינען! ער איז אין גאַנצען שולדיג! — האָט רודאָלף אויסגערופען — ער האָט אליין אלעס געפּלאַנעוועט. איך האָב נאָך זעהר וויכטיגעס צו דערצעהלען פאַר דעם קעניג... ער איז א פערראַטער! ער וויל אויך פערכאַפּען די מלוכה!

יהודה הלוי האָט א וואונק געטאָן אַז זיי זאָלען אוועקפיהרען רודאָלף'ן, זיינע בעגלייטער און דעם שליח אין דער געפענגעניש וואָס געפינט זיך אין דעם קעניגליכען הויף.

זיי האָבען אזוי געטאָן און יהודה הלוי איז מיט זיי אהינגעגאַנגען. ער איז אריין אין פּאַלאַץ און זיך געלאָזט מעלדען צו דעם קעניג.

דער קעניג האָט געהייסען יהודה הלוי'ן אריינקומען. ער איז אריין אין פּאלאַץ און זיך געלאָזט מעלדען צו דעם קעניג.

דער קעניג האָט געהייסען יהודה הלוי'ן אריינקומען. ער איז אריין און זיך פאַרנייגט פאַר דעם קעניג און קעניגין, וועלכע איז דאָרט גראדע געוועזן.

— אז דו קומסט צו מיר אין דיזער צייט, האָט געוויס עפּעס וויכטי־געס פּאסירט! — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען.

יע, מיין האר קעניג, גאנץ וויכטיגעס האָט פּאסירט. איך גלויב, אז עס האנדעלט זיך אין הויך פערראטה. נאָר וואָס האָט מען ארעסטירט רו־דאָלף'ן. ער האָט ווידער געפּלאַנעוועט צו טאָן שלעכטס צו מיין משפּחה, אָבער ווען עס וואָלט זיך געהאנדעלט וועגען מיין משפּחה אליין, וואָלט איך יעצט ניט געקומען בעלעסטיגען דעם קעניג. ער האָט זיך גלייך מודה געוועזן אז אימיצער אנדערש איז מיט איהם פערבונדען, און יענער פּלאַ־נעוועט שלעכטס אויך געגען קעניג.

— אָבער, ווער איז ער! האָט דער קעניג אויסגערופען.

— דער ארעסטירטער רודאָלף וועט באַלד דעם קעניג אַלעס דער־צעהלען! ער געפינט זיך אין געפענגניש פון דעם קעניגליכען הויף. אויב דער קעניג וויל איהם יעצט אויספרעגען זאָל ער איהם הייסען גלייך אריינ־שיקען.

דער קעניג האָט אזוי געטאָן און מען האָט פאַר איהם געבראכט רו־דאָלף'ן, וועלכער האָט געציטערט ווי א בלאַט.

— דו פעררעטהער! — האָט דער קעניג אויף איהם א געשריי געטאָן!

— איך האָב מיט דיר חסד געטאָן, און דיך געלאָזען ארומגעהן פראנק און פריי אין מיין לאַנד און דו ווילסט מיר שלעכטס טאָן!

— אָה, ניין, מיין האר קעניג! איך בין ניט שולדיג! ארטהור האָט מיר צונעערעדט צו אלעס.

— ארטהור? ! מיין ברודער ארטהור! — האָט די קעניגין גע־זאָגט — וואָס אזוינס האָט ער געזאָגט?

— ער האָט מיר צוגעשוואָרען איך זאָל ניט אויסזאָגען, אָבער אז ער האָט מיר פערראטהען, וועל איך טאָן דאָס זעלבע צו איהם! — האָט רו־דאָלף געזאָגט—ער האָט מיר ענטדעקט א סוד, אז ער פּלאַנעוועט צו פער־כאַפּען די קרוין!

— אָה, דער נידערטרעכטיגער יונג! — האָט די קעניגין אויסגערופען מיט צאָרן אין זיך ווענדענדיג צו קעניג האָט זי צוגעגעבען מיט כעס:

— אויב דאָס וועט זיך ארויסצייגען צו זיין ריכטיג זאָלסטו איהם געבען די הארבסטע שטראָף.

— דערצעהל מיר אלעס וואָס ער האָט דיר געזאָגט! — האָט דער קעניג איהם בעפוילען.

— ער האָט מיר געזאָגט, אז זיין שוועסטער איז ניט צופרידען מיט דעם קעניג און זי האָט מיט איהם אָפּגעמאַכט איהם צו העלפען פערכאַ־פּען דעם טראָהן. ער האָט אויך געזאָגט אז אלע ווייסען אז ער איז קלינער און מעהר ווירדיג צו זיין "דער קעניג פון שפּאַניען!"

— דער אומוווירדיגער ליגנער! — איז דער קעניגינ'ס צאָרן נאָך שטאַרקער געוואָרען. זאָל ער וואָס שנעלער געבראַכט ווערען אהער, און אויב עס וועט זיך ארויסצייגען, אז עס איז אמת, אז ער האָט אזוי גע־רעדט, פערלאַנג איך אז ער זאָל בעשטראָפט ווערען מיט דעם טויט.

— דער קעניג האָט בעפוילען אז מען זאָל גלייך אויפזוכען ארטהור'ן און איהם ברייננגען אהער.

רודאָלף האָט יעצט דערצעהלט דעם גאנצען פּלאַן פון ארטהור'ן. ער האָט אויך דערצעהלט ווי אזוי ער האָט איהם צום ערשטען מאָל געהייסען פאַנגען די טאָכטער פון יהודה הלוי.

— דאָס האָב איך זיך דערוואוסט פון אן אנדער קוועלע, און איך בין זיכער, אז עס איז אמת — האָט יהודה הלוי צוגעגעבען.

באַלד איז ארטהור געבראַכט געוואָרען צום קעניג און ווען ער האָט אין פּאַלאַץ באַמערקט רודאָלף'ן און יהודה הלוי'ן, האָט ער פארשטאַנען, אז רודאָלף איז דורכגעפאַלען און ער האָט זיך מודה געווען. ארטהור האָט באַשלאָסען אלעס צו לייקענען. ער האָט זיך א נייג געטהאָן פאר'ן קעניג.

— איך קען ניט פארשטעהן די באַדייטונג פון דיזער פערזאַמלונג!

— באַלד וועסטו די באַדייטונג וויסען, דו פארפלוכטער ליגנער! — האָט די קעניגין אויסגערופען מיט צאָרן.

— און דו מיין שוועסטער, קענסטו דען אויף מיר גלויבען, אז איך זאָל האָבען באַגאַנגען אן אומרעכט!

— וועסטו פיליכט לייקענען, אז דו האָסט מיט רודאָלף'ן גערעדט?

— הם.. איך האָב מיט איהם גערעדט בלויז א פּאָר מאָל, אָבער וועגען זאַכען פון קלענער וויכטיגקייט!

— האָסטו מיר דען ניט נעכטען געבעטען איך זאָל טויטען אברהם'ן, דעם צוקונפטיגען איידעם פון יהודה הלוין — האָט רודאָלף איהם געזאָגט.

— דו ווילסט אויף מיר א בלבול מאַכען. איך וויים ניט פון וואָס צו זאָגען. איך האָב דיר שוין א לאַנגע צייט ניט געזעהן?

— האָסטו אויך גאַרניט געהאָט צו טהאָן מיט דעם פארזוך צו פאַנגען מיין טאָכטער? — האָט יהודה הלוי איהם געפרעגט.

— הם... איך? קיינמאָל ניט!

— יעצט זעה איך, אז דו זאָגסט ליגען! — האָט יהודה הלוי זיך אָפּגערופען.

— ווי וואַגסטו אזוי צו ריידען צו מיר, דו פארפלוכטער איד! — האָט ארטהור מיט אן אויפגערעגטער שטימע געזאָגט — איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען קיין ליגען ניט געזאָגט!

— דער יונגער מאַן וועלכער האָט צושלאָגען רודאָלף'ן און מיין טאָכטער געראַטעוועט, האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט זיך אונטערגעהערט א געשפּרעך וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דיר און רודאָלף'ן און דו האָסט איהם געגעבען דעם פּלאַן. און אזוי איז ער אין צייט געקומען זי צו רעטען.

— עס איז א ליגען! — האָט ארטהור א געשריי געטהאָן.

— דאָס איז אמת! — האָט רודאָלף צוגעגעבען. ער האָט מיר פאר־

שפּראָכען, אַז דורך דעם וואָס מען וועט פאנגען דיין טאָכטער, וועלען מיר סענען צווינגען יהודה הלוי'ן ער זאָל צושטימען אָפּצוגעבען אראַגאָניען צו די טעמפּעל ריטער... און ערשט נעכטען האָט ער מיר געגעבען דעם פּלאַן צו טויטען אברהם'ן. ער האָט נאָך צו מיר צוגעשיקט אַ יונג, וועלכער איז געוועזען מיין שליח צו יהודה הלוי'ס הויז.

— דער יונג געפינט זיך אויך אין געפענגניס, מען קען איהם ברייננגען אהער און מיר וועלען איהם פרעגען ווער עס האָט איהם געשיקט צו רודאָלף'ן.

ווען מען האָט דעם יונג געבראַכט אין פּאַלאַץ, האָט דער קעניג צו איהם זיך געווענדעט.

— זאָג מיר דעם אמת, ווער האָט דיך געשיקט צו רודאָלף'ן דו זאָלסט זיין שליח ווערען?

— מיין האַר, אַרטהור! — האָט דער יונג אָנגעצייגט מיט דעם פינגער אויף אַרטהור'ן, וועלכער איז געשטאַנען ווייס ווי קאַלך.

— נו, וועסט יעצט אויך לייקענען! — האָט דער קעניג אויסגערופען.

— הם... איך האָב ליעב געהאַט יהודה הלוי'ס טאָכטער, איך האָב געהערט, אַז זי איז פאַרקנסט צו אַ צווייטען, האָב איך איהם געוואָלט אָפּראַמען פון וועג...

— און דאָס וואָס דו האָסט געהאַט פּלענער ווי אַזוי אומצוברייננגען דעם קעניג און פאַרכאַפּען דעם טראָהן, דאָס קענסטו דאָך אויך ניט לייקענען.

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט ארומגעטראָגען מיט אַזעלכע פּלענער!

— האָט אַרטהור געזאָגט.

— ניט נאָר האָסטו זיך ארומגעטראָגען מיט אַזעלכע פּלענער, אָבער דו האָסט געוואָלט מאַכען רודאָלף'ן צו גלויבען, אַז איך וועל דיר אין דעם ארויסהעלפען. דו קענסט עס ניט פאַרלייקענען. רודאָלף האָט אונז איבערגעגעבען וואָרט און וואָרט וואָס דו האָסט איהם געזאָגט — האָט די קעניגין געזאָגט.

— אַלעס וואָס איך האָב געזאָגט איז אמת! איך שווער ביי דעם הייליגען קרייץ! — האָט רודאָלף אויפגעהויבען דעם קרייץ וואָס ער האָט געטראָגען.

— דו האָסט דאָך געשוואָרען ביי דעם הייליגען קרייץ, אַז דו וועסט קיינעם דעם סוד ניט אַנטדעקען! — האָט אַרטהור אויסגערופען און האָט באַלד איינגעזעהן, אַז ער איז דורכגעפאַלען.

— דאַן ביזטו זיך מודה, אַז דו האָסט איהם דערצעהלט! — האָט די קעניגין אויסגערופען.

הם.. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל דורכפיהרען מיין פּלאַן, האָב איך איהם געזוכט איינצורעדען, אַז איך וועל... ער, הם... אַז איך וועל טראָגען די קרוין.. אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט זי דורכצופיהרען...

— ער האָט פאַר דעם פאַרדינט דעם טויט! ער איז אַ פעררעטער!

— האָט די קעניגין מיט אויפרעגונג אויסגערופען.

— איך האָב מיט איהם אזוי פיעל גוטעס געטהאָן! — האָט דער קעניג מיט צאָרן געזאָגט — איך האָב איהם פאַר מיין מיניסטער געמאַכט, איך האָב איהם דערהויבען, און די גאַנצע צייט, האָט ער געפּלאַנעוועט מיר שלעכטעס צו טהאָן. ער האָט ווירקליך פאַרדינט דעם טויט!

ארטהור האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערען. ער איז געפאַלען אויף דער קני און זיך גענומען בעטען ביי זיין שוועסטער און ביי דעם קעניג, אַז זיי זאָלען איהם פאַרצייהען.

— איך וועל דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין!... — האָט די קעניגין אויף איהם אַ געשריי געטהאָן. איך וויל פון דיר מעהר ניט וויסען. דער קעניג וועט דיין שטראָף באַשטימען. און ווי גרויס די שטראָף זאָל ניט זיין, איז זי קליין פאַר דיר!

— איך וויל ניט פאַרגיסען קיין בלוט פון איינעם וועלכער איז צו דיר פאַרוואַנדט, מיין טייערע קעניגין — האָט דער קעניג געזאָגט — און דעריבער באַשטים איך זיין שטראָף, אַז ער זאָל פאַרשפּאַרט ווערען אין געפענגניס זיין גאַנצען לעבען! נעהמט איהם אוועק פון מיינע אויגען!

— האָט ער זיך געווענדט צו די לייב וועכטער. זאָל ער אריינגעזועצט ווערען אין דעם געפענגניס פון וואַנען ער וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט ארויסגעהן!

די לייב וועכטער האָבען אָנגענומען ארטהור'ן, זיי האָבען ארויפגעטהאָן קייטען אויף זיינע הענט און איהם אוועקגעפיהרט אין געפענגניס.

— און דו! — האָט זיך דער קעניג געווענדט צו רודאָלף'ן — דו האָסט אויך פאַרדינט אַ גרויסע שטראָף, אָבער וויil דו האָסט זיך אין אלעם מודה געווען, וועל איך דיר געבען איין טאָג צייט צו פאַרלאָזען שפּאַניען, דו און דיינע טעמפּעל־ריטער. און איך זאָג דיר אָן, אַז אויב דו וועסט ווען עס איז זיך צוריקקעהרען אין מיין לאַנד, וועסטו באַצאָהלען מיט דיין לעבען! איך וויל ניט וויסען פון דיר און ניט פון די אנדערע טעמפּעל ריטער. דעם פאַרלאַנג פון דעם טעמפּעל אָרדען וועל איך קיינמאָל ניט נאָכגעבען, און איך וויל מעהר ניט דולדען זיינע שלוחים.

רודאָלף און זיינע טעמפּעל ריטער האָבען פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ אין דער באַגלייטונג פון צוויי לייב וועכטער, וועלכע האָבען באַדאַרפט צו זעהן, אַז זיי זאָלען אין משך פון טאָג פאַרלאָזען שפּאַניען.

דער קעניג האָט באַדאַנקט יהודה הלוי'ן, וואָס ער האָט אין צייט ענטדעקט די פאַרשווערונג און געראַטעוועט זיין קרוין.

— יעצט דערצעהל אונז וועגען דיין טאָכטער און דיין צוקונפטיגען איידעם! — האָט זיך די קעניגין אָפּגערופען צו יהודה הלוי'ן — איך האָב דיין טאָכטער צוויי מאָל געזעהן. זי איז אויסערגעוועהנליך שעהן, קלוג און איידעל, און איך בין זיכער, אַז איהר חתן איז איינער פון די וויכטיגסטע פערזאָנען.

— זיין נאָמען איז אברהם אבן עזרא, ער איז באַוואוסט ביי אלע געלערענטע אלס דער דיכטער פון טאָלעדאָ!

— יהודה הלוי האָט דערצעהלט פאַר דעם קעניג און קעניגין אלעס וואָס עס האָט פּאַסירט, ווי אזוי ער האָט געראַטעוועט זיין טאָכטער און ער

האָט זיך ניט ארויסגעגעבן ביז מיט איניגע טעג צוריק. ווי אַזוי ער איז געקומען צו איהם פאַרשטעלט אַלס בעטלער, און אויך וועגען זיין נדר, וועגען דעם פערז וואָס ער האָט צוגעשטעלט צו זיין ליעד.

ער האָט זיי אויך דערצעהלט וועגען די טרויעריגע אידישע לאַגע פון די אידען פון ירושלים, אויף וועמען דער דאָרטיגער בישאָף האָט ארויס־געגעבען אַ שלעכטע גזרה.

— דער רב פון ירושלים איז אַוועק נאָך רוים משתדל צו זיין ביי דעם פּאַפּסט ער זאָל פאַרמיידען דעם אומגליק. און דער רב זייענדיג שוין אין רוים האָט געשיקט נאָך אברהם אבן עזרא ער זאָל אויך אַהין קומען און זאָל איהם העלפען פועל'ן ביים פּאַפּסט ער זאָל מבטל מאַכען די גזרה. בלויז מיט איין טאָג פריהער, איידער דער יונג וועמען ארטהור און רודאָלף האָ־בען געשיקט, האָט אברהם אָפּגערייזט נאָך רוים, און אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך צוריקקעהרען, וועל איך פייערען מיין טאָכטער'ס חתונה מיט איהם.

— ווען ער וועט צוריקקוקען קיין טאָלעדא, זאָלסטו איהם בריינגען צו מיר אין פּאַלאַץ. איך וויל זעהן, אויב ער איז ווירקליך אַזוי געלערענט און קלוג, וועל איך איהם באַשטימען צו פאַרנעמען ארטהור'ס פּלאַץ.

— און איך וועל מאַכען אַ מאָלצייט לכבוד דיין טאָכטער'ס חתונה מיט איהם — האָט די קעניגין געזאָגט מיט אַ שמייכעל אויף איהרע ליפּען.

יהודה הלוי האָט באַדאַנקט דעם קעניג און דער קעניגין פאַר זייער גנעדיגקייט וואָס זיי צייגען איהם ארויס, ער האָט זיך אַ נייג געטהאָן פאַר זיי און ער האָט פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ.

זיין פרוי און טאָכטער זיינען איהם אַנטקעגען געגאַנגען און ער האָט זיי מיט גרויס פרייד דערצעהלט אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט.

— ארטהור וועט שוין יעצט בלייבען אין אַ פּלאַץ פון וואַנען ער וועט שוין דיר און דיין חתן מעהר קיין שלעכטעס ניט קענען טהאָן — האָט יהודה הלוי געקושט זיין טאָכטער — רודאָלף און די טעמפּעל ריטער זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד. אָבער איך האָב פאַר דיר נאָך אַ גרע־סערע, פרעהליכען איבעראַשונג! אַזוי שנעל ווי אברהם אבן עזרא וועט זיך צוריקקעהרען, דאַרף איך איהם, לויט דעם פאַרלאַנג פון קעניג, בריינגען אין פּאַלאַץ, און דער קעניג וועט זיך מיט איהם דורכריידען און דאַן איהם באַשטימען פאַר זיין מיניסטער אויף ארטהור'ס פּלאַץ.

הדסה'ס אויגען האָבען געשטראַהלט פון גליק. זי איז ארויפגעפאַלען אויף איהר פאָטער'ס האַלז און באַדעקט מיט קושען.

— אה, געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט פאַר זיין חסד וואָס ער האָט מיט אונז געטהאָן! — האָט הדסה'ס מוטער אויסגערופען מיט פרייד.

— ווען ער זאָל שוין קומען! האָט הדסה געזאָגט — איך בין אַזוי באַזאָרגט — דער וועג איז אַ געפעהרליכער.

— זאָרג ניט, מיין טאָכטער, אם ירצה השם, ער וועט זיך אומקעהרען בשלום און אונז אויך בריינגען אַ פרהעליכע בשורה, אַז די אידען אין ירושלים זיינען גערעטעט. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער מאַכט אַזעלכע ווייטע רייזעס. דו ווייסט דאָך, וואָס אונזערע הייליגע חכמים האָ־

בען געזאָגט: „שלוחי מצוה אינן ניזוקין“ (די וועלכע זיינען שלוחים צו טהאָן א מצוה ווערען ניט געשעדיגט). אין גיכען וועלען מיר פייערען אייער חתונה.

— מיט מזל, מיט גליק און מיט הצלחה! — האָט די מוטער צוגע־געבען.

צוואנציגסטער קאפיטעל

דער רב, רבי שמעון האָט זיך זעהר שטארק דערפרעהט ווען ער האָט דערזעהן אברהם אבן עזרא'ן. ער איז געווען שטארק באזאָרגט טאָמער וועט איהם זיין שליח ניט טרעפען אין טאָלעדאָ און ער וועט זיך דאָרטען דארפען פארזאָמען, און דאָ איז די צייט שוין קורץ.

— איך האָף צו גאָט, אז ער וועט אונזער וועג באגליקען! — האָט רבי שמעון זיך אָפּגערופען צו אברהם אבן עזרא'ן — ווי מען האָט מיר איבער־געגעבען איז דער נייער יונגער פאפסט וויקטאָר דער דריטער זעהר גוט־הערציג און פריינדליך.

— האָסטו פיליכט געהערט וועגען זיין שטעלונג צו די קרייצציגע — האָט אברהם איהם געפרעגט — איך וויים אז דער פריהערדיגער פאפסט גרעגאָרי דער זיבעטער האָט געזוכט מיט אלעס וואָס איז מעגליך, צו ער־מוטיגען רויבער באנדעס וואָס רופען זיך „קרייצטרעגער“.

— איך האָב קיין סך ניט געהערט פון איהם, ווייל איך פארשטעהע ניט קיין לאטיין און איך קען זיך מיט קיינעם ניט צונויפריידען.

— אָ, ווען איך זאָל דאָ טרעפען מיין גוטען פריינד יאָהאַנ'ען — האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט — פאר איהם וואָלטען אלע טירען געווען אָפען. ער האָט שטודירט צו זיין א קריסטליכער גייסטליכער און ער מוז געוויס האָבען פיעלע באקאנטע צווישען די בישאָפען און די קארדינאַלען.

— האָט מען דיר דען געזאָגט, אז ער געפינט זיך אין רוים? — האָט דער רב איהם געפרעגט.

— דער פירשט פון וואלענסיע, יאָהאַנ'ס ערציהער, איך מיין זיין פאָ־טער, האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט זיך ארויסגעלאָזען וואנדערען איבער דער וועלט. אָבער עס איז גאנץ מעגליך, אז ער זאָל זיך אָפּשטעלען אין רוים פאר א לענגערע צייט. בפרט ווען עס איז פאָרגעקומען אזעלכע וויכ־טיגע געשעהענישען אין רוים.

— מיר וועלען זיך דארפען ארויסלאָזען איבער דער שטאָדט און זעהן צו קריגען אימיצען, וועלכער זאָל פאר אונז מעגליך מאכען דעם צוטריט צום פאפסט — האָט רבי שמעון זיך אָפּגערופען — אזוי ווי דו רעדסט זייער שפראך פליסיג, גלויב איך, אז דו זאָלסט זיך פריהער אליין זעהן מיט איינעם פון די גייסטליכע, וועלכע שטעהען נאָהענט צו דעם פאפסט.

— איך וועל נאך היינט זיך נאָכפרעגען צו ווּעמען איך קען זיך ווענ־דען, האָט אברהם אבן עזרא געזאָגט.

ער האָט זיך אוועקגעלאָזען איבער די גאַסען פון רוים, ביז וואנען ער איז אָנגעקומען צו דער גאס וואו די גייסטליכע געפינען זיך. ער האָט גע־שלאָסען באקאנטשאפט מיט א רוימער און ביי איהם דערגאנגען, וועלכער פון די קארדינאלען איז מעהר פריינדליך.

— דער עלטסטער פון די קאַרדינאַלען איז זעהר אַ גוטהערציגער מאַן!
— האָט יענער איהם געזאָגט — ער איז ביי אַלעמען באַליעבט פאַר זיין גאַסטפריינדליכקייט און געלערנטקייט.
— קענסטו מיר אָנצייגען זיין וואוינונג, און זאָגען צו וועלכער צייט איך קען איהם טרעפען אין הויז?
— זיין הויז איז ניט ווייט פון דאַנען. אויב דו ווילסט קענסטו פרו־בירען יעצט צו איהם אַריינקומען, מעגליך, אַז ער געפינט זיך יעצט אין זיין הויז.
ניט איבעריגנס שווער איז אברהם אבן עזרא אָנגעקומען זיך צו זעהן מיט דעם קאַרדינאַל. ער האָט איהם געזאָלט וויסען דורך דעם דינער, אַז ער קומט פון שפּאַניען און האָט וויכטיגעס צו ריידען מיט איהם.
דער קאַרדינאַל האָט איהם געהייסען אַריינקומען. ער האָט איהם פיין אויפגענומען.
— איך בין נאָר וואָס אָנגעקומען אין רוים און איך האָב אַ וויכטיגע שליחות צו דעם פאַפּסט — האָט אברהם אבן עזרא זיך אָפּגערופען.
— און ווער ביזטו? — האָט איהם דער קאַרדינאַל געפרעגט.
— מיין נאָמען איז אברהם אבן עזרא. איך געפין זיך דאָ מיט דעם רב פון ירושלים. מיר האָבען ביידע איבערצוגעבען דעם פאַפּסט אַ ביטע און איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט מעגליך מאַכען פאַר אונז זיך צו זעהן מיט דעם פאַפּסט.
— דו קומסט פון שפּאַניען און רעדסט אַזוי פליסיג אונזער שפּראַך!
— האָט זיך דער קאַרדינאַל געוואונדערט.
ער האָט זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט און באַלד אויסגעפונען, אַז ער איז זעהר קלוג און געלערנט.
— איך בין זיכער, אַז דער פאַפּסט וועט זיין צופרידען דיר אויפצו־נעמען און פאַרברייגען מיט דיר. דער נייער יונגער פאַפּסט איז אויך זעהר געלערנט און ער האָט ליעב צו פאַרברייגען מיט מענשען פון אַ צווייטער רעליגע, אין ויכוחים.
— איך האָב געהאַט אַ קריסטליכען יונגען פריינד, ער איז געווען דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַלענסיע, ער איז אויך זעהר געלערנט און איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל זיך מיט איהם טרעפען אין רוים.
— און ווי איז זיין נאָמען? — האָט דער קאַרדינאַל איהם געפרעגט.
— זיין נאָמען איז יאָהאַן.
— יאָהאַן!! — האָט דער קאַרדינאַל אויסגערופען מיט ערשטוינונג.
— יע, יאָהאַן פון וואַלענסיע! — קענסטו איהם אויך?
— יאָהאַן איז דאָך דער יעצטיגער פאַפּסט, וויקטאָר דער דריטער! — ער איז געווען קאַרדינאַל פאַר אַ קורצע צייט און נאָכהער איז ער אויסדער־וועהלט געוואָרען פון אַלע קאַרדינאַלען אַלס פאַפּסט!
אברהם אבן עזרא איז געבליבען שטעהן אַ פאַרגאַפּטער.
איז עס מעגליך אַז מיין פריינד יאָהאַן איז דער יעצטיגער פאַפּסט?!
— האָט ער מיט גרויס ערשטוינונג אויסגערופען.
יע, אויב דיין פריינד איז דער זוהן פון דעם פירשט פון וואַלענסיע

איז ער דערזעלבער. ער איז געוואָרען פּאַפּסט אויף דעם פּלאַץ פון גרעגאָרי דעם זיבעטען, וועמען דער קעניג הענרי דער פערטער האָט אַרונטערגעזעצט פאַר זיין גרויזאַמקייט.

— אָ, געלויבט איז גאָט! — האָט אברהם אבן עזרא אויסגערופען — ער האָט מיך געפיהרט אין דעם ריכטיגען וועג. איך מוז זיך נאָך היינט זעהן מיט איהם.

— עס איז זעהר שווער צוצוקומען צו איהם! — האָט דער קאַרדינאַל געזאָגט — נאָר אויב דו ווילסט וועל איך אָנשרייבען אַ פּאָר ווערטער צו די אויסערע וועכטער פון וואַטיקאַן און אַרויפלייגען מיין חתימה, וועסטו ניט דאַרפען לאַנג וואַרטען און מען וועט דיר גלייך אַריינלאָזען אינווענדיג. מיט די אינערע וועכטער וועסטו קיין שוועריגקייטען ניט האָבען. דו וועסט זיי בלויז זאָגען דיין נאָמען און וואָס דו פאַרלאַנגסט און זיי וועלען מעלדען צום פּאַפּסט, און אויב ער וועט דיך וועלען אויפנעהמען וועסטו גלייך אַריינגעשיקט ווערען צו איהם.

דער קאַרדינאַל האָט איהם געגעבען דעם צעטעל מיט זיין חתימה. אברהם אבן עזרא האָט איהם באַדאַנקט און איז דערמיט גלייך אוועקגעגאַנגען צום וואַטיקאַן.

ער האָט באַוויזען דעם קאַרדינאַל׳ס חתימה און מען האָט איהם אַריינגעלאָזען אינווענדיג. דאָרטען האָט ער געבעטען מעלדען דעם פּאַפּסט אַז אברהם אבן עזרא פון טאָלעדאָ וואַרט אויף אַן ערלויבניש אַריינצוקומען.

דער פּאַפּסט האָט גלייך געהייסען איהם אַריינשיקען. ער האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

— קום אַריין מיט מיר אין צווייטען צימער — האָט דער פּאַפּסט זיך אָפּגערופען צו איהם — איך האָב מיט דיר זעהר פיעל צו ריידען און דאָרטען וועט אונז קיינער ניט שטערען.

זיי זיינען אַריין אין יענעם צימער און האָבען זיך געזעצט ביי אַ טישעל.

— איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס איך האָב פון דיר די גאַנצע צייט ניט געהערט — האָט דער פּאַפּסט געזאָגט — איך בין געווען זעהר נייגעריג דיך צו זעהן, ווייל איך ווייס אַז מאַרגאַרעטאַ האָט דיר ענדעקט די גאַנצע געהיימנים וואָס הילט אַרום מיין קינדהייט.

— איך בין געווען אין וואַלענסיע און זיך געזעהן מיט דיין פאָטער אָבער ער האָט מיר געזאָגט אַז דו האָסט אוועקגעוואַנדערט איבער דער וועלט פאַר צוויי יאָהר צייט. און ערשט זייענדיג אין רוים האָב איך אויסגעפונען אַז דו ביזט דער פּאַפּסט.

— און ווי אַזוי קומסטו יעצט אין רוים?

— דער רב פון ירושלים געפינט זיך יעצט דאָ, ער האָט נאָך מיר געשיקט, כדי איך זאָל מיט איהם געהן צום פּאַפּסט זיך משתדל צו זיין פאַר די אידען פון ירושלים אויף וועמען דער דאָרטיגער בישאָף האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה זיי אַרויסצוטרייבען. און אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעפונען אַז דו ביזט עס דער פּאַפּסט, האָב איך באַשלאָסען פריהער אַליין צוגעהן צו דיר, ווייל איך האָב דיר זעהר אַ וויכטיגע זאַך צו ענדעקען.

— איך וויל אַז דו זאָלסט מיר אַלעס דערצעהלען, איך האָב פון מאַר־

גערעטהאַ'ן גאָר ניט געקענט אַרויסקריגען, כאָטש איך האָב די גאַנצע צייט געוואוסט אַז זי באַהאַלט פון מיר דעם סוד. זי האָט מורא געהאַט פאַר מיין „פאָטער" און פאַר איהר טויט האָט מיין פאָטער געזעהן אַז זי זאָל גאָר־ניט ריידען.

אברהם אבן עזרא האָט דערצעהלט דעם פאַפּסט אַלעם וואָס מאַרגאַרעטהאַ האָט איהם ענטדעקט. ער האָט איהם דערצעהלט אַזוי ווי מאַרגאַרעטהאַ איז געווען אַ דינסט ביי דעם רב רבי שמעון פון מאַינץ, וועלכער האָט געהאַט אַ קליינעם גראַטענעם זוהן פון אַ יאָהר פינף. און דער גלח פון יענער שטאָדט האָט צוגערעדט מאַרגערעטהאַ'ן אַוועקצוגנב'ענען דעם רב'ס זוהן, וועלכער האָט געהייסען אלחנן. די דינסט האָט זיך געלאָזט איבעררעדען און זי האָט געבראַכט אלחנן'ען צום גלח אין קלויסטער. דער גלח האָט איבערגעגעבען דעם שעהנעם גראַטענעם קינד צו דעם פירשט פון וואַלענסיע.

אָה, מיינע אומגליקליכע עלטערען, וויפיעל זיי האָבען זיך אָנגעליטען! — האָבען זיך טרעהרען באַוויזען אין דעם פאַפּסט אויגען, גאָט וויים אויב זיי לעבען נאָך.

— דיין פאָטער און מוטער לעבען נאָך! —האָט אברהם אבן עזרא אויסגערופען — איך בין געווען אין זייער הויז מיט אַ יאָהר צוריק.

מיינע עלטערען לעבען נאָך! — האָט דער פאַפּסט מיט פרייד אויסגערופען — זאָג מיר וואו געפינען זיי זיך, איך וועל נאָך זיי שיקען.

— דיין פאָטער געפינט זיך יעצט אין רוים, ער איז דאָס אהער געקומען זיך משתדל זיין פאַר דיר דו זאָלסט מבטל מאַכען דעם בישאָף'ס גזרה. דער פאַפּסט האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאַץ.

— מיין פאָטער געפינט זיך דאָ! — האָט ער אויסגערופען און איהם אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

יע, ער געפינט זיך אין ירושלים! ער ווייסט גאָרניט פון דעם, איך האָב איהם קיינמאָל ניט דערצעהלט אַז איך וויים ווער זיין פאַרלאָרענער זוהן איז, איך האָב געוואַרט אויף אַ גוטער געלעגענהייט. און יעצט האָט גאָט אונז אַלעמען אויף אַזאַ וואונדערבאַרען אופן צוזאַמענגעבראַכט.

— אָה, געה ברענג מיין פאָטער וואָס שנעלער צו מיר! — האָט דער פאַפּסט אויסגערופען — אָה, ווי דאַנקבאַר איך בין צו גאָט פאַר דעם! איך וועל נאָך זעהן מיינע ליעבע עלטערען!

— איך וועל איהם דערווייל גאָר ניט זאָגען וועגען דעם, אַז דער פאַפּסט איז זיין זוהן. איך וועל איהם פריהער דערפרעהען מיט די נייעס, אַז דער פאַפּסט איז מיין לאַנג געזוכטער פריינד יאָהאַן, דאָס אַליין וועט איהם שטאַרק דערפרעהען, ווייל ער וועט שוין זיכער זיין, אַז מיר וועלען פועל'ן דו זאָלסט מבטל מאַכען די גרויזאַמע גזרה, און ווען ער וועט שוין זיין דאָ וועלען מיר איהם ביסלעכוויז אַלעם דערצעהלען.

— יעצט פאַנג איך זיך אָן צו ערינערען — האָט דער פאַפּסט געזאָגט — ווי דורך אַ נעפּעל קומט מיר אַלעס פאַר, איך געדענק אַז דעם לעצטען טאָג ווען מען האָט מיך פון מיינע עלטערען אַוועקגע'גנב'ט האָט מיין פאָטער מיט מיר געשפּילט שאך... איך דערמאָהן זיך יעצט אַז מיין פאָטער איז גע־

ווען אַזוי איבערראַשט פון אַ געוויסען צוג וואָס איך האָב געמאַכט, אַז ער האָט אַריינגערופען מיין מוטער און איהר וועגען דעם דערצעהלט. איך געדענק אַז ער האָט איהר געזאָגט אַז איך האָב אַ גאונישע קאָפּ, און אַז איך וועל אויסוואַקסען אַ גאון אין ישראל. מערקווירדיג, איך געדענק נאָך אַפילו דעם צוג וואָס איך האָב דאַן געמאַכט און דורך דעם באַזיגט מיין פאָטער. ער האָט עס דאַן אָנגערופען דער „צוג פון דער קעניגין פון שבא".

— עס וואָלט געווען זעהר גוט אַז איידער דו דערצעהלסט אָיהם וועגען זיך, זאָלסטו איהם איינלאַדען צו שפּילען שאַך מיט דיר — האָט אברהם אבן עזרא איהם געראַטען. און דאַן וועסטו איהם ביסלעכוויז צוגרייטען.

— געה און ברענג איהם שוין שנעל צו מיר! — האָט דער פּאַפּסט מיט גרויס אומגעדולד געזאָגט.

אברהם אבן עזרא איז גלייך אַוועק צו רבי שמעון'ען — זיין פּנים האָט געלויכטען פון פרייד.

— איך דערקען פון דיין פּנים אַז דו ברענגסט אַ פרעהליכען בשורה — האָט דער גרייז גרויער רב זיך אָפּגערופען.

— געלויבט איז גאָט! — האָט אברהם אויסגערופען — די אידען פון ירושלים זיינען געראַטעט!

— דו האָסט שוין ביי איהם געפּועל'ט אָהן מיר?

— ניין, איך האָב אויסגעפונען אַז דער יונגער פּאַפּסט איז מיין אַמאָליגער פריינד יאָהאַן! איך בין ביי איהם געווען און ער האָט מיר געבעטען אַז מיר זאָלען ביידע צוזאַמען צו איהם קומען. קום, לאָמיר קיין צייט ניט פאַרלירען. דורך איהם וועט אַ ישועה קומען אויף דער אידישער קהלה פון ירושלים און אויך אויף די אַנדערע אידען וועלכע געפינען זיך אין אַ שלעכטער לאַגע אין אַנדערע קריסטליכע לענדער.

רבי שמעון האָט גלייך אָנגעטהאָן זיינע שבת'דיגע בגדים און איז מיט איהם אַוועקגעגאַנגען צום וואַטיקאַן.

ווי ס'וויזט אויס, האָט דער פּאַפּסט אָנגעזאָגט די וועכטער אַז מען זאָל זיי גלייך אַריינלאָזען, ווייל ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען, האָט מען ברייט פאַר זיי די טויערען פאַנאַנדערגעעפענט. זיי זיינען גלייך אַריינגעוויזען געוואָרען אין דעם צימער, וואו דער פּאַפּסט איז געווען.

דער פּאַטריאַכאַלישער רבי שמעון איז צוגעקומען און דער פּאַפּסט האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. זיין פּנים איז געווען בלאַס, טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין זיינע אויגען. דאָס איז זיין פאָטער, זיין אָרימער פאָטער וועלכער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעליטען...

דער רב איז געווען עטוואָס צוטומעלט און צושראָקען. די פרעכטיגקייט און שעהנקייט פון פּאַלאַץ האָט אויף איהם אַ פחד אָנגעוואָרפען.

דער פּאַפּסט האָט איהם דערלאַנגט די האַנט און דעם רב'ס האַנט האָט געציטערט ווען ער האָט זי אָנגעריהרט.

קומט אַריין אין מיין צימער! — האָט זיך דער פּאַפּסט צו זיי געווענדעט.

זיי האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. דער פּאַפּסט האָט צוגעמאַכט די טיהר און זיי ביידען זיך געהייסען זעצען.

— ווי איך פארשטעה וויל דער בישאף פון ירושלים טהאן שלעכטעס צו די דארטיגע אידען — האט זיך דער פאפסט אפגערופען צו דעם רב. דו קענסט רוהיג זיין אז קיין שלעכטעס וועט זיי ניט געטהאן ווערען. איך האב נאר וואס באשטימט א צווייטען בישאף אויף זיין פלאץ, און יענעם האב איך צוריקגערופען אהער קיין רוים. ער וועט פארנעהמען אן אמט אין דער היגער קירכע און דער נייער בישאף וועט זיין פריינדליך צו די אידען פון ירושלים.

— זאל אונזער פאטער אין הימעל שיקען זיין ברכה צו דיר פאר דיין גנאדע וואס דו צייגסט ארויס צו דעם ארימען פארוואגעלטען פאלק ישראל

— יעצט דערצעהל מיר פון דיין לעבען! — האט דער פאפסט זיך געווענדעט צו רבי שמעון'ען.

— די טעג פון מיין לעבען זיינען ניט געווען באצירט מיט בלומען — האט דער רבי מיט א טריעריגער שטימע געזאגט — זיי זיינען פול מיט פיין און ליידען. צו וואס זאל איך נאך דיר באלעסטיגען מיט מיינע טרויעריגע ערפאהרונגען.

— קענסט פיליכט שפילען שאך? — האט דער פאפסט איהם פלוצלונג א פרעג געטהאן — איך בענק זעהר נאך דעם שפיל פון שאך.

— איך האב זעהר גוט געקענט שפיעלען, אבער עס איז שוין מעהר ווי צוואנציג יאהר ווי איך האב ניט געשפיעלט, איך האב געווים פארגעסען.

— וועסט זך יעצט דערמאנען! — האט דער פאפסט געזאגט און ארויסגענומען דעם שאך און די פיגורען צושטעלט אויף דעם שאך-ברעטעל. און דו, מיין פריינד, וועסט דאך אונז געווים אנטשולדיגען. דו וועסט קענען צוווארטען אין א צווייטען צימער ביז וואנען מיר וועלען ענדיגען.

אברהם אבן עזרא האט פארשטאנען אז ער וויל בלייבען אליין מיט זיין פאטער ווען ער וועט זיך צו איהם לאזען דערקענען. ער איז גלייך ארויס פון צימער און זיי איבערגעלאזען אליין.

דער פאפסט און דער רב האבען אנגעפאנגען דעם שפיעל. דער פאפסט האט געמאכט א „צוג“ און נאבהער ארויסגערופען:

„איך וועל מקריב זיין די קעניגין פון שבא!“

דער רב האט א הויב געטהאן זיין קאפ און אויסגעסטראטשעט זיינע אויגען אויף דעם פאפסט.

— וואס איז? פארוואס וואונדערסטו זי וועגען מיין יעצטיגען צוג? האט איהם דער פאפסט געפרעגט.

רבי שמעון'ס אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען.

— דיין יעצטיגער צוג האט מיר דערמאהנט אין דער טרויעריגסטער פאסירונג פון מיין לעבען — האט דער רב געווישט זיינע אויגען — דאס איז געווען יענער טאג ווען מען האט פון מיר מיין קינד אוועקגע'גנב'עט. מיין קינד איז דאן אלט געווען א יאהר פינף. און ער האט זיך שוין גוט אויסגעצייכענט אין שפיעלען שאך, יענעם טאג האב איך מיט איהם שאך געשפעלט. און ער האט געמאכט פונקט אזא צוג ווי דו האסט נאר וואס געמאכט — ער האט אויך אויסגערעדט די זעלבע ווערטער.

דער פאפסט האט זיך א הויב געטהאן פון זיין פלאץ.

— פאָטער!! — האָט ער אויסגערופען — איך בין דיין זוהן אלחנן!!
רבי שמעון׳ס הארץ האָט שטארק גענומען קלאַפען... ער איז געבליבען זיצען צוטומעלט. ער האָט בעת מעשה ניט באַגריפען די באדייטונג פון זיינע ווערטער.

— פאָטער, מיין ליעבער פאָטער! — האָט דער פאפסט איהם גע־נומען קושען און האַלזען. איך בין דיין פארלאָרענער זוהן אלחנן.

ערשט דאַן האָט רבי שמעון גענומען באַגרייפען וואָס דאָ קומט פאָר.
ער האָט זיך אויפגעהויבען פון פלאַץ, און אויסגערופען מיט פרייד.
— דו ביזט מיין זוהן אלחנן! אָה גאָט, ווי גרויס זיינען דיינע וואונ־דער.

דער פאפסט האָט פון זיין הארצען שנעל ארונטערגענומען דעם גרוי־סען גאָלדענעם צלם, און ערשט דאַן האָט איהם זיין פאָטער ארומגענומען און געקושט.

— מיין זוהן, מיין טייערער זוהן אלחנן! — האָבען זיינע ליפען ניט אויפגעהערט צו שעפּצען.

— זאָג מיר פאָטער, וואָס מאַכט מיין מוטער?

— פרידען איז צו איהר, ערשט יעצט וועט זי זיך פיהלען די גליק־ליכסטע מאַמע אין דער וועלט.

דער פאפסט האָט איהם אלעס דערצעהלט. ער האָט איהם דערצעהלט ווי ער איז ערצויגען געוואָרען ביי דעם פרומען קריסט, דעם פריסט פון וואַ־לענסיע ווי אַן אייגען קינד. ער האָט אים אויך דערצעהלט ווי אזוי ער האָט זיך צופעליג געטראָפען מיט אברהם אבן עזרא׳ן, ווי אזוי ער איז פר־העד געוואָרען קארדינאַל און נאָכהער פאפסט. איך האָב זעהר פיעל צו פאַרדאַנקען אברהם אבן עזרא׳ן, דעם דיכטער פון טאָלעדאָ, וואָס א דאַנק איהם האָב איך צוריקגעקראָגען מיינע עלטערען.

ער האָט ארייגערופען אברהם אבן עזרא׳ן און זייער פרייד איז געווען גרויס.

— דו ווייסט פאָטער, איך וועל לאַנג ניט פארבלייבען קיין פאפסט. מיין הארץ ציהט מיר צוריק צו מיינע נאָהענטע צו מיין גאָט און צו מיין פאָלק. איך וועל בלייבען פאפסט אזוי לאַנג ווי איך וועל האָבען דורכגע־פיהרט מיינע פלענער צו רעטען די אידען פון ירושלים און אַנדערע פלעצער. דערווייל וועל איך צוריקרופען די בישאָפען וועלכע זיינען שונאי ישראל, און איך וועל אויף זייערע פלעצער באַשטימען נאָבעלע מענשען וועלכע וועלען טהאָן גערעכטיגקייט צו מיינע ברידער און ווען איך וועל עס האָבען דערגרייכט וועל איך דאַן פלוצלונג פארשווינדען פון וואַטיקאַן. איך וועל זיך פאַרלאָזען אַ באָרד, איך וועל אָנטהאָן איינפאַכע קליידער און איך וועל זיך צוריקקעהרען צו דיר אין ירושלים קיינער וועט ניט וויסען ווער איך בין. יעצט וועל איך דיר געבען אַ גרויסע סומע געלט, דו זאָלסט קע־נען ארויסהעלפען אונזערע נויטבאַדערפטיגע ברידער. און דו קעהר זיך אום נאָך ירושלים און זאָג אָן מיין מוטער און מיין שוועסטער וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן, אז אין גיכען וועל איך קומען און דאַן וועט אונזער שמחה פארפולט ווערען.

רבי שמעון האָט געקושט זיין זוהן און זיך מיט איהם געזעגענט.

— איך האָף אז איך וועל זיך אויך מיט דיר זעהן אין אונזער הייליגער שטאָדט ירושלים! — האָט זיך דער פאפסט אָפּגערופען צו אברהם אבן עזרא.

— אויב עס וועט זיין גאָט'ס ווילען וועל איך און מיין צוקונפטיגע פרוי, הדסה, די טאָכטער פון רבי יהודה הלוי קומען אין ירושלים — האָט אברהם אבן עזרא זיך אָפּגערופען — יעצט קען איך פאָהרען צוריק נאָך טאָלעדאָ מיט א רוהיגען געמיט. געלויבט איז גאָט, מיין קומען איז ניט געוועזען אומזיסט.

דער רב און זיינע צוויי באַגלייטער זיינען צוריק אָפּגעפאָהרען נאָך ירושלים.

גרויס איז געוועזען די פרייד ביי דער ירושלים'ער קהילה, ווען זיי האָבען געהערט די גוטע פרעהליכע נייעס אז דער שלעכטער בישאָף ווערט צוריקגערופען און זיין פּלאַץ וועט פאַרנומען ווערען ביי א גוטען בישאָף וועלכער וועט זיי מעהר קיין שלעכטעס ניט טהאָן.

אונגעהויער גרויס איז געווען די שמחה אין דעם רב'ס הויז. זיין פרוי און טאָכטער זיינען געוועזען איבערגליקליך אויסצוגעפינען אז אלחנן לעבט, אז ער איז דער פאפסט, און אז אין גיכען וועט ער קומען צו זיי, און מיט זיי אויף שטענדיג פאַרבלייבען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אברהם אבן עזרא האָט זי אומגעקעהרט קיין טאָלעדאָ און איז מיט גרויס פרייד אויפגענומען געוואָרען פון זיין כלה הדסה, און פון איהרע עלטערען, רבי יהודה הלוי און זיין פרוי. ער האָט איהר דערצעהלט אלעס וואָס עס האָט פּאסירט, און יהודה הלוי האָט איהם דערצעהלט אלעס וואָס עס האָט פּאסירט אין טאָלעדאָ זינט ער איז אוועק נאָך רוים.

דעם זעלבען טאָג האָט יהודה הלוי איהם געבראַכט צו דעם קעניג און נאָך א לענגערען געשפּרעך האָט איהם דער קעניג אלפאָנזאָ דער אכטער פון שפּאניען באַשטימט פאַר זיין מיניסטער אָנשטאָט ארטהור'ן.

גאַנץ טאָלעדאָ האָט געפייערט די חתונה פון אברהם אבן עזרא מיט דער טאָכטער פון רבי יהודה הלוי.

דער קעניג און קעניגין האָבען זיך אויך באַטייליגט אין אלעמענס שמחה.

די קעניגין האָט אויפגעהויבען א בעכער וויין און זיך אָפּגערופען צו יהודה הלוי'ן:

— געבענשט זאָל זיין דיין טאָכטער מיט איהר חתן אברהם אבן עזרא, דער דיכטער פון טאָלעדאָ!